STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01188

IN VARSHE UN IN LODZSH

A. Mukdoni

•

Permanent preservation of this book was made possible
by Marian P. Gelfand
in memory of
her beloved parents, Esther & Abraham Lipsman

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ד"ר א. מוקדוני

אין ווארשע און אין לאָדזש

ביכער-סעריע

דאָס פּוילישע ייִדנטום

110

רעדאַקטאָר:
מאַרק טורקאָוו
פאַרלאַגס-לייטער:
אברהם מיטלבערג

די רשימה פון די דערשינענע בענד — צום סוף פונעם בוך

ד״ר א. מוקדוני

אין וואַרשע און אין לאָדזש

(מײַנע באגעגענישן)

באַנד איינס

*

אַרויסגעגעבן דורכן
צענטראַל־פאַרבאַנד פון פוילישע יידן אין אַרגענטינע
בוענאָס־איירעס, 1955 — תשט״ו

אינהאַלט פון ערשטן באַנד:

די ערשטע טריט אין וואַרשע

ה. ד. נאָמבערג — 11
מרדכי ספעקטאָר — 24
ביים געבורט פון דער געלער יידישער פרעסע — 37
„די נייע וועלט" און י. ד. בערקאָוויטש — 59
דער זיידע מענדעלע אין וואַרשע — 59
„דער פריינד" — 71
די מיטאַרבעטער פון „פריינד" — ר' מרדכילע (מ. טשעמערינסקי) 82
ד"ר איזידאָר עליאַשעוו (בעל־מחשבות) — 93
א. וויטער — 104
ש. ראָזענפעלד — 116
י. ל. פרץ — 128
שלום אַש — 182
שלום אַש און גראַף טאָלסטאָי — 195
אברהם רייזען — די מאַמע פון דער יידישער ליטעראַטור — 207
לאַמעד שאַפּיראָ — 219
צבי, נח פרילוצקי און ש. ל. קאָווא — 231
דוד פרישמאַן — 243
א. מ. ווייסענבערג — 257
יונה ראָזענפעלד — 271
הומאָר אין דער יידישער פרעסע. — יוסף טונקעל — 287

געהייליקט דעם אָנדענק
פון די יידישע שרייבערס,
וועלכע זענען אומגעבראַכט
פון די דייטשישע רוצחים.

ע ש ר א וו

די ערשטע טריט אין ווארשע

1

ה. ד. נאָמבערג

איך בין געפאָרן קיין וואַרשע זוכן אַ ליטעראַרישן מעמד.

אַ יונגער דאָקטאָר, האָב איך ממש געפילט, אַז די ייִדישע וועלט נייטיקט זיך אין מיר, און אַלע טירן און טויערן פון דער ליטעראַטור וועלן זיך עפענען פאַר מיר.

איך האָב קיין פריינט, קיין קרובים און באַקאַנטע אין וואַרשע נישט געהאַט, אויסער מיין פרויס קרובים.

דער איינציקער באַקאַנטער מיינער פון דער וואַרשעווער שרייבערי־שער וועלט איז געווען ה. ד. נאָמבערג.

אָבער איך האָב מער אָדער ווייניקער געקענט נאָמבערגן, און איך האָב געוווּסט געענוי, אַז אויף זיין הילף קען איך נישט בויען, ער איז אַליין אומבאַהאָלפן, ער אַליין איז אָן אַ ליטעראַרישן מעמד און ער איז אַליין אָן אומהיילבאַרער באַהעם.

באַקאַנט האָב איך זיך מיט נאָמבערגן אין דער שווייץ, אין דער שטאָט ציריך.

געפונען האָב איך אים, פאַרשטייט זיך, אין אַ קאַפע, איינינקער אַליין איז ער געזעסן איבער אַ טעפל שוואַרצע קאַפע.

בלויז אויגן, בלויע און קלוגע, האָט פאַרמאָגט דער קערפערלאָזער ה. ד. נאָמבערג.

ד״ר א. מוקדוני

איך האָב אין מיין לעבן נישט געזען אַ מענטש מיט אַזוי ווייניק גוף.

ער איז דאַן געווען אָרעם, שרעקלעך אָרעם.

ער איז פאַרוואָרפן געוואָרן אין צירין אָן געלט, אָן פריינט און אָן וועלכן עס איז מקור פון פרנסה. אין דער שווייץ איז דאָך אָפּגערעדט, דאָרט קען אַ יידישער שרייבער קיין פרנסה נישט זוכן, ער האָט אַפילו נישט געהאַט קיין פאַרבינדונגען מיט דער יידישער ליטעראַטור אין פוילן און אין אַנדערע שטעט. ער איז בטבע נישט געווען קיין מענטש, וואָס האַלט אָן פאַרבינדונגען.

ער איז אַרומגעגאַנגען קרוע־בלוע.

זיינע לייוונטענע שיך פון זשאַווער־קאָליר זענען געווען מער לעכער ווי שיך.

אָבער ער איז נישט געווען אומגליקלעך, ניין.

זיין הלבשה איז געווען אַלט, אָפּגעטראָגן, צעקנייטשט און אויך מיט לעכער.

אָבער אים האָט עס נישט געאַרט.

— וווּ וווינט איר? — האָט איך אים געפרעגט.

— פּאָסט־רעסטאַנט — האָט ער געזאָגט מיט אַ גאַנץ רויקן שמייכל.

עס איז מיר געווען קלאָר, אַז זיין דירה איז אַ געאָמעטרישע. אָדער ער איז שוין אַרויסגעזעצט געוואָרן פאַר נישט צאָלן קיין דירה־געלט, אָדער מען דאַרף אים היינט־מאָרגן אַרויסשטעלן מיט זיין אָרעמען פעקל פון זיין דירה אין גאַס אַריין.

אָבער ער האָט זיין שווערע לאַגע אויפגענומען פילאָזאָפיש, רויק.

ווען מיר זענען געוואָרן אַ ביסעלע היימישער, האָב איך אים אַ פרעג געטון פאַרזיכטיק:

— איז וואָס טוט איר דאָ?

— איר ווילט דאָך וויסן פון וואַנען איך האָב אויף מיינע דריי מאָל־צייטן? לאָמיר רעדן אָפן — איך לעב פון קאָרטן...

— פון קאָרטן? — האָב איך זיך פאַרוווּנדערט. איך בין געווען אַ יונגער מענטש, וואָס האָט קיינמאָל קיין קאָרט אין האַנט נישט גענומען, און עד־היום נעם איך קיין קאָרט נישט אין האַנט.

שמייכלט ה. ד. נאָמבערג און זאָגט:

— איך האָב דריי־פיר אַלטע שווייצאַרישע גויים, מיט וועלכע איך שפּיל קאָרטן יעדן אָוונט, טאָקע אין דער קאַפע, אין אַ זייטיקן צימערל, און איך געווין ביי זיי טעגלעך פיר פראַנק, נישט פינף און נישט דריי, נאָר פּונקט פיר פראַנק. ריכטיק וויפיל איך דאַרף האָבן צום עסן.

— פּאַסירט גאָרנישט אַז איר פאַרלירט? — פרעג איך אַ פאַרוווּנדערטער.

— ניין, ביז אַהער האָט עס נישט פּאַסירט, איך קען נישט פאַרלירן ביי די פיר שווייצער מיינע; זיי זענען זייער שלעכטע שפּילער. און זיי זענען צופרידן מיט מיר. זיי פלעגט קאָסטן זייער קאָרטן־שפּיל טייערער. זיי פלעגן פאַרלירן צען מאָל מערער. זייער שפּילן מיט מיר קאָסט זיי ביליקער. זיי שפּילן און האָבן די זעלבע הנאה. זיי האָבן אָפט צו מיר גאָר טענות, פאַרוואָס איך געווין ביי זיי אַזוי ווייניק... איך בין אָבער נישט קיין קאָרטן־שפּילער. איך שפּיל קאָרטן, אָבער קיין אַזאַרט־שפּילער בין איך נישט, און ווען נישט די דריי מאָלצייטן, וואָס אַ מענטש מוז האָבן טעגלעך, וואָלט איך נישט געשפּילט מיט מיינע פיר טעמפּלעכע שווייצערס, וואָס שפּילן שוין אַ יאָר פופציק און האָבן זיך נישט אויסגעלערנט צו שפּילן ווי געהעריק אין קאָרטן.

ווען מיר זענען באַפריינדעט געוואָרן פלעגן מיר אָפט מאַכן לענגערע שפּאַצירן.

אויף אַ שפּאַציר איז איינמאָל אָנגעלאָפן אויף אונדז אַ הויכער, שטאַרקער יונגער מענטש, אַ זאַטער און אַ גוט־געקליידעטער.

— וואָס מאַכסטו, נאָמבערג? — האָט דער הויכער מאַן אַ פרעג געטון און האָט גוטמוטיק געשמייכלט, קוקנדיק אויף נאָמבערגן און זיין הילוך.

— באַקענט זיך, — זאָגט מיר נאָמבערג, — דאָס איז שלום אַש. און דאָס איז קאַפּעל, אַ סטודענט, וואָס שרייבט סקיצן.

דער קאָנטראַסט צווישן שלום אַש און ה. ד. נאָמבערג איז געווען אַזוי גרויס אין אַלע פּרטים, אַז איך בין געשטאַנען ממש אַ געפּלעפטער — צוויי באַרימטע יידישע שרייבער, איז איינער געזונט, שטאַרק, זאַט און גוט געקליידט און דער אַנדערער הונגעריק, דאַכלאָז, אָפּגעריסן און קליין, ממש מיניאַטוריש.

די באַגעגעניש איז געווען אַ קורצע. שלום אַש האָט ערגעץ געאײלט,

ווי זיין שטייגער איז. ער האָט באַלד אָוועקגעשפּאַנט מיט זיינע לאַנגע פיס און איז נישט געוואָרן.

— איך זעט אָט דעם גרויסן האָטעל אויף דער אַנדערער גאַס, דאָ שטייט שלום אַש. יאָ אַזאַ מגושם, — האָט נאַמבערג געזאָגט פאַר זיך — און אַזויפיל טאַלאַנט פאַרמאָגט ער.

און מער האָט ער נישט גערעדט וועגן אַשן.

איך האָב זיך אָנגענומען מיט דרייסטקייט און אַ פרעג געטון:

— קען איך שלום אַש נישט אַרויסהעלפן?

— פאַרוואָס? חולה בין איך אַליין צו זאָרגן פאַר זיך? אגב איז ער אַ מטופל מיט אַ פרוי און מיט קינדער, און איך בין איינינקער אַליין אויף דער וועלט. וואָס איז ער שולדיק וואָס איך בין אַ פוילער, אַ נאַכלעסיקער און אַ זאַרגלאָזער?

ווען מיר זענען באַפריינדעט געוואָרן האָב איך אים אָפן געפרעגט:

— וואָס איז דער תכלית פאַר אייך צו זיצן דאָ, אין ציריך, און לעבן אַ פרוכטלאָז און פוסט לעבן? פאָרט צוריק קיין וואַרשע און פאַרנעמט זיך ווייטער מיט ליטעראַרישער אַרבעט. דאָ דאַרף איך קיינער נישט, אָבער אין וואַרשע דאַרף מען אייך האָבן נייטיק.

— יאָ... עס איז אַביסל מליצהדיק, אָבער אמת איז עס. מען דאַרף זען אַרויסצורייסן זיך פון דאַנען, — זאָגט נאָמבערג מיט אַ שמייכל.

און ער דערציילט מיר, אַז ער שרייבט אַ נאָוועלע, וואָס הייסט „צווישן בערג״. ווען ער וועט פאַרטיק ווערן וועט ער זי אָוועקשיקן צום „פריינד״ אין פּעטערבורג, וועט באַקומען האָנאָראַר. אגב, זיי צאָלן גוט די „פריינד״-לייט.

און אין אַ קורצער צייט אַרום באַגעגנט ער מיך אַ פריילעכער:

— היינט אָוועקגעשיקט מיין דערציילונג, געבעטן, אַז מען זאָל מיר שיקן דעם האָנאָראַר טעלעגראַפיש.

און אין וועלכע צוויי וואָכן אַרום האָב איך געטראָפן נאַמבערגן אין אַ נייעם גאַרניטור, אין נייע שיך און אַ רייק־ראַזירטן:

— איך פאָר מאָרגן אָוועק, — זאָגט ער מיר איינפאַך, — איך האָב אַ בילעט אין קעשענע. דאָס ערשטע האָב איך געקויפט אַ באַן־בילעט. אַ

באַן־בילעט אין קעשענע איז די בעסטע באַוואָרעניש פאַר אַ מענטש ווי איך.

מיר האָבן זיך געזעגנט ווי פויינט, ווי גוטע פריינט.

אַזוי אַרום איז נאָמבערג לגמרי נישט פון די מענטשן וואָס קענען עפּעס טון פאַר מיר אין וואַרשע.

מיין ערשטער באַזוך אין וואַרשע איז געווען אין דער רעדאַקציע פון „אונדזער לעבן". איך האָב זיך גערעכנט פאַר אַ מיטאַרבעטער פון דער דאָזיקער צייטונג. אמת, איך פלעג זיך דרוקן דאָרט צופעליק, אָבער אין בריוו און אין האָנאָראַר האָט מען מיך באַהאַנדלט ווי אַ מיטאַרבעטער.

איך בין דאָס ערשטע מאָל געווען אין אַ יידישער רעדאַקציע.

און איך בין געווען ממש איבעראַשט — ליכטיקע, ריינע צימערן אין אַ ניי הויז, מיט אַ שיינעם אַריינגאַנג. הכלל גאָרנישט ענלעך אויף דער אָרעמקייט און אָפּגעלאָזנקייט פון די יידישע רעדאַקציעס, ווען יידישע צייטונגען האָבן געשאַרט גאָלד.

דער רעדאַקטאָר און אַרויסגעבער איז געווען איינער האָכבערג.

געווען איז דער דאָזיקער האָכבערג דער פאָרשטייער פון דער רוסישער טעלעגראַפן־אַגענטור, אַ האַלב־אָפיציעלע רעגירונגס־ טעלעגראַפן־אַגענטור פאַר צייטונגען.

אַזאַ שטעלע איז דאַן נישט געווען קיין גאָר גוטע רעקאָמענדאַציע. די דעפּעשן פון דער טעלעגראַפן־אַגענטור זענען געווען געפאַרבט שוואַרץ און זי איז געווען די שטים פון דער צאַרישער רעגירונג.

ראַדיקאַלן און ליבעראַלן האָבן מיט דער דאָזיקער אַגענטור קיין מגע־ומשא נישט געוואָלט האָבן. זיי פלעגן זי מוזן אָבאָנירן פאַר די צייטונגען זייערע, קיין אַנדער אַגענטור איז נישט געווען, אָבער מען פלעגט עס טון אומווילליק, ווי מען פלעגט טון אַ סך אַנדערע זאַכן.

יידישע שרייבער נעמען נישט אויף וואַרעם אַ נייעם שרייבער. עפּעס האָבן זיי כסדר אַ חשד אויף נייע און באַטראַכטן זיי עפּעס ווי קאָנקורענטן. האָט מען מיך אויפגענומען קאַלטלעך אין דער רעדאַקציע פון „אונדזער לעבן".

בלויז איינער האָט זיך אַרומגעכאַפּט מיט מיר, און דאָס איז געווען

מרדכי ספעקטאָר. ער האָט זיך דערפרייט מיט מיר. ער האָט געלייענט אַלץ, וואָס איז געווען געדרוקט פון מיר אין „אונדזער לעבן״.

און ער האָט מיר אַריינגעשושקעט אין אויער:

— איך דאַרף מיט אייך עפּעס רעדן, אָבער אונטער פיר אויגן. מיר וועלן זיך נאָך זען. איך וועל אייך שוין זען.

איך בין אַריין צו האָכבערגן אין קאַבינעט; ער האָט געקענט שפּילן אַ ראָלע פון אַן איירָאָפּעיִשן, אָדער רוסישן אַרויסגעבער.

איך האָב דערזען פאַר זיך אַ פעטן, באַבייכלטן מענטשן, אַ מענטש מיט קאַלטע אויגן, מיט עפּעס אַן ערב־פּליך, וואָס איז ערגער ווי דער פאַרטיקער פּליך, מיט פעטע, אָדער פּוכקע הענט און מיט אָנגעצויגענע מאַנירן.

ער איז, פאַרשטייט זיך, זייער צופרידן צו זען דעם יונגן סטודענט, וואָס שרייבט אַזוי לעבעדיק.

— שוין אַ דאָקטאָר? וואָס האָט איר בדעה צו טון? איר וועט זיין מיין גאַסט היינט צו מיטאָג. מיין וווינונג איז טאַקע אין דער געביידע, איין שטאָק איבער דער רעדאַקציע. פאַרגעסט נישט, מיר, איך און מיין פרוי, וועלן זיין צופרידן צו באַגעגענען אייך ביי אונדז אין דער היים.

ער האָט מיך געפירט איבער אַלע צימערן פון דער רעדאַקציע, באַ־קענט מיט אַלע מיטאַרבעטער און מיר אָנגעזאָגט, אַז ער דערוואַרט מיך ביי זיך, צום מיטאָג.

די פּריוואַטע דירה פון דעם אַרויסגעבער פון „אונדזער לעבן״ האָכ־בערג איז געווען גאָר אַ פיינע, כמעט אַ רייכע.

ביים טיש האָט מען גערעדט רוסיש. האָכבערג איז געווען אַ רוסישער ייִד, מיט דער דינסט — פּויליש און דאָ און דאָרט, פאַרשטייט זיך, אויך ייִדיש.

דריי לשונות אין אַ ייִדיש הויז, ביי איין אַרויסגעבער און רעדאַקטאָר פון אַ ייִדישער צייטונג.

עס זענען געווען חילוקי־דעות וועגן דעם — פון וואָס מאַכט האָכ־בערג אַזאַ פיין לעבן: צי פון דער צייטונג „אונדזער לעבן״, צי פון דער רוסישער טעלעגראַפן־אַגענטור? אייניקע האָבן געהאַלטן, אַז די צייטונג

„אונדזער לעבן“ גיט גוטע פּראָפּיטן און אַנדערע האָבן געהאַלטן, אַז די טעלעגראַפן־אַגענטור איז אַ בעסערער און אַ גרעסערער קוואַל פון הכנסה.

די טעלעגראַפן־אַגענטור האָט מען נישט געגעבן אַבי וועמען. עס איז געווען אַ רעגירונגס־אָרגאַן. די צאַרישע רעגירונג האָט געפירט איר צאַרישע פּאָליטיק דורך דער טעלעגראַפן־אַגענטור, און אַגענטן האָבן געקאָנט זיין בלויז מענטשן, צו וועלכע די רעגירונג האָט פולן צוטרוי.

מיט דער טעלעגראַפן־אַגענטור זענען געווען פאַרבונדן פאַרשידענע נישט איינגאַנצן כשרע הכנסות.

און אַפּנים, אַז די, וואָס האָבן געהאַלטן, אַז די רוסישע טעלעגראַפן־אַגענטור איז געווען דער בעסערער קוואַל פון הכנסה פון דער צייטונג „אונדזער לעבן“, זענען נישט געווען אינגאַנצן אויסערן וועג.

האָכבערג איז געווען אַ ייִד מיט אַ שטאַרקער האַנט. ער איז אויך געווען דער פּאַקטישער רעדאַקטאָר פון דער צייטונג, כאָטש ער איז נישט געווען קיין ייִדישער שרייבער און סתם נישט קיין שרייבער.

ער איז געווען דער טיפּישסטער צאַריש־רוסישער טשינאָווניק.

„אונדזער לעבן“ איז געווען אַ כשרע צייטונג, פון דעם שטאַנדפּונקט פון דער צאַרישער רעגירונג.

אַרום און אַרום האָט די צייטונג מיט האָכבערגן, ווי אַן אַרויסגעבער, מיט זיין פאַררוסישסטער פרוי און פאַררוסישסטן הויז, געמאַכט אויף מיר אַ גאַנץ שווערן איינדרוק.

און האָכבערג האָט דווקא זיך געגרויסט מיט זיין רוסישן שטייגער פון לעבן. וועגן זיין צייטונג האָט ער גערעדט עפּעס ווי פון אַ זייטיקן געשעפט, וואָס איז נישט מעלה און נישט מוריד.

דער ערשטער ייִדישער אַרויסגעבער, וואָס איך האָב באַגעגנט אין מיין לעבן, האָט נישט דערוועקט קיין גאָר שיינע האָפענונגען אין מיין יונג האַרץ.

נישט אַזוי האָב איך מיר פאָרגעשטעלט אַ ייִדישן אַרויסגעבער, וואָס איז פּאַקטיש אויך דער רעדאַקטאָר.

***

איך האָב אויפגעזוכט ה. ד. נאָמבערגן. איך האָב אים געפונען אין אַ קאַפע זיצנדיק איבער אַ טעפּל שוואַרצע קאַפע, ריכטיק ווי אין ציריך.

מיט נאָמבערגן איז גאָרנישט שייך געווען צו רעדן וועגן אַ מעמד, אָדער אַרבעט ווי אַ שרייבער. ער האָט אייך קיינמאָל קיין עצות נישט געגעבן און ער האָט קיינמאָל אויף זיך נישט גענומען די ראָלע פון אַ זאָרגער פאַר יונגע שרייבער, נישט ליטעראַריש און נישט מאַטעריעל.

ער האָט נישט געקענט טראָגן קיין פעקלעך. ער האָט נישט געהאַט קיין אַמביציעס און האָט נישט פאַרמאָגט קיין שום איניציאַטיוו.

אָבער ער איז געווען אַ ביז גאָר לאָיאַלער קאָלעגע. מיר איז שפּע־טער אויסגעקומען צו אַרבעטן מיט אים אין „פריינד״ און איך האָב דער־זען אין אים אַ גוטן קאָלעגע, אַ געטרייען חבר, אָבער דאָס איז געקומען ספּאָנטאַן, אָדער אגב־אורחא.

ער האָט נישט געקאָנט זאָגן, ווי אַנדערע בעלי־טובות, פרום און מיט דביקות: „הריני מוכן ומזומן לקיים מצוות קאָלעגישקייט און גוט־חברשאַפט״.

אָט די פרומע הקדמה, אָדער אַריינפיר, האָט ער קיינמאָל נישט גע־מאַכט. אָבער ביי אַ וויכטיקער געלעגנהייט האָט איר געקענט בויען אויף אים ממש פיתום און רעמסס.

איך וועל נישט זאָגן, אַז ער איז געווען אַ בעל־מצווה, — ניין, פאַר קיין פאַל. אָבער ווען אים איז אויסגעקומען צו טון אַ מצווה האָט ער זי געטון אינגאַנצן, אָן האַלבקייטן, און דערביי האָט ער נישט געפאָדערט פון קיינעם קיין דאַנק און קיין אָנערקענונג פאַר דעם.

ער איז געווען פון די טשיקאַווסטע מענטשן, וואָס איך האָב באַ־געגנט:

ער איז געקומען ממש פון חסידים־שטיבל. ווען ער האָט שוין גע־האַט אַ פרום ווייב און צוויי קינדער, דוכט זיך, איז ער מיטאַמאָל נתפקר געוואָרן, האָט פאַרלאָזן ווייב און קינדער, און איז מיט דער צייט געוואָרן איינער פון די וועלטלעכסטע יידישע שרייבער ביי אונדז.

עס איז קיין זכר נישט געבליבן אין אים פון דעם ישיבה־בחור און פון דעם חסיד פון חסידים־שטיבל.

גייסטיק איז ער געווען אַ וועלט־מענטש, דורכויס אַ באָהעם, דורכויס אַ מענטש אָן קיין שום פאָראורטיילן און אָן קיין טראַדיציאָנעלע פעקלעך.

ער האָט ממש זיך איבערגעשאַפן אינגאַנצן אין אַ פּולקאָם וועלטלעכן מענטשן.

אָבער דאָ האָט ער דערזען, אַז דער קערפּער זיינער, דער גוף זיינער איז דורכויס אַ ישיבה־בחורישער, דורכויס אַ גוף פון אַ בית־המדרשניק.

און ער האָט זיך גענומען מיט אַ גוואַלדיקער עקשנות איבערבויען זיין גוף; ער האָט אָנגעהויבן פאָרן אויף אַ וועליסאָפּעד, שפּילן ביליאַרד, טאַנצן און פאַרנעמען זיך מיט אַלע אַנדערע ספּאָרטן.

האָט ער אַלע ספּאָרטן געקאָנט גוט. ער איז געפאָרן אויף אַ וועלי־סאָפּעד. ער האָט אַפילו געטאַנצט גוט; ער האָט געשפּילט גוט ביליאַרד, הכלל — ער איז געווען פּאַקטיש אַ ספּאָרטסמען, אָבער דער גוף איז גע־בליבן ישיבה־בחוריש, בית־המדרשדיק.

עס האָט קיין זאַך נישט געהאָלפן. נישט נאָר האָט ספּאָרט נישט גע־האָלפן, נאָר עס האָט ממש קאַליע געמאַכט. ער איז געוואָרן נאָך מער אויסגעדאַרט, נאָך מער געבויגן, און די פיס זענען ביי אים געוואָרן דין ווי צוויי שטעקלעך...

דאָס איז געווען זיין שטילע, באַהאַלטענע טראַגעדיע.

ער האָט מיט קיינעם וועגן דעם נישט גערעדט.

נאָר איינמאָל, אין בערלין, בין איך געקומען צו אים אין האָטעל אינדערפרי און האָב געפונען אין זיין בעט ממש אַ הויפן דינינקע ביינד־לעך, אַזוי דין זענען געווען די ביינדלעך זיינע, אַז מיר האָט זיך אויס־געדוכט, אַז ווי זיי גיבן זיך נאָר אַ ריר, צעברעכן זיי זיך...

ער האָט זיך נישט געקענט אויפהייבן.

— אויפשטיין פון בעט איז די שווערסטע זאַך פאַר מיר, — האָט ער געזאָגט ביטערלעך.

— איר קוקט אויף מיין קערפּער? איך אַרבעט אויף מיין קערפּער שוין אַ פּאָר צענדליק יאָר, אָבער עס איז אַרויסגעוואָרפן. עפּעס אַ קללה האָב איך באַקומען בירושה, אַ קללהדיקן קערפּער. וואָס דו זאָלסט נישט טון פאַר אים — אַלץ איז אומזיסט, ער דאַרט, קוואַרט און שרומפּט איין.

דאָס איז דאָס איינציקע מאָל, וואָס איך האָב אים געהערט רעדן וועגן זיין באַהאַלטענער טראַגעדיע.

— ערשט זעקס פאַרנאַכט טשוכע איך זיך פאַנאַנדער; צוועלף ביינאַכט

פיל איך זיך שוין ווי אַ גאַנצער מענטש און צוויי־דריי אַזייגער, ווען איך גיי שלאָפן, פאַלט אַריין מיין קערפּער אין בעט אַריין ווי אַ מת אין קבר...

יאָ, זיין גייסט האָט ער איבערגעשאַפן, אינגאַנצן איבערגעשאַפן, זיינע פעליעטאָנען זענען געווען מער ווינעריש און מער פראַנצויזיש ווי די פעליעטאָנען פון די בעסטע ווינער און די פּאַריזער פעליעטאָניסטן.

ער האָט געדענקט ווי אַ דורכויס וועלטלעכער מענטש. ער האָט ממש אַרויסגערויכערט פון זיך דעם זכר פון זיינע ישיבהשע און בית־המדרש־דיקע יאָרן.

אָבער דעם קערפּער האָט ער נישט געקענט איבערשאַפן.

יאָ, ער האָט זיך צופיל אָנגעשטרענגט און ער איז געשטאָרבן פריי־צייטיק.

מיר האָבן געאַרבעט 5 יאָר אין „פריינד". מיר פלעגן זיך באַגעגענען כמעט טאָג־טעגלעך, און דאָס איז אויסער אונדזערע באַגעגענישן אין קאַ־פעס, אין טעאַטער, אויף קאָנצערטן און ביי פריינד און באַקאַנטע.

און ווען איך וואָלט באַדאַרפט כאַראַקטעריזירן נאָמבערגן אין צוויי ווערטער, וואָלט איך געזאָגט: ער איז געווען אַ מאָראַלישער ציניקער. פון אויבן אַ דין הייטל פון ציניזם, אָדער גלייכגילטיקייט צו אַלץ און אונטן — אַ פעסטע, געזונטע און וואַרעמע מאָראַל.

דוד פרישמאַן האָט אים אַמאָל ביי זיך אָנגערופן „מהיכא־תיתיניק".

דאָס איז בפירוש נישט ריכטיק. דוד פרישמאַן אַליין איז געווען מער מהיכא־תיתיניק פון נאָמבערגן; נאָמבערגן האָבן געאַרט, שטאַרק געאַרט אַלע געזעלשאַפטלעכע, פּאָליטישע און קולטורעלע פראַגן און פּראָבלעמען.

איר האָט עס געזען אין זיינע אַרטיקלען און אין זיינע גלענצנדיקע, ממש נאָבעלע פעליעטאָנען.

דוד פרישמאַן האָט זיך אָדער געחכמהט, אָדער ער האָט אַלץ מבטל געווען, דערהויפּט שרייבער.

נאָמבערג האָט בלויז פון אויבנאויף אויסגעזען ווי אַ ציניקער אין טאָג־טעגלעכן לעבן; אָבער ווי ער האָט גענומען די פעדער אין האַנט, איז ער געוואָרן דער ערנסטער סאַמע מענטש ביי אונדז.

אין די טעג ווען ער פלעגט דאַרפן געבן אַן אַרטיקל פאַרן „פריינד", פלעגט ער קומען פריִער אין רעדאַקציע. ער פלעגט קומען ממש אַ צונויפ־

געקנייטשטער, אַ צונויפגעקנוילטער, אינגאַנצן אַ גרינגער עפּעס פון באַ־האַלטענע שמערצן.

ווינטער פלעגט ער ציטערן פון קעלט. ער פלעגט זיך רייבן ביים וואַרעמען אויוון ווי אַ דערפרוירן פּיצל קינד.

אָבער ש. ראָזענפעלדס דערמאָנונג, אַז מען דאַרף זיין אַרטיקל, פלעגט אים עפּעס אויפוועקן ווי פון טויט. ער פלעגט אויף זיין טיש אויסלייגן אַ האַלבן טוץ צייטונגען, פלעגט זיי אַלע מיט אַמאָל לייענען אַ האַלבע שעה, און אַן אויפגעלעבטער פלעגט ער זיך זעצן שרייבן.

אין אַ שעה, אָדער צוויי פלעגט ער אַ וואָרף טון ש. ראָזענפעלדן אויפן טיש אַן אַכט־ניין קליינע בלעטלעך פאַרשריבן פּאַפּיר און פלעגט באַלד נעלם ווערן, אַזוי ווי עפּעס גאָר וויכטיקס וואַרט אויף אים ערגעץ, אויסער די טירן פון דער רעדאַקציע.

און נעלם פלעגט ער ווערן אין קאַפע.

איז קיינער נישט געווען, איז ער געזעסן אַליין, געזעסן און געקוקט אין טעפל קאַפע, אָדער געלייענט אַ צייטונג. פלעגט זיך עמעצער צוזעצן צו אים פלעגט ער אויפלעבן, פלעגט שפּאַסן, רעדן ערנסט, דיסקוטירן, אָבער קיינמאָל נישט פאַרביסן, קיינמאָל נישט פאַרעקשנט.

ער האָט וויניק געשריבן, וויניקער פאַר אַשן, וויניקער פאַר י. ל. פּרצן און וויניקער פאַר א. מ. ווייסענבערגן.

ער האָט נישט געהאַלטן פון „עשות ספרים הרבה".

אָבער פּלוצים פלעגט ער אַרויסקומען מיט אַ דראַמע, מיט אַ דער־ציילונג און מיט אַן איבערזעצונג.

געוויינלעך האָט עס פּאַסירט ווען ער איז עפּעס אַן אַ צוועק אַוועק־געפאָרן אין אַן איינזאַם אָרט ערגעץ אין אויסלאַנד, אָדער אַרום וואַרשע, און אויס איינזאַמקייט און לאַנגווייליקייט פלעגט ער אָנשרייבן עפּעס.

ער האָט ממש נישט געפילט קיין שום טעם אין כבוד, אין פּירסום און אין רבין־זיך. דער פיינער סקעפּטיקער אין אים פלעגט עס נישט סובל זיין.

ער איז נישט געווען קיין קאָכלעפל, ער האָט זיך נישט געקהלט, נישט געהערט צו קיין פּאָליטישע פאַרטייען און האָט קהל קיין דעה נישט גע־זאָגט.

ד״ר א. מוקדוני

פונדעסטוועגן וועט אייך יעדער אַרגענטינער ייִד זאָגן, אַז נאָמבערג האָט מיט זיינע אַרטיקלען וועגן דער יק״א אין אַרגענטינע ממש געמאַכט אַ רעוואָלוציע אין דער פאַרוואַלטונג פון די ייִדישע קאָלאָניעס אין אַר־גענטינע.

און נאָמבערג איז אַ שטיק צייט געווען אַ דעפּוטאַט אין פּוילישן סיים.

און נאָמבערג האָט אויפגערודערט די וואַרשעווער אונטערוועלט ווען ער האָט געהאַלטן, צוזאַמען מיט פּרצן, מיט א. ווייטער און מיט מיין ווײ־ניקייט אַ רעפעראַט וועגן דער לאַגע פון ייִדישן טעאַטער. ער האָט געהאַט דעם מוט צו זאָגן אָפן אויף אַ פאַרזאַמלונג פון עטלעכע טויזנט ייִדן, אַז אין די ערשטע רייען אין די ייִדישע טעאַטערס זיצן אַלפאָנסן, אַז זיי זענען די מעצענאַטן פון ייִדישן טעאַטער.

אָט דער מהיכא־תיתיניק איז שוין גאָר קיין מהיכא־תיתיניק נישט געווען.

איר וועט נישט קענען אָנווייזן אויף קיין איין מוטיקן געזעלשאַפט־לעכן אַקט פון דוד פרישמאַן, אָבער אויף נאָמבערגס געזעלשאַפטלעכע אַקטן קענט איר אָנווייזן.

יאָ, עס זענען געווען צוויי נאָמבערגס: נאָמבערג דער באָהעם, דער קאַפע־מענטש און נאָמבערג דער געזעלשאַפטלעכער מענטש און פאַראַנט־וואָרטלעכער מענטש; נאָמבערג דער האַלבער ציניקער און נאָמבערג וואָס קען אַ קלאַפּ טון איבערן טיש און זאָגן דאָס שטאַרקע וואָרט.

ער האָט ווייניק געלייענט. ער איז געווען צופיל פאַרנומען מיט ספּאָרט. ער האָט אפשר געלייענט אַ 30־20 גוטע ביכער אין זיין לעבן; זענען, ראשית, די ביכער געווען גוטע און, צווייטנס, זענען זיי אים געבליבן אין קאָפּ לעולם ועד.

אָבער דער עיקרשט האָט ער פאַרמאָגט דעם קלאָרסטן, קלוגסטן קאָפּ. ער איז געווען אויסערסט אינטעליגענט און האָט געקענט אויפכאַפּן די קאָמפּליצירטסטע פּראָבלעמען פאַרבייגייענדיק.

געשטערט האָט אים זיין אומגליקלעכער קערפּער.

אין וואַרשע און אין לאָדזש

געשטערט האָט אים אויך דאָס, וואָס ער האָט זיך באַגאַנגען מיט זיין אייגענעם שוואַכן גוף ממש רוצחיש. ער האָט געגאָסן אין זיך זעכצן שעה נאָכאַנאַנד שוואַרצע קאַפע און ליקער, האָט געצוווּנגען זיין שוואַכינקן און רויִנירטן קערפער צו פאַרנעמען זיך מיט ספּאָרט שעהן און שעהן נאָכ־אַנאַנד.

און ער האָט זיך איינמאָל אַראָפּגעקייקלט פון די טרעפּ פון אַ פּענ־סיאָנאַט אין אָטוואָצק און איז געשטאָרבן אין די פּופציקער.

2

מרדכי ספעקטאָר

איך בין אַוועקגעפאָרן אויף עטלעכע טעג פון וואַרשע צוריק קיין ביאַליסטאָק מיט דער זיכערקייט, אַז איך בלייב אַ וואַרשעווער און ווער אַ פּראָפעסיאָנעלער שרייבער. אָבער איך האָב נישט געהאַט קיין שום אָנונג ווי אַזוי דאָס וועט געשען.

ווייל קיינער האָט מיר נישט פאָרגעשלאָגן עפּעס קאָנקרעטעס, און איך האָב אַפילו מיט קיינעם נישט גערעדט קלאָר וועגן מיין צוקונפט און מיינע פּלענער.

צום סוף יוני 1909 בין איך צוריקגעקומען קיין וואַרשע. אין דעם זעלביקן טאָג האָב איך זיך באַגעגנט מיט ה. ד. נאָמבערג, און פאַרנאַכט האָט ער מיך גענומען אין דעם מוראַנאָווער טעאַטער.

ווי איך בין אַריין אין טעאַטער, באַגעגנט מיך מרדכי ספּעקטאָר מיט אַ מאָדנער פרייד:

— איך זוך דאָך אייך אַרום שוין קאַרגע צוויי וואָכן. ווו זענט איר פאַרפאַלן געוואָרן? איך האָב זיך שוין געוואָלט ווענדן צו אייך דורך אַ צייטונג, אַז איר זאָלט זיך אָפּרופן!

און ער נעמט מיך אַוועק אין אַ זייט, זאָגט מיר, אַז איך וועל גאָרנישט פאַרלירן, אויב איך וועל דורכלאָזן אַ טייל פון דער פאָרשטעלונג. ער האָט מיט מיר צו רעדן עפּעס ביז גאָר וויכטיקס.

הכלל, ער גרייט זיך אַרויסצוגעבן אַ צייטונג: „די נייע וועלט" וועט

זי הייסן, דאַרף ער האָבן איינעם, וואָס זאָל שרייבן „די פילאָזאָפיעס“, (לייט־אַרטיקלען), פּאָליטיק און סתם וואָס אַ צייטונג האָט נייטיק און וויל מיך האָבן פאַר אַ מיטאַרבעטער.

איך האָב די דאָזיקע זאַכן קיינמאָל נישט געשריבן, און האָב נישט געוווסט צי איך בין פעיִק דערצו. איך האָב עס אָפן געזאָגט ספּעקטאָרן. ער האָט פון אָנהייב נישט געוואָלט הערן פון דעם — וואָס הייסט אַזאַ געבילדעטער יונגערמאַן וועט נישט קענען שרייבן דאָס, וואָס דער אַלטער פרילוצקי שרייבט?

איך האָב אָבער באַשטאַנען דערויף, אַז איך זאָל פּרוּוער פּרובירן.

איך האָב פאָרגעשלאָגן, אַז מיר זאָלן זיך צונויפקומען אין דער דער־וויל לייִדיקער רעדאַקציע און איך וועל ברענגען עטלעכע אַרטיקלען אויף פאַרשידענע טעמעס.

אויף מאָרגן האָב איך אַ בלעטער געטון דעם „היינט“, די „הצפירה“ און פרישמאַנס „הבוקר“ און אָנגעשריבן עטלעכע אַרטיקלען אויף פאַר־שידענע טעמעס.

עס איז געגאַנגען גאַנץ לייכט.

אין דריי שעה, אָדער פיר בין איך געוואָרן פאַרטיק מיט דריי אַר־טיקלען, און אויף מאָרגן האָב איך זיי געלייענט פאַר ספּעקטאָרן, פאַר זיין געלט־שותף און, דוכט זיך, אויך פאַר זאַגאַראַדסקין, אַן אַלטער צייטונגס־מענטש.

און אַן טענות ומענות בין איך געקרוינט געוואָרן פאַר איינעם פון די הויפּט־מיטאַרבעטער.

אויף ספּעקטאָרס אָפן פּנים האָב איך געזען, אַז ער איז גליקלעך — ער האָט דאָ געקראָגן דעם ריכטיקן מענטשן פאַר זיין צייטונג.

באַלד, נאָך אַ קורצער שושקעריי צווישן ספּעקטאָרן און זיין געלט־שותף, איז באַשטימט געוואָרן מיין געהאַלט.

דער געהאַלט האָט מיר, דעם נעכטיקן אָרעמען סטודענט, אויסגעזען ממש ווי אַ קייזערלעכער געהאַלט.

די צייטונג האָט באַדאַרפט אַרויסגיין ערשט אין דריי וואָכן אַרום, אָבער דער גוטער ספּעקטאָר האָט זיך שוין מיט מיר נישט געשיידט; יעדן טאָג פלעגן מיר זיצן און אויסאַרבעטן פּלענער. מיר פלעגן שפּאַצירן, באַ־

ד״ר א. מוקדוני

זוכן רעסטאָראַנען, אין וועלכע ספעקטאָר איז געווען אַ שטענדיקער איינ־גייער און ווו מען האָט אים באַגעגנט מיט אַ ברייטן „גוט־מאָרגן, פאַניע רעדאַקטאָר״. ער האָט מיך פאָרגעשטעלט פאַר אַלעמען, פאַר דעם רעס־טאָראַטאָר, פאַר די ליטעראַטן, וועלכע איך האָב נישט געקענט, פאַר יידן סוחרים און בכלל פאַר יעדן, וואָס מיר האָבן באַגעגנט:

— דאָס איז אונדזער נייער מיטאַרבעטער ד״ר קאַפּעל.

מרדכי ספעקטאָר איז געווען פון די טשעקאַווסטע געשטאַלטן און שרייבער אין דער יידישער שרייבערישער וועלט; ער איז געווען אַ זייער איינפאַכער פאָלקס־מענטש, ער האָט קיינמאָל גאָרנישט געלערנט, נישט תורה און נישט וועלטלעכע לימודים.

זיין קאָפּ איז ממש געווען פאַרהאַקט און פאַריגלט פאַר אַלע תורות, סיי רעליגיעזע און סיי וועלטלעכע. קיין תורה האָט נישט געקענט דורכ־ברעכן אַ וועג אין זיין מוח אַריין.

אָבער אָט דער פשוטער פאָלקס־מענטש איז געווען אַ שרייבער מיט טאַלאַנט.

ער האָט גוט געקענט דאָס יידישע קליין מענטשעלע, דאָס מענטשל פון זיין אייגענער גרויס. ער האָט אים געקענט, פאַרשטאַנען און ער האָט געשריבן ממש וווּנדערלעך וועגן אים.

ער האָט זיך צום קליין מענטשל נישט באַדאַרפט אַראָפּלאָזן און זוכן אין זיינע פלאַכע טיפענישן פּערל. עס איז נישט געווען קיין שום מחיצה צווישן אים און דעם יידישן מענטשן פון גאַס. זיי האָבן זיך ביידע זייער גוט פאַרשטאַנען.

זיינע ראָמאַנען קלאָרע, איינפאַכע, אָפענע און אויבנאויפיקע; זיי זע־נען אָבער גוטע ליטעראַטור, גאָרנישט דער ערך בעסערע ליטעראַטור ווי די ווערק פון געוויסע קלאַסיקער אונדזערע מיט גאָר גרויסע פּרעטענזיעס.

זיין טעמאַטיק איז אַ קלאָרע און אַן איינפאַכע, אָבער זי איז פול מיט לעבן, זי איז כסדר עפּעס אַרויסגענומען פון לעבן אַ הייסע ממש, אַן אַקטועלע. דער לעבעדיקער, צאַפּלדיקער טאָג האָט זיך געשפּיגלט אין איר.

און אַ מיטאַרבעטער פאַר אַ צייטונג איז ער געווען דער געווונטשנס־טער.

ער גייט אַרויס אין גאַס און ברענגט מיט זיך אין רעדאַקציע אַ לע־בעדיק, אַ צאַפּלדיק בילדל, וואָס זאָגט אַמאָל מער ווי די בעסטע, גרינד־לעכסטע אַרטיקלען אויף דער זעלביקער טעמע.

ווי אַ רעדאַקטאָר איז ער געווען דער אומבאַהאָלפנסטער מענטש. ער האָט איינפאַך נישט געוווסט מיט וואָס מען עסט עס.

און מיר איז אויסגעקומען צו זיין דער פּאַקטישער רעדאַקטאָר. איך האָב אים, דעם פּשוטן, ליבהאַרציקן מענטשן אַרויסגעהאָלפן גערן, און ער איז מיר זייער דאַנקבאַר געווען.

ער האָט קיינמאָל זיך נישט געקענט אויסלערנען ווי מען לייגט אויס „מגע־ומשא“, כסדר פלעגט ביי אים אַרויסקומען „מגא־ומשע“. בכלל ווי עס פלעגט קומען צו אַ העברעיִש וואָרט איז געווען ביטער, זיין געזיכט און זיין פּליך פלעגן רויט ווערן פון פאַרלוירנקייט אין אָנשטרענגונג.

אָבער זיינע גאַסן־בילדלעך פון די נאַלעווקעס זענען געווען גוטער צייטונגס־שטאָף, זיינע איבערזיכטן פון דער פּראָווינץ זענען געווען פול מיט האַרציקן הומאָר, מיט ליבע און מיט אמתדיקייט.

***

געווען איז ער אַ געפּאַקטער מענטש פון מיטעלן הויך. ער האָט געהאַט אַ טעמפּלעך פּנים, אָבער אַ זייער אָפן. זיינע אויגן קליינע און עפּעס קינדיש־נאַיִווע, קיין האָלדז האָט ער עפּעס נישט געהאַט, פון די פּלייצעס גלייך איז אַרויס דער שווערער, מאַסיווער קאָפּ.

ער האָט געוווסט זיינע בילדונגס־הינטערשטעליקייטן, פלעגט ער זיין זייער פאַרזיכטיק. ער פלעגט זיך רויטלען און געקוקט אויף מיר ממש מיט תחנונים: איך בין נישט קיין געלערנטער, אמת, האָט געזאָגט זיין אומבאַהאָלפענער קוק, אָבער קעפּן דאַרף מען מיך נישט דערפאַר...

ער איז געווען אַ מענטש אַן ערדישער. ער האָט זיך נישט געקענט אויפהויבן פון דער ערד אויף אַ מילימעטער אַפילו.

ער האָט ליב געהאַט גוט עסן און אַ סך עסן. ער פלעגט עסן מיט הנאה, מיט גרויסן ערנסט און מיט פּאַך־קענטעניש.

איך האָב אין די ערשטע האַניג־טעג פון אונדזער צוזאַמענאַרבעט אין צייטונג דורכגעמאַכט מיט אים די פּראָצעדור פון אַ ספּעציעלן פּאַראַדנעם מיטאָג ספּעקטאָרס.

— קומט אַמאָל מיט מיר עסן, — האָט ער מיר געזאָגט — די ליט־וואַקעס באַלעקן זיך פון תעניתים. קומט און עסט מיט מיר אַן אמתן מיטאָג. איר קענט נאָך נישט וואַרשע, וואַרשע איז די גרעסטע און בעסטע שטאָט פאַר אַ מענטשן, וואָס האָט ליב אָפּצועסן. מען דאַרף אָבער וויסן ווי צו עסן אין וואַרשע. אַוועקזעצן זיך אין איין רעסטאָראַן און אָפּעסן אין איילעניש, אָן אַ גוטער הפסקה צווישן איין געריכט און דאָס אַנדערע האָט קיין טעם נישט, — זאָגט מיר ספּעקטאָר ערנסט, — אַ מענטש דאַרף עסן וויניקסטנס 3־4 שעה אין טאָג.

הכלל — מיר לאָזן זיך מיט ספּעקטאָרן עסן מיטאָג.

גייען מיר. פּלוצים שטעלט ער מיך אָפּ:

— אָט דאָ וועלן מיר עסן לעבערלעך, געהאַקטע, אָדער געבראָטענע די בעסטע לעבערלעך אין שטאָט.

די לעבערלעך האָבן טאַקע געהאַט באמת דעם טעם גן־עדן. דאָ האָט אַ ספּעציאַליסט, אָדער אַ ספּעציאַליסטין אַריינגעלייגט איר גאַנצע חכמה און דערפאַרונג אין האַקן און בראָטן געגנדזענע לעבערלעך.

נאָך די טעם־גן־עדנדיקע לעבערלעך האָב איך געוואָלט באַשטעלן די ווייטערדיקע געריכטן, אָבער ספּעקטאָר האָט מיך אָפּגעשטעלט:

— דאָ עסן מיר בלויז לעבערלעך. דאָס איבעריקע וועלן מיר עסן אין אַנדערע פּלעצער. עס איז דאָ אין פּוילן אַ מאכל, וואָס הייסט „כלאָד־ניק" און איר דאַרפט אים פאַרזוכן אין דעם בעסטן אָרט.

הכלל — מיר זענען אַוועק עפּעס אין אַ האָטעל „בריל" און דאָרט געגעסן „כלאָדניק", וווּנדערלעכן פּוילישן „כלאָדניק".

איך בין שוין געווען פאַרטיק, אָבער ספּעקטאָר האָט געלאַכט:

— פאַרלאָזט זיך אויף מיר, איך וועל אייך פירן איצט אין אַן אָרט צו עסן פלייש. איר וועט נאָר דערהערן דעם ריח און איר וועט זיך אַרויפ־וואַרפן אויפן פלייש ווי אַן אויסגעהונגערטער וואָלף.

איך בין געווען זיכער, אַז ספּעקטאָר האָט אַ צו־הויכע מיינונג וועגן מיין אַפּעטיט, אָבער איך בין געגאַנגען מיט אים, און גערעכט איז ער גע־ווען. איך האָב געגעסן דאָס פלייש מיט אַ וואָלפישן אַפּעטיט.

אָפּגעגעסן דאָס פלייש הייבט זיך ספּעקטאָר אויף און זאָגט:

— איצט גייען מיר טרינקען קאַווע צו סאַמאַדעני.

אין וואַרשע און אין לאָדזש

די קאַווע ביי סאַמאַדעני האָט געהאַט אַ נאָמען אין וואַרשע. דאָרט פלעגט איר באַגעגענען די וואַרשעווער אַריסטאָקראַטיע.

און אומעטום האָט מען באַגריסט וואַרעם ספּעקטאָרן. אַלע האָבן איס געקענט.

אונדזער פּרעס־עקספּעדיציע האָט געדויערט גאַנצע דריי שעה.

איז ווען איך האָב אַ קוק געטון אויפן זייגער אַ פאַרוווּנדערטער, האָט ספּעקטאָר פאַרשטאַנען וואָס מיין פאַרוווּנדערונג מיינט, און ער האָט מיר דערקלערט, אַז נישט אַלע טאָג מאַכט ער אַזאַ פּרעס־־פאַראַד. דאָס טוט ער בלויז ביי פייערלעכע געלעגנהייטן. היינט האָט ער מיך געוואָלט מכבד זיין מיט אַ גוטן, ריכטיקן מיטאָג.

קיין ליטעראַרישע שמועסן האָט מען מיט ספּעקטאָרן נישט געקענט פירן, כאָטש ער האָט געקענט אָפּשאַצן יעדן יידישן שרייבער מיט דער גרעסטער פּרעציזקייט און מיט דער בעסטער מבינות. אָבער „באַלאַקען" וועגן ליטעראַטור האָט ער נישט געקענט און נישט געוואָלט.

אָבער מיט חשק פלעגט ער דערציילן וועגן זיינע באַגעגענישן מיט פאַרשידענע טשעקאַווע כאַראַקטערן אין דעם וואַרשעווער בבל און מיט שרייבערס. ער פלעגט דערציילן וועגן זיי מיט הנאה און מיט אמתער מאַ־לערישקייט.

פאַרשטייט זיך, אַז מיר האָבן פיל גערעדט וועגן דער צייטונג אונ־דזערער, וועגן „דער נייער וועלט", וואָס דאַרף דערשיינען.

איך בין געווען אינגאַנצן אַ גרינער אין דער צייטונגס־וועלט, פלעג איך פאָרלייגן פלענער ממש פאַנטאַסטישע, און דער גוטער ספּעקטאָר פלעגט מיך אויסהערן און פלעגט פאָטערלעך מיר קלאַפּן איבער דער פּלייצע און זאָגן:

— איר דאַרפט פריער זען ווי אַ צייטונג ווערט געמאַכט. איר דאַרפט זיך באַקענען מיט טויזנטער קלייניקייטן. איר דאַרפט זיך באַקענען מיטן יידישן לייענער, און ערשט דאַן וועט איר קענען האָבן אַ מיינונג.

און ער איז געווען גערעכט, דער גוטער ספּעקטאָר.

אָט דער פשוטער מענטש האָט געקענט דעם דורכשניטלעכן יידישן לייענער און האָט געוווּסט וואָס ער דאַרף האָבן און וואָס ער קען גוט פאַרדייען.

ד״ר א. מוקדוני

ער איז אַליין געווען אַט דער דורכשניטלעכער לייענער.

און ער האָט זיך גאָרנישט געשעמט מיט דעם.

ער האָט מיר אָפּנהאַרציק געזאָגט, אַז ער פאַרשטייט נישט וואָס י. ל. פּרץ שרייבט דאָרט. ער פילט קיין טעם נישט אין זיין שרייבן. ער וואָלט אים נישט איינגעלאַדן פאַר אַ מיטאַרבעטער אין זיין צייטונג ווען מען וואָלט אים צוגעצאָלט.

— זעט איר, שלום־עליכמען וואָלט איך מיטביידע הענט אַריינגענו־מען אין אונדזער צייטונג, אָבער ער בייסט זיך, ער וויל גרויס געלט און ער שטעלט אַנדערע באַדינגונגען. ער וויל איך זאָל זיין אידעם, י. ד. בער־קאָוויטשן, אַריינגעמען אין רעדאַקציע. אָבער איך וועל אים קריגן. ער וועט זיך פון מיינע הענט נישט אַרויסדרייען. מיר זענען אַלטע פריינט און...

— יאָ, שלום־עליכמען דאַרף האָבן אונדזער צייטונג. אַ לייענער דאַרף נישט קנייטשן דעם שטערן לייענענדיק אים. עס לייענט זיך אַליין. און עס לייענט זיך לייכט, אַז דו לאַכסט און דו האָסט הנאה.

ער איז געווען אַ ידישער פאָלקס־מענטש מיט אַלע זיינע גרויסע מעלות און מיט אַלע זיינע חסרונות. ער איז געווען אַזוי פּשוט, שוין צו־פּשוט פאַר אַ שרייבער, אָבער ער האָט פאַרמאָגט די עקשנות און די גראַדליניקייט פון דעם ידישן פאָלקס־מענטש.

ער האָט זיין גאַנץ לעבן געלעבט פון ליטעראַטור. שרייבן איז געווען זיין פּראָפעסיע. קיין אַנדערע פּראָפעסיע האָט ער נישט געהאַט. און ער האָט געלעבט אַ בעל־הביתיש לעבן, אַ שטיל און איינפאַך און בירגערלעך לעבן.

ער איז שטענדיק געווען זאַט. ער איז שטענדיק געווען גוט געקליידט און שטענדיק גוט אויפגעלייגט.

ער האָט געוווסט בעסער פון אַלע שרייבער ווו צו אָפּזעצן אַ דער־ציילונג און ווי אַזוי צו באַקומען פאַר איר דעם מאַקסימום האָנאָראַר. עס איז געווען פאַר אים סחורה, גוטע סחורה, וועלכע מען קען און מען דאַרף פאַרקויפן במקח השוה.

ער האָט זיך באַרימט פאַר מיר, אַז קיינער פון די ידישע פאַרלעגער

האָט אים נישט אָפּגענאַרט און קיין פאַרלעגער איז אים נישט געבליבן שולדיק געלט.

ער האָט געפירט זיינע שרייבערישע געשעפטן ערלעך, אָבער טיכטיק, איינפאַך, אָבער ביז גאָר פּאַרזיכטיק און פּראַפּיטאַבל.

בעסערע און גרעסערע שרייבער פאַר אים האָבן נישט באַוויזן צו פירן אזאַ זאַט און זאָרגלאָז בעל־הביתיש לעבן פון שרייבעריי ווי ער.

ער האָט געהאַלטן י. ל. פּרצן פאַר אַ גאָר גרויסן שלימזל:

— ער זיצט דאָרט אין דער גמינע און פאַרקויפט קברים. אַ מלאכה פאַר אַ שרייבער. ביסטו אַ שרייבער, זיי אַ שרייבער און מאַך אַ לעבן פון שרייבעריי.

ער פלעגט ליב האָבן צו דערציילן מעשהלעך וועגן י. ל. פּרצס שלימ־מזלדיקייט:

אין די צייטן פון דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע האָט מען אַרעסטירט פּרצן און צופעליק אויך אים, און מען האָט זיי אַריינגעזעצט אין איין קאַמער.

— איז פּרץ געווען צערייצט, דערציילט ער. ער איז אַרומגעלאָפן איבערן קאַמער ווי אַ ווילדע חיה אין אַ שטייג. ביינאַכט פלעגט ער נישט שלאָפן און בייטאָג פלעגט ער נישט עסן. זיין פרוי פלעגט אים אַריינשיקן יעדן טאָג ממש געבראָטענע טייבעלעך, ווי מיין פרוי. ער פלעגט זיך אָבער נישט צורירן צום עסן, און איך פלעג שוין מוזן אויפעסן אויך זיינע מיטאָגס. כאָטש מאַדאַם פּרץ איז נישט גאָר קיין גרויסע קעכין, אָבער אַז מען זיצט אין תפיסה ליידיק, עסט זיך. אַ מענטש דאַרף דאָך עפּעס טון...

און מיט אַמאָל שטעלט ער זיך אָפּ. קוקט מיר גלייך אין די אויגן און פרעגט זיך זייער ערנסט:

— זאָגט מיר דעם אמת, איר פאַרשטייט אָט די קליינע אַרטיקעלעך מיט די קורצינקע שורותלעך און מיט די פינטעלעך, וואָס פּרץ שרייבט?

— יאָ, איך פאַרשטיי, און מען דאַרף נישט זיין קיין גאון צו פאַר־שטיין וואָס פּרץ שרייבט. ער איז אַ שרייבער ווי אַלע שרייבער, נאָר ער האָט זיין פאָרעם. זיינע מאַניערן און זיין אופן פון שרייבן און אויסדריקן זיך.

ספעקטאָר האָט געקוקט אויף מיר סקעפּטיש. ער איז געווען זיכער, אַז איך זאָג נישט דעם אמת. אָבער אים איז געפעלן געוואָרן דאָס וואָס איך שטעל זיך איין פאַר פרצן...

— דאָס איז פיין, זייער פיין פון אייער זייט.

ער איז נישט געווען קיין קאָפּע־זיצער. ער האָט געהאַט זיינע מיינונ־גען, אָבער זיצן אין קאָפּעס און בטלנען און מבטל זיין שרייבערס האָט ער קיינמאָל נישט גורם געווען.

***

עס איז געקומען דער גרויסער טאָג. די צייטונג האָט באַדאַרפט אַרויס אויף דער וועלט.

און דאָ האָט יאַצקאַן באַוויזן די גרעסטע בריהשקייט. ער האָט די צירקולאַציע פון זיין צייטונג „היינט״ פאַרגרעסערט פון אַכט טויזנט ביז הונדערט טויזנט.

און געטון האָט ער עס מיט דער הילף פון אַ שונד־ראָמאַן, וואָס האָט געהייסן „אין נעץ פון זינד״.

אין אונדזער רעדאַקציע איז געווען ממש תשעה־באב. עס האָט זיך אונדז אַלעמען אויסגעוויזן, אַז יאַצקאַן איז אונדז פאַרלאָפן דעם וועג און צוגענומען ביי אונדז אַלע יידישע לייענער.

און אַזוי האָט עס אויסגעזען פון אויבנאויף — נישטאָ פאַר וועמען אַרויסצוגעבן אַ נייע צייטונג. דער גוטער מרדכי ספּעקטאָר איז אַרומגע־גאַנגען ממש אַ דערשלאָגענער. איך האָב אים קיינמאָל נישט געזען אַזאַ דערשלאָגענעם.

אָבער פאַרפאַלן, אַלץ איז גרייט. אַ ייִד אַ סוחר האָט שוין אַריינגע־לייגט געלט. מען דאַרף עפּעס טון, מען דאַרף קעמפן. מען טאָר דאָך נישט דערלאָזן, אַז אַ שונד־ראָמאַן זאָל פאַרכאַפּן אַלע לייענער.

איך, דער גאָר גרינער אין דער צייטונגס־וועלט, בין אויך אָנגע־שטעקט געוואָרן מיט דעם אַרומיקן שרעק און אָפּהענטיקייט.

מרדכי ספּעקטאָר איז אָבער מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער געקומען אַ באַ־רוזיקטער און אַן אַנטשלאָסענער.

ער אַליין שרייבט אַ ראָמאַן פאַר דער נייער צייטונג. און לאָמיר זען

ווער עס וועט געווינען דעם יִדישן לייענער: יאַקובאָוויטש (דער שרייבער פון ראָמאַן „אין נעץ פון זינד״), צי מרדכי ספּעקטאָר?

יאָ, מרדכי ספּעקטאָר איז געוואָרן אויפגעלייגטער, אָבער נישט די אַרומיקע. די צירקולאַציע פון „היינט״ האָט אַרויפגעוואָרפן אַ מרה־שחורה אויף אַלעמען. אַלע שרייבער זענען אַרומגעגאַנגען ווי אבלים ממש.

אָבער די צייטונג מוז אַרויסגיין און מען מוז אָנגורטן די לענדן און פירן אַ קאַמף אויף טויט און לעבן.

איך האָב זיך אַריינגעוואָרפן אין דער צייטונגס־אַרבעט מיט אַ גוואַל־דיקן ברען. איך האָב געשריבן מיט ברען און עפּעס מיט אַזאַרט.

דער ערשטער נומער איז געווען אַ שלעכטער, ווי אַלע ערשטע נו־מערן. ער איז געווען איבערגעלאָדן מיט שטאָף. אַלץ איז געווען צופיל און אַלץ איז געווען עפּעס ווי אויסגעשאָטן פון אַ זאַק.

ווען איך האָב אין דער פרי דערזען דעם ערשטן נומער, האָב איך אַראָפּגעלאָזן די הענט. איך אַליין האָב נישט געקענט לייענען די צייטונג.

און ספּעקטאָרס ראָמאַן האָט אויסגעזען אין מיינע אויגן, ווי איינער וואָלט געשטאַנען מיט אַ פינגערהוט און געוואָלט אויסלעשן אַ העליש פייער.

איך בין אַוועק אין רעדאַקציע, און דאָרט האָב איך געפונען אַלעמען דווקא אין אַ גאָר געהויבענער שטימונג. מען האָט דעם ערשטן נומער צע־כאַפּט ווי מצה־וואַסער.

ספּעקטאָר איז אַרומגעגאַנגען אַ טריומפירנדיקער. ער איז געווען זי־כער, אַז זיין ראָמאַן און מיינע צוויי אַרטיקלען און בכלל דער גוטער טאָן פון דער צייטונג האָט געפאַנגען דעם בעסערן יִדישן לייענער...

און באמת, די צייטונג איז אַוועק פון אָנהייב גאָרנישט שלעכט.

אַפילו דער געלט־געבער איז געוואָרן אָפּטימיסטישער.

ספּעקטאָר איז נישט איינגעזעסן אין רעדאַקציע. ער איז כסדר אַרויס אין גאַס אויסשפּירן ווי די צייטונג איז אויפגענומען געוואָרן, און ער פלעגט אַלע שעה קומען מיט די פריילעכסטע גרוסן:

— די צייטונג געפעלט דעם עולם.

ער האָט צוריקבאַקומען זיין רויִקייט, זיין גוטן אָפּטימיזם און זיין זיכערקייט און ער האָט מיך, דעם גרינעם, פאַרשטייט זיך, אָנגעשטעקט מיט זיין אָפּטימיזם...

ד"ר א. מוקדוני

אַזוי אַרום איז מיין אָנהייב ווי אַ ציימונגס־מענטש געווען אַ מין הוידע, וואָס האָט זיך דאָ אויפגעהויבן הויך, צום הימל ממש, און דאָ אַראָפּגעפאַלן נידעריק, נידעריקער פון דער ערד...

איך האָב אין מיין לעבן נישט פאַרגעסן דעם גוטן, פשוטן ספּעקטאָר, וואָס האָט מיך כסדר אויפגעמונטערט און כסדר אָנגעשטעקט מיט גוטן אָפּטימיזם.

יאָ, אַ רעדאַקטאָר איז ער געווען גאָר אַ שוואַכער. אַ סך רעדאַקטאָר־רישע אַרבעטן זענען געווען צו־גרויס פאַר זיין קליינער און מאָגערער אינטעליגענץ.

די ערשטע טעג האָט ער זיך געשעמט פאַר מיר און האָט געשפּילט דעם רעדאַקטאָר, אָבער אין צוויי־דריי טעג אַרום האָט ער מיר ביסלעכווייז איבערגעגעבן די מאַנוסקריפּטן און אַ סך אַנדערע פונקציעס פון אַ רע־דאַקטאָר.

איך בין געווען יונג. איך האָב ממש הנאה געהאַט פון שרייבערישער אַרבעט. איך האָב אַלץ געטון שנעל און מיט בריהשקייט.

אין אַ קורצער צייט האָב איך געכאַפּט די גאַנצע צייטונגס־תורה און בין געוואָרן ממש דער לעבעדיקסטער מיטאַרבעטער אין דער צייטונג.

און דער גוטער ספּעקטאָר האָט זיך באַרימט און מיט רעכט, אַז ער האָט מיך אַנטדעקט. ער האָט אַ חוש, ער דערשמעקט אַ שרייבער פאַר אַ מייל...

איך האָב זיך אויפגעהערט צו אינטערעסירן מיט דער מאַטעריעלער לאַגע פון דער צייטונג, איך בין פאַרכאַפּט געוואָרן פון דער אַרבעט אין צייטונג. זי האָט מיך פאַרשיכורט ממש.

מיין פרוי מיטן קינד אונדזערן זענען אַוועקגעפאָרן אין דער שווייץ. מיין פרוי האָט באַדאַרפט פאַרענדיקן איר שטודיום פון מעדיצין, און איך בין געבליבן אַ פרייער פויגל, צוריק אַ בחור, אָבער מיט פאַראַנטוואָרטלעכ־קייטן פאַר אַ צייטונג און פאַר אַ פאַמיליע.

איך בין שנעל געוואָרן אַ פּאָפּולערער צייטונגס־מענטש, דערהויפּט ווען איך האָב אָנגעהויבן שרייבן סיסטעמאַטיש וועגן טעאַטער.

איך האָב געזען און געפילט אַרום מיר אַ וועלט מיט לעבעדיקע לייע־נער, וואָס ווילן לייענען, וואָס לייענען אַלץ מיט גרויסער נייגעריקייט.

אַ צייטונג איז נאָך אַלץ געווען אַ נייע דערשיינונג ביי ייִדן אין פּוילן. זי האָט געריצט די נייגעריקייט פון דעם נייעם ייִדישן לייענער אין פּוילן.

דער שרייבער איז געוואָרן אַ מין רבי, אַ נייער רבי, וואָס נעמט נישט קיין קוויטלעך און קיין פּדיונות, גיט נישט קיין ברכות און קיין עצות, אָבער ער לערנט, ער זאָגט עפּעס נייעס, עפּעס שיינס און עפּעס פייער־דיקס.

און דאָס יונגע חסידל איז געוואָרן אַ חסיד פון שרייבער.

און ווען אַ שרייבער איז אַרויס אין גאַס, האָבן זיך יונגע מענטשן און אַפילו מיטליעריקע ייִדן אָפּגעשטעלט און געקוקט אויף אים מיט דרך־ארץ און באַוווּנדערונג.

דער שרייבער האָט געלעבט אין אַ וואַרעמער, היימישער אַטמאָספער. עס איז געווען כסדר אַ לעבעדיקער קאָנטאַקט צווישן אים און דעם לייענער.

די יונגע לייענער טראָגן אין זייערע קעשענעס אַרטיקלען פון זייערע באַליבטע שרייבער. זיי לייענען און איבערלייענען זיי פאַר די, וואָס האָבן זיי נישט געלייענט.

איר האָט נישט געשריבן פאַר אַ געאָמעטרישן לייענער, — ניין, איר האָט געזען דעם לייענער. ער פלעגט קומען אין רעדאַקציע, ער פלעגט קומען אויף אַרויסטרעטונגען פון שרייבער.

און יונג זענעןביידע געווען, סיי דער לייענער און סיי דער שרייבער, און ביידע האָבן זיך גוט פאַרשטאַנען, און ביידע האָבן געהאַט אַכטונג איינער פאַרן אַנדערן.

עס איז דאַן געווען נאָך אַלץ דער האָניק־חודש פון דער ייִדישער פּרעסע אין פּוילן...

***

נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה איז ספּעקטאָר געקומען אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

האָט ער זיך דאָ געפילט זייער עלנט און זייער דערשלאָגן. ער איז פון דער וואַרעמער ייִדישער וואַרשע אַריינגעפאַלן אין אַ פרעמדער, קאַל־טער וועלט.

ער האָט באַקומען, ווי יעדער אַמעריקאַנער, דעם מאוימדיקן פּחד פאַרן מאָרגן. דער מאָרגן אין אַמעריקע איז מוראדיק נישט זיכער, און יעדער טוט עפּעס צו באַוואָרענען דעם מאָרגן, דער מיט באַנק־ביכלעך, מיט „סטאָק", מיט „באָנדס", און דער עיקר מיט „אינשורענס".

און איינמאָל זענען מיר אַרויס מיט אים פון אַ פאָרשטעלונג אין אַ יידישן טעאַטער, האָט ער מיר עפּעס שעמעוודיק געפרעגט:

— אפשר ווען מיר אַריין עפּעס אַ ביס טון, אָדער אַ טרונק טון?

און שוין אין רעסטאָראַן האָט ער זיך געקלאָגט פאַר מיר, אַז מען האָט דאָ אים געמאַכט אַ נאָמען פון אַ פּרעסער.

— וואָס פאַר אַ פּרעסער בין איך? — האָט ער געפרעגט באַליידיקט.

און די דאָזיקע פראַגע האָט ער געפרעגט זיצנדיק איבער אַ טעלער מיט קעז־בלינצעס, און געווען איז עס נאָך צוועלף ביינאַכט...

ער איז דאָ געשטאָרבן עפּעס אומבאַמערקט, דער גוטער, פּשוטער מרדכי ספּעקטאָר.

3

ביים געבורט פון דער ייִדישער געלער פרעסע

מיר איז געווען באַשערט צו זען מיט מיינע אויגן ממש דעם געבורט פון דער ייִדישער געלער פרעסע אין וואַרשע.

ה. ד. נאָמבערג האָט מיך אין אַ פּרייטיק אין דער פרי גענומען אין דער רעדאַקציע פון דער העברעיִשער צייטונג „הבוקר", אין וועלכער ער האָט מיטגעאַרבעט, צו באַקענען מיך מיט דוד פרישמאַן, דעם רעדאַקטאָר.

די רעדאַקציע פון „הבוקר" איז געווען אין אַ הויף אויף כלאָדנע 8.

אין דעמזעלביקן הויף איז אויך געווען די רעדאַקציע פון „הײנט" און פון אַ קליין קאָפּיקע־צײטונגל „טאָגעבלאַט".

ווי מיר זענען אַריין אין הויף האָבן מיר זיך אָנגעשטויסן אויף אַ גאַנצער מחנה צעפּלאָשעטע, צעטומלטע, פאַרשוויצטע און פאַרהאַוועטע ייִדן.

די ייִדן האָבן זיך געשטויסן און געריסן צו אַן אריינגאַנג, פון וועלכן עס האָבן זיך אין דערזעלביקער צייט אַרויסגעשאָטן ייִדן מיט בינטלעך צייטונגען און מיט פלִיִענדיקע לאַנגע פּאָלעס פון זייערע לאַנגע סורדוטן, האָבן זיך אַרויסגעלאָזן אין גאַס און געשריִען ווי באַנומענע.

פרעמד איז מיר נאָך געווען דער פּוילישער ייִדיש און איך האָב נישט גוט זיך פאַנאַנדערגעקליבן אין זייערע היסטערישע אויסגעשרייען.

ד״ר א. מוקדוני

אין הויף איז געשטאַנען אַזאַ טומל, אַז איך האָב נישט געהערט נאָמ־בערגס דערקלערונגען וועגן טומל.

ער האָט מיך פאַרן אַרבל אַריינגעשלעפּט אין דער אָרעמער רעדאַק־ציע פון „הבוקר״ און האָט זיך געשטעלט מיט מיר ביי אַ פענצטער, וואָס איז אַרויס צום הויף צו זען דעם אַנגעלאָף פון מענטשן.

און דאָ ביים פענצטער האָט מיר ה. ד. נאָמבערג אַריינגעפירט אין דער טרויעריקסטער היסטאָרישער געשעעניש — אין דעם געבורט פון דער יידישער געלער פרעסע.

ש. י. יאַצקאַן און זיינע צוויי פיינע אינטעליגענטע און סאָלידע שותפים, די ברידער נוח און נחמיה פינקעלשטיין, האָבן אַרויסגעגעבן אַ קליין קאָ־פּיקע־צייטונגל, אויפן מוסטער פון דער געלער רוסישער צייטונג „גאַזעטאַ קאָפּייקאַ״ (קאָפּיקע־צייטונג).

אַ קאָפּיקע איז געווען די צווייטע קלענסטע מטבע אין דעם רוסישן געלט־סיסטעם. פריער איז געקומען דער גראָשן, דערנאָך די קאָפּיקע.

די „גאַזעטאַ־קאָפּייקאַ״ איז געווען אַ געל צייטונגל, אַ קוויטשיקס, אַ טומלדיקס און אַ סענסאַציאָנעלס.

און פונקט אַזאַ איז געווען יאַצקאַנס טאָגבלעטל — אַ קוויטשיקס, אַ טומלדיקס און אַ סענסאַציאָנעלס.

און דאָס קליינע צייטונגס־ממזרל האָט אָנגעריסן, דאָס בלעטל איז אַוועק גוט.

אָבער יאַצקאַן, דער רעדאַקטאָר פון דעם בלעטל, האָט געהאַט גרע־סערע השגות, האָט אָנגעהויבן אַרויסגעבן ביי דער זייט פון דעם קליינעם בלעטל אויך אַ גרעסערע צייטונג מיטן נאָמען „היינט״ .

איז די גרעסערע צייטונג, דער „היינט״ אויך געווען קוויטשיק, טומל־דיק און שרייענדיק. אָבער צוויי קוויטשיקע צייטונגען, איינע אַ ביליקע און די אַנדערע אַ טייערע, איז די ביליקערע געגאַנגען און די טייערע איז נישט געגאַנגען.

מיט אַ טאָג פריער, ווען איך האָב געקויפט אַ „היינט״, האָט די דאָ־זיקע צייטונג געהאַט אַרום און אַרום אַכט טויזנט לייענער.

אָבער יאַצקאַן, דער רעדאַקטאָר פון דיביידע צייטונגען האָט נישט

גערוט. ער האָט שוין פאַרזוכט דעם טעם פון דערפאָלג און ער האָט נישט געקענט אָננעמען אַזאַ נידערלאַגע, אַזאַ מפּלה, נאָך אַזאַ דערפאָלג.

האָט ער געקראָגן אַ שרייבער, וואָס האָט זיך אונטערגענומען צו שרייבן פאַר אים אַ שונד־ראָמאַן.

דער שרייבער האָט געהייסן יאַקובאָוויטש, אַ ייִדישער און העברעי־שער שרייבער.

אָבער יאַצקאַן איז געווען אַ שותף צום ראָמאַן. ער האָט געהאַט אַזאַ טשעקאַוון איינפאַל, — דער ראָמאַן מוז האָבן אַ וואַרשעווער העלדין, אין ראָמאַן דאַרף אָנגעגעבן ווערן דער אַדרעס פון דער העלדין אפילו, און בכלל דאַרף דער ראָמאַן זיין דורכויס וואַרשעוועריש.

באַקומען דעם ראָמאַן, האָט יאַצקאַן געלאָזן אָפּדרוקן די ערשטע 16 זייטלעך, ווי אַ ביילאַגע צום „היינט". דעם אָנהייב פון ראָמאַן באַקומט דער לייענער אומזיסט, ווי אַ קליין ביכעלע, און דאָס ווייטערדיקע וועט ער שוין געפינען אין דער צייטונג גופא.

און דער שלימזלדיקער „היינט" וואָס האָט געהאַט אַ צירקולאַציע פון אַכט טויזנט, האָט זיך דעם ערשטן טאָג אַ הייב געטון ביז קאַרגע הונדערט טויזנט.

פון וואַרשע האָט זיך ווי אַ פייער צעטראָגן דער דערפאָלג פון „היינט" איבער גאַנץ פוילן, ליטע און אַנדערע געגנטן, ווו ייִדן האָבן געלעבט.

דער ראָמאַן האָט געהייסן „אין נעץ פון זינד" און די העלדין האָט געהייסן בערטאַ.

אויף די ערשטע צוויי זייטלעך ווערט די העלדין בערטאַ פאַרפירט פון אַן אָרעמען טייוול, און באַלד הייבט זיך אָן בערטאַס פאַלן. זי ווערט אַ פּראָסטיטוטקע דע־לוקס.

און די פאַרפירעניש און דאָס פאַלן איז באַשריבן געוואָרן מיט גע־דיכטע און שטאַרק רעאַליסטישע פאַרבן.

עס איז אָנגעגעבן געוואָרן דער אַדרעס פון דער דאָזיקער בערטאַ, וואָס איז אַריינגעפאַלן אין נעץ פון זינד. עס איז געווען דער נומער פון הויז, די גאַס און דער טייל פון שטאָט.

דאָס אַלץ האָט צוגעגעבן דעם ראָמאַן עפּעס אַזוינס, וואָס איז נייעס,

עפּעס וואָס האָט פּאַסירט באמת, און דער לייענער קען עס פעסטשטעלן אַליין, אויב ער וויל.

הכלל — עס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן ווי אַן אמתע פּאַסירונג.

און אין יענעם פּרייטיק אינדערפרי, ווען איך בין געגאַנגען מיט ה. ד. נאָמבערגן אין דער רעדאַקציע פון „הבוקר״, האָב איך, הייסט עס, געזען מיט מיינע אייגענע אויגן דעם געבורט פון דער געלער יידישער פּרעסע.

איך און נאָמבערג, דערנאָך פרישמאַן זענען געשטאַנען ביים פענצ־טער, וואָס גייט אַרויס אין הויף, ממש דערשלאָגענע, פאַרצווייפלטע און פאַרביטערטע.

אַפילו נאָמבערג, דער סקעפּטיקער און דער מהיכא־תיתיניק, איז גע־שטאַנען אַ בלייכער און צוגעקוקט ווי אַ געוואַלדיקע מחנה פון יידן, יידן מיט לאַנגע קאַפּאָטעס, מיט לאַנגע טלית־קטנס האָבן זיך געריסן ממש מיט מסירת־נפש צו באַקומען וואָס אַ גרעסערן פּעקל צייטונגען מיט דער 16־זייטיקער ביילאַגע פון אַ ראָמאַן מיטן נאָמען „אין נעץ פון זינד״, און באַקומענדיק די פּעקלעך זענען זיי צעפלאָשעטע מיט פלינענדיקע לאַנגע פּאָלעס אַרויסגעלאָפן אין גאַס מיט ווילדע קולות.

און יידן זענען זיי באַפאַלן און צעכאַפּט די צייטונגען, און דער פאַר־קויפער איז צוריקגעקומען באַלד און האָט זיך געריסן מיט מסירת־נפש צו באַקומען נאָך אַ פּעקל צייטונגען.

דער זונטיקדיקער נומער „היינט״ איז שוין געדרוקט געוואָרן אין הונדערט טויזנט עקזעמפּלאַרן.

און די שטויסעניש אין הויף אויף כלאָדנע 8 איז געוואָרן נאָך גרע־סער און גרעסער.

און דער „היינט״ איז געוואָרן די ערשטע יידישע צייטונג מיט אַ גרוי־סער צירקולאַציע.

מיט אַכט טעג שפּעטער האָט מען מיך פאַרגעשטעלט פאַר יאַצקאַנען, דעם העלד פון דער ערשטער געלער פּרעסע ביי יידן.

ער האָט אויסגעזען גאָרנישט העלדיש, דער העלד פון דער יידישער געלער פּרעסע. אַ ישיבה־בחור, אַ בית־המדרשניק איז געשטאַנען פאַר מיר.

אַ שטשופּלער מענטשל מיט אַ בלאָנד בערדל, מיט אַ נערוועז געזיכט און מיט אומרויִקע ישיבה־בחורישע באַוועגונגען.

ער האָט טרײַומפּירט אָפּן. ער האָט נישט באַהאַלטן זײַן שטאָלץ מיטן געוואַלדיקן דערפאָלג.

אין אַ טאָג, אָדער צוויי שפּעטער בין איך פאַרגעשטעלט געוואָרן פאַר יאַצקאַנס צוויי שותּפים, די צוויי ברידער פינקעלשטײַן, און מײַן איבער־ראַשונג איז געווען גרויס, אַזוי גרויס, אַז זי איז געלעגן אויסגעגאָסן אויף מײַן פּנים.

פאַר מיר זענען געשטאַנען פײַנע אײראָפּעיִש־ייִדישע מענטשן, ממש דזשענטללײט.

און אויף זייער געזיכט איז נישט געווען קיין שפּור פון זיג, פון טרי־אומף. זיי האָבן זיך אַפילו עפּעס ווי געשעמט, זיי איז געווען נישט אָנגענעם די פּאָפּולאַריטעט צוליב אַ שונד־ראָמאַן, וואָס האָט אַ הויב־געטון די צירקולאַציע פון זייער אָרעמער צײַטונג „הײַנט" צו אַ משוגענער הויך.

דער פאָטער פון דער געלער ייִדישער פּרעסע איז געווען טאָקע יאַצ־קאַן און נישט זײַנע צוויי שותּפים, די פינקעלשטײנס. זיי האָבן צו דער רעדאַקציע נישט געהאַט קיין שייכות. זיי האָבן בלויז געפירט די געשעפט־לעכע זײַט פון דער צײַטונג.

באַלד האָט זיך דאָס קלײנע בלעטל „טאָגעבלאַט" פאַרמאַכט און דער „הײַנט" איז געוואָרן די אײנציקע צײַטונג יאַצקאַנס און די פינקעלשטײנס.

ש. י. יאַצקאַן איז געווען אַ דורכויס ייִדישער מענטש, אַ שטיקל לער־נער, אַ שטיקל העברעער. ער פלעגט דאָ און דאָרט אָפּדרוקן אַן אַרטיקל אין „הצפירה", און אַלע זײַנע אַרטיקלען האָבן זיך נישט אויסגעצײכנט מיט קיין זאַך, נאָר בלויז מיט אַ קוויטש.

דאָס געלע צײַטונגס־קוויטשל איז אים, יאַצקאַנען, אַפּנים געלעגן אין בלוט.

די ייִדישע פּרעסע איז ביז אים געווען פרום און כשר.

„דער פרײַנד", וואָס פלעגט אַרויס אין פּעטערבורג, איז געווען אַ סאָלידע, ערלעכע און ביז גאָר ערנסטע ייִדישע צײַטונג.

און די דאָזיקע ערנסטע ערלעכע און סאָלידע צײַטונג האָט געהאַט אַ גרויסן דערפאָלג, אָבער אַ שטילן און אַ סאָלידן דערפאָלג. „דער פרײַנד"

האָט געבויט זיין עקזיסטענץ בלויז אויף אַבאָנענטן, נישט אויפן איינצל־פאַרקויף.

פעטערבורג איז געווען ווייט פון דער ייִדישער פּראָווינץ, אָדער פון דעם ייִדישן תחום־המושב, האָט יעדער אויסגעשריבן די צייטונג.

„דער פריינד" איז געווען אַ רייכע צייטונג. דער אַרויסגעבער איז געווען אַ רייכער פּעטערבורגער ייִדישער סוחר, אַ ציוניסט, אַ סאָלידער מענטש, און די רעדאַקטאָרן זענען געווען אַזעלכע מענטשן ווי ד"ר י. לוריא, שאול גינצבורג, דער היסטאָריקער, שפּעטער שמואל ראָזענפעלד.

די אַנדערע צייטונגען, וואָס פלעגן אויפקומען און זיך פאַרמאַכן, זע־נען געווען לייכטערע, אָבער אַלץ סאָלידע, ערלעכע און שטילע צייטונגען.

ש. י. יאַצקאָן, אַט דער ליטווישער ישיבה־בחור, האָט געבראַכן די טראַדיציע, די גוטע טראַדיציע פון דער ייִדישער פּרעסע.

יעדע צייטונג, וואָס האָט זיך געעפנט נאָך יאַצקאָנס דערפאָלג האָט געמוזט זיין סענסאַציאָנעל, געל און קוויטשיק.

יעדע נייע צייטונג האָט ממש געריסן דעם לייענער פאַר די פּאָלעס, אים געשלעפּט ווי אַ מאַרק־סעדיכע פאַרן אַרבל אין זייער קרעמל אַריין.

אין דער קליינער גרופּע ייִדישע שריפטשטעלער, מיט וועלכער איך האָב זיך באַקאַנט, האָט געהערשט ממש יאוש.

דער איינציקער, וואָס האָט זיך באַלד באַרויִקט, איז געווען ה. ד. נאָמבערג.

דוד פרישמאַן פלעגט ממש זיך קאָכן ווי אַ קעסל אונטערן פייער.

***

יאַצקאָן איז געוואָרן דער ייִדישער צייטונגס־מאַגנאַט.

צו זיין גליק האָט ער געהאַט צוויי גאָר אנשטענדיקע שותפים, און דאָס וואָס ער האָט געטון צו דערנידעריקן די ייִדישע צייטונג, האָבן זיי, די נישט־שרייבער, די סוחרים, געטון, צו האַלטן די צייטונג כאָטש סוחריש אויף אַ הויכן ניווא.

יאַצקאָנס געלע צייטונג האָט אַזוי אַרום געהאַט צוויי פּנימער, איינס אַ גאַסיק און דאָס אַנדערע אַ סאַלאָן־פּנים.

אין דער רעדאַקציע איז יאַצקאָן געווען דער רעדאַקטאָר.

ער האָט מיט קיינעם די מאַכט זיינע נישט געטיילט.

די ציימונג האָט געהאַט פּראַקטישע געהילף־רעדאַקטאָרן, אָדער ווי מען רופט זיי אין אַמעריקע פאַרוואַלטונגס־רעדאַקטאָרן, אָבער זיי האָבן גענומען אינסטרוקציעס פון יאַצקאַנען.

דער „היינט״ איז געוואָרן אַ רייכע ציימונג, די ערשטע יידישע רייכע ציימונג אין איראָפּע.

און ווען יאַצקאַן איז געוואָרן זיכער מיט זיין דערפאָלג, פלעגט ער איינלאַדן די בעסטע שרייבער פאַר מיטאַרבעטער אין „היינט״.

דוד פרישמאַן איז געווען אַ מיטאַרבעטער פון „היינט״, ה. ד. נאָמבערג איז געווען אַ מיטאַרבעטער, אַפילו פּרץ איז אַ צייט געווען אַ מיטאַרבעטער פון „היינט״.

אָבער מערקווירדיק, קיינער פון די מיטאַרבעטער האָט נישט אַרויפגעלייגט זיין שטעמפּל אויף דער ציימונג, דעם שטעמפּל האָט אַרויפגעלייגט יאַצקאַן.

דער „היינט״ האָט געקענט האָבן די בעסטע מיטאַרבעטער, אָבער זי איז געבליבן יאַצקאַניש־געל, יאַצקאַן האָט געוואַכט איבער דער געלקייט פון דער ציימונג ווי איבער אַן אבן־טוב, און די געלקייט פון „היינט״ איז געווען טאַקע דער אמתער אבן־טוב.

אָבער ווי אַלע יידישע גליקן זענען אויך געווען די יידישע ציימונגס־גליקן. עס איז געקומען אַ יידישער צורר און האָט עס ממש אַוועקגעבלאָזן.

עס איז געקומען די ערשטע וועלט־מלחמה.

דער צאַר האָט פאַרמאַכט אַלע יידישע ציימונגען און דעם רייכן „היינט״ אויך.

נאָך דער מלחמה האָט זיך דער „היינט״ ווידער געעפנט. ער האָט זיך געעפנט אונטער דער פּוילישער פאָן.

דער „היינט״ איז שוין אָבער קיינמאָל נישט געווען אַזוי רייך ווי אַמאָל.

ראשית האָבן אַנדערע געכאַפּט דעם שניט און זענען געוואָרן פּונקט אַזוי געל ווי דער „היינט״.

און צווייטנס זענען אָנגעשטאַנען שווערע און ביטערע צייטן פאַר יידן. מען האָט געמוזט זיין ערנסט. באַיקאָט, פּאָגראָמען, אַרבעטסלאָזיקייט.

די יידישע עקאָנאָמישע לאַגע איז געוואָרן אַ שווערע, און ווער עס האָט נאָך געהאַט די מעגלעכקייט האָט זיך געראַטעוועט פון פוילן.

יאַצקאַן האָט געעפנט אַ צייטונג אין פּאַריז, אויך אַ „היינט״. קיין גרויסע גליקן האָט זי נישט געמאַכט. דאָס ביסל יידן אין פּאַריז האָט נישט געקענט רייך מאַכן אַ צייטונג.

יאַצקאַן איז ביסלעכווייז אַראָפּ און אַראָפּ פון זיין גדולה.

איך האָב אים באַגעגנט אין פּאַריז אין דעם סוף פון די דרייסיקער, ער האָט אויסגעזען אַלט און גאָרנישט אַזוי האָפערדיק.

ער איז געווען פריער אין אַמעריקע, געוואָלט אַ קוק טון צי איז אַמעריקע דער פּלאַץ פאַר אים צו מחדש זיין זיין יוגנט כקדם.

אָבער די אַמעריקאַנער רעדאַקטאָרן, האָט ער אויסגעפונען, קענען אים אויסטרייסלען פון אַרבל.

זיי קענען די מלאכה אַזוי גוט ווי ער, האָט ער איינגעזען.

און וואָס אַ יאָר אַלץ אויסגעלאָשענער און אויסגעלאָשענער איז ער געוואָרן.

און יעקב פישמאַן, דער פאַרוואַלטונגס־רעדאַקטאָר פון „מאָרגן־זשור־נאַל״ האָט מיר בסוד דערציילט, ווען ער איז געקומען פון זיינער אַ רייזע איבער אייראָפּע, אַז ער האָט באַגעגנט יאַצקאַנען אינגאַנצן אַ צעבראָכענעם מענטשן.

און שוין גאָר בסוד האָט ער מיר דערציילט:

— יאַצקאַן איז געקומען צו מיר אין האָטעל און האָט געבעטן איך זאָל אים לייען, אָדער געבן דריי הונדערט דאָלאַר און איך האָב אים געגעבן. און מיר האָבן ביידע נישט געקענט קוקן איינער דעם אַנדערן אין די אויגן. ער, יאַצקאַן, איז אַוועק פון מיין האָטעל־צימער ווי אַ גנב, וועלכן מען האָט געכאַפּט ביי דער האַנט.

***

דער סוד פון יאַצקאַנס דערפאָלג לאָזט זיך דערקלערן ביז גאָר פּשוט:

ווען יאַצקאַן האָט זיך באַוויזן אין דער יידישער צייטונגס־וועלט איז דער יידישער לייענער געווען דער נאַיוויסטער אין דעם פּרט פון צייטונגס־געברויך.

די יידישע צייטונג איז פאַר אים געווען אינגאַנצן אַ נייעס. ער האָט זי ערשט אָנגעהויבן צו לייענען. ער האָט נישט געקענט אונטערשיידן פון איין צייטונג ביז דער אַנדערער.

דאָס ביסל בעסער'ע לייענער זענען געווען די לייענער פון דער העב־רעישער פרעסע, וואָס זענען אויך געווען די לייענער פון דער יידישער פרעסע.

אָבער דער העברעישער לייענער איז געווען אַ בטלן. די העברעישע פרעסע האָט אים געהאַלטן אין גאָר אַן אַנדער וועלט.

נחום סאָקאָלאָוו אַ גוט העברעיש ווערטל, סאָקאָלאָוו אַ חכמהלע, אַ זאָגעלע איז געווען דער עיקר ביי אים.

אַלכסנדר צעדערבוים, דער רעדאַקטאָר פון „המליץ", איז געווען אַ פשוטער מענטש, אָבער ער האָט געהאַט אַ שאַרפן חוש פון אַ צייטונגס־מענטש, אָבער העברעיש האָט אים געבונדן, העברעיש האָט געמאַנט חכמת־ישראל, העברעיש האָט געמאָנט מאמריסטיק, אַרטיקלען מליצהדיקע שפּראַכלעך און אינהאַלטלעך.

איינער, פרידמאַן, האָט געפּרוווט אַרויסגעבן אַ היינטוועלטיקע העב־רעישע צייטונג, דעם „הצופה". דער רעדאַקטאָר איז געווען אַ פּאַריזער יידישער קאָרעספּאָנדענט, ליודוויפּאָל.

האָבן זיך די פּאַריזער צייטונגס־מאַנירן עפּעס נישט צוגעפּאַסט צו העברעיש און צום העברעישן לייענער, און די צייטונג האָט זיך פאַרמאַכט.

אַזוי אַרום איז דער יידישער לייענער געווען ווייט אייגנטלעך פון אַ צייטונג, פון אַן אמתער צייטונג.

ש. י. יאַצקאַן איז אַליין געווען אַ יידישער פאָלקס־מענטש.

אַ שטילער ישיבה־בחור כל ימיו, האָט ער געהאַט אַ חוש פאַר ציי־טונגס־שטאָף, אָבער דער חוש איז געווען נישט קיין ראַפינירטער, ער איז געווען אין עצם אַ האַמעטנער, אַ ישיבה־בחורישער.

ער האָט זיך אָבער געקענט צוזאַמענרעדן מיטן אָנפאַנגער־לייענער, אָדער מיטן דרדקי־לייענער, און דאָס האָט אים געפירט צום סאַמע פּריי־מיטיוון שונד און געלקייט.

דער יידישער לייענער האָט אָבער גיך געכאַפּט דעם גייסט פון אַ

ציַיטונג, דער יידישער לייענער איז געווען אפשר פּעיִקער פון יאַצקאַנען אַליין.

און זיין ירידה איז געווען אַזוי שנעל ווי זיין עליה.

נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה איז דער „היינט" געווען סאָלידער, ווייניקער שרייענדיק, ווייניקער סענסאַציאָנעל, דער לייענער האָט עס אפּנים געפאָדערט.

אָבער פאַר דער צייט, ווי געזאָגט, זענען אויפגעקומען אַנדערע צייַ־טונגען, און שוין אַזעלכע בריות ווי ער, ער האָט שוין נישט געקענט פאַר־כאַפּן אַלע לייענער, ער האָט באַקומען דעם טייל לייענער, וואָס איז אויס־געפאַלן אויף זיין חלק.

און אין אַ בעסערן „היינט" איז זיין מאַכט געווען קליין.

די הויפּט־ראָליע האָבן איבערגענומען די פינקעלשטיינס.

די שרייבער־משפחה אין וואַרשע איז געוואָרן גרעסער און סאָלידער. געווען יידישע ציַיטונגס־שרייבער דעפּוטאַטן אין סיים.

און מען האָט זיך מיט זיי נישט געקענט שאַפן.

זיי האָבן, אגב, געבראַכט דעם לייענער. דער לייענער האָט געזוכט זיינע שרייבער אין ציַיטונג. האָט דער שרייבער באַקומען די גרויסע דעה און די גרויסע ווירקונג אויף דער ציַיטונג.

***

איך וועל קיין מאָל נישט פאַרגעסן דעם געבורט פון דער געלער פּרעסע.

הונדערטער טויזנטער יידן האָבן טאָג־טעגלעך געקויפט דעם „היינט" אויסצוגעפינען וואָס עס הערט זיך מיט דער אומגליקלעכער בערטאַ.

און עטלעכע יאָר נאָכאַנאַנד איז בערטאַ, וואָס איז אַריינגעפאַלן אין דער נעץ פון זינד, געווען דער ציַיטונגס־שטאָף וועלכן די לייענער האָבן געלייענט.

ביים אָנהייב פון דעם ראָמאַן האָבן זיך יידן אַ לאָז געטון אויפן אַדרעס, וואָס איז אָנגעגעבן געוואָרן אין ראָמאַן, צו כאַפּן אַ קוק אויף דער אויס־געגליטשטער בערטאַ, אָבער יאַצקאַן האָט זיך געכאַפּט און האָט זי גיך אַרויסגעפירט פון וואַרשע...

אין וואַרשע און אין לאָדזש

און די מעשה מיט בערטאַ איז געווען ביז גאָר פּרימיטיוו. זי איז כסדר אַריבער פון איין געליבטן צום אַנדערן, און מיט יעדן געליבטן האָט זי דורכגעמאַכט דאָס נעמלעכע.

ביי וועמען אין שלאָף־צימער איז די דאָזיקע בערטאַ נישט אויס־געווען. זי איז אַפילו אַריינגעפאַלן צום סולטאַן אין האַרעם.

און ווען עס זענען שוין מער נישט געווען קיין שלאָף־צימערן איז דער ראָמאַן אָפּגעשטעלט געוואָרן און אַן אַנדער ראָמאַן פון דעם זעלביקן מחבר האָט פאַרנומען דאָס אָרט פון „די נעץ פון זינד״.

אָבער קיין ראָמאַן האָט שוין נישט געהאַט אַזאַ דערפאָלג — איין מאָל האָבן זיך יידן באַנאַרישט.

דער ראָמאַן האָט אויפגעהערט צו שפּילן אַזאַ גרויסע ראָלע. האָט מען געזוכט אַנדערע מיטלען. מען האָט געפּלעט „פּרעמיעס״ און אַנדערע זאַכן, ביז דער לייענער האָט אָנגעהויבן פאָדערן גוטע שרייבער און גוטע, אמתע נייעס.

4

„די נייע וועלט" און י. ד. בערקאָוויטש

„די נייע וועלט", ספעקטאָרס צייטונג, האָט ענדלעך אָנגעהויבן צו דערשיינען.

עס איז געווען אַן אָרעם צייטונגל, פיר זייטלעך בלויז, זונטיק זעקס, אָדער העכסטנס 8 זייטלעך.

די רעדאַקציע איז באַשטאַנען פון צוויי צימערלעך, איינס אַ גרעסערס און דאָס אַנדערע, דעם רעדאַקטאָרס צימער, אַ קלענערס.

מיטאַרבעטער האָט די צייטונג געהאַט אַרום און אַרום פיר: ספעק־טאָר, איך און נאָך צוויי נייעס־שרייבער.

קיין אייגענע זעצעריי און דרוקעריי האָט די צייטונג נישט געהאַט. דעם געשריבענעם מאַטעריאַל פלעגט מען אַוועקטראָגן אין אַ פרעמדער זעצעריי און דאָס אויסגעזעצטע אין אַ פרעמדער דרוק־מאַשין.

עס איז געווען אַן אָרעמענקע און ביז גאָר קאַרגע אונטערנעמונג.

איך האָב געאַרבעט פאַר דריי. די גאַנצע אַרטיקלען־שרייבעריי איז אַרויפגעוואָרפן געוואָרן אויף מיר. די אַרבעט האָט מיך פאַרכאַפּט. איך פלעג אַרבעטן שנעל, און מיר איז געבליבן גענוג פרייע צייט צו באַזוכן טעאַטערס, דערהויפּט יידישע, צו זיצן מיט קאָלעגן אין אַ באַקאַנטער קאַפע אויף מאַרשאַלקאָווסקאַ. דאָרט פלעג איך שטענדיק טרעפן ה. ד. נאָמ־בערגן און אברהם רייזענען. שלום אַש פלעגט זיך אַראָפּלאָזן ווי אַ שטורעם, אויסטרינקען אין צוויי זופּן אַ קאַפע און פאַרשווינדן.

אַט דער צעשאָטענער מענטש האָט אָפּגעטון פּינקטלעך זיין אַרבעט און איז געוואָרן פריי ווי אַ פויגל.

דאָס אָרעמע צייטונגל ספּעקטאָרס איז צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן שטיל, רויק, אָן קולות און געוואַלדן און קיינער איז עפּעס נישט געווען פאַרהאַוועט און פאַרשמייעט.

איך האָב אָנגעהויבן שרייבן טעאַטער־קריטיק און בין אַריינגעצויגן געוואָרן אין דעם טעאַטער־וועלטל, אין אַ נערוועז, אַ צעטומלט און צע־שויבערט וועלטל.

אָבער וועגן דעם — אין די שפּעטערדיקע קאַפּיטלען.

מרדכי ספּעקטאָר האָט געזוכט איין גרויסן נאָמען פאַר זיין צייטונג. ער האָט מיט אַלע כוחות געזוכט אריינצוציִען שלום עליכמען ווי אַ מיט־אַרבעטער.

אָבער שלום עליכם איז געווען אַ שווערער בעל־דבר מיט צו גרויסע האָנאָראַר־השגות, וועלכע די צייטונג האָט נישט געקענט, אָדער זיך גע־שראָקן נאָכצוקומען.

אָבער ספּעקטאָר האָט זיך נישט מייאש געווען. ער האָט געשריבן, טעלעגראַפירט, געשושקעט זיך מיטן געלט־געבער, געעצהט זיך מיט מיר.

און ענדלעך האָט ער באַקומען שלום עליכמען. שלום עליכם איז גע־וואָרן אַ מיטאַרבעטער אין דער „נייער וועלט". אָבער אַ חוץ די שווערע פאַר דער צייטונג האָנאָראַר־באַדינגונגען, האָט שלום עליכם געשטעלט נאָך אַ באַדינג, און נעמלעך — זיין איידעם, י. ד. בערקאָוויטש, דאַרף ווערן אַ מיטאַרבעטער אין דער צייטונג.

און אין אַ שיינעם פרימאָרגן האָט זיך אַראָפּגעלאָזן י. ד. בערקאָ־וויטש אין רעדאַקציע.

איך האָב דערזען פאַר זיך אַ יונגן מענטשן מיט די באַוועגונגען און מיט דער אַפּאַטיע פון אַ זקן. ער איז עפּעס געבוירן געוואָרן אַ זיבעציקער.

ער האָט באַדאַרפט זיין דער פעליעטאָניסט פון דער צייטונג, אָבער איר האָט ביי אָט דעם הומאָריסט נישט געקענט אַרויסבאַקומען אַ שמייכל. דאָס פּנים פאַרגליווערט, די אויגן עפּעס פאַרגלעזערטע, די הענט אויפן בויך איז ער געגאַנגען לאַנגזאַם, גערעדט לאַנגזאַם און זיך באַוויגן לאַנג־זאַם.

ער האָט שטענדיק געהאַט דאָס אויסזען פון איינעם, וואָס אַט־אַט באַגייט ער זעלבסטמאָרד אייך אויף די אויגן.

מרדכי ספּעקטאָר האָט אים באַזעצט אין זיין צימערל, און ער האָט אָנגעהויבן שרייבן.

עס איז עלף, עס איז צוועלף, מען גייט מיטאָג־עסן, מען קומט צוריק, עס איז איינס, צוויי, דריי, פיר אַ זייגער און דער פעליעטאָן איז נאָך על־האבנים. י. ד. בערקאָוויטש גייט נאָך אַלץ צו קינד מיט זיין פעליעטאָן.

מרדכי ספּעקטאָר גייט אָפּט אַרויס פון זיין צימערל אַן אומגליקלע־כער, אַזוי ווי אַ מאַן פון אַ פרוי, וואָס גייט לאַנג, לאַנג צו קינד.

אַלע זענען זיך צעגאַנגען און געלאָזן י. ד. בערקאָוויטשן ביי דער אַרבעט אויף זיין פעליעטאָן.

אויף מאָרגן כאַפּ איך צו לייענען דאָס ערשטע דעם אַזוי לאַנג גע־שריבענעם פעליעטאָן.

עס איז אַן עופהלע פון וועלכע 40־50 שורות.

און עפּעס האָט דער פעליעטאָן נישט צו טון מיט דער צייט און נישט מיט יידן. עס איז עפּעס אַ פיין חכמהלע, וואָס האָט נישט קיין שום פּובלי־ציסטישן פונק.

און דער קליינער פעליעטאָן איז אין דער רוסישער פּרעסע דווקא געוועזן שאַרף פּובליציסטיש, נאָך שאַרפער פאַר דער פּובליציסטיק גופא.

אין דער רעדאַקציע איז אַ היפּשע אַנטוישונג, און דער אָרעמער מרדכי ספּעקטאָר גייט אַרום ווי איינער, וואָס האָט אָפּגעטון עפּעס אַ נאַרישקייט.

ער שטעלט זיך אָפּ ביי מיין טיש און פרעגט שטאַמלענדיק:

— וואָס זאָגט איר אויף בערקאָוויטשעס פעליעטאָן, עס וועט אָנ־רייסן?

אָרעמער, גוטער ספּעקטאָר. ער האָט כסדר געזוכט עפּעס וואָס זאָל אָנרייסן, אָבער ליידער איז י. ד. בערקאָוויטש נישט געוועזן דער, וואָס איז בכוח צו פאַרכאַפּן דעם לייענער.

ער איז בכלל נישט קיין צייטונגס־מענטש, נישט לויט זיין טעמפּע־ראַמענט, נישט לויטן אַרט שרייבן און נישט לויט דער שווערער, לאַנג־זאַמער אַרבעט וואָס ער האָט בויטיק.

ער קען אָפּזיצן שבעה נקיים אויף אַ סקיצעלע, שוויצן, אַרבעטן ביז אין דער נאַכט, און עס קומט אַרויס אַ זייער קאָרעקט געשריבענע סקיצע מיט אַ ביסל הומאָר, מיט אַ קליינינקן סיפּור־המעשה און מיט גאָר גוטער טעכניק.

ניין, י. ד. בערקאָוויטש איז נישט קיין צייטונגס־מענטש און ער וועט עס קיינמאָל נישט ווערן.

דאָס איז געווען די מיינונג פון אַלעמען.

אָבער שלום־עליכם שטייט הינטער אים, ווי דער מלאך, דער באַ־שיצער און שלום־עליכם באַשרייבט אים.

און ער, י. ד. בערקאָוויטש אַליין, פילט זיך מוראדיק חשוב ביי זיך אַליין, אַזוי ווי ער וואָלט געווען אַליין שלום־עליכם און נישט בלויז אַן איידעם שלום־עליכמס.

איך האָב זיך ווי עס איז באַקאַנט מיט אים נענטער און איך האָב דערזען פאַר זיך אַ טיפּישן העברעער, ווי איך האָב געקענט אַזעלכע אין דער בערנער סטודענטישער קאָלאָניע.

ער איז אַ בעל־סיגנון אין העברעיִש, אויף פּראָסט יידיש הייסט עס — ער קען העברעיִש גוט.

און דאָס איז גענוג צו מאַכן אים פאַר אַ העברעיִשן שריפטשטעלער. ער האָט אייגנטלעך כמעט גאָר נישט געלערנט אויסער העברעיִש.

אָבער מיינונגען האָט ער געהאַט וועגן אַלץ און אַלעמען, טשעקאָווע פּראָווינציעלע מיינונגען פון אַ דורכשניטלעכן פּראָווינציעלן „הצפירה"־לייענער.

זיין איינציקער פריינט איז געווען דוד פרישמאַן. אַרום דוד פריש־מאַנען האָבן זיך קאָנצענטרירט אַלע העברעער.

פונדעסטוועגן ווען איך האָב זיך באַגעגנט און געפרעגט פרישמאַנען צי ער טרעפט זיך מיט י. ד. בערקאָוויטשן, האָט ער אויפגעהויבן די ברילן און געזאָגט האַלב־דייטשיש:

— אַבער זיכער. יאַ, דער מאַן איז אַ זייער באַרעדעוודיקער שוויַיגער. זיין אַרבעט אין די „נייע וועלט" האָט קיין שום רושם נישט געמאַכט.

ד״ר א. מוקדוני

**
*

נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה פלעג איך זיך אָפט באַגעגענען מיט אים אין ניו־יאָרק.

ביי אונדזער באַגעגעניש, נאָך וואַרשע, האָב איך דערזען פאַר זיך דעם זעלבן יונגן זקן ווי אין וואַרשע. ער איז געשטאַנען פאַר מיר ממש אין דער זעלביקער פּאָזע ווי איך האָב אים געזען אין וואַרשע.

די אויגן פאַרגלעזערטע, דאָס פּנים פאַרגליווערט, די ליפּן פאַרמאַכט, פאַרזיגלט ממש, די הענט פאַרלייגט אויפן בויך און אַ מעלאַנכאָליע איז אויסגעגאָסן אויף זיין פּנים.

מיר זענען נישט געוואָרן קיין פריינט אין אַמעריקע.

אין דער שרייבערישער וועלט דיסקוטירט מען אָפט וועגן דעם — וואָס פאַר אַ שרייבער וואָלט געווען י. ד. בערקאָוויטש, ווען ער וואָלט נישט געווען שלום־עליכמס אַן איידעם.

דער גרעסטער טייל האַלט, אַז שלום־עליכם האָט פאַרשלונגען י. ד. בערקאָוויטשן, אַזוי פאַרשלונגען, אַז ער האָט נישט געהאַט קיין צייט און קיין ריכטיקע געלעגנהייט צו ווערן אַ זעלבסטשטענדיקער שריפטשטעלער.

איך אָבער האַלט, אַז שלום־עליכם האָט אים געגעבן אַ שרייבערישן תיקון.

י. ד. בערקאָוויטש האָט אָפּגעגעבן זיין גאַנצע שרייבערישע ענערגיע שלום־עליכמען. ער האָט צענדליקער יאָרן זיך אָפּגעגעבן מיט איבערזעצן שלום־עליכמען אין העברעיִש, און דאָ האָט ער אַרויסגעוויזן אמתן טאַלאַנט. ער איז ממש דער איין־איינציקער איבערזעצער פון שלום־עליכם אין העברעיִש.

זיינע איבערזעצונגען פון שלום־עליכם זענען ממש מוסטער־איבערזעצונגען.

און מיר ווייסן דאָך ווי שווער עס איז צו איבערזעצן גוט שלום־עליכמען אין אַן אַנדער שפּראַך און בפרט אין העברעיִש.

אַ חוץ די איבערזעצונגען האָט ער זיך סתם אָפּגעגעבן מיט דעם שלום־עליכם־אַרכיוו, און דער רעזולטאַט איז געווען דאָס פּרעכטיקע „שלום עליכם בוך״.

קיין וויסנשאַפטלער וואָלט עס נישט געמאַכט בעסער. דאָ האָט איר שלום עליכמען כמעט אינגאַנצן דורך זיינע אייגענע בריוו און דורך אַנדערע מעדיומס.

עס וועט נישט זיין קיין גוזמא ווען מען וועט זאָגן — אַז ער איז געוואָרן אַ צווייטע שלום־עליכם־געשטאַלט. ער האָט דערגאַנצט שלום־עליכמען.

און שלום־עליכם האָט עס געפילט און געוווסט און דעריבער גע־האַט זיין גרויסע ליבע צו דעם דאָזיקן איידעם זיינעם.

י. ד. בערקאָוויטשעס אָריגינעלע שאַפונגען זענען אָבער אָרעם. זיין שרייבעריש אָריגינעל פאַרמעגן איז ביז גאָר קליין. ער האָט אָרום און אָרום אינגאַנצן דריי טעמעס, וואָס ער האָט זיי פּריִער אויסגענוצט פאַר דערציילונגען, ווי „מאָשקע חזיר“, „לאַנדסלייט“ און נאָך עפּעס אַ טעמע. פון די דריי דערציילונגען האָט מען געמאַכט דריי נישט שלעכטע סצע־נישע ווערק, פּריִער איינאַקטערס און דערנאָך דריי־אַקטיקע פּיעסן.

ער האָט געוואָלט ממשיך זיין די קאַריערע פון שלום־עליכמס מנחם־מענדל, און ער האָט געשריבן אַ הומאָריסטיש ווערק אין סטיל פון שלום־עליכם „מנחם מענדל אין ארץ־ישראל“. ווי יעדע באַאַרבעטונג פון אַ כאַ־ראַקטער פון אַן אַנדער שריפטשטעלער איז דאָס דאָזיקע ווערק ראשית נישט אָריגינעל, און צווייטנס איז דער פאַרגלייך מיטן אָריגינעלן מנחם מענדל פון שלום עליכם גופא נישט געווען לטובת י. ד. בערקאָוויטש.

אַזוי אָרום האַלט איך מיט די, וואָס גלויבן, אַז שלום־עליכם האָט געגעבן י. ד. בערקאָוויטשן די מעגלעכקייט צו אַרויסווייזן זיין טאַלאַנט ווי אַן איבערזעצער, ווי אַ פּרעכטיקער שלום־עליכם־ביאָגראַפער, אָדער אַרכיוואַר.

פאַרשטייט זיך, אַז אַ סך האָט אים געהאָלפן זיין גרויסע ליבע און אַכטונג פאַר דעם גרויסן קינסטלער שלום־עליכם. אָן דער דאָזיקער ליבע און גרויסער אַכטונג, וואָלט ער זיכער נישט געוואָרן דאָס וואָס ער איז געוואָרן נאָך דער איבערזעצונג פון אַ שלום־עליכם אין העברעיִש און נאָך דער פאַראייביקונג פון שלום־עליכם אין דעם פּרעכטיקן שלום־עליכם־בוך.

מעגלעך, אַז דאָס האָט אים אָפּגעריסן פון זיין בעלעטריסטישער שאַפונג. אָבער ווען איר וועט נעמען אויף דער וואָג וואָס ער האָט געשאַפן אַרום שלום־עליכמען, וועט דאָס לעצטע זיכער איבערוועגן.

ער איז לויט זיין טעמפּעראַמענט אַן איבערזעצער און קאָמפּילאַטאָר. פאַר אַ קאָמפּילאַטאָר בכלל פעלט אים פשוט בילדונג, אָבער פאַר שלום־עליכם־פאָרשונג האָט די ליבע און אַכטונג צו שלום־עליכמען פאַרגיטיקט זיין הינטערשטעליקייט אין בילדונג.

אין יאָר 1932 באַגעגן איך זיך מיט אים אין תל־אביב.

פאַר די עטלעכע יאָר איז ער גייסטיק נאָך עלטער געוואָרן. ער איז געוואָרן ממש אַ זקן, און זיין נאָענטסטער חבר איז געווען י. ח. ראַווניצקי, אינגאַנצן אַ שרייבער פון אַ פאַרגאַנגענער עפּאָכע. י. ח. ראַווניצקי האָט געהערט צו דעם בראשית פון יידיש. ער איז געווען דער ערשטער יידי־שער קריטיקער, נישט קוקנדיק אויף דעם וואָס ער איז געווען דורכויס אַ העברעער.

אין ארץ־ישראל איז י. ד. בערקאָוויטש געוואָרן גוואַלדיק קאָנסער־וואַטיוו. ווען ער וואָלט געווען רעליגיעז וואָלט ער זיך גוט אַריינגעפּאַסט אין מאה־שערים, צווישן די חלוקה־לייט.

אין תל־אביב, ווו דאָס שרייבערישע וועלטל איז קליין און יעדער ווייסט וואָס עס קאָכט זיך אין דעם אַנדערנס שרייבערישן טעפּל, האָט מען געוווּסט די טעג אין וואָך ווען י. ד. בערקאָוויטש גייט צו קינד מיט אַן אַרטיקל פאַרן „פאָרווערטס״.

עס איז געווען אַ לאַנג און שמערצלעך טראָגן־און־האָבן. אַ האַלבע וואָך פלעגט קיינער נישט קענען אַריין צו אים אין הויז. ער איז געזעסן און געשריבן אַ קאַפּיטל פון „מנחם מענדל אין ארץ־ישראל״ און שפּעטער אַ קאַפּיטל פון זיינע נאָך ווייניקער געראָטענע זכרונות. ער פלעגט שרייבן דעם גאַנצן טאָג ביז שפּעט אין דער נאַכט.

די לעצטע צוויי טעג פאַרן אַוועקשיקן דעם אַרטיקל פלעגט ער אַרבעטן טיף אין דער נאַכט אַריין. ווען ער האָט געענדיקט זיין אַרבעט פלעגט ער אויסזען ממש ווי אַ קימפּעטאָרין נאָך אַ שווערן קימפּעט.

און שבת אינדערפרי, ווען מען פלעגט זען זיין פּרוי טיסא, אַ ווונ־

דערלעכער מענטש, ווי זי טראָגט דעם קאָנווערט מיטן אַרטיקל אויף דער פּאָסט, פלעגן אַלע אָפּאַטעמען פריי.

ער אַליין פלעגט שלאָפן נאָך דעם ווי אַ געהרגעטער.

און ערשט אין אַ טאָג אַרום פלעגט ער זיך באַווייזן פאַר דער וועלט און מענטשן פלעגן קענען אַריינקומען צו אים אין הויז.

עס פלעגט איבערגיין אַ פּאָר טעג און די זעלביקע יסורי־יצירה, די שאַפונגס־יסורים, פלעגן זיך אָנהייבן פון דאָס ניי.

אַזוי וואָך־איין, וואָך־אויס.

זיין קלוגע פרוי, די עלטסטע טאָכטער שלום־עליכמס, פלעגט עס אי־בערטראָגן ממש ווי אַ צידקנית. זי האָט איר גוטן הומאָר קיין מאָל נישט פאַרלאָרן און איז געווען אויפגעלייגט שטענדיק אַזוי ווי דאָס אַלץ איז געווען נאַטירלעך.

און זי האָט געזען ווי איר פאָטער, דער גרויסער שלום־עליכם, האָט געשאַפן. ער פלעגט שרייבן מיט דער גרעסטער לייכטקייט. ער פלעגט שרייבן פאַרנדיק אין באַן, ליגנדיק אין בעט, זיצנדיק אויפן באַלקאָן פון אַ האָטעל. קיינער און קיין זאַך האָבן אים נישט געשטערט.

קלוג און בראַוו, האָט זי פאַרשטאַנען, אַז נישט אַלע שרייבער זענען שלום עליכמס.

זי איז געווען די סימפּאַטישסטע און די גאַסטפריינדלעכסטע שריי־בערישע דאַמע אין תל־אביב.

**
*

בערקאָוויטש איז דורך און דורך אַ העברעיִשער שרייבער, דאָס הייסט, דער לשון, נישט דער אינדיווידועלער קינסטלערישער סטיל, נאָר פּשוט און פּראָסט דער לשון, דיקדוק און צחות־הלשון איז דער עיקר.

און ער איז קאָנסעקווענט אין אַ געווויסער מאָס; ער איז באַצייטנס אַוועקגעפאָרן קיין ארץ־ישראל, האָט זיך דאָרט באַזעצט און האָט, אַזוי גוט, ווי אינגאַנצן איבערגעריסן מיט יידיש.

ער איז אין תל־אביב אין זיין עלעמענט.

דאַרף מען האָבן אַ העברעיִשן נאָמען פאַר דעם פּורים־קאַרנאַוואַל — האָט ער אים, „עדלאידע". ער זיצט און האָט תרעומות אויף די בחורים און מיידלעך, וואָס רעדן און זינגען אַ גרייזיקן העברעיִש.

ד״ר א. מוקדוני

וואָרום וויסן דאַרף מען, אַז אין ארץ־ישראל איז דאָ אַ גאַנץ סאָלידע עם־הארצות. איינער רעדט זיך טאַקע העברעיִש און איז זיך אַן אַרכי־עם־הארץ, ווי דאָס פּאַסירט אין אַלע לענדער. אין פראַנקרייך, למשל, רעדן אַלע די קולטור־שפּראַך פון דער וועלט — פראַנצויזיש, אָבער עס זענען דאָ דאָרט וויסטע עמי־הארצים, און אַזוי איז עס מיט אַנדערע לענדער.

וואָס אייגנטלעך איז זיין טועכץ אין תל־אביב איז מיר נישט קלאָר. אָבער זיין אַ גוטער העברעער איז אַ פּראָפעסיע אין ארץ־ישראל, און מיט דעם אפנים פאַרנעמט ער זיך.

ער איז אַ געוויסנהאַפטער שרייבער, דאָס הייסט, דאָס וואָס ער שרייבט אַן איז קב־ונקי. ער כאַפּט קיין מאָל נישט קיין שטערן פון הימל, אָבער אַלץ וואָס ער האָט געשריבן אין יידיש און העברעיִש איז ביז גאָר גראַמאַטיקאַליש און ביז גאָר גוט טעכניש.

אַ סך ווייטער פון די דאָזיקע ריין־טעכנישע השלמות איז ער אפנים נישט געגאַנגען.

אין זיינע זכרונות, וואָס ער האָט אָנגעהויבן דרוקן אין „פאָרווערטס״ האָט ער זיך געשטעלט, אין דער מחלוקת צווישן י. ל. פרץ און דוד פּריש־מאַן, אינגאַנצן אויף דער זייט פון דוד פרישמאַן, וואָס עס האָבן נישט גע־טון אַפילו גוטע העברעער.

אַפילו אַזאַ העברעער, ווי פּראָפעסאָר יוסף קלויזנער, האָט זיך אין זיין בוך זכרונות געשטעלט אויף דער זייט פון י. ל. פרץ. אין דער דאָזי־קער פיינלעכער מחלוקה, האַלט פּראָפעסאָר קלויזנער, איז פרץ געווען דער דזשענטלמען, דער אייראָפּעער און דוד פרישמאַן, וואָס האָט פּרעטענדירט אויף אייראָפּעיִשקייט, איז געווען דווקא ווייט, הימל־ווייט, פון צו זיין אַן אייראָפּעיִשער דזשענטלמען.

עס איז אָבער דאָ אַ טעם דערביי. עס איז געווען אַ שטילער ברוגז צווישן י. ל. פרץ און שלום־עליכם. עס איז נישט געווען קיין קריג, אָבער אַ ברוגז איז יאָ געווען, און עס איז נאַטירלעך פאַר י. ד. בערקאָוויטש צו זיין אויף דער זייט פון שלום־עליכם און ממילא אויך אויף דער זייט פון דוד פרישמאַן.

**
*

הכלל — „דער נייער וועלט", ספּעקטאָרס צייטונג, האָט י. ד. בערקאָוויטש וויניק וואָס געקענט געבן. ספּעקטאָר איז נישט געווען דער גע־ווּנטשענער רעדאַקטאָר, איך בין געווען אַ זשורנאַליסטישער הענדל, וואָס האָט זיך אָקאָרשט אויסגעפּיקט פון דעם אייעלע, און אַזוי אַרום איז די צייטונג נישט געווען פון סאַמע אָגהייב קיין גאָר גרויסער דערפאָלג.

און ווען עס האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אין וואַרשע דער אַרויסגעבער פון „פריינד", שבתי ראַפּאַפּאָרט, מיט אַ פּלאַן צו אַריבערטראָגן דעם פּע־טערבורגער „פריינד" קיין וואַרשע, די נייע הויפּטשטאָט פון דעם יידישן צייטונגס־וועזן, און ער האָט מיך איינגעלאַדן ווי אַ מיטאַרבעטער פון דעם וואַרשעווער „פריינד", האָב איך די איינלאַדונג אָנגענומען אָן אַ רגע קווענקלעניש.

עס איז געווען גענוג פּאַר מיר צו זען דעם צעטל מיטאַרבעטער, וואָס צווישן זיי איז געווען י. ל. פּרץ, ה. ד. נאָמבערג, א. ווייטער, שלום אַש, אברהם רייזען, א. ליטוואַק און שמואל ראָזענפעלד ווי אַ רעדאַקטאָר, צו אָננעמען די איינלאַדונג אָן קווענקלעניש.

עס איז געווען אַ גרויסע עליה פּאַר אַ זשורנאַליסט, וואָס איז אין דער פּראָפּעסיע סך־הכל וועלכע זעקס־זיבן מאָנאַטן, צו איינגעלאַדן ווערן אין אַזאַ רעדאַקציע.

„די נייע וועלט" האָט אָנגעהויבן גוססן.

עס איז זייער שווער צו זיצן צוקאָפּנס פון אַ גוסס, און ביי דער גסיסה פון אַ צייטונג איז עס נאָך שווערער.

קיינער וויינט נישט, קיינער ברעכט נישט מיט די הענט, אָבער מען גייט אַרום ווי אבלים. די שטימונג איז אַ לוויהדיקע. עס איז נישטאָ קיין מוט און קיין ברען ביים שרייבן. די אַרטיקלען ווערן עפּעס בלוטלאָזע, שטילע און עפּעס אויך אבלדיקע.

אַ צער איז מיר געווען אויף דעם גוטן מרדכי ספּעקטאָר. „די נייע וועלט" איז געווען זיין ערשטער פּרווו צו שאַפן אַ טעגלעכע צייטונג. און דער ערשטער פּרווו איז געווען אַ דורכפאַל.

אָבער דער פּשוטער אָפּטימיסט, דער גוטער פאָלקס־מענטש מיט שטאַרקן אייביקן בטחון און מיט אַ לאַנגן עק פון ליטעראַרישע דורכפאַלן

הינטער זיך, האָט ער סוף־כל־סוף שלום געמאַכט מיטן טויט פון זיין צייטונג, ווי מענטשן מאַכן בכלל שלום מיטן טויט.

איך האָב ספּעקטאָרן פּאָרטרויט, אַז איך בין איינגעלאַדן געוואָרן אין „פריינד". ער איז פון אָנהייב געווען זייער נישט־אָנגענעם איבערראַשט. אָבער באַלד איז ער געקומען צו זיך און האָט געזאָגט פּשוט און ערלעך:

— ליבער דאָקטאָר, ווען איך וואָלט געהאַט די מעגלעכקייט צו פאַר־האַלטן אייך אין מיין צייטונג וואָלט איך עס זיכער געטון. איך קען עס אָבער נישט. מיין צייטונג קייקלט זיך צו אַ שנעלן טויט, און פאַר אייך שטייט פאַר אַ קאַריערע פון אַ שרייבער־זשורנאַליסט ביי ייִדן, דאַרפט איר זוכן אַ זיכערערע צייטונג ווי מיינע, און דער „פריינד" איז זיכער אַ זי־כערערע צייטונג. זאָל זיין מיט הצלחה! איך האָף, אַז איר גייט נישט אַוועק מיט תרעומות אויף מיר. איך האָב דאָך געמיינט גוט.

אָנהייב יאָר 1910 בין איך שוין געווען אַ מיטאַרבעטער פון „פריינד".

„די נייע וועלט", די ערשטע צייטונג, וואָס האָט מיך אויפגענומען אַזוי וואַרעם, איז אין אַ פּאָר וואָכן שפּעטער נסתלק געוואָרן, געשטאָרבן.

און קיינער האָט נישט געוויינט, ווייל קיינער האָט נישט געהאַט גענוג צייט זיך צובינדן צו איר.

5

דער זיידע מענדעלע אין וואַרשע

סוף זומער 1909 האָט דער זיידע מענדעלע באַזוכט וואַרשע.

ער איז אַלט געוואָרן 75 יאָר און ער האָט באַשטימט צו באַזוכן עטלעכע גרויסע יידישע שטעט, צווישן זיי אויך וואַרשע.

די יידישע געלע און האַלב־געלע פרעסע האָט גראָד מיט אויפריכטיקסטער וואַרעמקייט צוגעגרייט דעם וואַרשעווער עולם צו דעם וויזיט פון דעם גרויסן יידישן שריפטשטעלער.

און דאָ האָט איר געזען באַשיינפערלעך דעם גרויסן כוח פון דער יידישער פרעסע — גאַנץ וואַרשע איז אַרויס צו באַגעגענען דעם קלאַסיקער פון דער יידישער ליטעראַטור.

ממש גאַנץ וואַרשע איז אַרויס אין גאַס.

פון וואָקזאַל ביזן האָטעל, אין וועלכן דער זיידע איז פאַרפאָרן, זענען געווען אויסגעשטעלט יידן, יונגע און אַלטע, יונגע און אַלטע יידישע פרויען.

קרעמער האָבן פאַרמאַכט זייערע קראָמען, סוחרים האָבן איבערגעריסן זייערע געשעפטן. אַלע זענען אַרויס צו באַגעגענען דעם זיידן פון דער יידישער ליטעראַטור.

די באַגריסונגען און די אָוואַציעס האָבן ממש פאַרהילכט די שטאָט.

דער זיידע איז געפאָרן פון וואָקזאַל ביז זיין האָטעל צווישן צוויי רייען יידן, וואָס האָבן ממש געיובלט פון פרייד און גדולה.

אָבער די פרעסע וואָלט נישט געווען בכוח צו אַרויספירן אַזאַ מאַסע יידן אויף אַ קבלת־פנים פון אַ יידישן שרייבער.

ד"ר א. מוקדוני

דאָ איז די אַגיטאַציע פון דער ייִדישער פּרעסע געפאַלן אויף אַ זייער פרוכטבאַרן באָדן. די וואַרשעווער ייִדן זענען חסידים, און אַ חסיד וועט אַלץ לאָזן און גיין מקבל־פּנים זיין אַ רבין.

דאָ האָבן די צענדליקער טויזנטער וואַרשעווער חסידים מקבל פּנים געווען אַ רבין. קיין צענטל אַפילו פון דער גרויסער מאַסע האָט נישט געלייענט מענדעלען. זי האָט עס גאָרנישט געהאַט נייטיק. די ייִדישע צייטונגען האָבן געהייסן אַרויסגיין אין גאַס מקבל־פּנים זיין אַ רבין און זיי זענען אַלע אַרויס אין גאַס.

די פּאָליאַקן האָבן צום ערשטן מאָל דערזען אַזאַ גרויסע ייִדישע דעמאָנסטראַציע.

ווער איז דער דאָזיקער מענדעלע? האָבן זיי געפרעגט מיט פאַרוווּנדערונג און אַפילו מיט שרעק.

זיי האָבן פּלוצים דערזען אַ גרויסע ייִדישע מאַסע, אַן אָרגאַניזירטע, וואָס באַגריסט אַ ייִדישן שרייבער, נישט קיין רבין, נאָר אַ שרייבער. אַ היינטיקן ייִדישן שרייבער...

זיי האָבן פּלוצים דערזען אַ ייִדישן נאַציאָנאַליזם, אַ שטאַרקן, אַ הייסן, וואָס איז געבוירן געוואָרן אויף דער פּוילישער ערד.

און דער דאָזיקער נאַציאָנאַליזם איז דורכויס אַ ייִדישער. ער איז נישט קיין פּוילישער...

און דער פּוילישער נאַציאָנאַליסט איז געווען זיכער, אַז דער ייִד איז מחויב צו זיין בלויז אַ פּוילישער נאַציאָנאַליסט. ער, דער פּאָליאַק, קען דעם ייִדן באַליידיקן, שפּייען אים אין פּנים אַריין; ער, דער פּאָליאַק, קען זיין אַן אַנטיסעמיט, אָבער דער ייִד מוז זיין אַ פּוילישער נאַציאָנאַליסט...

דער חסידישער ברען פון די וואַרשעווער ייִדן האָט די נאַציאָנאַלע דעמאָנסטראַציע געמאַכט ביז גאָר בולט, ביז גאָר הייס און ביז גאָר עכט.

מיר אַליין האָבן זיך אַביסל דערשראָקן פאַר דער דעמאָנסטראַציע אויף די אויגן פון פּאָליאַקן און דער רוסישער צאַרישער מאַכט, די צוויי שיפּענדיקע שלאַנגען, די צוויי פיינט אונדזערע.

אונדז אָבער האָט אויך אַרומגעכאַפּט אַ גרויסע פרייד און אַ גרויסער שטאָלץ.

דאָס איז דאָך געווען די גרעסטע דעמאָנסטראַציע פאַר דער יידישער ליטעראַטור, פאַרן יידישן לשון און פאַרן יידישן שרייבער.

י. ל. פרץ איז געפאָרן מיטן זיידן אין דער קאַרעטע. זיינע גרויסע אויגן האָבן געלויכטן פון פרייד און פון שטאָלץ.

דער זיידע, אַ ווייסער און אַ גלייכער ווי אַ סטרונע, איז געזעסן מיט גרויסער ווערדע און האָט אויפגענומען די דעמאָנסטראַציע פון זיין כבוד ווען ממש מאַיעסטעטיש.

פרישמאַן און ספעקטאָר, די אַנדערע צוויי, וואָס זענען געפאָרן מיטן זיידן אין קאַרעטע, האָבן זיך אויך געפילט אויפן זיבעטן הימל.

בלויז דעם זיידנס פרוי, די באָבע, איז געווען זויערלעך.

עפּעס איז זי אַריינגעפאַלן אויף אַ פרעמדער חתונה, נישט קיין מחותנתטע, נישט פון חתנס צד און נישט פון דער כלהס צד...

**
*

איך האָב געזען דעם זיידן צום צווייטן מאָל. איך האָב אים געזען אין דער שווייץ, ווען די צאַרישע רעאַקציע האָט זיך צעבושעוועט און יידיש בלוט האָט זיך געגאָסן ממש ווי וואַסער, און פריינט פון זיידן האָבן אים געראַטן צו פאַרלאָזן רוסלאַנד עד יעבור זעם.

אין דער שווייץ איז דער זיידע געווען עפּעס אַ דערשראָקענער, אַ בייזלעכער און אַ ברוגזער. אויסלאַנד איז אים אָפּנים געפאַלן שווער. די פרעמדע שפּראַך, די פרעמדע מענטשן און דער גלות פון זיין וואַרע־מען קליינעם נעסט אין אָדעס און פון דעם איינגעשטעלטן, רויקן לעבן.

איצט אָבער איז ער געווען אַ שטראַלנדיקער, אַ זיכערער און אַ שטאָלצער.

יאָ, ער איז געווען אַ שטאָלצער אַלטיטשקער.

דאָ, אין וואַרשע, האָב איך געהאַט די גוטע געלעגנהייט צו באַקענען זיך מיט אים נענטער.

ליידער האָב איך נישט צו דערציילן קיין חידושים פון דעם זיידן, ווי אַ סך אַנדערע קאָלעגן, וואָס האָבן געהאַט די געלעגנהייט צו באַקענען זיך נאָענט מיטן זיידע.

דער זיידע איז געווען אַ זיידע, אַ מענטש פון גאָר אַן אַנדער דור, מיט גאָר אַנדערע ליטעראַרישע באַגריפן, מיט אַן אַלטן קוק אויפן לעבן און מיט אַ פּראַקטיקער ניכטערקייט וועגן אַלע יידיש־ליטעראַרישע פּראָבלעמען.

ער האָט אַפילו געזאָגט תהילים ווי אַ זיידע, דאָס הייסט, ער איז געווען פאַרנומען מיט דער איבערזעצונג פון תהילים, און ער האָט געטון און דערציילט די חידושים זיינע אין תהילים, אין דיקדוק און אין די אויסטייטשונגען.

י. ל. פּרץ אָבער האָט געקוקט אין די אויגן דעם גרויסן זקן און געשטראַלט פון נחת און גדולה.

יאָ, ער אַליין האָט זיך שוין דענסטמאָל פאַרנומען מיט דער איבערזעצונג פון שיר־השירים. קיינער האָט עס נאָך נישט געוווסט, אָבער די שטענדיקע אַריינגייער האָבן עס געוווסט און אַפילו געזען שטיקלעך איבערזעצונגען אויפן שרייבטיש.

אין שמועס איז דער זיידע נישט געווען גאָר שאַרף און בליציק.

זיינע וויצן, אָדער „באַן־מאָ׳ס״, ווערטלעך, זענען געווען אַלט־משכילישע.

ער האָט פון דער נייער וועלט־ליטעראַטור כמעט גאָרנישט געוווסט. ער איז געבליבן ביי די אַלטע רוסישע שרייבער, וועלכע ער האָט געלייענט אין די יונגע יאָרן.

דערפאַר איז ער געווען ממש געניאַל ווען עס האָט זיך גערעדט וועגן יידישן און העברעישן לשון. דאָ האָט ער אויף טריט און שריט באַוויזן ממש גאונות.

אַ ביסעלע פריקרע איז מיר געווען דאָס וואָס ער פלעגט מוזן נאָכמאַכן אַ יידן, ווען ער האָט געוואָלט געבן אַ גאַנצן יידישן אויסדרוק. ער פלעגט דעם אויסדרוק שפּילן ווי אַן אַקטיאָר פון דער אַלטער שול.

אַפנים, אַז ער פלעגט מוזן זען דעם טרעגער פון דעם יידישן אויסדרוק, כדי איבערצוגעבן אים גענוי.

פאַרשטעלנדיק זיך אויף אַ ווילע ווי אַ ייד פלעגט ער זיין זיכער, אַז ער וועט קיין טעות נישט מאַכן, און ער האָט טאַקע קיינמאָל קיין טעות נישט געמאַכט.

אָבער אַ ביסעלע פּריקרע איז עס דאָך געווען.

אויף דער פּלאַטפאָרם איז ער געווען גאָרנישט אימפּאָזאַנט, די שטים איז געווען שוואַך, דער אינהאַלט ווייניק אינטערעסאַנט.

אַמאָל פלעגט ער אַריינפאַלן אין מגידות.

אָבער לעבן אים איז כסדר געשטאַנען י. ל. פּרץ, דער פּלאַמיקער, דער וויציקער און דער שלאָג־פּאַרטיקער, און ער פלעגט ראַטעווען די סיטואַציע.

אָבער דער זיידע האָט נישט אַרויסגעוויזן קיין שום דאַנקבאַרקייט צו פּרצן און קיין שום באַוווּנדערונג פאַר זיין שאַרפקייט, שנעלער אָריענ־טאַציע און בליציקייט.

פּרץ איז ממש ייִנגער געוואָרן אין דער קעגנוואַרט פון זיידן.

דער קאָנטראַסט איז געווען גרויס, און ער איז אַרויסגעקומען פון זיך אַליין, אָן וועלכע עס איז אָנשטרענגונגען פון פּרצעס צד.

**

דוד פרישמאַן האָט פּרובירט צו פאַרמעסטן זיך מיטן זיידן אין העב־רעיִש, אָבער ער האָט געמוזט זיך אונטערגעבן. פרישמאַן איז געווען אַ וווּנדערלעכער העברעיִשער סטיליסט, אָבער פון באַהאַלטענע אויסדרוקן ערגעץ אין תלמוד און אין מדרשים האָט ער נישט געוווּסט. דער זיידע האָט אַפּנים געוווּסט די דאָזיקע שוואַכקייט פרישמאַנס און ער פלעגט ממש שיטן מיט וווּנדערלעכע אויסדרוקן פון תלמוד און מדרשים.

פון אַן אַנדערן וואָלט פרישמאַן נישט גענומען, ער וואָלט געשמייכלט מיט ביטול, ווי זיין שטייגער איז געווען, און עס אַוועקגעמאַכט מיט דער האַנט ווי בטלנות, אָבער פון זיידן פלעגט ער עס נעמען מיט אַ גוטן שמייכל און אַפילו מיט באַוווּנדערונג.

מיר האָבן פאַרבראַכט מיטן זיידן איבער אַ וואָך צייט.

פאַר דער וואָך צייט איז געשלאָסן געוואָרן איינער פון די גרעסטע ליטעראַרישע קאָנטראַקטן אין יענער צייט.

לידסקיס פאַרלאַג האָט אָפּגעקויפט ביים זיידן דאָס רעכט צו אַרויס־געבן אַלע זיינע ווערק אין זיבעצן, צי אין זעכצן בענדער, צווישן די בענ־דער אויך אַ באַנד פון קריטיק ספּעציעל געשריבן פאַר דער אויסגאַבע.

דער זיידע האָט באַקומען גאַנצע פינף הונדערט רובל ווי אַן אַוואַנס.

דאָס איז געווען אין יענער צייט אַ גרויסע אונטערנעמונג און דאָס האַנטגעלט, אָדער דער אַדערויף, ממש אַ מטמון מיט געלט.

דער מענדעלע־יום־טוב האָט זיך נישט פאַרענדיקט מיטן אַוועקפאָר פון זיידן.

ווען דער „פריינד״ האָט זיך אַריבערגעפּעקלט קיין וואַרשע, האָט ער אַרויסגעגעבן ווי אַ ביילאַגע אַ זאַמלבוך וועגן מענדעלען.

אין דעם דאָזיקן זאַמלבוך האָבן זיך באַטייליקט אַלע מיטאַרבעטער פון „פריינד״. איך האָב אָנגעשריבן אַן אַרטיקל וועגן מענדעלעס סצענישע ווערק.

אין אַרטיקל האָב איך אַרויסגעבראַכט דעם געדאַנק, אַז אין דער דראַמע האָבן מיר איין מענדעלע, און ער איז דורכויס אַ משכיל, און אין זיינע אַנדערע ווערק האָבן מיר גאָר אַן אַנדער מענדעלע, אַ דורכויס ייִדישן פאָלקס־מענטש.

דער דאָזיקער אַרטיקל מיינער איז אַריין אויך אין דער פולער אויס־גאַבע פון מענדעלעס ווערק פון לידסקי.

***

אָבער דער מענדעלע־יום־טוב אין וואַרשע האָט אויך געהאַט פּאָלי־טישע נאָכווייענישן.

ווי געזאָגט, איז דער קבלת־פּנים פון מענדעלע געווען אַ געוואַלדיקע איבעררײַשונג פאַר די פּאָליאַקן.

זיי האָבן דערזען מיט אַמאָל פאַר זיך אַ ייִדיש פאָלק, ייִדיש פאָלק ביי זיי אין לאַנד, אויף זייער ערד.

און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ היסטערישע געוואַלד־שרייערײַ, אַ ווילדע העצע קעגן ייִדן.

און דער פּוילישער אַנטיסעמיט און נאַציאָנאַליסט איז דער גרעסטער טיפּש צווישן די אַנטיסעמיטן און נאַציאָנאַליסטן.

איך האָב אַליין געלייענט ווי אַ באַקאַנטער פּוילישער שרייבער, אָבער אַ טיפּש אַן אַנטיסעמיט און אַ משוגענער נאַציאָנאַליסט, האָט געשריבן, אַז

די ייִדן האָבן מיט זייערע פאַבריקן פאַררויכערט און פאַרשוואַרצט די בלויע, די ליכטיקע, די שיינע און די דורכזיכטיקע פּוילישע הימלען...

דער פּוילישער נאַציאָנאַליסט האָט געהאַלטן, אַז ייִדן זענען זיינע מאַשקעס, זיי זענען זיינע קנעכט; ער צאָלט זיי מיט אַ ברייטער האַנט — ער לאָזט זיי לעבן אין זיין לאַנד, אָטעמען מיט דער פּוילישער לופט און די ייִדן זענען מחויב אים צו דינען, זיי דאַרפן באַצאָלן פאַר דאָס רעכט צו לעבן אונטער די פּוילישע הימלען.

דער ייִד טאָר נישט וויסן פון קיין אייגענעם נאַציאָנאַליזם, ער דאַרף וויסן בלויז פון דעם פּוילישן נאַציאָנאַליזם.

איז פאַרן פּוילישן נאַציאָנאַליסטישן און אַנטיסעמיטישן טיפּש געווען די אומאַנגענעמסטע איבערראַשונג די דעמאָנסטראַציע פאַר דעם ייִדישן קלאַסיקער מענדעלע.

עס האָט געקאָכט און געזאָטן אין דער פּוילישער פּרעסע. די פּרעסע האָט זיך נישט געקענט ממש באַרויִקן.

זיי האָבן זיך צוגעוווינט צו י. ל. פּרץ, דעם „זשאַרגאָנישן שרייבער״, אָבער אַ ייִדישער שרייבער פון אָדעס — ווי קומט ער אַהער? און ווי קומען פּוילישע ייִדן צו מאַכן לכבוד אים אַזאַ דעמאָנסטראַציע?!

יאָ, דער פּוילישער אַנטיסעמיטיזם איז שיפּענדיק ווי אַ שלאַנג און זיין נאַציאָנאַליזם איז אַ מיסטישער, אַ צעקראָכענער, אַ סענטימענטאַלער, און אין דער זעלביקער צייט אַ טיפּשדיקער, אָבער אַ גזלנישער.

דעמאָלט האָט מען שוין אָנגעהויבן רעדן אין דער פּוילישער פּרעסע וועגן באָיקאָט קעגן ייִדן ווי אַ שטראָף פאַר זייער ייִדישע דעמאָנסטראַציע.

און אין אַ פאָר יאָר שפּעטער איז דער באָיקאָט געוואָרן אַ פאַקט. וועגן דעם אָבער שפּעטער.

***

איך האָב זיך אַרומגעטראָגן מיט אַ פּלאַן וועגן אַ געזעלשאַפטלעכן טעאַטער. איך בין געווען אַ נייער מענטש אין וואַרשע, האָב איך בלויז אָנגעטאַפּט דעם דופק ביי אייניקע שרייבערס און כלל־טוערס.

האָב איך פּרובירט רעדן מיטן זיידן וועגן דעם.

אָבער איך האָב באַלד דערזען, אַז איך האָב דאָ פאַר זיך אַ מענטש

פון ווייטע דורות. ער האָט מיך אָנגעקוקט און האָט געזאָגט אַזאַ תמעוואַט וואָרט, אַז איך האָב זיך ממש דערשראָקן.

ער איז געווען אַזוי ווייט און אַזוי פרעמד פון דעם גאַנצן ענין, אַז עס איז גאָרנישט געווען שייך צו רעדן מיט אים וועגן דעם.

דער זיידע איז געווען אַ גאון פון שפּראַך, פון צוויי שפּראַכן, פון יידיש און העברעיִש, ער האָט אונדזערעביידע ליטעראַטורן געגעבן דעם ליטעראַרישן לשון.

דאָס איז געווען זיין גרויסקייט.

זיינע ווערק דאַרף מען לייענען בלויז צוליב דעם לשון און דעם עכטן יידישן סטיל. ער איז אַ קליינער דערציילער, אַ קליינער מאָלער, ער איז דאָ און דאָרט בלויז אַ גוטער טיפּן־צייכענער.

אָבער אין דעם לשון גופא, אין דער גוואַלדיקער שפע פון יידישע אידיאָמען און אויסדרוקן ליגט אַ וועלט מיט יידישע בילדער.

עס וועט נישט זיין קיין גוזמא ווען מען וועט זאָגן, אַז די גאַנצע יידישע וועלט ליגט אין דעם זיידנס לשון.

וואָרום עס איז נישט סתם אַ לשון — עס איז אַ בילדלעכער לשון.

און נישט אומזיסט האָט דער זיידע, רעדנדיק זיין ליטעראַרישן לשון, אַליין געשפּילט אַ כאַראַקטער, אָדער אַ טיפּ אַ יידישן. דער לשון איז געווען דער שפּיגל פון מענטש און דער מענטש איז געווען דער לשון.

אין לשון ליגט דאָס אויסזען פון יידישן מענטשן אין טונעיאַדעווקע, זיינע העוויות, און אויב איר ווילט — זיין גאַנצע פּסיכאָלאָגיע.

און עס איז לחלוטין נישט קיין צופאַל, וואָס דער זיידע בויט זיינע דערציילונגען בלויז אויפן לשון, אָדער אינגאַנצן מיט דער הילף פון לשון.

דער זיידע האָט נישט נאָר פאַרמאָגט אַ קאָלאָסאַלן זכרון פאַר די צוויי שפּראַכן — פאַר יידיש און העברעיִש, ער האָט פאַרמאָגט אויך אַ פענאָמענאַלן פאָטאָגראַפישן זכרון.

און ביידע האָבן געאַרבעט אין פולער האַרמאָניע, אין אַזאַ האַרמאָניע, אַז זיי זענען געוואָרן איינס.

דער זיידע איז געווען שיין, זקנדיק שיין און אַפילו אימפּאָזאַנט.

די ווייסקייט פון זיינע האָר פון קאָפּ און פון בערדל איז געווען ממש

בלענדנדיק. זיין זיקנה איז געווען עפּעס מאַיעסטעטישדיק, גוואַלדיק פּאַרנעם און עפּעס געביטעריש איז ער געווען אין זיין באַנעם.

אײַ געגאַנגען און געשטאַנען גלייך ווי אַ סטרונע. אָפּנים, אַז די דאָזיקע סטרונע־גלייכקייט איז נישט געווען דורכויס אַ נאַטירלעכע, עס האָט זיך געפילט אַן אָנשטרענגונג, עס האָט זיך געפילט אַז עס איז אַן אַרויספאָדערונג דער אַלטקייט, וואָס האָט איִם געוואָלט בויגן. ער האָט געקעמפט פאַר דער סטרונע־גלייכקייט.

און ער האָט געזיגט און נישט די אַלטקייט.

איך האָב אים נישט געהערט קלאָגן זיך אויף מידקייט און בכלל אויף אַלע ברעכענישן און שטעכענישן פון עלטער.

און איר דאַרפט וויסן, אַז דער יידישער עולם פאַרגעסט אָפט פון התפעלות צו האָבן איינזעעניש מיט אַ גאַסט.

פרק פלעגט פּרובירן אָפּהאַלטן דעם דראַנג פון עולם, אָבער דער זיידע פלעגט אַ שמייכל טון. עס האָט געהייסן — ער קען אַליין אַכטונג געבן אויף זיך.

און טאַקע אין סאַמע מיטן טומל פון מענטשן אַרום אים איז ער נישט געוואָרן. ער איז נעלם געוואָרן אין זיין צימער און פלעגט רוען.

ער איז געווען אויסערסט קלוג אין זיין באַנעמונג, אין זיין האַלטונג, אין היטן זיין געזונט און בכלל אין אַלץ וואָס איז נוגע זיין פּערזאָן.

אָבער אין זיינע שמועסן האָט זיך געהערט שטאַרק דער אַלטער משכיל, דער בעל־דיקדוק, דער אויסזוכער פון העברעישע ווערטער און אויך, פאַרשטייט זיך, יידישע ווערטער, און דער פאַרטייטשער פון פסוקים על פּי דיקדוק און על פּי לאָגיק.

ער האָט גערעדט גערן רוסיש, אָבער מיט אַ שלעכטן אַקצענט און טאַקע מיט גאַנץ קאָנטיקע גרייזן, אָבער ער האָט עס אָפּנים נישט באַ־מערקט, ווייל ער האָט זיך געריסן צו רעדן רוסיש.

ער איז געווען אַ קפדן, ווי אַלע עלטערע מענטשן, אָבער עפּעס אַ קאַל־טער קפדן, וואָס האָט מער דערמאָנט אַ פּעדאַנט, אַ טרוקענעם פּעדאַנט.

עס איז נישט געווען קיין שום קינסטלערישקייט אַרום אים, אָבער לחלוטין נישט.

ד"ר א. מוקדוני

זיין באַנעמען איז געווען פון אַן אַלטן רוסישן טשינאָווניק, פון אַ ביוראָקראַט.

ער איז נישט צוגעפאַלן צו מענטשן, עפּעס איז כסדר געווען אַ מחיצה צווישן אים און אַנדערע מענטשן.

ער האָט אַפילו אויפגענומען קאַלט די באַגייסטערטע אויפנאַמע, וואָס ער האָט געהאַט אין וואַרשע און אין אַנדערע שטעט. די וואַרעמקייט און דער ענטוזיאַזם פון די מענטשן האָבן אים נישט געמאַכט וואַרעם און ענטוזיאַסטיש.

אָבער עס איז דאָך געבליבן ביי אַלעמען דער איינדרוק — אַ שיינער זיידע. מיט אַזאַ זיידן קען זיין שטאָלץ די גרעסטע און רייכסטע ליטעראַטור.

דאָס איז געווען דער איינדרוק פון די נאָענטע, די וואָס זענען געקומען מיט אים אין באַרירונג און פון די, וועלכע האָבן אים געזען בלויז פון דער ווייטנס.

אויב עס איז נישט געווען קיין קינסטלערישקייט אַרום דעם זיידן איז דערפאַר געווען ציכטיקייט, זויבערקייט און עפּעס שיינענדיקעס אַרום אים.

ער איז געווען דער ציכטיקסטער זקן, וואָס איך האָב באַגעגנט אין מיין לעבן.

און דאָס האָט שטאַרק אימפּאָנירט.

***

צען טעג איז געווען יום טוב פאַר אונדז שרייבער אין וואַרשע. אמתער ליטעראַרישער יום־טוב.

אָבער ביי פּרצן אין הויז איז דאָך געווען יום־טובדיקער און וואַרעמער.

אַגב, פּרץ איז נישט געווען קיין זקן. ער איז געווען אַ יונגער מענטש מיט אַ גרויען קאָפּ, די אויגן האָבן כסדר געברענט און געפלאַקערט.

זענען מיר נישט אַריינגעפאַלן פון דעם מענדעלע־יום־טוב גלייך אין דער גרויסער וואָך אַריין. ניין, מיר זענען אַריינגעפאַלן פון איין יום־טוב אין אַ וואַרעמערן יום־טוב.

די פּאָפּולאַריטעט פון מענדעלען איז געווען אַזוי אומדערוואַרטעט גרויס, אַז די צייטונגען האָבן אים איינגעלאַדן צו שרייבן פאַר זיי.

דער רעדאַקטאָר מיינער, מרדכי ספּעקטאָר, האָט געהאַלטן, אַז איך דאַרף שרייבן דעם זיידן און איינלאַדן אים צו געבן עפּעס פון צייט צו צייט „דער נייער וועלט״.

איך האָב געהאַלטן, אַז ער, מרדכי ספּעקטאָר, דאַרף עס טון, אָבער עס איז געבליבן, אַז איך זאָל שרייבן דעם זיידן.

אָבער יאַצקאַן האָט זיך מקדים געווען. אַ טאָג נאָכן אָוועקשיקן מיין בריוו צום זיידן האָט יאַצקאַן געלאָזן וויסן בקולי־קולות, אַז דער זיידע איז געוואָרן אַ מיטאַרבעטער פון „היינט״.

איך האָב באַקומען אַן ענטפער פון דעם זיידן, אַ העפלעכן, אָבער אַביסעלע אַ סאַרקאַסטישן בריוו, ווי זיין שטייגער איז געווען.

יאַצקאַן האָט געדרוקט צוויי קליינע זאַכן פון זיידן און מיט דעם האָט זיך אַלץ געענדיקט.

דער זיידע איז געווען גענוג קלוג און ער האָט מער ווי צוויי קליינינקייטן נישט צוגעשיקט, און ווען ער וואָלט געשיקט מער וואָלט די מערכה נישט געוואָרן בעסער. זי וואָלט געווען אַ סך ערגער. ווייל דער זיידע איז נישט געווען קיין צייטונגס־שרייבער, בפרט אין יענער צייט ווען ער האָט זיך אָפּגעגעבן מיט איבערזעצן דעם תהילים.

דער זיידע האָט עס גוט געוווסט, אַז אין זיין ענטפער אויף מיין איינלאַדונג צוצושיקן פון צייט צו צייט עפּעס פאַר ספּעקטאָרס „נייע וועלט״ האָט ער מיר געגעבן קלוגע אָנצוהערעניש וועגן דעם.

ראשית איז ער נישט קיין צייטונגס־שרייבער. די רעדאַקטאָרן אין וואַרשע האָבן געזען אַ גרויסן עולם אַרום אים און זיי מיינען, אַז איך קען צוציִען דעם עולם און מאַכן זיי פאַר זייערע לייענער.

איז דאָס אַ טעות גמור.

דער דרך פון אַן עולם איז — ווען ער זעט דריי מענטשן, לויפן צו פיר, ווערט שוין זיבן; לויפן שוין צו נאָך צוואַנציק. ווערט שוין אַ טומל און מענטשן לויפן זיך צוזאַמען אויפן בייז־ווונדער.

דעם טעות האָט געמאַכט יאַצקאַן אין מיר.

אָבער די מענדעלע־פייערונגען האָבן געהאַט אַ סך אַ גרעסערע און אַ

סך אַ טיפערע באַדייטונג ווי כאַפּן אַ פּאָר הונדערט לייענער פאַר דער טעגלעכער יידישער פּרעסע.

די מענדעלע־פייערונגען האָבן איינמאָל פאַר אַלעמאָל פעסטגעשטעלט דעם פאַקט — עס איז דאָ אַ יידישע ליטעראַטור; עס איז דאָ אַ יידישע ליטעראַטור אַפילו מיט אַזאַ שיינעם אימפּאָזאַנטן יידישן זיידן.

מיר שרייבער זענען עפּעס געוואָרן זיכערער ביי זיך, מיר האָבן עפּעס דערפילט אַ פעסטן באָדן אונטער אונדזערע פיס.

אַפילו פּרץ, דער אנערקענטער קלאַסיקער, האָט זיך אויך דערפילט עפּעס זיכערער.

און אין אַן אָוונט, ביי אַ גלעזל טיי ביי פּרצן, איז עס פעסטגעשטעלט געוואָרן.

און קיינער האָט עס נישט אָפּגעפרעגט.

מענדעלע איז געווען דער בגרות־אַטעסטאַט פון דער יידישער ליטעראַטור.

און שפּעטער אַביסל, ווען עס זענען דערשינען די 17 בענדיקע ווערק פון מענדעלע, האָבן מיר געוואָרט מיט שפּאַנונג אויף אַ ידיעה וועגן דעם פאַרקויף.

און לידסקי, דער רויקער אַרויסגעבער פון אַלע מענדעלעס ווערק אין 17 בענדער, האָט אונדז געלאָזט וויסן, אַז דער פאַרקויף איז בעסער, אַ סך בעסער ווי ער האָט דערוואַרט.

און מיר האָבן באַשיינפּערלעך דערזען, ממש בוכהאַלטעריש, אַז עס איז דאָ אַ יידישע ליטעראַטור און עס איז דאָ אַ יידישער לייענער, וואָס לאָזט אַראָפּ די האַנט אין קעשענע און באַצאָלט 15 רובל פאַר אַ יידיש בוך...

דאָס איז געווען די ערשטע גרויסע סומע, וואָס אַ יידישער לייענער האָט באַצאָלט פאַר אַ יידיש בוך.

15 רובל, צי 10 רובל, איך געדענק נישט גענוי. דאָס איז געווען אַ וואָך געהאַלט פון דעם דורכשניטלעכן „ווייסן קאָלנער"־אַרבעטער און פון סתם אַ גוטן אַרבעטער.

6

„דער פריינד“

„דער פריינד“ איז געווען די ערשטע און די בעסטע יידישע צייטונג אין רוסלאַנד.

ביז היינטיקן טאָג איז נאָך נישט אויפגעקומען קיין בעסערע צייטונג ווי „דער פריינד“.

„דער פריינד“ איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אין פעטערבורג, אין דער שטאָט מיט דער בעסטער פרעסע אויף דער וועלט. די רוסישע פרעסע איז, מיט קליינע אויסנאַמען, געווען די ליבעראַלסטע, עטישסטע און די בעסטע רעדאַקטירטע פרעסע אויף דער וועלט.

און יעדע אַנדערע צייטונג, וואָס איז דערשינען אין רוסלאַנד, דאָס הייסט, יעדע צייטונג אויף אַן אַנדער שפּראַך, האָט געמוזט זיין ליבעראַל, עטיש און גוט רעדאַקטירט.

רוסלאַנד איז געשטאַנען אין אַן עפּאָכע פון רעוואָלוציעס. יעדער, פאַרשטייט זיך, האָט געהאַט זיין אידעאַל פון אַ רעוואָלוציע, איינער האָט געוואָלט קאָמוניזם, דער אַנדערער האָט געוואָלט סתם סאָציאַליזם, דער דריטער האָט געוואָלט ליבעראַליזם און דער פערטער האָט געוואָלט אַ קאָנסטיטוציאָנעלע מאָנאַרכיע. אָבער אַלע זענען געווען רעוואָלוציאָנערן, אַלע האָבן געהאַסט דעם צאַריזם, דעם פינצטערן, דעספּאָטישן צאַריזם.

„דער פריינד“ איז געווען אַ יידישע צייטונג מיט גרויסע מעלות פון אַ רוסישער צייטונג. ער איז אַריין אין כאָר פון די רוסישע ליבעראַלע צייטונגען מיט זיין יידישער שטים.

ד״ר א. מוקדוני

דער ערשטער רעדאַקטאָר פון „פריינד" איז געווען ד״ר לוריע, וואָס האָט שוין רעדאַקטירט דאָס בעסטע יידישע וואָכנבלאַט „דער יוד", אַ מענטש מיט אַ ברייטער בילדונג, אַ ציוניסט און, פאַרשטייט זיך, אַ ליבע־ראַל. דער צווייטער רעדאַקטאָר איז געווען שאול גינצבורג, אַ באַוווסטער יידישער היסטאָריקער, אַ פיינער פובליציסט, אַ יוריסט לויט בילדונג און אַ יידישער מענטש מיט אַ גרויסן יחוס פון רבנים און גדולי־ישראל. דער דריטער רעדאַקטאָר איז געווען שמואל ראָזענפעלד, אַ יידישער תלמיד־חכם, אַ מענטש מיט פעסטע פרינציפּן און מיט אַ גרויסן יידישן וויסן.

„דער פריינד" האָט געהאַט אַן אויסערגעוויינלעכן פינאַנציעלן דער־פאָלג. דער בעסערער קלאַס יידן אין אַלע שטעט און שטעטלעך פון תחום, זענען געווען אַבאָנענטן פון „פריינד", געטרייע און ענטוזיאַסטישע אַבאָ־נענטן.

קיין איינצל־פאַרקויף האָט דער „פריינד" נישט געהאַט און זיך נישט געיאָגט נאָך אים.

עס איז געווען אַ סאָלידע צייטונג מיט צענדליקער טויזנטער אַבאָ־נענטן, וואָס פלעגן באַקומען די צייטונג מייסטנס אויפן דריטן טאָג, אָבער פאַר זיי איז די צייטונג געווען פריש און ניי.

אויסער די נייעס איז „דער פריינד" געווען די בעסטע ליטעראַרישע צייטונג. אַלע בעסטע שרייבער זענען געווען אירע מיטאַרבעטער, אָנהייבנדיק פון דעם זיידן מענדעלע און ענדיקנדיק מיטן דעמאָלט יונגן אברהם רייזען, שלום אַש, ה. ד. נאָמבערג, יונה ראָזענפעלד א״אַ.

און די בעסטע פובליציסטן האָט „דער פריינד" קאָנצענטרירט אַרום זיך.

„דער פריינד" האָט געפירט ממש אַ אידיליש לעבן. ערב דאָס נייע יאָר האָט ער באַקומען די שווערע טויזנטער פאַר אַ גאַנץ יאָר פון זיינע אַבאָנענטן.

דער איינצל־פאַרקויף פון צייטונגען איז סתם נישט געווען שטאַרק אַנטוויקלט אין דעם אַמאָליקן רוסלאַנד; די וועלט האָט זיך אין יענע יאָרן נישט געטרייסלט, זיך נישט געוואָרפן אין אַ קדחת, זי איז נישט באָמבאַרדירט געוואָרן פון הימל און נישט פון אונטערן וואַסער.

די נייעסן זענען געווען מייסטנס אידילישע און זיי האָבן דעריבער קיינמאָל נישט געוואָרן אַלט־געבאַקן.

אַזוי האָט „דער פריינד" געלעבט רויִק און אין מאַטעריעלער רחבות היפּשע עטלעכע יאָר.

אָבער מיט אַמאָל איז געקומען וואַרשע און האָט געמאַכט אַ רעוואָ־לוציע אין דער ייִדישער צייטונגס־וועלט.

אַ צייטונג האָט געמוזט זיין פריש, אָקאָרשט פון דרוק. די נייעסן האָבן געמוזט זיין געוואַלדיקע. אויב זיי זענען עס נישט געווען בטבע, האָט מען זיי געמאַכט זיי זאָלן שרייען „געוואַלד".

אין אַלע גרעסערע ייִדישע שטעט האָבן ייִנגלעך און דערוואַקסענע אָנגעהויבן לויפן פאַרסאַפּעטע, צעיאַכמערטע און מיט קולי־קולות געשריִען:

— אַ „היינט", אַ „מאָמענט", גרויסע נייעס, קויפט, קויפט!

און דער סאָלידער, זיכערער „פריינד" האָט אָנגעהויבן שנעל פאַר־ליִרן זיינע שטענדיקע אַבאָנענטן.

און „דער פריינד" האָט קיין אַנדער ברירה נישט געהאַט ווי צו אַרי־בערפעקלען זיך אין וואַרשע, אין דער הויפּטשטאָט פון דער ייִדישער פּרעסע.

און אָט לאָזט זיך אַראָפּ אין יאָר 1910 קיין וואַרשע דער אַרויסגע־בער פון „פריינד", שבתי ראַפּאַפּאָרט, אַ ייִד אַ סוחר פון פּאַפּיר, אַ גרויס־געוויקסיקער, אַ גוטמוטיקער און אַ ברייטער ייִדישער מענטש.

ער זוכט אַ דירה פאַר דער רעדאַקציע פון „פריינד" און שטעלט איין קאָנטאַקט מיט נייע מיטאַרבעטער.

פאַרשטייט זיך, אַז י. ל. פּרעצעס הויז איז דאָס אָרט, ווו שבתי ראַ־פּאַפּאָרט קריגט די געניועסטע ידיעות וועגן אַלץ. אגב, איז י. ל. פּרץ גע־ווען כסדר אַ מיטאַרבעטער אין „פריינד" און ער איז, אַזוי צו זאָגן, איצט דער מכניס־אורח, וואָס נעמט אויף זיין צייטונג אין זיין שטאָט.

שמועסנדיק מיט שבתי ראַפּאַפּאָרט און קוקנדיק אויף אים האָט איר געזען פאַר זיך ממש „דעם פריינד", איר האָט געהאַט פאַר זיך אַ רוסישן סוחר, אַ געזעצטן, אַ סאָלידן, אַן ערלעכן, אַ גאַסטפריינדלעכן, אַן ערנסטן און אַ לאַכנדיקן, אַן אינטעליגענט און אַ פּשוטער מענטש. אַ רייכער סוחר, אָבער זיין באַנק־ביכל טאַרטשעט נישט אַרויס פון זיין בוזים־קעשענע.

ער איז אַ ציוניסט, ענדיקט זיין לעבן אין ארץ־ישראל, אָבער ער איז נישט קיין העברעער, ער האָט ליב יידיש און האָט ליב „דעם פריינד״. ער האָט אים ליב ווי אַ גערעטענע יידישע אינסטיטוציע און נישט בלויז ווי אַ גוט געשעפט.

ער איז אַ טאַקטישער מענטש און דער עיקרשט — ער פאַרמאָגט די רוסישע ברייטקייט, ער קען אַן עס טון, אַ טרונק טון, און כסדר מוז עס זיין בציבור מיט דער גאַנצער רעדאַקציע, און כסדר דאַרף עס זיין אין דעם בעסטן און שענסטן רעסטאָראַן.

און ווען עס קומט צו שכירות, דינגט ער זיך נישט, אַלץ איז מיט אַ ברייטער האַנט.

און געלט האַלט ער עפּעס נישט אין קיין טייסטער, אין יעדער קע־שענע איז דאָ געלט, איז ווי ער לאָזט אַראָפּ אַ האַנט אין אַ קעשענע שלעפּט ער אַרויס זשמעניעס מיט אַסיגנאַציעס.

און ער ציילט עפּעס נישט קיין געלט. ער גיט בלויז אַ וואָרף מיטן אויג אויף דער סומע, וואָס ער דאַרף אויסצאָלן און צאָלט זי אויס מיט אַ שמייכל און מיט אַ ברכה...

און אַ וואָרט איז אַ וועקסל.

מיר, י. ל. פּרץ און די צוקונפטיקע מיטאַרבעטער, האָבן פאַרבראַכט מיט שבתי ראַפּאַפּאָרט עטלעכע טעג אין פרייד און אין נחת — אַ נייער מענטש. מיר האָבן נאָך נישט געזען אַזאַ אַרויסגעבער.

און באַלד הויבן אָן אָנצוקומען די מאַשינען, די זאַץ־מאַשינען, די ראָטאַציע־מאַשין און די אַנדערע מאַשינען. אַלץ שווערע, מאַסיווע מאַשי־נען. „דער פריינד״ איז אַן איינגעפונדעוועטע ציי‌טונג, אַ צייטונג מיט אַ גרויסער בעל־הביתישקייט.

און אָט באַוויזט זיך דער רעדאַקטאָר שמואל ראָזענפעלד.

און מען הייבט אָן צוזאַמענשטעלן די רעדאַקציע. זי איז אייגנטלעך אַזוי גוט ווי צוזאַמענגעשטעלט פון י. ל. פּרץ מיט שבתי ראַפּאַפּאָרט, אָבער ראַפּאַפּאָרט האָט דאָס לעצטע וואָרט איבערגעלאָזן פאַר ש. ראָזענפעלדן.

ווען ראָזענפעלד קומט ווער איך פאָרמעל אָנגענומען פאַר אַ מיט־אַרבעטער.

ש. ראָזענפעלד בלאָנדזשעט נישט ביים איינלאַדן מיטאַרבעטער. ער

קען גוט די שרייבערישע וועלט. ער קען יעדן שרייבער מיט זיינע מעלות און חסרונות, מיט זיינע מעגלעכקייטן און מיט זיינע הינטערשטעליקייטן.

בלויז איך בין אַ נייער מענטש פאַר אים. מיך האָט ער נאָך נישט איינגעביסן.

און איינמאָל טרעף איך אים ביי פרצן מיט אַ פּאַק אַלטע נומערן פון „דער נייער וועלט". מען האָט נישט באַדאַרפט זיין קיין גרויסער טרע־פער צו טרעפן, אַז דאָס שטודירט ער מיין ווייניקייט.

י. ל. פרץ, ווי זיין שטייגער איז, איז פאַרקאָכט אין דער „נייער צייטונג". פרץ איז געווען, אָדער קאַלט, אָדער ער האָט געפלאַקערט.

ער איז באמת געווען גליקלעך מיט דעם וואָס די בעסטע, די סאָלידס־טע און די ליטעראַרישסטע ייִדישע צייטונג באַזעצט זיך אין זיין פוילן, אין זיין וואַרשע.

פרץ איז געשטאַנען ווייט פון די אַלע צייטונגען, וואָס זענען אויפ־געקומען אין וואַרשע. זיי זענען געווען צו וווּלגאַר פאַר אים. אויפן „פריינד" האָט ער געלייגט גרויסע האָפענונגען. אגב, איז די רעדאַקציע אים געווען צום האַרצן. אַלע זיינע פריינט, אַלע פּרציאַנער זענען אַריין אין „פריינד", ער האָט זיך שוין געפילט אין „פריינד" ווי אין זיין היים, אויף צעגלאַנאַ 1.

און די רעדאַקציע פון „פריינד" איז אין עצם געווען ענלעך אויף זיין היים. אין דער רעדאַקציע פון „פריינד" פלעגט איר טרעפן דיזעלביקע מענטשן, וואָס איר האָט געטראָפן ביי פרצן.

באַלד האָט זיך אַראָפּגעלאָזן דער פאַרוואַלטער פון „פריינד". אַ פּע־טערבורגער פאַרוואַלטער, אַ פּראָפעסאָר ממש, אַ פילאָזאָף לויט זיין ביל־דונג און אַ פרומער מאַרקסיסט, לויט זיינע איבערצייגונגען און לויט זיין שרייבערישן פאַך.

זיין נאָמען איז געווען י. יאפפע, זיין פּען־נאָמען — דעבאַרין.

דער פאַרוואַלטער האָט געקענט זיין דער רעדאַקטאָר, אָבער היות ווי ער איז געווען אַ סאָציאַליסט האָט ער אַפילו נישט געקענט מיטאַרבעטן אין דער צייטונג, אָבער אַ שטעלע פון אַ פאַרוואַלטער איז אַ ריין טעכנישע שטעלע און זי איז כשר אַפילו פאַר אַזאַ פרומען סאָציאַליסט ווי ער.

אין געוויסע אָנגעשטרענגטע פּאָליטישע מאָמענטן פלעגט יאפּפע, דער פאַרוואַלטער, אָנשרייבן אַן אַרטיקל.

ד״ר א. מוקדוני

יאפפע איז געווען באַקאַנט אין די מאַרקסיסטישע קרייזן ווי אַן אויטאָריטעט.

ווען די באָלשעוויקעס האָבן געשאַפן אין מאָסקווע דעם באַקאַנטן „אינסטיטוט פון קאַרל מאַרקס" איז יאפפע געווען איינער פון די אַקאַדעמיקער.

זיין גורל איז אָבער געווען דערזעלביקער ווי פון אַלע זעלבשטענדיקדענקנדיקע מענטשן אונטער סטאַלינס דיקטאַטור. ער איז אויך ליקווידירט געוואָרן, און, פאַרשטייט זיך, נישט פאַר זיינע זינד קעגן מאַרקסיזם, נאָר פאַר זיין גרעסטער זינד און נעמלעך פאַר זיין קענען צו גוט מאַרקסן.

דעבאָרין, אָדער יאפפע, איז געווען אַ רויקער, אַן ערנסטער און אַ געוואַלדיק פרינציפיעלער מענטש.

איך האָב אים קיינמאָל נישט געזען שמייכלענדיק, אָדער לאַכנדיק.

ווי אַ פאַרוואַלטער האָט ער געטון זיין מלאכה מיט דער גרעסטער פּינקטלעכקייט און געטריישאַפט.

ער פלעגט אָפט איינגעלאַדן ווערן אויף די רעדאַקציאָנעלע באַראַטונגען, אָבער ער פלעגט זעלטן אָנגעמען די איינלאַדונג.

גענעפנט האָט זיך די רעדאַקציע מיט גרויס פּאַראַד. אויף דער עפענונג האָט זיך אַראָפּגעלאָזן שבתי ראַפּאַפּאָרט פון פּעטערבורג, און אַ פּאַראַדנער מיטאָג מיט קאָניאַק און שאַמפּאַניער איז געגעבן געוואָרן פאַר אַלע מיטאַרבעטער און פאַרן גאַנצן פּערסאָנאַל פון „פריינד". מען האָט געגעסן און געטרונקען ביז מען האָט געבראַכט דעם ערשטן נומער פון דרוק.

דאָ האָבן זיך אַלע אויסגעניכטערט:

מען האָט אָנגעהויבן בלעטערן די נייע צייטונג, מען האָט געבלעטערט ערנסט און געבלעטערט אָן ווערטער.

ביז שבתי ראַפּאַפּאָרט האָט אַ זאָג געטון מיט פרייד:

עס איז אונדזער „פריינד". דער פּעטערבורגער „פריינד" אין וואַרשע. זאָל זיין מיט גליק!

***

יאָ, עס איז געוויען דער פּעטערבורגער „פריינד״.

און דאָס איז געוועזן זיין גרויסע מעלה, אָבער אויך גרעסטער מאַ־טעריעלער חסרון.

די יידישע צייטונגען אין וואַרשע האָבן שוין באַוויזן צו דעמאָראַ־ליזירן אַ היבש ביסל דעם יידישן לייענער. ער האָט שוין געמוזט האָבן אַ צייטונג מיט אַ שלעכטן ריח, ווי לימבורגער קעז.

״דער פריינד״ האָט נישט פאַרכאַפּט דעם יידיש־פּוילישן לייענער.

מיר האָבן געוווּסט, אַז „דער פריינד״ האָט נישט קיין גרויסן דער־פאָלג, אָבער קיינער, נישט פון דער רעדאַקציע און נישט פון דער אַדמי־ניסטראַציע האָט עס אונדז געזאָגט, אָדער פאַרגעוואָרפן, פאַרקערט — מען האָט אונדז געהייסן נישט זאָרגן און אַרבעטן אין דער זעלביקער ריכטונג ווי ביז אַהער.

די צייטונג האָט נישט געגעבן שבתי ראַפּאַפּאָרטן קיין עשירות. וועגן דעם האָט גאָר קיין רייד נישט געקענט זיין. אָבער זי האָט זיך אַליין אויסגעהאַלטן בכבוד, און דאָס, האָט שבתי ראַפּאַפּאָרט דערקלערט, איז גענוג פאַר אים. ער האָט פּרנסה אָן דער צייטונג און אָן איבעריקע פאַר טויזנט רובל וועט ער שוין אָפּשפּאָרן פון זיין גרויסן פּאַפּיר־געשעפט אין פּעטערבורג.

אין יעדן ערב ניי־יאָר פלעגט ער זיך אַראָפּלאָזן קיין וואַרשע מאַכן אַ חשבון.

מיר האָבן אַלע געגעסן אַ פאַראַדנעם מיטאָג, ווי אין די גוטע יאָרן, און געטרונקען דערנאָך אין אַ קאַבאַרעט גוטן קאָניאַק און שאַמפּאַניער כשנים קדמוניות.

אין איינעם פון אַזעלכע אָוונטן האָט זיך אַפילו אונדזער אַסקעטישער ראַזוענפעלד אַ ביסל אָנגעטרונקען און איך און זיי פרוי האָבן אים געמוזט אין סאַמע ברען פון דער הוליאַנקע אַוועקפירן אַהיים.

און אויפן וועג אַהיים האָט דער בגילופינדיקער ראַזוענפעלד׳ געוואָלט מיר דווקא איינשמועסן, אַז ער איז טויט.

און ווען איך האָב עס אים נישט געוואָלט גלייבן, האָט ער געשווירן ממש, אַז ער איז טויט:

ד״ר א. מוקדוני

— אויף מיין נאמנות, מוקדוני, איך בין טויט, טויט...

אָבער אויף מאָרגן גאַנץ פרי האָב איך געפונען מיין בר־מינן ביים שרייבטיש מיט אַראָפּגעלאָזענע אויגן, אַזוי ווי ער וואָלט אָפּגעטון מי־יודע וואָס פאַר אַ מיאוסע זאַך.

— מיין פרוי האָט מיר דערציילט וועגן דעם וואָס עס האָט פּאַסירט מיט מיר נעכטן, — האָט ער געזאָגט אַ פאַרשעמטער — עס איז דאָס ערשטע, און, פאַרשטייט זיך, דאָס לעצטע מאָל אין מיין לעבן.

עס איז געווען דאָס איינאונאיינציקע מאָל אין לעבן, וואָס אָט דער פּרוש און כמעט־אַסקעט האָט גענומען אַן איבעריקן טרונק.

און פאַר די פערציק יאָר פון אונדזער פריינדשאַפט אין פּוילן, אין רוסלאַנד און דאָ אין אַמעריקע האָט עס מער נישט פּאַסירט.

און ער האָט נישט ליב געהאַט צו הערן ווען איך, אָדער זיין פרוי, האָבן דערציילט וועגן אָט דעם פאַל...

די רעדאַקציע פון „פריינד״ איז געווען אַ קאָלעקציע פון גרויסע טאַלאַנטן.

דער וואָס האָט געהאַט טאַלאַנט, דער וואָס האָט געהאַט עפּעס צו זאָגן, איז געקומען אין „פריינד״.

די שטענדיקע מיטאַרבעטער פון „פריינד״ זענען געווען בעל־מחשבות, ה. ד. נאָמבערג, א. ווייטער, א. ליטוואַק, אַ צייט לאַמעד שאַפּיראָ, ר׳ מרדכילע און מיין ווייניקייט.

די אויסערלעכע מיטאַרבעטער זענען געווען י. ל. פּרץ, שלום אַש, אברהם רייזען און אַלע אַנדערע שרייבערס, ווי יונה ראָזענפעלד, א. מ. ווייסענבערג אאַז״וו.

און איך האָב צום ערשטן מאָל דערזען פאַר זיך אַ רעדאַקטאָר. שמואל ראָזענפעלד איז געווען אַ רעדאַקטאָר אין פּולן זינען פון וואָרט.

ווען איך פלעג קומען אין דער פרי פלעגט ער מיך פרעגן וועגן וואָס איך האָב בדעה צו שרייבן, פלעגט ער אויסהערן און פלעגט געוויינלעך זאָגן:

— לאָמיר זען וואָס פאַר אַ פראַגן עס זענען היינט אויפגעקומען אין דער יידישער וועלט און אין דער אַלגעמיינער וועלט. לאָמיר זען וועלכע

זענען די וויכטיקסטע און ווער עס איז באַרופן צו שרייבן וועגן זיי אין אונדזער צייטונג. יעדע טעמע דאַרף האָבן איר שרייבער.

און אַזוי פלעגן מיר דורכלופטערן די אַלע פראַגן און פּראָבלעמען, וואָס זענען אויפגעקומען אין דער גרויסער אַלגעמיינער וועלט און אין דער קליינער ייִדישער וועלט.

פאַרשטייט זיך, אַז ייִדישע פּראָבלעמען פלעגן באַקומען פּריאָריטעט: און אַזוי טאָג־איין, טאָג־אויס.

ווען אַלץ איז געווען פאַרטיילט, פלעגט ער אָנהייבן באַאַרבעטן אַ טעמע פאַר זיך אַליין.

געוויינלעך פלעגט ער זיין טעמע אויספּרובירן אויף די מיטאַרבעטער. ער פלעגט זיך אָפּשטעלן לעבן אַ מיטאַרבעטער און פלעגט מיט אַנטריס־טונג רעדן וועגן עפּעס אַזויגס, וואָס איז געשען, אָדער וואָס עס געשעט אויף אונדזערע אויגן אין דער ייִדישער וועלט.

פלעגט דער מיטאַרבעטער רעאַגירן שאַרף און פלעגט זיך אויך צעקאָכן, פלעגט ער איבעררייסן דעם שמועס. דאָס האָט געהייסן, אַז די טעמע רופט אַרויס מאָראַלישע, אָדער פּאָליטישע אַנטריסטונג, און דאָס איז געווען גענוג פאַר אים.

ער זיצט שוין אין זיין צימער און שרייבט מיט פּערלדיקע אותיות זיין אַרטיקל.

אַמאָל פלעגט זיין אַ טריקעניש אויף טעמעס. אַלע טעמעס זענען עפּעס אויסגעטריקנט געוואָרן. מען בלעטערט די צייטונגען, — נישטאָ קיין טעמע. עפּעס איז די וועלט אַריינגעפאַלן אין אַ הינערפּלעט.

און דאָ קומט מען צו אים, צו ראָזענפעלד — אפשר האָט ער אַ טעמע.

ה. ד. נאָמבערג פלעגט קומען, געוויינלעך, אַ נישט־אויסגעשלאָפענער, אַ בלייכער, מיט רויטע אויגן, פלעגט בלעטערן די צייטונגען און פלעגט צוקומען צו ראָזענפעלדן:

— אפשר האָט איר אַ טעמע?

ראָזענפעלד פלעגט זיך פאַרטראַכטן און פלעגט אויך פאַנאַנדערנע־מען די הענט —

— נישטאָ היינט קיין טעמעס, אַן אויסטריקעניש. גיט אַליין אַ טראַכט, איר וועט שוין עפּעס אויסזוכן.

ד"ר א. מוקדוני

אַמאָל פלעגט ראָזענפעלד צוקומען צו מיין טיש און זאָגן עפּעס אגב־אורחא:

— איר האָט היינט אַ גוטן אַרטיקל, אָבער זאָל אייך נישט איבעראַשן ווען איר וועט מאָרגן אָנשרייבן אַן ערגערן אַרטיקל. אַזעלכע אַרטיקלען ווי דער היינטיקער שרייבט מען אַן איינמאָל אין אַ יאָר.

געווען אָבער פראַגן וועגן וועלכע ער האָט קיין שום דעה נישט גע־זאָגט, אַזוי, למשל, איז די יידישע טעאַטער־פראַגע אינגאַנצן איבערגעלאָזן געוואָרן צו מיר. ראָזענפעלד פלעגט זיך נישט מישן.

— עס איז נישט מיין פעלד, דאָ קען איך גאָרנישט זאָגן.

ווען מען האָט באַדאַרפט, איז שמואל ראָזענפעלד געזעסן נעכט, חדשים נאָכאַנאַנד, און איבערגעשריבן אַ גרויס בעלעטריסטיש ווערק פון אַ באַרימטן יידישן שרייבער, אין וועלכן עס זענען אַריינגעפאַלן אַ היפּש ביסל טעותן סיי תוכיקע און סיי ריין סטיליסטישע.

דער יונגער שריפטשטעלער איז נישט געווען גענוג באַהאַוונט אין אַ סך פּראָבלעמען און פראַגן, מיט וועלכע די רוסישע רעוואָלוציאָנערן האָבן זיך פאַרנומען. ער איז אויך נישט געווען אין זיין יוגנט קיין מקפיד אין יידישער גראַמאַטיק.

האָט ש. ראָזענפעלד קיין וואָרט נישט געזאָגט קיינעם, האָט גענומען דעם מאַנוסקריפּט צו זיך אַהיים און האָט אים בוכשטעבלעך איבערגע־שריבן.

דאָס האָט געפאָדערט די ציטונג. די צייטונג האָט באַדאַרפט האָבן אַזאַ ראָמאַן, פאַרלאָזן זיך אויף אַנדערע האָט ער נישט געוואָלט. אַגב, האָט ער מורא געהאַט פאַר לשון־הרע און פאַר פאַרשידענע קלאַנגען אויפן חשבון פון גרויסן שריפטשטעלער.

איך האָב זיך דערוווּסט גאַנץ צופעליק וועגן דעם.

ש. ראָזענפעלד האָט אַכטונג געגעבן אויפן יידיש אין „פריינד", ער זאָל זיין ריין און גראַמאַטיקאַליש. אַ היפּשע צייט האָט דער אויסלייג פון „פריינד" געגאָלטן פאַרן אָנגענומענעם ליטעראַרישן אויסלייג.

דער „פריינד" איז, אַזוי אַרום, געווען די אָפּגעהיטנסטע יידישע צייטונג, סיי אינהאַלטלעך און סיי אויסערלעך.

מיט דעם גאַנצן קלאַפּערגעצייג פון „פריינד" זענען געקומען פון

פעטערבורג אויך די זעצערס, אַלע מענטשן, וואָס פאַרשטייען וואָס זיי זעצן און אַלע אָפּגעהיטע, ריכטיק ווי די שרייבער.

„דער פריינד" האָט געשאַפן אַ האַרמאָניע צווישן דעם שרייבער און דעם זעצער. נישט געווען קיין קלאַסן־טיילונג און קיין מחיצה צווישן זיי, ווי דער פאַל איז אין אַמעריקע.

געווען זעצער, וואָס מען האָט זיי געקענט דיקטירן אַן אַרטיקל, שטייענדיק לעבן דער זאַץ־מאַשין.

דער גאַנצער גייסט איז געווען אַן אַנדערער אין „פריינד". עס האָט זיך געפילט קולטור אויף יעדן שריט און טריט.

אַלע האָבן ליב געהאַט די צייטונג און נישט געלאָזן פאַלן אַ שטוי־בעלע אויף איר.

עס איז געווען אַ גוטע שול פאַר אַזאַ יונגן זשורנאַליסט ווי איך.

נישט געווען קיין פליאָטקעס, קיין הינטערפיסלעך, קיין קנאה־שנאה און אַפילו נישט די בייזע לשון־הרע, וואָס איז געוויינלעך דאָ צווישן שרייבער.

בראש זענען געשטאַנען מאָראַלישע פערזענלעכקייטן. סיי דער אַרויס־געבער, סיי דער געשעפטס־פאַרוואַלטער און סיי דער רעדאַקטאָר זענען געווען מאָראַלישע פערזענלעכקייטן.

עס איז געווען אַן אַטמאָספערע פון ריינקייט און ערנסט אַרום דער צייטונג און אין דער צייטונג.

7

די מיטאַרבעטער פון „פריינד“

ר׳ מרדכילע (מ. טשעמערינסקי)

ער איז אָנגעקומען אין „פריינד“ עפּעס אומבאַמערקט.

אין אַ שיינעם פרימאָרגן איז אַריין אַ לאַנגער ייִד אין „פריינד“ און אָן הקדמות געזאָגט ש. ראָזענפעלדן:

— איך בין טשעמערינסקי, ר׳ מרדכילע. ווו זיץ איך און וואָס דאַרף איך טון דאָ ביי אייך?

— זעצט זיך, לאָמיר פריִער אַ שמועס־טון וועגן דעם וואָס איר האָט געשריבן פריִער און וואָס אַן ערך וואָלט איר געוואָלט שרייבן.

— איך שרייב משלים. דאָס הייסט, איך האָב נאָך קיין איינעם פון מיינע משלים נישט אָנגעשריבן, איך האָב אין קאָפּ אַ פּאָר הונדערט משלים.

— וואָס, פונדעסטוועגן, וואָלט איר געוואָלט שרייבן? — פרעגט ראָזענפעלד.

— שאַלעמייזן, — ענטפערט דער לאַנגער ייִד, מיט אַ קליין שפּיציק, בלאָנד בערדל, און קוקט עפּעס גלייכגילטיק.

— וואָס איז דאָס פאַר אַ מין ליטעראַרישער זשאַנער? — וווּנדערט זיך ראָזענפעלד.

— שאלעמייזן זענען די אַלע שרייבעכצן אונטער ווּעלכע, אָדער איי־בער ווּעלכע, דער שרייבער שרייבט זיך נישט אונטער. איך שרייב נישט

קיין ליטעראַטור, קיין פּובליציסטיק, קיין לייט־אַרטיקלען, קיין פעליעטאָ־נען, קיין קריטיק. איך וועל שרייבן די אַלע שאַר־ירקות, די ממזרימלעך, וואָס האָבן נישט קיין טאַם און קיין מאַמען אין דער צייטונג. איך קען זיי אייך אָנשרייבן בערג.

קוקט דער תלמיד־חכם ש. ראָזענפעלד אויף דעם נייעם מיטאַרבעטער מיט אַ געדולדיקן שמייכל און זאָגט:

— מיר וועלן שוין מסתמא אויסגעפינען צו וואָס איר טויגט זיך אויס. זעצט זיך ביי יענעם טיש. אָט האָט איר אַ פּאָר אויסשניטן פון דער רוסי־שער פּרעסע. מאַכט עפּעס פון זיי.

אָן ווערטער האָט ר' מרדכילע גענומען דאָס פּעקל אויסשניטן, זיך אָוועקגעזעצט ביי אַ טיש, נישט אויסטוענדיק דעם מאַנטל און דאָס היטל און האָט אָנגעהויבן שרייבן מיט אַ טייוולשער פלינקייט, אָבער מיט אַן אַבסאָלוטער גלייכגילטיקייט.

אין אַ האַלבער שעה אַרום דערלאַנגט ער ראָזענפעלדן אַ פּאַק פאַר־שריבן פּאַפּיר.

ראָזענפעלד גיט אַ בלעטער דאָס פּעקל פּאַפּיר און זאָגט פאַרוווּנדערט:

— אַזוי פיל? דאָס קען דאָך קלעקן פאַר פיר־פינף נומערן „פריינד".

— דאָס איז אויף איינפאַל, איר דאַרפט דאָך מעקן, אַרויסוואַרפן, האָט איר דאָ איבעריקס וויפיל אייער האַרץ גלוסט, — זאָגט גלייכגילטיק ר' מרדכילע.

עס האָט גענומען צייט ביז מיר האָבן זיך צוגעוווינט צו ר' מרדכילעס טערמינאָלאָגיע. ער האָט אויף אַלץ געהאַט זיין יידישן נאָמען. די אָנגענו־מענע נעמען זענען פאַר אים נישט געווען גילטיק. אַ קליין שטיקל נייעס האָט געהייסן אויף זיין לשון „אַ פאַרפל"; אַ גרעסער שטיקל נייעס האָט געהייסן „אַ לעקשל"; אַ גרעסערער אויסשניט האָט געהייסן אַ „שאַלעמייז".

אָבער אַלץ איז געווען גוואַלדיק לאַנג, און דער אָרעמער ראָזענפעלד האָט געהאַט כסדר אַרבעט צו מעקן און אַרויסוואַרפן.

און נאָך אַ צרה איז געווען מיט זיין שרייבן און נעמלעך — עס איז געווען איבערלאָדן מיט לשון, מיט רייכן, פאַרביקן לשון, ממש אַ שפּראַך־פאַרפלייצעניש, מיט אַ שפּראַך־מבול איז געווען אין איטלעכס פּיצל נייעס, וואָס ער האָט איבערגעזעצט.

ד״ר א. מוקדוני

אַרויסוואַרפן איז געווען אַן עבירה. נעם און וואַרף אַרויס אַזאַ שפּראַך־שפּע, אָבער לאָזן קען מען עס אויך נישט, ווייל דאָס שטיקל נייעס איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אוצר פון פאַרשידענע אויסדרוקן און מיט אַ מוראדיקער שפּע פון ווערטער.

ער האָט בטבע נישט געקענט זיין קורץ און צום פּונקט. קעגן זיין ווילן פלעגט אַ פליי־טון מיט לשון.

ש. ראָזענפעלד פלעגט מיט אים איינטענהן טאָג־איין, טאָג־אויס, אַז מען קען נישט פאַרוואַנדלען אַ צייטונג אין אַ שפּראַך־מוזיי און אין אַ לעקסיקאָן פון אויסדרוקן.

אָבער ר׳ מרדכילע פלעגט ענטפערן כסדר: — איז מעקט, וואַרפט אַרויס. איך שרייב דאָך אויף אָפּפאַל.

יאָ, ער איז געווען אַ זייער שלעכטער נייעס־ און נאָטיצן־שרייבער, אָבער ווי האָט מען אַ האַרץ צו אַוועקשיקן אַזאַ געוואַלדיקן יידישן שפּראַך־עילוי, אַזאַ יידישן שפּראַך־גאון?

און אַז ער איז געווען אַ שפּראַך־גאון, — אין דעם איז גאָר קיין ספק נישט געווען. עס איז כמעט נישט געווען און עס איז נישטאָ זיין גלייכן אין דער יידישער ליטעראַטור.

און אָט דער מענטש האָט קיין שום ליטעראַרישע אַמביציעס נישט געהאַט. זיינע אַמביציעס זענען געלעגן אויף אַ גאָר אַנדער פלאַך. ער האָט זיך געהאַלטן גאָר פאַר אַ סוחר, פאַר אַ שאַרפן סוחר, וואָס קען אַלע סוחרים אויסטרייסלען פון אַרבל.

ער פלעגט קיינמאָל קיין הצלחה נישט האָבן אין מסחרים. אַ קלוגער יידישער סוחר האָט מיר דערקלערט די סיבה — ער האָט אַ צו שאַרפן קאָפּ פאַר קליינע מסחרים. אפשר וואָלט ער זיך אויסגעטויגט פאַר גרויסע מסחרים, אָבער פאַר גרויסע מסחרים האָט ער קיינמאָל קיין געלט נישט געהאַט.

אגב האָט ער עפּעס פאַרמאָגט אַן אויבער־חכמה, אַ מין מוח־שאַרפקייט, וואָס האָט עפּעס קיינמאָל מיט דערווירקלעכקייט און מיט רעאַליטעטן קיין שום מגע־ומשא נישט געהאַט.

זיינע סוחרישע איינפאַלן זענען געווען סוחרישער פּלפּול, סוחרישע

שאַרפע פשטלעך. זיי זענען געווען עפּעס אַבסטראַקט און האָבן מיטן ווירק־לעכן מסחר נישט געהאַט צו טון.

ר׳ מרדכילע איז געווען די וויצמאַנס אַ בן־עיר און אַ בן־בית, ווען די וויצמאַנס האָבן נאָך געלעבט אין אַ שטעטעלע נישט ווייט פון פינסק, אין מאָטעלע.

ער האָט חתונה געהאַט ערגעץ אין אוקראַינע, אין אַ האַלב פאַר־רוסישטער שטאָט און פאַמיליע, און ר׳ מרדכילע איז געווען אַ ייִד, אַ ייִד אי לויט זיין דערציִונג און אי לויט זיין גאַנצן מהות.

איז דער שידוך מיט אַ האַלב־אַסימילירט, אָדער רוסיפיצירט מיידל נישט עולה יפה געווען.

דער קאָנפליקט אין זיין פאַמיליע־דראַמע איז פאָרגעקומען אויפן באָדן פון טשאָלנט און דער עיקר פון קוגל: ר׳ מרדכילע האָט זיך נישט געקענט פאָרשטעלן שבת אָן טשאָלנט און אָן קוגל, און ער האָט צעבראָכן זיין פאַ־מיליע־לעבן, זיין גוט און שפעדיק געשעפט און איז געוואָרן אַ סטודענט. ער האָט אָבער באַלד אויסגעפונען, אַז די פּראָפעסאָרן וויסן גאָרנישט און ער האָט זיך גענומען אַליין לערנען.

איז פון זיין לערנען אַרויסגעקומען אַ מיש־מאַש, אַן עילוישער מיש־מאַש. ער האָט געכאַפּט די שפּיצן פון אַ קעגנשטאַנד, אָבער דאָס עלעמענ־טאַרע, דעם אלף־בית פון דעם קעגנשטאַנד האָט ער נישט געוווּסט.

ער האָט קיינמאָל מיט קיין וואָרט נישט דערמאָנט זיין אַמאָליקע פרוי און אַפילו נישט דעם זון זיינעם, וואָס ער האָט געהאַט מיט איר.

און זיין זון האָט זיך שפּעטער דווקא געלאָזט הערן. ער האָט שטו־דירט אין דייטשלאַנד, געבליבן אין דייטשלאַנד און איז געוואָרן איינער פון די פּאָפּולערסטע קאָמוניסטישע פירער אין דייטשלאַנד אונטער דעם נאָמען מאַסלאָוו.

באַזונדערס גרויס איז געווען זיין ראָלע אין דעם אָנהייב פון דער היטלער־עפּאָכע.

ר׳ מרדכילע איז געווען דער איינזאַמסטער מענטש אויף גאָטס וועלט. ער האָט נישט געהאַט קיין נאָנטע פריינט, קיין שטענדיקע באַקאַנטע. ער האָט זיך נישט געניטיקט אין זיי.

ער האָט אַפילו אין רעדאַקציע נישט געהאַט קיין פריינט.

ער האָט זיך געניײטיקט אין מענטשן בלויז צו שפּילן אַן אָקע. און ער האָט געוווּסט אַלע גוטע שפּילער אין אָקע און וועלכע 20־30 שטעט.

און ביי אים איז געווען רעכט אויפצוהייבן זיך און אַוועקפאָרן אין פּינסק, למשל, און שפּילן דריי־פיר מעת־לעת נאָכאַנאַנד אין אָקע און קומען צוריק אַ פרישער, ממש אַן אויפגעלעבטער.

ער האָט קיינעם נישט געגעבן צו וויסן, אַז ער פאָרט אַוועק. צו וואָס?

ער פלעגט אַריינקומען צוריק אין רעדאַקציע ווי אַ יינגל, וואָס האָט אָפּגעטון אַ גוטע שקצעריי — אַ שפּיל געטון אַ גוטע אָקע, מיט די אמתע שפּילער...

מיר אַלע האָבן געוווּסט, אַז ר׳ מרדכילע איז אַ פאַבל־שרייבער, אָבער קיינער פון אונדז האָט זיינס אַ פאַבל נישט געלייענט און נישט געזען אין דרוק.

זענען מיר אַמאָל צו אים צוגעשטאַנען, אַז ער זאָל געבן אַ פאַבל פאַרן „פריינד״. נאָך לאַנגע רעדענישן און דינגענישן האָט ער מסכים געווען אַרויסצונעמען אַ פאַבל פון זיין קאָפּ־קעסטל און אויסלייגן עס אויפן פאַפיר.

און אין אַ שיינעם פרימאָרגן האָט ער אַוועקגעלייגט אַן ווערטער אויף ראָזענפעלדס טיש אַ פּאַק מיט געדיכט פאַרשריבענע פּאַפּירן.

ראָזענפעלד האָט פאַרגעלייגט מיר זאָלן עס לייענען צוזאַמען.

אין משל האָט זיך דורכגעשמועסט דער תקיף, דער לייב, און דאָס שוואַכע פיקסל. דער לייב האָט גערעדט ווי אַ תקיף, ווי אַ גרויסער בעל־דעה און ווי אַ מושל; דאָס פיקסל האָט נעבעך געדרייט מיט דער צונג, גערעדט און געשעלמעוועט מיט שרעק און ביטרער פאַרזיכטיקייט. ווי ער האָט אַרויסגערעדט אַ שאַרף וואָרט האָט ער זיך אַליין דערשראָקן אויף טויט און האָט זיך גענומען פאַרלאַטען, פאַרצירעווען און פאַרזיסן זיין פעלער מיט זיסינקע ריידעלעך.

די גאַנצע קונסט איז באַשטאַנען אין דעם געוואַלדיק שפּעדיקן דיאַלאָג. צוויי יידישע וועלטן האָבן דאָ אַרויסגעלייגט זייער גאַנצן רייכן פאָלקלאָר, דעם לשון פון תקיף און דעם רייכן לשון פון פיקסעלע.

דער סיפור־המעשה, דער משל און דער מוסר־השכל זענען דאָ געווען נעבנזאַכן, דער עיקר איז געווען דער מבול פון יידישע ווערטער און

אויסדרוקן, פון ווענדונגען און וואָרט־שפּילערייען, פון פֿאָלקסטימלעכע זאָגעכצן און ווערטלעך.

עס איז געווען לאַנג, זייער לאַנג פֿאַר אַ פֿאַבל, אָבער מען האָט נישט געקענט אַרויסוואַרפֿן קיין שורה ממש. דער לשון איז געווען אַזוי פֿאַרביק, אַזוי רייך און אַזוי שפּעדיק, אַז יעדע שורה איז געווען פֿאַר זיך אַ מוסטער פֿון דער עשירות פֿון דעם ייִדישן לשון.

און די מוסטערן זענען געווען שאַרפֿע, קלאָרע און פֿאַרכאַפּנדיקע.

מיר האָבן צוגעצויגן דעם בעל־דבר אַליין — טשעמבערליין (אַזוי האָבן אים אַלע גערופֿן). עס איז צו לאַנג, מען מוז קירצן.

און דאָ האָבן מיר דערזען אַ נייעם ר׳ מרדכילע — ער האָט קיין וואָרט נישט געזאָגט. ער האָט גענומען דעם מאַנוסקריפּט און אים אַריינגעשטופּט אין קעשענע.

— דאָס איז נישט קיין שאַלעמייז, דאָס שרייב איך נישט אויף אָפּ־פֿאַל, — און ער איז אַרויס פֿון ראָזענפֿעלדס חדרל.

און עס האָבן נישט געהאָלפֿן קיין טענות און מענות. ער האָט קיין פֿאַבל נישט געגעבן.

ערשט מיט אַ צייט שפּעטער האָט מען ביי אים אַרויסבאַקומען אַ פֿאַבל. עפּעס איז געווען אַ יום־טוב פֿאַר דער צייטונג.

אָבער מיר פֿלעגן אָפֿט הערן זיינע משלים ווי ער דערציילט זיי אויסנווייניק אויף פֿאַרשידענע באַנקעטן.

דאָ האָט איר געהאַט פֿאַר זיך דעם געניאַלסטן בדחן. גראַמען האָבן זיך געשאָטן ממש ווי פֿון אַ זאַק.

יאָ, ר׳ מרדכילע איז נישט געווען קיין היינטיקער קינסטלער. ער איז געווען אַ געניאַלער בדחן. איר האָט עס געזען מען באַשיינפּערלעך ווען ער פֿלעגט אויף באַנקעטן „געבן עליות״ די חשובסטע געסט.

דאָס זענען געווען עקספּראָמטן, פֿאַרפּאַסט אויפֿן אָרט. אָבער זיי זע־נען געווען די שאַרפֿסטע, די סאַטירישסטע פֿאָרטרעטן. ער האָט קיינעם נישט געשאַנעוועט. ער האָט דערטאַפּט יעדנס שוואַכקייטן און ער האָט זיי אַרויסגעבראַכט אויסערסט שאַרף אין גראַמען.

ער האָט זיך, דוכט זיך, אויף מענטשן גאָרנישט אומגעקוקט, אָבער ער האָט געוווסט פֿון יעדנס שוואַכקייטן און פֿון יעדנס קאָמישע רגילותן.

עס איז נישט געווען קיין בייזקייט, קיין שטעכעדיקייט און קיין לשון־הרע אין זיינע פּאָרטרעטן. זיי זענען געווען סאַטיריש גוטמוטיק ווי דער משל, ווי די פאַבל.

און די פאַרבן, ד"ה די ווערטער זענען געווען זעלטן צוגעקליבן און אויסערסט געדיכט, איין וואָרט, צוויי ווערטער זענען פאַר אים געווען וויניק. יעדער שטריך איז געצייכנט געוואָרן מיט אַ מבול פון ווערטער, און דערביי איז קיין שום איבערחזרונג נישט געווען. די נייע ווערטער האָבן שאַרפער, קלאָרער און בולטער געמאַכט דעם פּאָרטרעט.

אָבער סוף־כל־סוף איז עס געווען בדחנות, געניאַלע בדחנות, אָבער בדחנות.

אָבער זיין גרויסע ליידנשאַפט איז געווען מסחר. פינאַנצן און דער סאַמע קליינער מסחר זענען ביי אים געווען גלייך.

אַזוי, למשל, האָט ער זיך אַרומגעטראָגן מיט אַ פּאַרטיקן פּלאַן פון אַ רעגירונגס־לאָטעריע, אין וועלכער די רוסישע רעגירונג דאַרף נישט אַריינ־לייגן קיין גראָשן. די לאָטעריע אַליין וועט באַצאָלן אַלע הוצאות, זי וועט אויסצאָלן די געווינער זייערע געווינסן און נאָך אַלע אויסגאַבן וועלן בלייבן ביי דער רעגירונג מיליאָנען און מיליאָנען פּראָפיט.

ער האָט געהאַט פאַרטיק אַלע חשבונות, אַלע דיאַגראַמען, אַלע טאַ־בעלעס און אַלע אַנדערע נייטיקע דערקלערונגען.

אַ פולע טעקע מיט פּאַפּירן איז געווען גרייט כסדר.

ער האָט אַפילו זיך געלאָזן נייען פון אַ גוטן שניידער אַ פּאַראַדנעם סורדוט, כדי צו מאַכן אַן איינדרוק אויף דעם רוסישן פינאַנץ־מיניסטער, פאַר וועלכן ער האָט זיך געקליבן פאָרלייגן זיין לאָטעריע־פּלאַן.

און ווי נאָר עס פלעגט באַשטימט ווערן אַ נייער פינאַנץ־מיניסטער פלעגט ר' מרדכילע אָנטון זיין פּאַראַדנעם סורדוט, מיטנעמען זיין טעקע און עטלעכע גוטע רעקאָמענדאַציעס און פלעגט זיך אַוועקלאָזן קיין פּע־טערבורג.

און כסדר פלעגט ער קומען צוריק אַ ביטער אַנטוישטער.

כמעט אַלע מיניסטאָרן האָבן פאַרלאַנגט פון אים אַ קורצע עקספּאָ־זע, וואָס זאָל איבערגעבן דעם תמצית פון זיין פּלאַן.

אָבער אָט די קאָנדענסירטע עקספּאָזע האָט ר׳ מרדכילע נישט גע־קאָנט אָנשרייבן. קיצור איז געווען קעגן זיין גאַנצן מהות.

ער האָט איינמאָל זיך פאַרשפּאַרט ביי זיך אין צימער אויף צוויי וואָכן מיט פיר טויזנט סיגאַרעטן און זיך גענומען שרייבן אַ קיצור.

אָבער נאָך די צוויי וואָכן איז ער אַרויס פון זיין צימער מיט אַ געוואַל־דיק־גרויסן חיבור.

אַלע האָבן געלאַכט ווען ער האָט באַוויזן זיין קורצע עקספּאָזע, און ער אַליין האָט גוטמוטיק מיטגעלאַכט.

ביז איינמאָל האָט ניקאָלאַי דער צווייטער באַשטימט פאַר זיין פינאַנץ־מיניסטער אַ ליבעראַל, מיטן נאָמען קאָטלער.

ר׳ מרדכילע האָט זיך באַלד באַזאָרגט מיט רעקאָמענדאַציעס צו דעם נייעם פינאַנץ־מיניסטער, ער האָט אָנגעטון זיין פּאַראַדנעם סורדוט, גע־לאָזן ביי אַ גוטן פאַריקמאַכער צופוצן זיין גרוי־בלאָנד בערדל און האָט זיך אַוועקגעלאָזן קיין פּעטערבורג.

און ניסים ונפלאות, דער נייער פינאַנץ־מיניסטער האָט זיך פאַראינ־טערעסירט מיט ר׳ מרדכילעס פּלאַן און האָט איבערגעגעבן ר׳ מרדכילעס טעקע איינעם פון זיינע געהילפן און אים באַפוילן אין משך פון צען טעג צושטעלן אים אַ קורצן אינהאַלט.

ר׳ מרדכילע איז, פאַרשטייט זיך, געבליבן אין פּעטערבורג אויף די צען טעג.

צו דעם צענטן טאָג האָט מען אים געלאָזן וויסן, אַז דער מיניסטער וועט אים זען.

צו דער מינוט איז מרדכילע געווען ביים מיניסטער. דער מיניסטער האָט אים אויפגענומען מיט אַ שמייכל און האָט אים געזאָגט בזה הלשון:

ווען אַ פּריוואַטער מענטש, אָדער אַ געזעלשאַפט זאָל אַרויסלאָזן אַזאַ לאָטעריע וועט די רעגירונג אים, אָדער זיי, תיכּף אַרעסטירן, אָבער ווער וועט אַרעסטירן די רעגירונג ווען זי לאָזט אַרויס אַזאַ שווינדלערישע לאָ־טעריע? ניין, מיין ליבער פריינט, די פינאַנצן פון דער רוסישער מאָנאַר־כיע זענען נישט אין אַזאַ פאַרצווייפלטן צושטאַנד, אַז זי זאָל זיך לאָזן אויף אַזעלכע אַוואַנטורעס.

און דאָס איז געווען דער סוף פון אַ גרויסן חלום ר׳ מרדכילעס.

ער איז אַ קורצע צייט אַרומגעגאַנגען ווי אַן אבל, אָבער ער האָט זיך גיך געטרייסט און זיך אַריינגעוואָרפן אין קליינע מסחרים. נישט, חלילה, ווייל ער איז געווען אַ מחוסר־לחם, ניין, ער איז געווען דער גרעסטער מסתפק במועט און אויף זיין אויסקומעניש האָט ער פאַרדינט, אָבער מסחר איז געווען זיין ליידנשאַפט.

האָט ער איינגעהאַנדלט ווינטער אַ גאָר גרויסן טראַנספּאָרט פון ווייסע זומער־שיך. ווינטער דאַרף מען קויפן זומער־שיך. ווינטער ווען זיי ליגן און קיינער קוקט זיך נישט אום אויף זיי... — האָט ער געטענהט.

יאָ, עס איז געווען לאָגיש, ביז גאָר לאָגיש. אָבער אַפּנים, דער האַנדל מיט ווייסע שיך האָט געהאַט אַן אַנדער לאָגיק.

ער האָט זיך צוליב דעם מסחר מיט די ווייסע שיך פאַרפּלאָנטערט אין חובות, אָבער ער האָט יעדן אָפּגעצאָלט ביזן לעצטן גראָשן.

דאָ און דאָרט פלעגט ער אַ מורמל טון:

— אַזעלכע ווייסע שיך זאָלן זיין אַזעלכע שוואַרצע טייוולאָנים...

***

אין איינציקע אידעאָלאָגישע שוואַכקייט האָט געהאַט ר׳ מרדכילע, און דאָס איז געווען — טעריטאָריאַליזם.

צי איז עס געווען אויף צו־להכעיס חיים ווייצמאַנען, צי טאַקע אַ טיפע איבערצייגונג, איז שווער צו זאָגן.

איז יאָרן און יאָרן האָט ער זיך באַמיט צו אָפּדרוקן אַן אַרטיקל וועגן טעריטאָריאַליזם אין „פריינד״, אָבער אָן דערפאָלג. ש. ראָזענפעלד פלעגט שוויצן אויף ר׳ מרדכילעס טעריטאָריאַליסטישע אַרטיקלען, אָבער עס איז גאָרנישט אַרויסגעקומען.

און ר׳ מרדכילע האָט, ווי עס האָט אויסגעזען, אויפגעגעבן אויך דעם דאָזיקן חלום זיינעם.

אָבער איינמאָל איז מיר אינדערפרי, לייענענדיק אַ פרישן נומער „פריינד״, איינגעפאַלן אַריינצוקוקן אין ר׳ מרדכילעס אַן איבערזעצונג פון וויקטאָר הוגאָס אַ ראָמאַן. לייען איך און איך פאַרשטיי עפּעס נישט. איינער פון די העלדן האַלט אַ לאַנגע רעדע וועגן אַ טעריטאָריע פאַר ייִדן...

איך האָב זיך אַזוי צעלאַכט, אַז מיינע שכנים זענען אַריינגעלאָפן צו זען וואָס אַזוינס איז מיט מיר געשען.

שפּעטער האָט ש. ראָזענפעלד גענומען ר׳ מרדכילען אויפן פאַרהער:

— סטייטש, טשעמבערליין, ווי טוט איר אַזאַ זאַך, איר מאַכט דאָך לעכערלעך די צייטונג...

דער לאַנגער ר׳ מרדכילע איז געשטאַנען ווי אַ פאַרשוּלדיקטער חדר־יינגל. ער האָט שטיל געמורמלט:

— אַ מענטש, וואָס איז באַהערשט פון אַן אידעאַל, מוז דאָך אַמאָל זיך אַרויסזאָגן, און איר גיט מיר קיינמאָל נישט די געלעגנהייט, האָב איך עס אַריינגעשמוגלט אין ראָמאַן...

עס איז געווען אַ צער אויף דעם לאַנגן ר׳ מרדכילע. איין דורכפאַל נאָכן אַנדערן. איין חלום ווערט צערונען נאָכן אַנדערן...

אין אַ פּאָר וואָכן אַרום האָט ש. ראָזענפעלד אָפּגעדרוקט אויף אַן אָנגעזעענעם פּלאַץ ר׳ מרדכילעס אַן אַרטיקל וועגן טעריטאָריאַליזם.

ר׳ מרדכילע איז אַרומגעגאַנגען אַ לענגערע צייט אַ גליקלעכער — ער האָט אָפּגעצאָלט אַן אַלטן, אַלטן חוב דעם טעריטאָריאַליזם...

און גליקן, ווי אומגליקן קומען נישט אַליין. זיי קומען בציבור. נאָך דעם דאָזיקן גליק האָט יאַצקאַן געלאָזן וויסן אין זיין „היינט", אַז ער האָט אַרויסגעגעבן דעם מחזור מיט ר׳ מרדכילעס יידישער איבערזעצונג.

און אין אַ שיינעם פרימאָרגן האָב איך געפונען אויף מיין טיש אין רעדאַקציע דעם מחזור מיט ר׳ מרדכילעס איבערזעצונג.

אַן אוצר פון יידישן פאָלקלאָר איז די דאָזיקע איבערזעצונג. איך וואָלט איצט געגעבן מי יודע וויפיל צו באַקומען אָט די איבערזעצונג פון מיין טשעקאַוון פריינט און קאָלעגע ר׳ מרדכילע.

***

עס איז אויסגעבראָכן די ערשטע וועלט־מלחמה.

דער לאַנג־פּיסיקער פעטער פון צאַר ניקאָלאַי, וואָס איז באַשטימט געוואָרן ווי דער הויפּט־קאָמאַנדיר פון די רוסישע אַרמייען, האָט פאַרבאָטן די יידישע פרעסע. דער „פריינד" איז פאַרמאַכט געוואָרן לעולם־ועד.

דער „פריינד" איז אין די לעצטע מינוטן פון זיין לעבן געווען אין די

הענט פון האַרטע בעלי־בתים, אין די הענט פון בן־אביגדור, לידסקי און קאַפּלאַן. אַלע יידישע מוכר־ספרימניקעס און קליינע פאַרלעגער.

די גאַנצע רעדאַקציע פון „פריינד" איז געבליבן ווי אויפן וואַסער, און די בעלי־בתים זענען האַרטע, מען קען זיי נישט איינבייסן.

איז צו מיר צוגעקומען ר' מרדכילע און מיר אַריינגעשושקעט:

— שלאָגט פאַר מיך פאַר דעם טוען פון דער רעדאַקציע.

איך האָב עס געטון. און ער האָט געקעמפט ווי אַ געטרייער קאָלעגע מיט די האַרטע בעלי־בתים און ער האָט ביי זיי אַרויסגעריסן אַלץ וואָס עס איז געווען מעגלעך. זיין שאַרפער מוח האָט געאַרבעט מיט אַ געוואַלדיקער לאָגיק און פּראַקטישקייט, און די בעלי־הבתים האָבן געמוזט זיך אונטערגעבן.

און אויף מאָרגן נאָך זיין גרויסן, לעצטן טריומף איז ער נעלם געוואָרן. קיינער האָט נישט געוווסט ווו ער איז.

ערשט שפּעטער האָב איך זיך דערוווסט, אַז ער ליגט קראַנק שוין לאַנג אין אַ שפּיטאָל אין יעקאַטערינאָסלאַוו, דוכט זיך. ער איז לאַנג געווען קראַנק.

און ליגנדיק אין בעט האָט ער אָנגעשריבן אַ ביכעלע אין העברעיִש וועגן זיין שטעטעלע מאָטעלע. אַ וווּנדערלעך ביכעלע, אינהאַלטלעך, אָבער דער עיקר, שפּראַכלעך און סטיליסטיש.

דאָס ביכעלע האָט געהייסן „עירתי מאָטעלע".

דער העברעיִש איז דער שפּעדיקסטער, דער פאַרביקסטער, אָט ריכ־טיק ווי זיין יידיש.

דער גרויסער אויטאָדידאַקטישער לינגוויסט איז געווען גרויס איןביידע לשונות אונדזערע.

יאָ, ער איז געווען אַ שפּראַך־גאון אין ביידע שפּראַכן אונדזערע, ווי דער זיידע מענדעלע.

ער איז געווען אַ צעשאָטענער, אַ צעשטויבטער און נישט־אָרגאַניזיר־טער מענדעלע.

און דעריבער איז ער נישט געוואָרן דער צווייטער מענדעלע אין אונדזער ליטעראַטור.

געשטאָרבן איז ער באַלד ווי ער האָט פאַרענדיקט, ליגנדיק אין בעט, זיין „עירתי מאָטעלע".

8

ד״ר איזידאָר עליאַשעוו

(בעל־מחשבות)

ער איז געווען דער אַריסטאָקראַט, דער איינציקער נאָבלמאַן אין אונדזער ליטעראַטור.

ער האָט געשטאַמט פֿון אַ רייכער יחסנישער פאַמיליע. זי, די פאַמיליע, איז געווען אַזוי יחסנדיק, אַז זי איז שוין געווען אַ היבש ביסל דעגענערירט, ווי דער שטייגער פון אַלטע, יחסנדיקע משפּחות ביי אַלע פעלקער.

אַ קאָוונער, האָט ער באַקומען זיין בילדונג דורכויס אין אויסלאַנד. זיין ערשטע בילדונג האָט ער באַקומען אין אַ פּריוואַטער יידישער רעאַל־שולע (מיטל־שולע) אין דער שווייץ.

מעדיצין האָט ער שטודירט אין בערלין און אין היידלבערג. שפּעטער געהאַלטן אַ באַזונדער עקזאַמען אין רוסלאַנד.

און מיט אַזאַ דורכויס אויסלענדישער דערציִונג איז ער געוואָרן דווקא אַ יידישער שרייבער, דער איינציקער אפשר קריטיקער־עסטעט, דער איינציקער קריטיקער מיט פיינע ליטעראַרישע מאַנירן און מיט אַן אמתן ראַפינירטן ליטעראַרישן געשמאַק אין אונדזער ליטעראַטור.

און זיין יידיש איז געווען אַן אַריסטאָקראַטישער, קיין וווּלגאַר וואָרט, קיין וואָכעדיק וואָרט און קיין גרוי וואָרט איז נישט געווען אין זיין יידיש.

און דער דאָזיקער אויסלענדער און גביריש קינד האָט ליב געהאַט יידיש. ער האָט גערעדט און געשריבן יידיש. עפּעס מיט אַ פיינעם אויסלענדישן אַקצענט.

און דער דאָזיקער אויסלענדער און גביריש קינד האָט ליב געהאַט יידיש. ער האָט גערעדט און געשריבן יידיש. עפּעס מיט אַ פיינעם אויסלענדישן אַקצענט.

אָבער ער איז אפנים געקומען צו־פרי אין דער יידישער ליטעראַטור; נישט דער לייענער און נישט דער שרייבער זענען געווען דערוואַקסן פאַר אַזאַ ראַפינירטן ליטעראַטור־קריטיקער.

עסטעטישקייט איז נאָך פאַר ביידן געווען סתרי־תורה.

ראַפינירטע שרייבערישע מאַנירן זענען נאָך ביידן געווען פרעמד.

און דעריבער האָט געמוזט קומען דער קריטיקער ישיבה־בחור, דער קריטיקער, וואָס לערנט ליטעראַטור מיט אַ גמרא־ניגון. ער לייענט נישט, נאָר ער לערנט אַ „פּרק מענדעלע״. האָט דער שרייבער ישיבה־בחור און דער לייענער ישיבה־בחור אים דערקלערט פאַר זייער קריטיקער, ער איז זיי געווען נענטער און פאַרשטענדלעכער.

ש. ניגער איז געוואָרן דער קריטיקער פון דער יידישער ליטעראַטור און נישט בעל־מחשבות.

בעל־מחשבות האָט נישט געלערנט ליטעראַטור, ער האָט געלייענט ליטעראַטור, שטודירט ליטעראַטור, אָבער נישט געלערנט ווי גמרא.

און דאָס איז נאָך דאַן געווען אי פרעמד און אי אומפאַרשטענדלעך.

ש. ניגער איז געווען נענטער, היימישער און פאַרשטענדלעכער דעם יידישן לייענער.

בעל־מחשבות איז געווען אַ געניסער פון ליטעראַטור, פון מוזיק און פון מאָלעריי.

יאָ, אַ געניסער, אָבער נישט קיין ליטעראַרישער לערנער.

ליטעראַטור־קריטיק איז נישט געווען פאַר אים אַ שווערער וואָגן, אין וועלכן ער איז איינגעשפּאַנט לעולם־ועד.

ער האָט מיר אַמאָל געזאָגט:

— איך בין נישט קיין פּראָפעסיאָנעלער יידישער שרייבער און נאָך ווייניקער אַ פּראָפעסיאָנעלער קריטיקער.

קענט איר זיך פאָרשטעלן אַ פּראָפעסיאָנעלן בעל־מתפּעל? אָט זעצט ער זיך אַוועק פונקט 8 אינדערפרי און ווערט נתפּעל פון אַ גוט בוך, אָדער פון אַ גוט בילד?

קענט איר זיך פאָרשטעלן אַ פּראָפעסיאָנעלן איינעם, וואָס זעצט זיך אַוועק פונקט אַכט אַזייגער אינדערפרי און ווערט אַנגעדרודלט אויף אַ בוך, אָדער אויף אַ בילד?

אָבער אַ פּראָפעסיאָנעלער קריטיקער זיצט, שוויצט און קוועטשט פון זיך אַרויס אַ שטיקל מבינות, אַביסל התפעלות און אַביסל בייזקייט.

דאָס זענען זאַכן, וואָס מוזן קומען ספּאָנטאַן און אגב־אורחאדיק.

און ער איז טאַקע זיין גאַנץ לעבן נישט געווען קיין איינגעשפּאַנטער קריטיקער און עסייִסט. אָט ווערט ער פּלוצים נעלם פון דער ליטעראַטור, ער נעמט זיך צו מעדיצינישער פּראַקטיק.

לאַנג ביי דער מעדיצינישער פּראַקטיק קען ער אויך נישט בלייבן.

באַגעגנט איר אים צופעליק גאָר אין בערלין אין ראָמאַנישעס קאַפע.

— ווי קומט איר פּלוצים אַהער? — האָב איך אים אַמאָל געפרעגט ביי אַזאַ אומדערוואַרטעטער באַגעגעניש.

— איך האָב מורא פאַר באַנק־קוועטשעריי — האָט ער געזאָגט מיט אַ ביטערן שמייכל — און באַנק־קוועטשעריי איז דאָך אַלץ, וואָס ווערט אַ פּראָפעסיע...

יאָ, אַן אייביקער אומרו האָט אים נישט געלאָזן צו צוגענאָגלט ווערן צו אַ באַנק, צו אַ שטול, צו אַ קאַבינעט.

ער האָט עס עטלעכע מאָל פּרובירט, צונאָגלען זיך צו אַ תכלית, סוף כל סוף מוז דאָך אַ מענטש זיך צונאָגלען צו עפּעס אין לעבן.

אָבער אומזיסט.

ער איז געווען אַ רעדאַקטאָר פון אַ טעגלעכער צייטונג אין ריגע, אָבער די צייטונג האָט נישט מוציא שנתה געווען.

ער האָט זיך פאַרליבט אין אַן אויסערסט שיינער פרוי, האָט מיט איר חתונה געהאַט, געהאַט אַפילו אַ קינד, געעפנט אַ דאָקטאָר־קאַבינעט.

אָבער זיין צונאָגלען זיך צו אַ פאַמיליע אַפילו איז אויך געווען עפּעס לויז.

און ער האָט זיין פרוי ליב געהאַט, אפשר צופיל ליב געהאַט.

אָבער עס איז פון דעם אויך גאָרנישט געוואָרן.

און דאָס איז געווען די ביטערסטע און שמערצלעכסטע אַנטוישונג אין זיין לעבן, אויב נישט די טויטלעכע אַנטוישונג...

ד"ר א. מוקדוני

*****

ווי נאָר דער „פריינד" האָט זיך איבערגעפּעקלט קיין וואַרשע, איז בעל־מחשבות געקומען קיין וואַרשע מיטן סאַמע פעסטן באַשלוס צו באַזעצן זיך אין וואַרשע, אָנהייבן פּראַקטיצירן מעדיציז, שרייבן וועכנטלעך אין „פריינד", זיין אַ מאַן צו זיין פרוי און אַ פאָטער צו זיין קינד.

ער האָט גענומען אַ וווינונג אויף איינער פון די שענסטע גאַסן אין וואַרשע, זי מיט געשמאַק אויסמעבלירט און אָנגעהויבן לעבן בעל־הביתיש.

איך פלעג זיך אין יענע עטלעכע יאָר מיט אים גאָר אָפט באַגעגענען. מיר פלעגן זיך באַגעגענען אין רעדאַקציע פון „פריינד", אין קאַפע, אין טעאַטער, אויף קאָנצערטן און ביי י. ל. פרץ.

פרץ האָט שטאַרק ליב געהאַט בעל־מחשבותן.

און ווי זיין שטייגער האָט ער אָנגעהויבן זאָרגן פאַר בעל־מחשבותן.

פרץ פלעגט מיך אָפט אַ פרעג־טון מיט אומרו, ווי אַ געטרייער פאָטער רעדט וועגן זיין איינציק קינד:

— זאָגט מיר, עפּעס זעט אויס נישט גוט אונדזער בעל־מחשבות. איז עס אַזוי, אָדער מיר דוכט זיך עס אויס?

יאָ, בעל־מחשבות פלעגט אויסזען עפּעס זייער באַזאָרגט און זיין פיינער הומאָר פלעגט עפּעס אַוועק פון אים.

און אַמאָל אויף אַ שפּאַציר האָב איך אים פאָרזיכטיק אַ פרעג געטון

— וועלכע פּראָבלעמען: מאַטעריעלע אָדער גייסטיקע מאַטערן אים?

— איר קענט זיך גאָרנישט פאָרשטעלן וואָס פאַר אַ פּראָבלעמען עס מאַטערן מיך. קען איך אייך איינפאַלן, למשל, אַז מיך מאַטערט דאָס פּראָבלעם פון ווייבערישע זיידענע זאָקן?...

פאַר אַ פרוי איז עס אַ גרויסע פּראָבלעם, אָבער פאַר אַ מאַן, וואָס שאַרט נישט קיין גאָלד, איז עס נאָך אַ גרעסערע און שווערערע פּראָבלעם...

יאָ, אַ שיינע פרוי מיט שיינע פיס מוז האָבן אַ סקלאַד מיט זיידענע זאָקן...

און די זאָקן מוזן זיין גאָר דינע, זיי דאַרפן נישט פאַרדעקן די פיס, פונקט פאַרקערט, זיי דאַרפן אויפדעקן די פיס...

רייסן זיי זיך, די דינע זאָקן, זיי מוזן זיך רייסן, ווייל זיי זענען אַזוי דין, אַז זיי זענען כמעט גאָר קיין זאָקן נישט, נאָר אַ דין זיידן שפּינוועבס.

און מיר האָט מען געגעבן אַ ווונדערלעכע גריכישע וואַזע צו היטן זי און צו זאָרגן פאַר איר גאַנצקייט; מיין פרוי איז די שענסטע וואַזע, וואָס עס איז איבערגעגעבן מיר צו וואַכן איבער איר...

אין אָנהייב פון דער ערשטער וועלט־מלחמה איז בעל־מחשבות זיך צעגאַנגען מיט זיין פרוי.

אין דער צייט פון דער מלחמה איז ער אין רוסלאַנד.

מיר איז נישט אויסגעקומען צו זען אים, אָבער דער מאָלער מאַרק שאַגאַל האָט געצייכנט אַ בילד פון אים, האָב איך קיין טרויעריקערעס און יאָושדיקערעס בילד פון בעל־מחשבות נישט געזען.

באַלד ווי די באָלשעוויסטישע מאַכט שליסט איר ערשטן אָפּמאַך מיט דער ליטווישער מלוכה, פאַרלאָזט ער ליטע, און אין 1921 טרעפן מיר אים אַלע אין קאָוונע.

אין אַן אַלטן, גרויסן און אָפּגעלאָזענעם מויער, אין דעם פאַמיליען־מויער פון די עליאשעווס, האָב איך אים געטראָפן. די גרויסע וווינונג, אין וועלכער עס האָט זיך אַמאָל געטומלט פון קינדער, איידעמס, מחותנים און פון מיטגלידער פון דער פאַרצווייגטער משפחה, איז איצט געווען אומהיימלעך שטיל.

דער גרויסער עס־צימער איז געווען מער אומהיימלעך ווי אַלע אַנדערע חדרים; אַרום אַ לאַנגן טיש זענען געשטאַנען אַ סך, אַ סך ליידיקע שטולן. דאָס דאָזיקע צימער האָט ממש געשראָקן מיט זיין ליידיקייט.

בעל־מחשבות האָט מיך פאַרגעשטעלט פאַר זיין מוטער, אַ קליין־געוויקסיקע אַלטיטשקע, וואָס איז ממש פאַרלאָרן געוואָרן אין דעם גרויסן עס־צימער.

די אַלטיטשקע האָט אָפּנים באַמערקט ווי איך באַטראַכט דאָס עס־צימער און זי האָט טרויעריק געזאָגט, ווי צו זיך אַליין:

— אַ פוסטקע... איך געדענק שוין נישט, ווען מיר האָבן געגעסן אין דעם צימער, און דאָ איז אַמאָל געווען טומלדיק און לעבעדיק, דינסטן האָבן געטון און געקאָכט און דער טיש איז געווען שטענדיק געדעקט...

בעל־מחשבות האָט מיך גענומען אונטערן האַנט און מיך אַוועקגעפירט אין זיין חדר, אַפּנים, אַז אויף אים אַליין האָבן אַ פלייץ געטון זכרונות פון די פאַרגאַנגענע יאָרן, און ער האָט מורא געהאַט צו ווערן

סענטימענטאַל ווי זיין אַלטיטשקע מוטער; ער איז דאָך איצט אויך גע־בליבן אַליין, איינער אַליין מיט זיין אַלטער מוטער אין דעם גרויסן הויז...

עס איז ביי מיר קיין ספק נישט, אַז דאָס שטילע, געשטאָרבענע הויז און די פּלוצלונגע איינזאַמקייט האָבן גאָר שטאַרק געווירקט צום שלעכטן אויף דעם ביז גאָר סענסיטיוון בעל־מחשבות. ער איז געוואָרן עלטער, שווייגנדיקער און זיין גוטער און פיינער הומאָר האָט זיך אין גאַנצן אָפּגעטון פון אים.

ער איז נאָך געווען שלאַנק און עלעגאַנט, אָבער עס איז געוואָרן עפּעס אַ סך קאַנטיקער, אַז ער שלעפּט אַ פוס.

ער פלעגט עס פריִער גוט מאַסקירן, איר האָט עס כמעט נישט באַ־מערקט. איצט אָבער האָט ער זיין מום געלאָזט אָפן, ער האָט זיך נישט געוואָלט אָפּגעבן מיט מאַסקירן אים.

אין דער דאָזיקער צייט האָט ער זיך אָפּגעגעבן מיט אַרויסהעלפן קאָלעגן, וואָס האָבן מחנותוויז פאַרלאָזט סאָוועט־רוסלאַנד און די ערשטע אויסלענדישע סטאַנציע איז געווען קאָוונע.

ער האָט זיך געשטעלט אין פאַרבינדונג מיט י. ל. פּרץ שרייבער־פאַריין, אין ניו־יאָרק, האָט באַקומען פון אים היפּשע סומעס און ער האָט זיי מיט גרויס טאַקט און מיט וואַרעמער חברשאַפט צעטיילט צווישן די אָנגעקומענע פון סאָוועט־רוסלאַנד הונגעריק, נאַקעט און אָן אַ גראָשן מזומן אין קעשענע.

אין יענער צייט האָט ער באַקומען צוגעשיקט פון אַמעריקע אַ גאַנצן פּאַק נייע יידישע ביכער, וואָס זענען דערשינען אין אַמעריקע.

ער האָט זיי געלייענט מיט אַ גוואַלדיקן אינטערעס, ער האָט געזען, אַז ערגעץ ווייט, ווייט פון דעם אייראָפּעיִשן כאַאָס בליט אויף מיט אַ ניי לעבן די יידישע ליטעראַטור.

מיר פלעגן זיך באַגעגענען אָפט, די ערשטע צייט כמעט טעגלעך.

מיר פלעגן זיך באַדן אָפט, און מערקווירדיק: אין די מלבושים איז געווען מער קאַנטיק זיין טיילווייזער פּאַראַליז. אַ נאַקעטער, איז זיין קער־פּער געווען שלאַנק און ווייס ווי מאַרמאָר, איר האָט געזען בלויז ווי איין פוס שטייט אָפּ פון דער אַנדערער.

ער האָט געאַרבעט אין דער טעגלעכער ציוניסטישער צייטונג „די

אידישע שטימע״, ער האָט געשריבן פיל און עפּעס מיט אַ נישט־נאַטיר־לעכן חשק. ער האָט אַפּנים געוואָלט גובר זיין דעם יאוש און דאָס פּראָג־רעסיווע אויסלעשן פון זיינע גייסטיקע פאַקולטעטן.

איך האָב געזען ווי דער איינציקער עכטער ייִדישער עסטעט ווערט אויסגעלאָשן.

בלויז דאָ און דאָרט פלעגט אַ בליץ טון אין זיינעם אַן אַרטיקל מיט גייסטרייכקייט און מיט שיין־גייסטיקייט.

און אַזוי איז עס געווען מיט זיינע אַרטיקלען, וואָס ער פלעגט צו־שיקן דעם „מאָרגן זשורנאַל״.

אָט פלעגן שורות אַ בליץ טון ממש מיט גייסטרייכקייט און מיט שיינקייט, אָבער באַלד פלעגן קומען שורות אויסגעלאָשענע און טויטע.

דער גייסט איז געשטאָרבן ביסלעכווייז, ריכטיק ווי דער קערפּער.

ער איז זיין גאַנץ לעבן געווען אַ ציוניסט, ער האָט געהערט צו דער גאָלדענער ציוניסטישער יוגנט פון דער אַמאָליקער דעמאָקראַטישער פראַקציע, צו וועלכער עס האָבן געהערט באַרטאָלד פייוועל, חיים וויצ־מאַן, אַבערסאָן און אַנדערע.

קיין טעטיקער פּאַרטיי־מענטש איז ער קיינמאָל נישט געווען, אָבער זיינע ציוניסטישע סימפּאַטיעס זענען געווען אָפענע און וואַרעמע.

אין קאָוונע, וווּ דער ציוניזם, אָדער ריכטיקער — די ציוניסטן, האָבן געשפּילט אַ גרויסע פּאָליטישע ראָלע אין דער ליטווישער פּאָליטיק; זיי האָבן געהאַט אַ ייִדישן מיניסטער אַ ציוניסט און נאָך מער ווי אַ מיניס־טער, דעם אַלטן ציוניסט ראָזענבוים — איז בעל־מחשבות געווען פרעמד־לעך און קאַלטלעך צום ציוניזם.

ער האָט נישט געהאַט קיין שום פּאַרטייאישע און פּאָליטישע אַמבי־ציִעס. זיין פרעמדקייט און קאַלטקייט זענען געווען אַ פּועל־יוצא פון זיין שלעכטן פיזישן און גייסטיקן צושטאַנד.

יאָ, עס האָט זיך אויסגעוועפּט ביסלעכווייז דער פיינער אַראָמאַט פון זיינע עסייען און קריטישע אָפּהאַנדלונגען, און דאָס איז געווען דאָס שמערצלעכסטע אי פאַר אים און אי פאַר זיינע אמתע פריינט.

פון די עסייען און קריטישע אָפּהאַנדלונגען פון אַ סך עסייאיסטן און קריטיקער אונדזערע הערט מען שוויס, שוויס פון פּראַצע און האָרע־

וואַניע; פון בעל־מחשבותעס עסייען און קריטישע אָפּהאַנדלונגען האָט זיך געהערט ממש פּערפּיום, עלעגאַנטער, זאַרגלאָזער סאַלאָן־שמועס און גראַציעזע לייכטקייט, קיין אָנשטרענגונג און קיין פּראַצע.

און איינמאָל, זיצנדיק אין זיין צימערל, האָב איך געזען אַ מאַנו־סקריפּט זיינעם, אין וועלכן די אויסגעמעקטע שורות זענען געווען מער ווי די איבערגעלאָזטע.

ער האָט באַמערקט מיין בליק און האָט געזאָגט מיט ביטערקייט:

— עס שרייבט זיך מיר נישט לייכט די לעצטע צייט, איך האָב קיינ־מאָל נישט געאַרבעט אַזוי שווער אויף מיינעם אַן עסיי. עפּעס האָב איך זיך געזעצט ביים שרייבטיש און אימפּראָוויזירט ווי אַ מוזיקער ביי דער פּיאַנע, איצט איז עס אַנדערש.

***

אָבער טראַגישער אין דעם דאָזיקן הויז איז געווען די קליינינטשקע. אַלטע מוטער עליאשעווס.

זי האָט גוואַלדיק ליב געהאַט דעם דאָזיקן זון אירן, און איר איז געווען שווער צו זען, ווי ער ווערט אויסגעלאָשן, נישט ווייסנדיק וואָס אַזוינס ער לעבט איבער און וואָס עס באַשטייען זיינע גרויסע ליידן.

איך בין אַריין איינמאָל צו עליאשעוון און האָב אים אין דערהיים נישט געפונען, האָב איך געוואָלט אַוועקגיין, איז צו מיר צוגעקומען די אַלטיטשקע און האָט מיר שטיל געזאָגט:

— קען איך מיט אייך עפּעס רעדן? איר זענט דאָך איזידאָרס אַ פריינט, און אַ פריינט ווייסט אָפּט מער וועגן זיין פריינט ווי די מוטער זיינע. זאָגט מיר, ליבער פריינט, וואָס איז מיט מיין איזידאָר? ער רעדט נישט, זיצט אין זיין צימערל אַליין און אָדער ער לייענט, אָדער ער זיצט פאַרטראַכט. וואָס אַזוינס איז מיט אים? וואָס איז מיט זיין פרוי, מיט זיין קינד? ער גייט דאָך אויס ווי אַ ליכט...

איך האָב געזען, אַז עליאשעוו האָט צוליב געוויסע סיבות נישט געוואָלט אַנטפּלעקן זיך פאַר זיין מוטער, צי אויס רחמנות צו דער אַל־טיטשקער, אָדער צוליב אַן אַנדער סיבה. האָב איך נישט געוואָלט עס טון אָן זיין וויסן און אָן זיין הסכמה.

האָב איך זיך ווי עס איז אַרויסגעדרייט פון אַ קלאָרן ענטפער.

די אַלטיטשקע האָט זיך שטיל צעוויינט:

— קיינער וויל דער אַלטער מאַמע גאָרנישט זאָגן...

איך בין אַרויס אַ צעקלעמטער פון דעם גרויסן אומהיימלעכן הויז.

אַרויסגייענדיק פון הויז, האָב איך זיך אָנגעשטויסן אויף דעם אָנ־קומענדיקן עליאשעוו. ער האָט מיך געבעטן אַריינצוקומען צו אים, אָבער איך האָב פאָרגעלייגט בעסער צו שפּאַצירן, אויב ער האָט נישט עפּעס אַנדערש צו טון.

שפּאַצירנדיק, האָב איך דערציילט וועגן קורצן שמועס, וואָס איך האָב געהאַט מיט זיין מוטער. ער איז געוואָרן בלייך און האָט בלויז געזאָגט:

— איר האָט גוט געטון וואָס איר האָט איר גאָרנישט געזאָגט, זי איז געווען באַטריבט, געווען אומגליקלעך, און אַרויפוואַרפן נאָך אַ פּעקל אויף אירע אַלטע, שוואַכע פּלייצעס דאַרף מען נישט.

און אַזוי ווי עס איז גאָרנישט געשען האָט ער אָנגעהויבן צו רעדן וועגן די נייע יידישע שרייבער׳ס אין אַמעריקע, וועגן לייוויקס „גולם״, וועגן י. אָפּאַטאָשוס „פּוילישע וועלדער״ און אַזוי ווי.

— מיר טראָגן זיך אַריבער מיטן פּעקל ביכלעך קיין אַמעריקע, מיר זענען אייביקע פּאַקן־טרעגער, אַלטע, וואַנדערנדיקע מוכר־ספרימניקעס...

יאָ, מיר זענען פּאַקן־טרעגער, מיר וואַנדערן איבער דער וועלט מיט מעשה־ביכלעך, מיט פרומע ספרים...

עס איז געוואָרן עפּעס אומהיימלעכער שטיל אין הויז.

עליאשעוו האָט זיך אַוועקגעלייגט אין זיין בעט און האָט שטיל געזאָגט ווי צו זיך אַליין:

— איך בין מיד, כסדר מיד, טו גאָרנישט און איך בין מיד. פאַר־וואָס שטאַרבט נישט דער מענטש אין דער ריכטיקער צייט? מענטשן שטאַרבן אָדער צו פרי, אָדער צו שפּעט, קיינמאָל נישט אין צייט, קיינמאָל אין דער ריכטיקער צייט.

איך האָב געקוקט אויף אים און זיך דערשראָקן:

אַ מענטש מיט אַן אַלטן געזיכט איז געלעגן אויפן בעט און עפּעס מיט אַמאָל איז געוואָרן אומהיימלעך בולט זיין טיילווייזער פּאַראַליז אויף

זיין געזיכט; פון איין ווינקל פון מויל האָט אַנגעהויבן רינען אַ פּאַסיקל שפּייעכץ.

ער האָט צוגעמאַכט די אויגן און איך בין שטיל אַרויס פון הויז. און טעג, וואָכן האָבן מיך פאַרפאָלגט די געשטאַלט פון דער אומגליקלעכער מוטער עליאשעווס און פון עליאשעוון אַליין אין זיין מידקייט און צע־בראָכנקייט.

איך האָב עפּעס מורא געקראָגן פאַר דאָס גרויסע, ליידיקע הויז. מיי־נע וויזיטן זענען געוואָרן זעלטענער און זעלטענער.

איך פלעג זען עליאשעוון, אָבער אין גאַס, אויף פאַרזאַמלונגען, אין קאַפע.

ווען איך בין אַוועק פון קאָוונע און געלאָזן זיך קיין אַמעריקע, בין איך אַריין געזעגענען זיך מיט אים.

ער האָט זיך געזעגנט מיט מיר וואַרעם.

אָבער ער האָט געזאָגט שטיל:

— איך בין אייך מקנא, איך וואָלט אויך געוואָלט אַוועקפאָרן, נישט פאָרן, נאָר טאַקע פּשוט אַוועקפאָרן, אָט ווי איר, אַוועקפאָרן פון דער אַל־טער וועלט אין אַ נייער וועלט... אָבער איך בלייב דאָ, נישטאָ דער מוט און נישטאָ די כוחות צו אַוועקפאָרן. און ווי לייכט איך פלעג אַמאָל אַוועק־פאָרן פון דעם דאָזיקן אַלטן, אומגעלומפּערטן הויז; פלעג גיך זיך איינ־פּאַקן, אַ רוף טון אַ בעל־עגלה און היידאַ — צום באַן, און דער באַן פלעגט מיך טראָגן קיין בערלין, קיין ווין, קיין וואַרשע, קיין ציריך און באַזעל.

איך בין דאָך כמעט קיין קאָוונער נישט געווען, איך בין געווען אַן אויסלענדער, אַ בערלינער, אַ ווינער, אַ ציריכער, און איצט בין איך אַ קאָוונער, אַ קאָוונער איינגאַנצן. איך פאָר אָפט קיין בערלין און איַל זיך צוריק קיין קאָוונע.

יאָ, דאָרט ווו מען ווערט געבוירן, דאָרט מוז מען אָפּנים שטאַרבן.

איך בין עטלעכע חדשים פאַר מיין פאָרן קיין אַמעריקע געבליבן אין בערלין.

און איינמאָל האָב איך געטראָפן עליאשעוון אין ראָמאַנישעס קאַפע. ער איז געזעסן איינינקער אַליין ביי אַ טישל.

— וואָס זיצט איר דאָ אַליין? קומט, דאָרט זיצן קאָלעגן, קלוגע נוד־ניקעס, לאָמיר זיך צוזעצן צו זיי.

ער האָט זיך אויפגעהויבן און מיר האָבן זיך געזעצט ביי אַ טיש פול מיט יידישע שרייבערס.

ער איז אַביסל אויפגעלעבט געוואָרן און האָט געשפּאָסט, געלאַכט, אָבער פּלוצלונג האָט ער אַ קוק געטון אויף זיין זייגער, האָט זיך אויפ־געהויבן עפּעס מיט שרעק און איז אַוועק.

דאָס איז געווען דאָס לעצטע מאָל וואָס איך האָב אים געזען.

איינער האָט אַ זאָג געטון:

— ער כאַפּט זיך אַראָפּ אַ קוק טון אויף זיין זון און אויף זיין געוועזענער פרוי. זיי באַגעגענען זיך אין אַ קאַפע. ער זיצט דאָ אַ פּאָר טעג און פאָרט אַוועק אומבאַמערקט צוריק קיין קאָוונע...

אין די דאָזיקע עטלעכע ווערטער איז געלעגן די גאַנצע טראַגעדיע פון אונדזער שיין־גייסט בעל־מחשבות.

9

א. ווייטער

ער איז נישט געווען קיין מיטאַרבעטער פון „פריינד“, ער האָט זעלטן געשריבן אין „פריינד“. ער האָט קיין געהאַלט נישט באַקומען, אָבער ער האָט געהערט צו דער רעדאַקציע און האָט געהאַט דעם גרעסטן איינפלוס אויף דער גייסטיקער געשטאַלטונג פון דער צייטונג.

ער פלעגט, חלילה, נישט זאָגן קיין דעה ווען עס איז פון די שרייבער. ער פלעגט אַפילו נישט נעמען קיין אָנטייל אין די זיצונגען פון דער רעדאַקציע.

אָבער עס איז נישט געווען דער טאָג וואָס ער זאָל נישט אַריינקומען אין רעדאַקציע און עס איז נישט געווען קיין איינער, וואָס זאָל אים נישט אויפנעמען ווי דעם נאָענטסטן מיטאַרבעטער און דעם ערלעכסטן אויפריכטיקסטן בעל־עצה.

ער איז געווען די צויבערלעכסטע פערזענלעכקייט, וואָס איך האָב באַגעגנט אין דער שרייבערישער וועלט.

ער איז געווען דער ערשטער בעל־תשובה אין אונדזער ליטעראַטור; ער איז געווען איינער פון די אָנגעזעענסטע בונדיסטן אין דער צייט פון דער ערשטער רעוואָלוציע, אין דער רעוואָלוציע פון 1905.

ער איז אַ שטיקל צייט געווען דער פאַקטישער גענעראַל־גובערנאַטאָר פון ווילנע.

און נאָך אָט דער דאָזיקער גרויסער רעוואָלוציאָנערער גדולה איז ער פאַרשווונדן געוואָרן פון דער רעוואָלוציאָנערער וועלט. ער איז סתם

בעלם געוואָרן פֿאַר אַ שטיקל צייט און האָט זיך באַוויזן צוריק ווי אַ בעל־תשובה, ווי אַ טיף נאַציאָנאַלער ייִד און ווי אַן אַנטוישטער אין סאָציאַליזם.

אָבער דאָ איז ער געווען ממש אַ למד־וואָווניק. איר האָט נישט געזען אויף אים דעם בעל־תשובה, נישט אין קליידונג, נישט אין באַנעמונג און אין קיין שום אַנדערע מאַניפֿעסטאַציעס.

ער איז געווען, אָדער געוואָרן בלויז מער שווייגנדיקער: שטיל האָט ער גערעדט, קיין הויך קול האָב איך פֿון אים נישט געהערט פֿאַר די יאָרן פֿון אונדזער פֿריינטשאַפֿט.

ער איז געווען, אָדער איז געוואָרן אַ שווייגער.

אויסערלעך דער שענסטער מאַנספֿאַרשוין אין דער שרייבערישער וועלט, האָט ער פֿון דעם קיין וועזן נישט געמאַכט.

מוראדיק אָרעם, זענען דער אַלטער רעקל, די אַלטע הויזן און די אַלטע שיך געלעגן אויף אים ווי אַ גאַרניטור באַשטעלט ביי דעם בעסטן שניידער און שוסטער.

אַן אַלטער, צעקנייטשטער קאַפּעליוש האָט אויסגעזען אויף אים ווי אַ פֿאַראַדנער הוט אויפֿן קאָפּ פֿון אַן ענגלישן לאָרד.

ער איז געווען שלאַנק, גלייך ווי אַ סטרונע, דאָס געזיכט מילד־ערנסט, דאָס מויל עפּעס פֿאַרשלאָסן, די צוויי פֿאַרמאַכטע ליפּן זענען געווען ווי צוויי שומרים ביים מויל, וואָס היטן אַז קיין באַנאַל, קיין בייז, אָדער ווולגאַר וואָרט זאָל נישט אַרויסקומען פֿון מויל.

א. ווייטער איז נישט געווען קיין פּראָפֿעסיאָנעלער שרייבער.

יאָ, ער איז געווען מער פּערזענלעכקייט ווי שרייבער.

אַ סאָלידן ליטעראַרישן ווערט האָבן בלויז זיינע דריי דראַמעס: „פֿאַרטאָג", געשריבן אין דעם רעוואָלוציאָנערן פּעריאָד זייגעם, „אין פֿייער", אין זיין תשובה־פּעריאָד, וואָס איז נאָך נישט קלאָר אויסגעקריסטאַליזירט און „דער שטומער", אין וועלכן עס איז שוין דאָ שאַרף און בולט זיין גייסטיקער איבערברוך.

אין דער לעצטער דראַמע פֿירט ער אַרויס אַ ייִדישן אינטעליגענט, אַ ייִדישן ראַדיקאַל, וואָס איז אינגאַנצן אַנטוישט אין זיין ראַדיקאַליזם, ער גייט אַוועק אין בית־המדרש און הערט אויף צו רעדן, ער ווערט שטום.

ראַדיקאַליזם, ווי עס איז באַקאַנט, איז גוואַלדיק באַרעדעוודיק, און

אַט די דאָזיקע באַרעדעוודיקייט, האָט א. ווייטער אָפּנים געהאַלטן, איז דער קוואַל פון אַלע זינד פון דעם ראַדיקאַל.

איז דער ראַדיקאַל, וואָס האָט אַזוי פיל געזינדיקט מיט רעדן, פאַר־קלייבט זיך אין בית־המדרש און ווערט שטום.

פון די אַלע דריי דראַמעס זיינע איז „פאַרטאָג״, די רעוואָלוציאָנערע דראַמע, די פּאָעטישסטע, כאָטש די אַנדערע צוויי זענען אויך באַהויכט פּאָעטיש, ווייל א. ווייטער איז געווען בטבע אַ דיכטער, ווי אַ דיכטער האָט ער זיך באַוויזן אין דער ליטעראַטור (ער האָט געשריבן העברעישע לידער).

ער איז געווען איינער פון די דריי רעדאַקטאָרן — ש. ניגער, שמריהו גאָרעליק און א. ווייטער — פון דעם ערשטן מאָדערנעם יידישן צייט־שריפט „ליטעראַרישע מאנאטסהעפטען״.

געלעבט האָט ער ווי אַ נעלם, כסדר אויף פאַלשע פּאַספּאָרטן, ווייל די רוסישע זשאַנדאַרמעריע האָט געזוכט מיט ליכט דעם יידישן גענע־ראַל־גובערנאַטאָר אין ווילנע פון 1905.

ער האָט יאָרן און יאָרן זיך אויסבאַהאַלטן פון דער רוסישער פּאָ־ליציי, ביז דאָס לעבן איז אים נמאס געוואָרן און ער האָט באַשטימט זיך איבערצוגעבן דער פּאָליציי.

מיר, זיינע פריינט, האָבן באַשטאַנען, אַז ער זאָל אַוועק קיין אויס־לאַנד, אָבער ער האָט באַשטימט צו איבערגעבן זיך דער רוסישער פּאָ־ליציי — ער דאַרף אָפּקומען פאַר זיינע זינד אין רוסלאַנד...

און אַזוי האָט ער געטון.

ער איז פאַרשיקט געוואָרן קיין סיביר.

***

ער פלעגט שטיל, אָבער זייער איינדרוקספול האַלטן אין איינטענהן מיט אַלעמען אין רעדאַקציע:

— „דער פריינד״ איז איצט אין פוילן, מיר זענען אין אַ לאַנד און צווישן אַ פאָלק, וואָס איז אונטערדריקט פון רוסלאַנד, ריכטיק ווי מיר יידן, טאָרן מיר נישט גיין מיטן אונטערדריקער, מיר מוזן זיין פּאָרזיכטיק; מיר קומען פון פעטערבורג, מיר ברענגען מיט זיך רוסישע מאַנירן, די

רוסישע שפּראַך און די רוסישע קולטור, דאָ איז אָבער פּוילן, פּוילן מיט איר שפּראַך, מיט איר קולטור, רעדן דאָ רוסיש הייסט — העלפן דעם צאַר צו רוסיפיצירן פּוילן.

יאָ, רוסיש טאָרן מיר דאָ נישט ריידן, פּויליש קענען אַ סך פון אונדז נישט רעדן, מעגן מיר אָפן און עקשנותדיק פאָדערן, אַז יידן זאָלן רעדן יידיש אין גאַס.

און דאָס זענען נישט געווען סתם רייד ביי אים, ער האָט ממש אין פּוילן קיין רוסיש וואָרט נישט אַרויסגערעדט. ער האָט רוסיש־ריידנדיקע פריינט אין גאַס געענטפערט בלויז אויף יידיש.

ווען מיר פלעגן שפּאַצירן, אָדער סתם גיין אין גאַס, און פלעגן זיך אָנשטויסן אויף רוסיש־רעדנדיקע יידן פלעגט ער ווערן בלייך פון פאַרדרוס און זיין מויל פלעגט ממש קאָנוואולסירן.

דער בעסטער פּוילישער פּאַטריאָט האָט עס אַזוי נישט גענומען נאָענט צו האַרצן ווי ער.

ער, דער טאַקטישסטער מענטש, ער דער פּערפעקטער דזשענטלמען, וואָס האָט ממש קיין באַליידיקונגס־וואָרט פון מויל נישט געקענט אַרויס־ברענגען, האָט פאַר מיר אין די אויגן אָפּגעשטעלט צוויי יידישע מייד־לעך, וואָס האָבן גערעדט הויך און עפּעס דעמאָנסטראַטיוו רוסיש, און האָט זיי מיט איינגעהאַלטענעם צאָרן געזאָגט:

— דאָ איז פּוילן, דאָ רעדט מען פּויליש, אָדער יידיש, און אויב איר מוזט רעדן רוסיש רעדט עס שטיל, מאַכט נישט קיין אומגליקלעכע דע־מאָנסטראַציע פון דעם.

די מיידלעך האָבן אַ קוק געטון אויף דעם שיינעם דזשענטלמען, רויט געוואָרן, אָבער קיין וואָרט נישט געזאָגט, זיי זענען שטיל אַוועק פאַרשעמטע און באַליידיקטע.

***

ווען מען באַגעגנט זיך אָפט מיט אַ פריינט, אָדער באַקאַנטן פאַלן אַראָפּ די מיסטערישקייט, די סודותדיקייט און די פאַרבאָרגענע כאַראַקטער־שטריכן, מען זעט נאָר דאָס רעאַלע, נאָר דאָס ביסעלע ווירקלעכקייט אַרום דעם פריינט.

ערשט ווען דאָס לעבן צעשיידט אייך מיט אייער פריינט הויבן אָן אַרויסשווימען דאָס מיסטערישע, די סודותדיקייט און די פאַרבאָרגענע כאַראַקטער־שטריכן אין אים.

און דאָס האָט פּאַסירט מיט מיר ווען א. ווייטער האָט זיך איבער־געגעבן דער רוסישער פּאָליציי און איז פאַרשיקט געוואָרן אין סיביר.

פּלוצלונג האָב איך אַליין אַ פרעג געטון — פון וואַנען האָט ווייטער געלעבט די יאָרן וואָס מיר פלעגן זיך באַגעגענען?

און איך האָב קיין ענטפער נישט געקענט געבן.

א. ווייטער האָט קיינמאָל קיין שטעלע נישט געהאַט, און ער איז געווען גראָד איינער, וואָס האָט זייער לייכט געקענט קריגן אַ שטעלע.

ער איז געווען נאָענט צו אַ סך ליטעראַרישע אונטערנעמונגען, ער האָט, למשל, געהאַט אַ האַנט אין דעם אויפקום פון דעם בעסטן פאַרלאַג, אין ב. קלעצקין־פאַרלאַג אין ווילנע, אָבער ער האָט קיינמאָל קיין אמט אין דעם דאָזיקן פאַרלאַג נישט אָנגענומען; ער איז געווען נאָענט צום „פריינד", אָבער קיין שטענדיקער באַצאָלטער מיטאַרבעטער נישט געווען און נישט געוואָלט זיין.

איך האָב דורכגעבלעטערט אין מיין זיכרון די יאָרן פון אונדזער פריינטשאַפט און האָב צו מיין איבערראַשונג פעסטגעשטעלט, אַז א. ווייטער האָט זיך געהיט פון צו נעמען ביי דער יידישער קולטור וועלכע עס איז באַלוינונג. ער האָט געוואָלט, אַז זיין אַרבעט פאַר דער יידישער קולטור זאָל זיין דורכאויס לשמה.

ער האָט קיינמאָל נישט גערעדט פון דעם, אָבער איצט פאַרבינד איך צעוואָרפענע פאַקטן און איך זע עס קלאָר.

איין פאַקט האָט זיך מיר באַזונדערס איינגעשניטן אין מיין זכרון:

עס איז געווען ווען א. ווייטער האָט זיך אַרויסגעלאָזט איבער דער מדינה אין די אינטערעסן פון דער „טעאַטער־געזעלשאַפט", וואָס מיר האָבן אָרגאַניזירט, האָב איך אַ פרעג געטון ווייטערן:

— און וואָס איז מכוח הוצאות און די טאָג־טעגלעכע אויסקומעניש?

איז ווייטער רויט געוואָרן, אַזוי ווי מען וואָלט אים געכאַפּט ביי דער האַנט טוענדיק עפּעס גאָר מיאוסעס און אינגאַנצן רויט האָט ער שטיל געזאָגט:

— איך וועל שוין זיך דורכשלאָגן פון זייטיקער אַרבעט, פאַר דער אַרבעט נעם איך נישט קיין שום באַלוינונג.

און איך האָב זיך דערוווּסט, אַז ער האָט געטון עפּעס שוואַרצע ליטעראַרישע אַרבעט אין אַ קיִעווער רוסישער צייטונג, איבערזעצונגס־ אַרבעט, און פון דעם האָט ער געמאַכט זיין אָרעם שטיקל לעבן.

די אַרבעט פאַר דער „טעאַטער־געזעלשאַפט" האָט באַדאַרפט זיין אינגאַנצן לשמה.

און דאָס נעמלעכע מיט אַנדערע אַרבעטן אַרום דער יידישער קולטור, זיי האָבן געמוזט זיין הונדערט פּראָצענט לשמה.

ווען ער האָט נישט געהאַט קיין ספּעציעלע לשמה־אַרבעט פלעגט ער אַוועקפאָרן צו זיין פריינט מענדל עלקין און ביי אים זיצן חדשים און חדשים.

און שטאָלץ איז ער געווען, איר האָט אים נישט געטאָרט פאַרלייגן חברשע הילף, איר האָט געשטעלט ממש אין געפאַר די פריינטשאַפט זיינע.

י. ל. פּרץ, וואָס האָט געקענט זיין דער נאָבעלסטער פריינט, האָט אַפּנים דערטאַפּט אַ. ווייטערס באַהאַלטענע אָרעמקייט און האָט געזוכט איינפאַלן ווי אַזוי צו העלפן אים און ער זאָל עס נישט באַמערקן.

האָט ער איינמאָל פאַרוואָרפן ערגעץ ווייטערס אַלטן קאַפּעליוש, און ווען ווייטער האָט גענומען זוכן זיין קאַפּעליוש האָט אים פּרץ, זיין פרוי און דינעזאָן געהאָלפן זוכן. אָבער נישטאָ דער קאַפּעליוש, נישטאָ ווי אין דער ערד אַריין.

— אָט דאָ הענגט עפּעס אַ קאַפּעליוש, מעסט אים אָן, אויב ער פּאַסט אייך נעמט אים דערווייל ביז אייער קאַפּעליוש וועט זיך אָפּזוכן.

אַ. ווייטער מעסט אָן דעם קאַפּעליוש, ער איז זיין מאָס, און ניי איז ער, דער קאַפּעליוש, וויל ער נישט נעמען דעם קאַפּעליוש, אָבער פּרץ באַשטייט, אַז ער זאָל נעמען דעם קאַפּעליוש, עס איז קאַלט, עס איז אַ ווינט אין דרויסן, מען קען נישט גיין מיט אַ נאַקעטן קאָפּ...

ווייטער האָט גענומען דעם קאַפּעליוש עפּעס מיט חשד.

אין אַ צייט אַרום איז אויף אַזאַ אופן פונקט נישט געוואָרן ווייטערס אַלטער און אָפּגעריבענער מאַנטל.

און ווידער איז געהאַנגען אין אַריינגאַנג עפּעס אַן איבעריקער מאַנטל, און פּרץ לייגט פאַר וויטערן אָט דעם מאַנטל, וואָס וואַלגערט זיך ביי אים פון ששת ימי בראשית.

אין דעמזעלביקן אָוונט, גלייך פון פּרצן, איז וויטער אַריין צו מיר אַ בלייכער און אַן אויפגערעגטער, ממש די הענט האָבן אים געציטערט.

— איך גיי מער נישט צו פּרצן, איך האָב עס פיינט, איך קען עס נישט, ער האָט מיך בלוטיק באַליידיקט...

— וואָס האָט פּאַסירט? — פרעג איך מיט שרעק און נייגעריקייט.

און אַ. וויטער דערציילט מיר די מעשה מיטן קאַפּעליוש און מיטן מאַנטל.

— דאָס איז אינגאַנצן אַן אָנגעשטעלטע זאַך, נישט מיין קאַפּעליוש איז פאַרפאַלן און נישט מיין מאַנטל איז נעלם געוואָרן. יאָ, איך האָב געפונען אין די קעשענעס פון מאַנטל אַפילו עטלעכע רובל, איך גיי מער נישט צו פּרצן, מער נישט...

און וויטער, דער איבערגעגעבנסטער פריינט פּרצעס, וויטער, וואָס האָט געזען אין פּרצן דעם מוסטער־ייד, דעם אידעאַל פון אַ יידן, האָט אויפגעהערט קומען צו פּרצן.

און עס האָט גענומען אַ היפּשע צייט ביז מען האָט ווידער צוזאַמענגעפירט די צוויי וווּנדערלעכע פריינט.

פּרץ האָט זיך געהאַלטן ביי דאָס זייניקע, אַז מען האָט אַרויסגעגנבעט וויטערס אַלטן קאַפּעליוש און מאַנטל. וועגן עטלעכע רובל אין די קעשענעס פון מאַנטל איז ער אינגאַנצן גאָט די נשמה שולדיק...

אָבער וויטער האָט עס לאַנג, לאַנג נישט געקענט פאַרגעסן.

און נאָך עפּעס באַהאַלטענעס און אומפאַרשטענדלעכעס האָב איך באַמערקט אין וויטערן און נעמלעך — ער האָט קיין פאַמיליע נישט געהאַט, נישט קיין פרוי און נישט קיין קינד.

און ער האָט געהאַט אַ גאָר גרויסן דערפאָלג ביי פרויען, פרויען פלעגן צופאַלן ממש ווי בינען צו האָניק צו דעם דאַזיקן ראַפינירטן און דורכאויס יידישן דזשענטלמען.

ער איז נישט אַנטלאָפן פון פרויען, ער האָט דווקא ליב געהאַט די געזעלשאַפט און די פריינטשאַפט פון פרויען. ער האָט געהאַט אַפילו אַ

היפש ביסל ליבע־אַפּערעס מיט פרויען. ער האָט אפּנים נישט געקענט זיך אָפּוואָרן פון דעם דראַנג פון פרויען צו אים.

האָב איך אים אַמאָל אָפן געפרעגט פאַרוואָס ער האָט נישט חתונה, ער האָט לחלוטין נישט קעגן דאָס ריינע יידישע פאַמיליען־לעבן?

— זיכער האָב איך גאָרנישט, פאַרקערט — איך בין כסדר מקנא אַ פול יידיש פאַמיליען־לעבן מיט אַ פרוי, קינדער און משפחה פון ביי־דע צדדים. עס איז דאָ אַ היים ווען מען האָט אַ פרוי. קינדער און משפחה זענען דאָס געווירץ פון לעבן, אָבער איך האָב מורא... איך האָב שוועריקייטן צו טראָגן זיך אַליין, איז ווי קען איך זיך אונטערנעמען צו טראָגן דעם עול פון אַ פאַמיליע? אַמאָל טראַכט איך, אַז מיין קורצע רע־וואָלוציאָנערע טעטיקייט האָט מיך אַראָפּגעשלאָגן פון טראָפּ; אַ רעוואָלו־ציאָנער לעבט עפּעס אַ הייליק הפקר־לעבן, יענעמס הויז איז זיין הויז און אַמאָל איז יענעמס פרוי אויך זיין פרוי... עפּעס געהערסטו צו אַלע־מען און דו געהערסט קיינעם נישט.

און מיטאַמאָל ווערט אָט דער שטרענג־מאָראַלישער מענטש אַ לייב־לעכער פריינט פון צבי הירשקאַן. צבי הירשקאַן איז געווען עפּעס אַ גייסטיקער מופקר, היינט האָט ער געלעסטערט אַלץ, גראָב געלעסטערט אַלץ, און אויף מאָרגן איז ער אַרומגעגאַנגען מיט אַן עוואַנגעליע און האָט פּרעטענדירט, אַז ער האָט דערזען די וועלט ווי אַ גאָר ריין און אומשולדיק ניי־געבוירן קינד...

אויף טריט און שריט האָט איר באַגעגנט ווייטערן מיט הירשקאַנען, ממש פריינט אויף טויט און אויף לעבן.

י. ל. פּרץ, וואָס האָט געהאַט אַ היפש ביסל עגמת נפש פון הירש־קאַנען, האָט געקוועטשט מיט די פּלייצעס און אַלע פריינט ווייטערס האָבן פּשוט נישט פאַרשטאַנען וואָס אַזוינס האָט ער דערזען אין הירשקאַנען.

שמואל ראָזענפעלד האָט מיר אַמאָל דערציילט, אַז ער האָט אָפן געפרעגט ווייטערן: ווי קומט ער צו אַזאַ פריינטשאַפט מיט הירשקאַנען?

ווייטער האָט קורץ געענטפערט:

— עס איז אַ ליבע, און אויף ליבע פרעגט מען קיין קשיות נישט...

ד״ר א. מוקדוני

**
*

איינמאָל קומט אַ. ווייטער צו מיר אַן אויפגעלעבטער און אַ פּייער־לעכער:

— איך האָב געפונען אין וואַרשע אַן אמתן בעל־תשובה, אַ יינגל פון דרייצן־פערצן יאָר, אַ קינד פון אינגאַנצן אַסימילירטע עלטערן.

אָט דאָס דאָזיקע יינגל האָט אין אַ שיינעם פרימאָרגן דערקלערט זייַן טאַטן און מאַמען, אַז ער גייט מער נישט אין גימנאַזיע (מיטלשול), עס איז אַ גויִישע גימנאַזיע, ער גייט אין דער יידישער סינאַגאָגע, ער האָט שוין אַפילו אַ יידישן מלבוש, אַ געהאַקטע קאַפּאָטקעלע, אַ קליין היטעלע, תפילין און אַלע אַנדערע זאַכן.

און דאָס יינגל איז אַוועק אין בית־מדרש, געקראָגן אַ רבין און איז געוואָרן אַ פרום און שטיל יידיש יינגל.

און עס העלפט נישט דאָס בייזערן זיך פון דעם טאַטן און פון דער מאַמען, עס העלפט נישט די תחנונים פון אַלע פאַרפּוילישטע מומעס און פעטערס.

— איך האָב געזען דאָס יינגעלע אין בית־המדרש, זאָגט ווייטער מיט געצוימטער באַגייסטערונג, האָב מיט אים גערעדט, אַ בר־דעת אַ יינגל, זאָג איך אייך, ער ווייסט וואָס ער וויל און האָט גענוג מוט און קראַפט צו דורכפירן עס.

— ווער שטייט הינטער דאָס דאָזיקע יינגל? — פרעג איך ווייטערן.

גיט ווייטער אַ קוועטש מיט די פּלייצעס:

— איך האָב קיין שום ידיעות נישט וועגן דעם און איך וויל זיי נישט האָבן.

און מער האָב איך פון אים גאָרנישט געהערט וועגן דאָס מערק־ווירדיקע יינגל.

בלויז איינמאָל האָט ער מיר דערציילט, אַז ער האָט גערעדט נאָכ־אַמאָל מיטן יינגל:

עס איז דאָ קרישטאָל־ריינע פשטות אין יינגל, עס זאָגט: אַ ייד דאַרף זיין אַ גאַנצער ייד, נישט אַ האַלבער גוי און אַ האַלבער ייד.

— הלוואַי וואָלטן מיר געקענט דענקען אַזוי קלאָר און אַזוי איינפאַך.

זיין באַשטימונג צו איבערגעבן זיך דער רוסישער פּאָליציי פאַר

זיינע פּאָליטישע זינד, וועלכע ער איז באַגאַנגען מיט 8־9 יאָר צוריק איז געקומען עפּעס אומדערוואַרט פאַר אונדז אַלעמען.

ווייט, ווייט, פון סיביר האָב איך געהאַט פון אים בלויז אַ צוויי־דריי בריוולעך — ער האָט דאָרט אָנגענומען עפּעס אַ שטעלע און גע־לעבט שטיל.

אין דער צייט פון דער קערענסקי־רעוואָלוציע האָב איך זיך מיט אים געזען אין פּעטערבורג און אין מאָסקווע.

אין מאָסקווע איז דאַן פאָרגעקומען אַ צוזאַמענפאָר פון די יידישע קהילות, דער ערשטער צוזאַמענפאָר פון דעם מין, ער האָט געוואָלט דורכפירן אַ רעזאָלוציע עפּעס אַ פּלאַן פון אַ יידישן געזעלשאַפטלעכן טעאַטער.

אָבער דער צוזאַמענפאָר איז געווען פאַרנומען מיט רעדן. מען האָט געקענט רעדן פריי, און יעדער האָט געוואָלט פאַרזוכן דעם טעם צו רעדן פריי אין סאַמע מאָסקווע.

און ווי עס ווייזט אויס איז דער טעם געווען וווּנדערלעך, אַזוי ווונ־דערלעך, אַז מען האָט געהאַלטן אין איין רעדן, קיינער האָט זיך נישט געקימערט וועגן ממשותדיקע רעזולטאַטן.

אַ פאַררוסישטער ייד מיט וועלכן א. ווייטער האָט איינגעטענהט אין מיין געגנוואַרט, האָט געקלאַפּט ווייטערן איבער דער פּלייצע:

— טייערינקער, אַלץ וועלן מיר האָבן, עס איז דאָ פרייהייט, דאָס איז דער עיקר.

ממשותדיקער פון אַלץ איז געווען די פרייהייט, די פרייהייט צו רעדן, די יידישע גלייכבאַרעכטיקונג, וואָס איז פּראָקלאַמירט געוואָרן, און די וווּנדערלעכע רוסישע רעוואָלוציע אַליין.

און אָט קומט דער בייזער, האַרטער באָלשעוויזם אין רוסלאַנד.

א. ווייטער איז אין ווילנע.

אין ווילנע זעט מען אים אָפט מיט זיין פריינט באָריס קלעצקין; קלעצקין האָט אַרויסגעוויזן וואַרעמע סימפּאַטיעס צו די קאָמוניסטן. דוכט זיך, אַז ער האָט אַפילו געהאַט אַ „דזשאַב" ביי די קאָמוניסטן.

און אַט ווערט פּוילן אַ זעלבסטשטענדיקע מלוכה.

און דאָס ערשטע וואָס זי טוט איז — שניידן יידישע בערד און דערנאָך זוכן יידישע באָלשעוויקעס.

מיידט עס נישט אויס ווילנע, רייסן זיך אַריין פּוילישע סאָלדאַטן אין הויז, וווּ קלעצקין, ש. ניגער, ל. יפה און א. ווייטער האָבן געוווינט.

פירט מען אַרויס ש. ניגערן און א. ווייטערן אויפן הויף און מען וויל זיי טון זייער רעכט — דערשיסן.

איז ש. ניגער ממש על פּי נס ניצול געוואָרן, אָבער א. ווייטערן האָבן די פאַרשאָלטענע פּאָליאַקן דערשאָסן.

דעם נאָבעלסטן יידישן מענטש האָבן די פּאָליאַקן דערשאָסן.

זייער בעסטן פריינט, זייער ווונדערלעכסטן פריינט, וואָס פלעגט ממש פאַרצאַפּלט ווערן הערנדיק אַ וואָרט רוסיש אויף דעם פּוילישן באָדן, האָבן די בעסטיעס דערשאָסן.

אַט אַזוי האָט געלעבט און אַזוי איז געשטאָרבן אַ. ווייטער.

ער האָט געלעבט טראַגיש; ער האָט עפּעס קיין אָרט און קיין מנוחה נישט געהאַט זיין גאַנץ לעבן, ער האָט געטון נישט־ריכטיקע מעשים, לויט זיין מיינונג, און האָט שיין תשובה געטון.

און געווען איז ער כסדר עפּעס היימלאָז.

ער האָט אָפּגעלעבט אַ לעבן אָן אַ היים, אָן אַ פאַמיליע, און נאָענט און באַשטענדיק לעבן זיינע פריינט האָט ער אויך נישט געקענט זיין.

אַ טראַגישער מענטש, וואָס האָט זיין ווינקעלע אין לעבן נישט גע־קענט געפינען...

און אויף זיין געזיכט איז קיינמאָל קיין סימן פון טראַגישקייט נישט געווען. יאָ, זיין פּנים האָט זעלטן אויסגעזאָגט, וואָס עס טוט זיך ביי אים אין האַרצן.

אויב עס איז געווען ביי אונדז אַן אמתער בעל־תשובה, אַ בעל־תשובה, וואָס טראָגט נישט אַרויס אין גאַס מיט פּויקן און טאַצן זיין תשובה, איז עס געווען א. ווייטער.

א. ווייטער איז אַ טעמע פאַר אַ גרויסער דראַמע, אָדער טראַגעדיע. אָבער ווער וועט זי שרייבן?

מיר האָבן גרויסע קאָלעקטיווע טראַגעדיעס און מיר האָבן נישט ווער עס זאָל זיי שרייבן, ווייל מיר האָבן נישט ווער עס זאָל זיי שפּילן.

ייִדישע וועלטן ווערן אַזוי אָפט חרוב; דאָ טוען פרעמדע און מאַכן חרוב. דאָ טוען מיר עס אַליין.

מיר זיצן אויך נישט מיט פאַרלייגטע הענט...

10

ש. ראָזענפעלד

„דער פריינד" איז געווען די איינציקע יידישע צייטונג אין וואַר־שע, וואָס האָט געהאַט אַ רעדאַקטאָר, אַ רעדאַקטאָר נישט קיין באַלעבאָס, אַ רעדאַקטאָר וואָס האָט מיט דער געשעפטלעכער זייט פון דער צייטונג קיין שום מגע־ומשא נישט געהאַט און נישט געקענט האָבן, ווייל ער, דער רעדאַקטאָר, שמואל ראָזענפעלד, איז געווען אַזוי ווייט, אַזוי ווייט פון מסחר.

זיין עובדא איז געווען בלויז רעדאַקטירן די צייטונג.

און דאָס האָט ער געטון ממש 24 שעה אין מעת־לעת.

ווי אַ רעדאַקטאָר האָט ער געשריבן די לייט־אַרטיקלען.

איז עס ביי אים געווען אַן עבודה ממש.

פריִער דער אָפּקלייב פון דער טעמע; אַנטאַפּן דעם דופק פון טאָג, וואָס איז דעם טאָגס קראַנקייט, וואָס איז דעם טאָגס ווייטאָג און וואָס איז דעם טאָגס זאָרג.

און איטלעכס טאָג האָט געהאַט זיינע זאָרגן, זיינע ווייטאָגן און זיינע קראַנקייטן, און מען האָט באַדאַרפט כסדר אַלאַרמירן, טייטלען מיטן פינגער אויף דעם טאָגס קראַנקייט, זאָרג און ווייטאָג.

יעדער טאָג אין דעם אַמאָליקן רוסלאַנד האָט געהאַט זיינע יידישע ווייטאָגן, ריין יידישע, וואָס זענען געקומען פון דער יידישער געזעל־שאַפטלעכער אָפּגעלאָזנקייט, אומבאַהאָלפנקייט און קורצזיכטיקייט גופא.

און יעדער טאָג האָט געהאַט זיינע יידישע וויטאָגן, וואָס די צאַרי־שע רעאַקציע און אַנטיסעמיטיזם האָט פאַרשאַפט יידן.

טעמעס זענען געווען פיל און מען האָט געמוזט מאַכן דעם ריכ־טיקן אָפּקלייב.

און שמואל ראָזענפעלד האָט נישט געשריבן מיט אַ קאַלטן לונג־און־לעבער, ער האָט געשריבן אַלץ מיט באַקציינער און ממש מיט בלוט, ער האָט אין זיין לעבן קיין לעבלעכן, קיין נישט־מיר נישט־דיר אַרטיקל נישט אָנגעשריבן.

אין דעם מינדסטן אַרטיקל איז אַריינגעלייגט געוואָרן האַרץ און מוח.

זיינע אַרטיקלען זענען געווען אָפענע און ביז גאָר קלאָרע.

זיי זענען אָפט געווען שאַרף און אַפילו ביטער, אָבער ער האָט קיין הנאה נישט געהאַט פון זיין שאַרף און ביטער, ער וואָלט בעסער געוואָלט זיין מילד און פריינטלעך.

אָבער ער האָט געהאַלטן, אַז שרייבן איז אַ מיסיע, אַ שווערע און אַ זייער פאַראַנטוואָרטלעכע מיסיע.

ער האָט געוווסט, אַז ער קויפט זיך נישט איין קיין פריינט, אָבער דאָס איז דער גורל פון יעדן מוכיח.

דערצו איז ער געווען בטבע אַן אמת־זאָגער, ער האָט ממש פיזיש נישט געקענט זאָגן, אָדער שרייבן אַ ליגן, אָדער וואָס עס איז נאָך ער־גער — עפּעס פּשרהדיקס, עפּעס קלוגינקעס און עפּעס הינטערפּיסלדיקס.

ער איז נישט געווען קיין שרייבערישער בעל־טובה און קיין שריי־בערישער בעל־צדקה.

ער פלעגט אָפט זאָגן:

— שרייבערישע בעלי־טובות און בעלי־צדקות זענען אַ סך, אַ סך ערגער פאַר די שרייבער־זינדער און אָפענע פּשרהניקעס.

ער פלעגט צוקומען צו יעדן מיטאַרבעטער און אויסגעפינען וואָס, למשל, האָט יעדער בדעה צו שרייבן פאַרן מאָרגנדיקן נומער.

און אָט דער קפדן אין שרייבן איז געווען דער טאַקטישסטער מענטש אין באַציונג צו די מיטאַרבעטער.

ער האָט געמעגט האָבן די ברענענדיקסטע טעמע, האָט ער גע־לאָזט דעם מיטאַרבעטער בעסער שרייבן דאָס וואָס אים איז איינגעפאַלן.

ער פלעגט זאָגן אָפט:

— אַ טעמע, וואָס איז געבוירן געוואָרן אין קאָפּ ביים שרייבער, אַ טעמע, וואָס דער שרייבער אַליין האָט אויסגעטראָגן, וועט אַרויסקו־מען גאָרנישט דער ערך געראָטענער ווי אַן אַדאָפּטירטע טעמע, אָדער אַן אויסגעבאָרגטע טעמע ביי אַן אַנדערן.

די ערשטע צייט איז ער געווען אין איין שרעק:

„דער פריינד״ קען אָנגעשטעקט ווערן מיט געלקייט אין וואַרשע!

אַז מען לעבט אין נאָענטער שכנות מיט אַ געלער פּרעסע, מוז מען זיך אָנשטעקן; געלקייט איז אַ קלעפּיקע צייטונגס־קראַנקייט, עס איז שווער צו אָפּהיטן זיך פון איר.

ער פלעגט דורכטאָפּן מיט חשד פון שרעק יעדע שורה אין צייטונג איידער זי גייט אין דרוק, און אויף מאָרגן פלעגט ער כאַפּן די צייטונג מיט ציטערדיקע הענט און זי דורכלייענען פון דער ערשטער ביז דער לעצטער שורה.

מיט דעם גרעסטן צאָל מיטאַרבעטער איז ער געווען זיכער, אָבער מורא פלעגט ער האָבן פאַר די רעפּאָרטערס, זיי זענען געווען וואַרשע־ווער און זיי זענען געקומען פון די געלע צייטונגען.

און מיט זיי האָט ער טאַקע געהאַט אַ שווערע קנעלונג.

און נישט איינמאָל האָט ער נעבעך געהאַט עגמת־נפש פון זיי, זיי פלעגן דורכשמוגלען ממש אונטער זיין נאָז אַ שטיק געלקייט.

ער פלעגט אָנהויבן אַ חקירה ודרישה ביז ער פלעגט אויפדעקן דעם ברודיקן קוואַל פון דעם שטיקל געלקייט.

נאָך אַזאַ ביטערער דערפאַרונג פלעגט ער קוקן יעדן רעפּאָרטער אויף די פינגער און פלעגט יאָגן איטלעכס שטיקל געלקייט ווי בייזע רוחות פון דער צייטונג.

אָבער די רעפּאָרטערס זענען געווען פלינקער פון אים און די מלחמה מיט זיי איז געוואָרן אַ פּערמאַנענטע, אַ כסדרדיקע.

***

ער איז געווען אַ פּאַקטישער מוסרניק, ער איז געווען אַ פּרוש אין קאָוונע, אָבער קיין מוסרניק בציבור איז ער קיינמאָל נישט געווען, ער האָט קיינמאָל נישט געהערט צו ר׳ ישראל סאַלאַנטערס תלמידים, ער האָט נישט פּראַקטיצירט מוסר 24 שעה אין מעת־לעת, אָבער ער איז געווען פּריוואַט, אינדיווידועל דער שטרענגסטער מוסרניק.

אין סאַמע ברען פון זיין ראַדיקאַל־נאַציאָנאַליסטישן פּעריאָד האָט ער אָנגעשריבן די בעסטע מאָנאָגראַפיע וועגן ר׳ ישראל סאַלאַנטער.

ער האָט געהאַסט די געלע פּרעסע ווי אַ מאָראַליסט, און ער האָט אָנגעשריבן דעם שאַרפסטן פּאַמפלעט קעגן דער געלער פּרעסע — „דער פלעט־צעטל".

זיין פּובליציסטיק איז געווען מאָראַלישער פּראָטעסט און מוסר־זאָגעריי. ער איז געווען אין דער פּובליציסטיק אַ מוכיח, און נישט אין נאָמען פון פּאָליטישע, אָדער געזעלשאַפטלעכע פּרינציפּן, נאָר אין נאָמען פון מאָראַל, פון ריינער מאָראַל.

ער איז געווען שאַרף, אָפט ביטער, אָבער אַלע מאָל ערלעך און אויפריכטיק.

ער האָט געהיט און געוואַכט איבער זיין מאָראַלישער ריינקייט, ער האָט קיין געזעלשאַפטלעכן אַמט, נישט קיין באַצאָלטן און נישט קיין ערן־אַמט נישט אָנגענומען זיין גאַנץ לעבן.

ער האָט מורא געהאַט פאַר פּניותדיקייט, און ער איז געווען זיכער, אַז יעדער שרייבער, וואָס קהלט זיך, קען נישט אויסמיידן קיין פּניות, ער ווערט אַריינגעצויגן קעגן זיין אייגענעם ווילן אין די ענגע אינטערעסן פון אַ קרייזל, אָדער פּאַרטיי, און מוז ווערן אַ צד, אַ צד אַ פּניותדיקער.

ער איז זיין גאַנץ לעבן נישט אַרויסגעטראָטן קיין איינציק מאָל ווי אַ רעדנער; ער האָט געהאַלטן רעדנער פאַר שפּילער, פאַר אַקטיאָרן.

ער איז געווען דורך און דורך אַ העברעער, אָבער ווען איך האָב אים אַמאָל געפרעגט, ווען ער איז געקומען צוריק פון אַ באַזוך אין ארץ ישראל, צי ער האָט דאָרט גערעדט העברעיש?

האָט ער געענטפערט:

— וואָס מיינט איר, איך בין אַ פּורים־שפּילער?

ד"ר א. מוקדוני

פאַר אים איז רעדן העברעיִש געווען נישט־נאַטירלעך, שפּיל, פּאָזע, פאַרשטעלעניש, און דאָס אַלץ האָט ער פיינט געהאַט און ער האָט עס ממש פיזיש נישט סובל געווען.

ער איז געווען זיין גאַנץ לעבן אַ ציוניסט, אָבער ער פלעגט פאָרן אויף ציוניסטישע קאָנגרעסן און קאָנפערענצן בלויז ווי אַ פּובליציסט, קיינמאָל נישט ווי אַ דעלעגאַט, קיינמאָל נישט ווי אַ פאָרשטייער פון דער פּאַרטיי־פירערשאַפט.

און זיצנדיק ביים שרייבערישן טיש ביי די קאָנגרעסן און די קאָנ־פערענצן האָט ער מער געזען און געקענט זיין מער אָביעקטיוו פון די שרייבער, וואָס קהלן זיך.

ער איז קיינמאָל קיין אַגיטאַטאָר נישט געווען, אַגיטאַציע איז געווען קעגן זיין גאַנצן מהות; אַגיטאַציע אַפילו די ערלעכסטע, איז זיך מתיר דאָ און דאָרט אַ ליגן, אַ גוזמא און אַביסל נישט־אויפריכטיקייט.

יאָ, ער איז געווען דער ריינסטער, דער מאָראַלישסטער מענטש אין דער שרייבערישער וועלט.

אַן אמתער מוסרניק, נישט זייענדיק אין זיין גאַנץ לעבן פאַרבונדן מיט דער אָפיציעלער מוסר־באַוועגונג.

ער האָט דורכגעמאַכט אַ שווער און ביטער לעבן.

אַ פינצטערע און אַ ביטערע יוגנט האָט ער געהאַט ביי זיין שטרענגן פאָטער אין הויז. דער פאָטער איז געווען אי רב, אי שוחט און אי בעל־תפילה אין אַ יידישן דאָרף אין כערסאָנער גובערניע; ער איז געווען אַ קפדן, איינער פון יענע אייזערנע יידן, וואָס טרעטן נישט אָפּ אַפילו אַ חוט־השערה פון יידישקייט.

און ראָזענפעלדן איז באַשערט געווען צו זיין אַ בן־יחיד אין אַ פול הויז מיט מיידלעך, האָט דער פאָטער זיך אָנגעזעצט אויף זיין בן־יחיד און האָט געוואָלט פון אים מאַכן דעם אמתן ירא־שמים, דעם אמתן למדן און מופלג.

און דאָס ייִנגל איז געגאַנגען אין שפּאַן, ער איז געווען אַ לערנער און אַ פרומער, בלויז איינמאָל אין זיין גאַנץ לעבן האָט ער זיך פאַרשפּילט מיט אַ ייִנגל און האָט פאַרשפּעטיקט אַביסל און איז נישט געקומען אין צייט צו לערנען מיטן טאַטן זיינעם, האָט דער טאַטע אים מקיים־פּסק

געווען מיט אַזאַ פּוריע און מיט אַזאַ הייליקער רציחה, אַז ער האָט אים בלינד געמאַכט אויף איין אויג מיט אַ גישט־פאַרזיכטיקן קלאַפּ אין אויג.

ראָזענפעלד איז געבליבן בלינד אויף איין אויג זיין גאַנץ לעבן.

און דאָס האָט ער נישט געקענט פאַרגעסן, און ער האָט ממש אַ נדר געטון, אַז זיינע קינדער וועלן האָבן ביי אים די גרעסטע פרייהייט.

און אַזוי איז עס געווען.

ער האָט קיינמאָל קיין קרום וואָרט נישט געזאָגט זיינע צוויי קינ־דער, ער האָט זיי אַרומגערינגלט מיט ליבע און טרייהייט.

אָט אַזוי האָט ער קאָמפּענסירט זיין אייגענע, פינצטערע יוגנט.

און צו 18 יאָר איז ער אַוועק פון דערהיים און איז קיינמאָל, קיינמאָל נישט געקומען צוריק אַפילו אויף אַ באַזוך.

לויטן געבורט אַן אוקראַינישער האָט ער זיך באַזעצט אין קאָוונע און איז געוואָרן אַ ליטוואַק, עס איז קיין שום זכר פון אַן אוקראַינישן יידן און חסיד אין אים נישט געבליבן.

ער איז געוואָרן דורכאויס אַ ליטוואַק.

ער האָט געלערנט אין אויסלאַנד, ער האָט געלעבט אין פּעטער־בורג, אין וואַרשע, אין ניו יאָרק, אָבער אומעטום איז ער געבליבן אַ ליטוואַק.

אין קאָוונע איז דאָס 18־יעריקע בחורל געווען פריער אין אַ ישיבה, דערנאָך אַ פּרוש, דערנאָך אַ משכיל און צום סוף אַ שרייבער. אַזוי אַרום איז דער מענטש ראָזענפעלד אויסגעפורעמט געוואָרן אין ליטע, אין קאָוונע.

אָבער אין קאָוונע איז ער פאַרוויקלט געוואָרן אין אַ שווערער פאַ־מיליען־דראַמע; ער האָט חתונה געהאַט מיט אַן אייגפאַך מיידל, וואָס האָט אים פאַרביטערט דאָס לעבן, און דער עיקרשט: זי האָט אים געשטערט צו פאָרן אין אויסלאַנד לערנען, זי איז אַפילו געקומען אין בערן „נעמען אים אַהיים" און מאַכן אים פאַר אַ מאַן, ווי גאָט און לייטן האָבן געבאָטן.

און פון אַ גט האָט זי נישט געוואָלט אַפילו הערן.

ש. ראָזענפעלד האָט געמוזט איבעררייסן זיין שטודיום און אַוועק־לאָזן זיך איבער דער רוסישער מדינה און אַרויסבאַקומען ביי הונדערט רבנים אַ גט קעגן דעם ווילן פון זיין פרוי.

ער האָט קיינמאָל זיין שטודיום נישט געענדיקט. ער האָט שוין גע־האַט פאַרטיק אַ דאָקטאָר־אַרבעט וועגן דעם יידישן פילאָזאָף נחמן קראָכ־מאַל און זיין העגעליאַנישע פילאָזאָפיע.

די דאָזיקע אַרבעט האָב איך געפונען אין זיין קליינעם אַרכיוו.

עס איז אַביסל אַ פאַרעלטערטע אַרבעט, אָבער זי איז נאָך אַלץ אַ גוטע אַרבעט וועגן נחמן קראָכמאַל און זיין פילאָזאָפיע, און עס וואָלט געווען אַ יושר זי אַרויסצוגעבן.

***

נאָכן אומגליקלעכן גט מיט זיין ערשטער פרוי האָט ער באַשטימט נישט חתונה צו האָבן מער, אָבער קיינער קען זיך אַפּנים פון זיין שיק־זאַל נישט אַרויסדרייען.

ערשט שפּעטער, ווען ער איז געווען דער רעדאַקטאָר פון „פריינד" אין פּעטערבורג, האָט ער באַגעגנט אַ מיידל אין דער אַדמיניסטראַציע פון „פריינד", אַ טיפּיש פּעטערבורגער יידיש מיידל, אַ שיינע, אַ לעבע־דיקע, אַ פאַרקאָכטע אין דער מאָדערנער רוסישער ליטעראַטור און אין רוסישן טעאַטער, און ער האָט מיט איר חתונה געהאַט.

עס איז געווען בפירוש נישט קיין גאָר גלייכער שידוך. שמואל ראָ־זענפעלד, דער געבוירענער פּרוש און אַ פּעטערבורגער לעבעדיק, שיין און לעבנס־לוסטיק מיידל, זענען נישט געווען קיין פּאָר, אָבער אַפּנים אַז דווקא די נישט־גלייכע פּאָרלעך זענען די גלייכסטע.

ש. ראָזענפעלד האָט ליב געהאַט זיין שיינע, שטיפערישע און איי־ביק לאַכנדיקע פרוי, ווייל זי איז נישט געווען אויף דאָס מינדעסטע ענ־לעך אויף אים.

און אין זיין הויז איז טאַקע געווען פריילעך, לאַכעדיק. אַ שמייכ־לענדיקע, גאַסטפריינטלעכע פרוי האָט אָנגעפילט דאָס הויז מיט לעבן.

און דער שטענדיק פאַרטיפטער אין זיך ראָזענפעלד איז געווען דאַנקבאַר זיין לעבעדיקער און שמייכלענדיקער פרוי פאַר דער ליכ־טיקייט און פרייד, וואָס זי האָט אַריינגעבראַכט אין זיין הויז און אין זיין לעבן.

אָט דער שאַרפער קאָנטראַסט אין זייערע כאַראַקטערן האָט דווקא געשאַפן די נויטיקע האַרמאָניע אין זייער לעבן.

זיין פאַמיליען־לעבן איז געווען אַ ליכטיק און אַ גליקלעך, ער האָט ליב געהאַט זיין פרוי און זיינע צוויי קינדער און האָט זיי אַרומגערינגלט מיט רירנדיקער צערטלעכקייט.

נישט אַזוי גליקלעך איז געווען זיין שרייבעריש לעבן.

„דער פריינד" איז נישט געווען גליקלעך אין פוילן. זיינע גוטע, שיינע און גליקלעכע יאָרן זענען אַוועק אויף אייביק.

ער האָט אָנגעהויבן פירן אַ שווער און ביז גאָר אַ געמאַטערט לעבן, ער איז איבערגעגאַנגען עטלעכע מאָל צו נייע באַלעבאַטים, אָבער די לאַגע האָט זיך ווייניק געענדערט.

„דער פריינד", די אַמאָל רייכע און ברייטע צייטונג, איז געוואָרן אַן אָרעמע צייטונג, אַן ערלעכע און ריינע צייטונג, אָבער אַן אָרעמע.

צום ערשטן מאָל איז „דער פריינד" אַריבער דווקא צו אַ יונגן מענטשן, וואָס איז געשטאַנען נאָענט צו דער יידישער ליטעראַרישער און צו דער יידישער פּאָליטישער און געזעלשאַפטלעכער וועלט, צו זלמן מייזנער, וואָס איז געווען באַקאַנט אין דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער באַוועגונג מיטן נאָמען „זלמן בורזשוי".

דער דאָזיקער „זלמן בורזשוי" איז בלויז געווען אַ זון פון אַ רייכן וואַרשעווער סוחר, אַ האַרטער ווי קרעמען ייד; ער, דער פאָטער, איז געווען דער פאַקטישער באַלעבאָס פון דער צייטונג.

ער האָט זיך נישט געמישט אין דער צייטונג, חלילה. מיר האָבן אים אַפילו קיינמאָל נישט געזען, ער איז געווען אַ רואה־ואינו־נראה.

געקויפט האָט ער „דעם פריינד" פאַר זיין זון זלמן, דעם איינציקן שלים־מזל אין דער משפחה; אַלע קינדער האָבן געטון גוטע שידוכים, חתונה געהאַט רייך און געוואָרן אַליין רייך. זלמן, דער יינגסטער זון, איז געווען די שוואַרצע שעפּס אין דער משפחה, נישט ער האָט חתונה געהאַט און נישט ער האָט זיך פאַרנומען מיט עפּעס.

ער איז געבליבן אַ פּאַרטיי־בחור, ער האָט אַפילו נישט אַראָפּגענו־מען זיינע לאַנגע ווייכע האָר, ער איז געווען דווקא רייך געקליידט, אָבער די האָר זענען געווען לאַנגע, זיידענע און לאַנגע. זיי פלעגן אים קריכן

אין די אויגן, קיצלען דעם האַלדז, אָבער זענען געווען דער שיינער זכר פון די אַמאַליקע רעוואָלוציאָנערע יאָרן זיינע און ער האָט נישט געוואָלט און נישט געקענט זיך שיידן מיט זיי.

ער איז געווען בלויז לפנים דער באַלעבאָס. דער פּאַקטישער באַ־לעבאָס איז געווען זיין טאַטע. ער פלעגט בלויז אויספירן די באַפעלן און די אינסטרוקציעס פון זיין פאָטער.

און דער דאָזיקער פאָטער האָט געהאַט אַ פשוטע סוחרישע פילאָ־זאָפיע — אַ געשעפט מוז געבן ריוח, און אויפן אָרט, נישט באַחרית הימים.

האָט ער איינגעצאָלט דעם פּרייז פאַר דער צייטונג און אין אַ וואָך אַרום האָט ער געפאָדערט ריוח.

עס האָבן נישט געהאָלפן די טענות פון זון און פון פּאַרוואַלטער פון דער צייטונג, אַז ריווח איילט זיך נישט, ער מאַכט קליינע טריטעלעך, אָבער ער וועט קומען.

אָבער געשעפט ווייס דער ייִד בעסער, ער האָט געמאַכט געלט און מאַכט כסדר געלט, געלט ברענגט באַלד אַריין ניי, פריש געלט; דאָס נייע, פרישע געלט גייט אויך נישט ליידיק, עס ווערט באַלד „ביזי" און ברענגט ניי, פריש געלט.

זלמן, דער זון פון סוחר, האָט דווקא ליב געהאַט די צייטונג און די שרייבער. ער האָט געפונען אַ געשעפט, וואָס איז נאָענט צום האַרצן, און ער פלעגט מיט צרות אַרויסבאַקומען ביים האַרטן טאַטן אַביסל פריש געלט. אָבער סוף כל סוף איז דעם אַלטן מיאוס געוואָרן דאָס טשיקאַווע געשעפט, וואָס עסט געלט מיט אַ געוואַלדיקן אַפּעטיט און גיט צוריק גאָרנישט, און ער האָט אָנגעהויבן זוכן אַ קונה פאַר דער צייטונג.

און באַלד האָט ער געפונען אַ גאַנצע כאַפּטע קונים, דריי ייִדישע פאַרלעגער: לידסקי, בן־אביגדור און קאַפּלאַן, אַלע דריי ייִדישע פאַר־לעגער און מוכר־ספרימניקעס.

איך נעם זיך נישט אונטער צו זאָגן וואָס זיי וואָלטן געמאַכט פון דעם „פריינד", ווייל זיי האָבן געוועלטיקט אַ קורצע צייט. „דער פריינד" האָט שוין געהייסן „דאָס נייע לעבן", דאָס איז געווען אַן אָנגענומענער מיטל קעגן דער צענזור; מען האָט משנה־השם געווען „דעם פריינד",

וואָס איז צוליב אַ קליין שטיקעלע ראַדיקאַליזם פאַרמאַכט געוואָרן. ראָ־זענפעלד האָט באַדאַרפט אַפילו זיצן אין תפיסה, ער איז געווען דער פאַראַנטוואָרטלעכער רעדאַקטאָר. די צייטונג האָט שוין צום סוף טאַקע געהאַט אַ ספּעציעלן זיץ־רעדאַקטאָר, אַ רעדאַקטאָר, וואָס איז גרייט צו זיצן אין תפיסה, ווען נאָר די צאַרישע רעגירונג וועט אים איינלאַדן.

און באַלד איז די גאַנצע יידישע פּרעסע אָפּגעווישט געוואָרן. עס האָט אויסגעבראָכן די ערשטע וועלט־מלחמה און דער הויפּט־קאָמאַנדיר פון די רוסישע אַרמייען, דער לאַנג־פיסיקער פעטער פון צאַר ניקאָלאַי, ניקאָלאַי ניקאָלאַיעוויטש, האָט פאַרבאָטן יידיש.

און „דער פריינד" איז פאַרמאַכט געוואָרן אויף אייביק. אַלע וואַר־שעווער צייטונגען זענען אויפגעשטאַנען צו תחית־המתים נאָך דער ערש־טער וועלט־מלחמה, אָבער נישט „דער פריינד".

אַזוי האָט געלעבט און אַזוי איז געשטאָרבן די בעסטע יידישע צייטונג.

שמואל ראָזענפעלד האָט איבערגעלעבט דעם גאַנצן שיקזאַל פון דער צייטונג מיט אַלע גילגולים אירע, ער איז געשטאַנען ווי אַ בראַוווער קאַפּיטאַן ביז די שיף איז אונטערגעגאַנגען.

ער איז אַוועק פון וואַרשע צוריק קיין פעטערבורג, ער האָט גע־שריבן און רעדאַקטירט פאַרשידענע זאַמלביכער, דערהויפּט אין העב־רעיש.

אָבער דאָ איז געקומען די באָלשעוויסטישע רעוואָלוציע ווי אַ הו־ראַגאַן און אָפּגעווישט די איינגעוואָרצלטע יידישקייט אין רוסלאַנד.

ער האָט זיך געראַטעוועט קיין פּוילן, ער האָט געטון פאַרשידענע ליטעראַרישע אַרבעטן ביז ער איז געקומען קיין אַמעריקע און דאָ האָט זיך זיין פּרוכטבאַר לעבן געענדיקט מיט אַ טראַגישן טויט.

קיין אַמעריקע איז געקומען אַן אַנדער ראָזענפעלד.

אין אַמעריקע איז געקומען אַ דערשראָקענער פאַרן באָלשעוויזם ראָ־זענפעלד; זיין דין הייטל פון ראַדיקאַל־נאַציאָנאַליזם, וואָס איז אַרויפ־געצויגן געוואָרן אויף אים אין פעטערבורג און אין וואַרשע, איז אַראָפּ־געפאַלן. דער אַמאָליקער ראָזענפעלד, ראָזענפעלד דער פּרוש, דער תלמיד

חכם, דער ציוניסט און דער העברעער איז געשטאַנען פאַר אונדז אין אַמעריקע.

ער איז נישט געווען גליקלעך אין דער אַמעריקאַנער ייִדישער וועלט, וואָס איז עפּעס אַמאַראַליש, עפּעס אַלץ איז מותר אין אַמעריקע, נישטאָ קיין מאָראַלישע אויפבראַיזן, נישטאָ קיין מאָראַלישער פּראָטעסט קעגן פּאָליטישע און געזעלשאַפטלעכע עוולות.

ער האָט זיינע־קינדער געגעבן אַ שטרענג ייִדישע דערציִונג, אָבער אין אַמעריקע — פלעגט ער זיך קלאָגן — קלעפּט זיך נישט צו קיין ייִדישקייט צו ייִדישע קינדער.

און דאָ איז די אַלטקייט אַרויפגעשפּרונגען אויף אים עפּעס אומ־דערוואַרט.

די הענט האָבן אָנגעהויבן ציטערן, די פיס האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו גיין און דער קאָפּ צו דענקען.

איך האָב אים איינמאָל געטראָפן שרייבנדיק. ער האָט מיט דער לינקער האַנט צוגעהאַלטן די ציטערנדיקע רעכטע האַנט, כדי זי זאָל קענען שרייבן...

ער האָט אַ קוק געטון אויף מיר מיט אַזוי פיל צער אין די אויגן, אַז מיר האָבן זיך געשטעלט טרערן אין די אויגן.

— אָט אַזוי, מוקדוני, וועל איך מוזן שרייבן ביזן קבר...

איך בין אויף מאָרגן געווען אין רעדאַקציע פון „טאָג" און לייכט אויסגעפּועלט פאַר אים אַ פּענסיע פון 35 דאָלער אַ וואָך.

און ווי נאָר ער האָט אויפגעהערט צו שרייבן, האָבן אים די כוחות אינגאַנצן פאַרלאָזט. ער האָט אָנגעהויבן ממש פונאַנדערצופאַלן.

זיין פרוי איז אים געשטאַנען ביי דער זייט בראַוו און געטריי.

אָבער פּלוצלונג איז זיין פרוי קראַנק געוואָרן און אין אַ קורצער צייט איז זי געשטאָרבן.

און ער איז געבליבן אַליין, איינינקער אַליין — איין זון אין מלחמה, דער צווייטער ווייט פון ניו יאָרק.

און אין עלנטקייט איז ער געשטאָרבן. שפּיטאָלן און סאַנאַטאָריעס האָבן אים נישט געוואָלט האַלטן, ווייל דער שטאַרקער מענטש האָט פאַר־לאָרן אינגאַנצן דעם קאָנטראָל איבער זיינע פיזישע פונקציעס.

בלויז איינצלנע פריינט זענען געבליבן שטיין ביי זיין זייט און אים געהאָלפן. ס. דינגאָל און מענדל עלקין האָבן אים נישט פאַרלאָזט ביז דער לעצטער מינוט.

און שטיל, כמעט אומבאַמערקט, איז ער געשטאָרבן...

איך פערזענלעך האָב פאַרלאָרן דעם געטרייסטן און איבערגע־געבנסטן פריינט.

מיין הויז און זיין הויז, ווי ווייט זיי זענען נישט געווען איינס פון דעם אַנדערן, זענען זיי געווען איין הויז.

אין דער פרייער צייט פלעג איך זיין ביי אים, אָדער ער ביי מיר. עס איז געווען צווישן אונדז אַ פריינטשאַפט, וואָס איז קיינמאָל נישט אי־בערגעריסן געוואָרן דורך מיספאַרשטייעניש, פון תרעומות און פון אַנדערע פאַרטשעפּענישן אין לעבן.

און ער פעלט מיר, דער טייערער, אָפענער און ערלעכער ראָזענ־פעלד עד־היום.

אין אַמעריקע ביזטו קיינמאָל נישט זיכער מיט אַ פריינט.

עפּעס זענען אַלע פאַרפלאָנטערט אין פניות, אין פּאָליטיק, אין גרונטלאָזער בייזקייט און זינלאָזער רשעות.

איך האָב דאָ פאַרלוירן פריינט, פיל פריינט און איך ווייס אַפילו נישט פאַרוואָס.

דאָ איז פריינטשאַפט עפּעס אַ שטיקל מסחר. הערט אויף אַ מסחר צו געבן פּראָפיטן, ליקווידירט מען אים; הערט אויף פריינטשאַפט צו ברענגען עפּעס ממשותדיקס, ליקווידירט מען זי.

מיין פריינטשאַפט מיט ראָזענפעלדן האָט אָנגעהאַלטן קאַרגע פער־ציק יאָר.

און זי איז קיין איין מאָל נישט פאַרוואָלקנט געוואָרן.

עס איז מיר געווען גוט צו האָבן ביי מיין זייט דעם קלוגן און גע־טרייען ראָזענפעלדן, און אים איז געווען גוט צו האָבן מיך ביי דער זייט.

נישט קיין גלייכע, אינגאַנצן פאַרשידענע טעמפּעראַמענטן, האָבן מיר זיך אָבער וווּנדערלעך צוזאַמענגערעדט.

11

י. ל. פּרץ

I

אין דעם ערשטן חודש פון מיין זיין אין וואַרשע האָב איך י. ל. פּרצן נישט געזען; י. ל. פּרץ איז געווען אויף „דאַטשע" אין אַ דאָרף נישט ווייט פון וואַרשע, און איך בין געווען שטאַרק פאַרנומען אין ספּעק־טאָרס צייטונג „די נייע וועלט".

ערשט ווען איך האָב זיך אַריינגעאַרבעט אין דער צייטונג האָט מיך ה. ד. נאָמבערג גענומען צו י. ל. פּרצן אין דאָרף אַריין.

גייענדיק פון וואָקזאַל צום דאָרף האָבן מיר באַגעגנט י. ל. פּרצן שפּאַצירן.

מיך האָט שטאַרק איבערראַשט פּרצעס אויסזען און האַלטונג. ער האָט אויסגעזען אינגאַנצן פּויליש. פאַר מיר איז געשטאַנען אַ פּוילישער פּריצל מיט גרויסע פּוילישע וואָנצעס און אין אַ פּוילישער הלבשה.

קורץ און פעסט געבויט, האָט ער נישט אויסגעזען קליין. נייך. ער האָט עפּעס אויסגעזען דאָמינירנדיק און אימפּאָזאַנט.

צוויי גרויסע, פייערדיקע אויגן האָבן מיך אָנגעקוקט און דורכ־געעגבבערט.

— דאָס זענט איר עס, דער ד"ר קאַפּעל און ד"ר מוקדוני. הייסט עס ווי אין פּסוק שטייט: געקומען, געזען און געזיגט...

מיין ערשטע באַגעגעניש מיט פּרצן איז נישט געווען קיין וואַרעמע

און אַפילו נישט קיין פריינטלעכע. עפּעס האָב איך דערפילט אַ מין אָנ־געשטויסנקייט פון פרצן אויף מיר.

אויף צוריקוועגס האָב איך געפרעגט נאָמבערגן:

— מיט וואָס דערקלערט איר די קאַלטלעכע אויפנאַמע פון פרצן?

נאָמבערג האָט אַ מאַך געטון מיט דער האַנט און אַ זאָג געטון:

— פרץ איז אַ מענטש פון שטימונגען, און שטימונגען זענען נישט סובל קיין דערקלערונגען.

שפּעטער אַביסל, ווען פרץ האָט מיך פלוצלונג איינגעלאַדן צו זיך און מיר פאַרגעשלאָגן צו שרייבן אַן אָפּהאַנדלונג וועגן יעקב גאָרדין פאַר זיינע זאַמלביכער „יידיש", האָב איך דערזען פאַר זיך גאָר אַן אַנדער פרץ, אַ וואַרעמען, אַ האַרציקן, אַ פריינטלעכן, אַ לאַכעדיקן, אַ מונטערן.

און ביי אַ געלעגנהייט האָב איך אָפן געפרעגט פאַרוואָס ער האָט מיך אויפגענומען אַזוי קאַלט און פרעמד דאָרט אין דאָרף, ווען איך בין געקומען צו אים דאָס ערשטע מאָל. און ער האָט געענטפערט אָפנהאַר־ציק און גערן.

— פאַרשטייט איר מיך, קאַפּעל, אַלע יידישע שרייבער דאָ אין וואַר־שע מאַטערן זיך, ליידן הונגער ממש ביז זיי דערשלאָגן זיך צו אַ שטיקל ליטעראַרישן מעמד, און זעלטן ווער עס דערשלאָגט זיך צו עפּעס, זיי בלייבן שרעקלעכע קבצנים אויף זייער גאַנץ לעבן. איך ווייס בעסער ווי אַנדערע וואָס אַ שרייבער שטייט אויס ביי אונדז. און דאָ קומט איר, קיי־נער קען אייך נישט, קיינער ווייס פון אייך נישט, און איר ווערט אַ חודש נאָך אייער באַוויזן זיך אין וואַרשע כמעט אַ רעדאַקטאָר פון אַ צייטונג און איר באַקומט אַ גוטן געהאַלט, וועגן וועלכן עלטערע שרייבער פון אייך חלומען גאָרנישט... צום אָנהויב איז עס מיר אויסגעקומען עפּעס ווי גזילה — קומט אַ פרעמדער און פאַרכאַפּט דאָס אָרט, אויף וועלכן תושבים קוקן אויס די אויגן. אַגב, איז עס מיר געווען עפּעס חשודיק. איר ווייסט דאָך אַפילו נישט פון שרייבערישע יסורים, פון שרייבערישן חיבוט־הקבר, גלייך פון אוניווערזיטעט־בענקל אויף אַ רעדאַקציע־בענקל...

נאָך דעם דאָזיקן אָפענעם שמועס זענען מיר געוואָרן די וואַרעמס־טע פריינט.

ד״ר א. מוקדוני

איך בין איינגעלאַדן אין דער רעדאַקציע פון „פריינד״ אויף פּרצעס פּאָרשלאַג, און פּרצעס אַ פּאָרשלאַג איז געווען ביים אַרויסגעבער און ביים רעדאַקטאָר פון „פריינד״ ממש אַ געבאָט.

פּרץ אַליין איז נישט געווען קיין מיטאַרבעטער פון „פריינד״, אָבער זיין איינפלוס אויף דער צייטונג איז געווען גרויס.

פון צייט צו צייט פלעגט ער געבן דעם „פריינד״ אַ „פאַלקסטימלע־כע געשיכטע״, אַן אַרטיקעלע, אָבער דער עיקרשט איז ער געווען אַן אייגענער, אינערלעכער מענטש אין דער רעדאַקציע פון „פריינד״. מיט זיין מיינונג האָבן זיך אַלע גערעכנט.

און פּרץ אַליין האָט באַטראַכט דעם „פריינד״ פאַר זיין צייטונג.

פון 1909 ביז 1915 בין איך געווען כמעט אַ טעגלעכער אריינגייער ביי פּרצן, און פאַר די דאָזיקע יאָרן איז ער כסדר געווען פריש און ניי פאַר מיר.

יעדן טאָג איז ער געווען אַ נייער פאַר מיר.

איך וויל אָבער אַרויסקלייבן די שטענדיקע שטריכן פּרצעס, די הויפּט־שטריכן פון זיין כאַראַקטער ווי אַ הינטערגרונט פאַר אַ פּאָרטרעט און אויך אויפכאַפּן דאָס אויפבליצנדיקע, דאָס אומדערוואַרטעטע און דאָס איבערראַשנדיקע אין זיין כאַראַקטער. זיי זענען פּונקט אַזוי כאַראַקטע־ריסטיש פאַר פּרצן ווי דאָס סטאַבילע, דאָס עצמדיקע און שטענדיקע אין אים.

***

י. ל. פּרץ איז געווען האַלב — גרויע וואָך און האַלב — ליכטיקער שבת.

יעדן טאָג איז ער ניין אַזייגער אינדערפרי געווען אין דער גמינע; ער האָט דאָרט אַ שטייגל מיט אַ פענצטערל. אין זיין שטייגל קענען אַריין אַ פּאָר מענטשן.

זיין עובדא איז צו פאַרקויפן קרקע, שטיקלעך פּלעצער אויף דעם יידישן בית־עלמין. ער פאַרקויפט קרקע פאַר די, וועמען די גרויסע וועלט איז געווען צו ענג, און פאַר די, וואָס האָבן ביים לעבן קיין גרעסערן אָרט נישט פאַרנומען.

ער טוט זיין אַרבעט מיט דער גרעסטער פּינקטלעכקייט און אָרענטלעכקייט.

די דאָזיקע אַרבעט באַזאָרגט אים מיט אַן אָרעמען אויסקום; ער האַלט אָן דעם דאָזיקן אַמט עטלעכע צענדליק יאָר: ער וויל פון זיין שרייבן נישט מאַכן קיין קרדום לחפור בה. אַגב, האָט יידישע שרייבעריי אין זיינע יונגע און מיטעלע יאָרן נישט געקענט זיין קיין קרדום לחפור בה, און שפּעטער, ווען יידישע שרייבעריי איז געוואָרן אַ פּרנסה, האָט פּרץ געשטעלט אַזעלכע באַדינגונגען די רעדאַקטאָרן און די אַרויסגעבער, אויף וועלכע זיי האָבן נישט געוואָלט און אפשר נישט געקענט איינגיין.

עס איז געבליבן פּרצעס אַ בריוו, פון וועלכן מיר זעען, אַז ער האָט זיך יאָ געוואָלט באַפרייען פון זיין אַמט אין דער יידישער גמינע און אָפּגעבן זיך אין גאַנצן מיט ליטעראַרישער אַרבעט.

דער בריוו איז געשריבן צום אַרויסגעבער פון דער העברעיִשער צייטונג „הזמן“, וואָס האָט אויך געפּלאַנט אַ חודש־שריפט, די דאַטע: 1905.

אָט איז אַ טייל פון בריוו:

„חשובער הער!

אין תוך פון דער זאַך שטייען נישט צווישן מיר און אייך קיין געלט־באַדינגונגען, נאָר אַ מאָראַלישער תנאַי.

אמת, מיר ווילט זיך שטאַרק פּטור ווערן פון מיין אַמט (אין דער וואַרשעווער גמינע), וואָס רויבט ביי מיר צו אַ האַלבן מעת־לעת (די צייט פון אַרבעט און אָפּרו), און איך האָב געהאָפט אויפן „הזמן“, אַז ער וועט מיך אויסלייזן פון אָט דער געפענגעניש. אָבער איך האָב קיין רעכט נישט צו פאָדערן פון אייך אַ קרבן, און אויב איר קענט נישט און איר מוזט אָנקומען צו אַזאַ עקאָנאָמיע, וועל איך אפשר געפינען אַן אַנדער אויסוועג...“ (נחמן מייזיל, „בריוו און רעדעס פון י. ל. פּרץ“).

פון זיין מיטאַרבעטערשאַפט אין „הזמן“ איז טאַקע גאָרנישט גע־וואָרן און קיין אַנדער אויסוועג האָט ער נישט געפונען.

זיצט ער טאָג־איין טאָג־אויס אין זיין שטייגל ביז דריי אזייגער בייטאָג; ער זיצט און פאַרקויפט קרקע.

ווען ער פטרט אָפּ זיינע ווייַנענדיקע און פאַרצאַרנטע קליענטן, קומט ער אַרויס פון זיין שטייגל כאַפּן אַ שמועס מיט זיינע „קאָלעגן״, די אַנדערע באַאַמטע פון דער גמינע, און אַמאָל אויך מיט זיינע באַלעבאַטים, די דאָזאָרעס.

אַלע קענען און ווייסן דעם „פּאַן פּרץ״, דעם „זשאַרגאָנישן שרייבער״.

מען האָט דרך־ארץ פאַר אים: אַ שרייבער, און אַ באַרימטער דערצו, זאָגט מען. אָבער מען האָט אויך אַ ביסעלע מורא פאַר אים: ער האָט אַ שאַרפע צונג, ער פאַרמאָגט אַ בייסיקע איראָניע און ער איז שטאָלץ, זייער שטאָלץ. ווי נאָר עפּעס שטעלן זיך אָן זיינע צוויי גרויסע, פייערדיקע אויגן ווי צוויי קאַנאָנען און פון זיין שטאַרקן מויל הויבן אָן זיך צו שיטן קוילן ממש.

אין דער גמינע איז פּרץ כסדר אויף דער וואַך, כסדר גרייט פאַר אַן אָפּענסיווע; ער פילט זיך כסדר ווי אין אַ פיינטלעכן לאַגער.

י. ל. פּרץ קען אַלע שוואַכקייטן פון זיינע קאָלעגן אין דער גמינע, און אין זיינע קורצע שמועסן מיט זיי האָט ער ליב צו שפּאַסן איבער זייערע שוואַכקייטן.

די „קאָלעגן״ נעמען עס אויף גוטמוטיק: דער „פּאַן פּרץ״ איז שוין אַזאַ.

אָבער שטעכיק און בייסיק איז ער, ווען ער באַגעגנט זיך מיט זיינע באַלעבאַטים, די דאָזאָרעס. דאָ איז ער כסדר אין דער אָפּענסיווע. ער האָט בטבע פיינט באַלעבאַטים איבער זיך, ער איז זיי נישט סובל ממש פיזיש.

וועגן זיין שטאָלצער און אומאָפּהענגיקער האַלטונג אין דער גמינע איז אונדז געבליבן אַ היסטאָרישער דאָקומענט: עס איז אַ דערקלערונג צו דער פאַרוואַלטונג פון דער גמינע, געשריבן אין פּויליש.

די דאָזיקע דערקלערונג איז געשריבן געוואָרן ווי אַן ענטפער אויף אַ בריוו־אַנקלאַגע פון אַן אַנדער פּערעטץ, וואָס איז געווען אַ פאַרביסענער אַסימילאַטאָר.

דער אַסימילאַטאָר א. פּערעטץ האָט געפאָדערט פון דער גמינע־

פאַרוואַלטונג, אַז זי זאָל פאַרבאָטן אירע אָנגעשטעלטע צו פאַרנעמען זיך מיט פּאָליטישער טעטיקייט.

די אָנקלאַגע איז געווען געווענדט קעגן י. ל. פּרץ, כאָטש זיין נאָמען ווערט נישט דערמאָנט אין דעם אָנקלאַגע־בריוו.

די פּאָליטישע טעטיקייט פּרצעס איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס ער האָט ווי אַ יידישער בירגער פון דער שטאָט וואַרשע אַגיטירט שריפט־לעך און מינדלעך פאַר אַ סאָציאַליסטישן קאַנדידאַט מיטן נאָמען יאַגעלאָ און קעגן אַן אויסגעשפּראָכענעם אַנטיסעמיטישן קאַנדידאַט.

די פּוילישע פּרעסע, וואָס פלעגט זיך אָפט פאַרנעמען מיט י. ל. פּרצן, איז אַרויס מיט אַ טענה צו דער יידישער גמינע — פאַרוואָס זי דער־לויבט אירע אָנגעשטעלטע צו פירן פּאָליטישע אַגיטאַציע.

קיין פאַרבאָט, אַז באַאַמטע פון וועלכער עס איז אָרגאַניזאַציע טאָרן זיך נישט פאַרנעמען מיט פּאָליטישער טעטיקייט, האָט גאָר נישט עקזיס־טירט, אָבער די פּוילישע אַנטיסעמיטישע פּרעסע האָט זיך נישט גערעכנט מיט דעם.

א. פּערעטץ, אַ פאַרביסענער אַסימילאַטאָר, האָט אָפּנים געהאַלטן מיט די פּוילישע אַנטיסעמיטן, אַז יידן דאַרפן שטימען פאַר אַן אַנטיסע־מיטישן קאַנדידאַט, און ער האָט אויסגענוצט דעם אָנפאַל פון דער פּוי־לישער פּרעסע אויף י. ל. פּרצן און האָט זיך געווענדט צו דער גמינע, זי זאָל דיסציפּלינירן אירע אָנגעשטעלטע. די גמינע האָט געהאַט אַ זיי־צונג, אָבער די זיצונג האָט נישט געהאַט קיין קוואָרום און זי איז אָפּגע־לייגט געוואָרן. האָט א. פּערעטץ זיך געווענדט מיט אַ צווייטן בריוו און האָט געפאָדערט אַ באַלדיקע אַנטשיידונג.

אין דער גמינע האָט זיך געקאָכט וועגן דעם. אַלע האָבן געוווּסט, אַז א. פּערעטץ צילט קעגן י. ל. פּרצן.

האָט פּרץ נישט וואַרטנדיק אויף דעם באַשלוס פון דער גמינע אָנגעשריבן פאָלגנדיקע דערקלערונג:

„צו דער פאַרוואַלטונג פון דער גמינע פון סטאַראָזאַקאָנניך
פון דעם מיטאַרבעטער פון פאַרוואַלטונגס־ביוראָ.
„זאַפּיסקאַ".

„אין דער צייט פון דעם וואַל־קאַמף האָט די פּוילישע צייטונג „קור־

ריער פּאַראַנני״ געשריבן, אַז אין די רייען פון קעמפנדיקן יידישן נאַציאָ־נאַליזם געפינען זיך צוויי באַאַמטע פון דער גמינע־פאַרוואַלטונג. צי זוכן זיי פאַר זיך אַן אַנדערע באַשעפטיקונג?

„דאָס פּאַרזייטע קערנדל פון קעגנערשאַפט צו בירגערלעכער פריי־הייט האָט געטראָפן אויף אַ גוט־צוגעפּאַסטן באָדן אויף דער גוט באַנק־ערד (טשאַרנאַזיעם באַנקיערסקי) פון ה׳ אַדאָלף פערעטץ, און עס האָט אַרויסגעגעבן פרוכט אין דער פאָרם פון זיין בריוו, געשריבן אין נאָמען פון נישט־דערמאָנטע פּערזאָנען אין דער גמינע־פאַרוואַלטונג, אין וועלכן ער פאַרלאַנגט אַרויסצוגעבן אַ רעגולאַמין, וואָס פאַרווערט באַאַמטע פון דער ביוראָ אַנטייל צו נעמען אין פּאַרטייאישע פּאָליטישע אַרבעטן.

„ווייל — מאָטיווירט דער ה׳ פערעטץ זיין געזעצגעבערישן פאָר־שלאָג — זיי וועלן נישט קענען זיין אָביעקטיוו צו די „אינטערעסאַנטן״, וואָס ווענדן זיך צו זיי.

„די גמינע־פאַרוואַלטונג, וואָס האָט קיינמאָל נישט פאַרווערט אירע אָנגעשטעלטע אויסצופירן זייער פּאָליטישע אַרבעט ווי מיטגלידער פון קרייזן, מיטאַרבעטער און רעדאַקטאָרן פון צייטונגען פון אַ געוויסער ריכ־טונג; די גמינע־פאַרוואַלטונג, וויסנדיק אויסגעצייכנט, אַז עס איז נישט פאָרגעקומען אין דער אַרבעט פון די אָנגעשטעלטע קיין שום פאַל פון פאַרטייאישער איינזייטיקייט, און זייענדיק איבערצייגט, אַז אַזאַ פאַל וועט קיינמאָל נישט פאָרקומען — האָט דאָך זיך באַראַטן איבער דעם אויבנ־דערמאָנטן פאָרשלאָג; דערביי האָט זי אויף דער זיצונג פון דער פאַר־גאַנגענער וואָך, פאַר דעם אָפּלייגן פון דער זאַך צוליב דעם פעלן פון דריי מיטגלידער פון אַ געוויסער פאַרטיי, מודיע געווען, אַז דאָ האַנדלט זיך וועגן אונדזער ה׳ פרץ.

„אַזוי איז אַנטשיידן געוואָרן דעם ה׳ א. פערעטצעס כוונה. ווייל איך געהער נישט צו קיין שום פאַרטיי, אַזוי צילט מען שוין אין מיין פרייהייט אַלס מחבר, און קעגן דעם מוז איך פּראָטעסטירן.

„נעמענדיק אין אַכט, אַז מיין פאַרהעלטעניש צו דער גמינע־פאַר־וואַלטונג איז אויסשליסלעך אַ פאַרהעלטעניש פון אַן אָנגעשטעלטן צו אַ ברויט־געבער, אַז אַזאַ פאַרהעלטעניש גיט נישט דעם ברויט־געבער קיין

שום רעכט אויף צו באַגרענעצן די רעכט און די איבער־צייגונגען פונעם אַרבעטער, אויסער דעם אָרט און צייט פון דער אַרבעט, אַז ביים שליסן דעם אָפּמאַך, מיט העכער 20 יאָר צוריק, איז פון אַזאַ באַגרענעצונג קיין שום רייד נישט געווען, אַז נאָכן שליסן דעם אָפּמאַך קען נישט קיין שום מאָדיפיקאַציע אָדער דערגאַנצונג אָפּהענגיק זיין בלויז פון דעם ווילן פון איין צד, —

„האָב איך דערמיט דעם כבוד צו דערקלערן דער גמינע־פאַרוואַל־טונג, אַז איך האָב נישט בדעה זיך אונטערצוואַרפן קיין שום פונקט פון אויבן־אָנגעוואָרפענעם רעגולאַמין.

מיט געהעריקער אַכטונג,
י. ל. פּרץ״.

אין דער דאָזיקער „זאַפּיסקאַ״ האָט איר אַ גוטע יוריסטישע באַ־גרינדונג, אָבער דער עיקרשט האָט איר דעם שטאָלצן מענטשן, וואָס שטייט הינטער דער יורידישער אויפקלערונג.

אַדאָלף פּערעטצעס אָנקלאַגע־בריוו איז מער נישט באַטראַכט גע־וואָרן און דער אינצידענט איז פאַרענדיקט געוואָרן.

די באַלעבאַטים, אַלע כמעט פאַרביסענע אַסימילאַטאָרן, האָבן נישט שטאַרק ליב דעם „פּאַן פּרץ״, דעם זשאַרגאָנישן שרייבער, אָבער זיי האָבן אויך אַביסעלע מורא פאַר אים; ער איז פייער, באַלד צינדט ער זיך אָן און דעמאָלט ווייס ער נישט ווער עס איז עלטער, ווער עס איז באַלעבאָס און ווער איז אָנגעשטעלטער.

אין דער גמינע איז פּרץ כסדר אַביסל נערוועז, ווי יעדער וואָס לעבט אין אַ פרעמדער און פיינטלעכער וועלט. די אַרבעט איז, פאַר־שטייט זיך, אים נישט שטאַרק צום האַרצן, אָבער ער טוט זי מיט סטאַ־אישער עקשנות. די דאָזיקע אַרבעט גיט אים דעם מינימום מאַטעריעלע זיכערקייט, זי גיט אים דער עיקרשט — קינסטלערישע אומאָפּהענגיקייט — ער דאַרף נישט מקח־וממכרן מיט זיין שרייבן.

ער איז אַ פרייער קינסטלער, ער קען שרייבן וואָס ער וויל און ווען ער וויל.

ווען שרייבעריי ווערט אַ סחורה מוז מען זי צושטעלן צום טער־

מין, און ווי אַלע סחורות, מוז זי געפעלן ווערן דעם קונה, דעם הורטאָוו־ניק — דעם אַרויסגעבער און דעם לאחדימניק — דעם לייענער.

פאַרקויפט ער קרקע זעקס שעה אַ טאָג אין דער גמינע, אָבער פון דריי אַזייגער אָן איז ער אַ שריפטשטעלער, אַ קינסטלער.

דריי בייטאָג קומט ער אַהיים. ער איז מיד, ער איז נערוועז, אָבער שנעל ווערט אָפּגעוואַשן פון זיין געזיכט די גמינע, די קרקע און דאָס שטייגל זיינס.

ער ווערט י. ל. פּרץ.

די באַקאַנטע וווינונג זיינע אויף צעגליאַנע 1 איז אַן אָרעמע, אַ וווי־נונג פון אַ באַאַמטן, אָבער ריין, ציכטיק איז אין פּרצעס דירה. דאָס מעבל אַלט, אָפּגעטראָגן, אָבער ריין און נעט.

אויף דער טיר פון זיין דירה איז דאָ פון קדמונים אָן אַ מעשן בלעכל. שטענדיק אָן אָפּגעשייערטע. אויפן בלעכל איז אין העברעיש אָנגעגעבן ווען י. ל. פּרץ נעמט־אויף מענטשן.

דאָס מעשענע בלעכל איז בלויז אַ שמירה קעגן נודניקעס, נישט־געבעטענע און נישט־געוווּנטשענע געסט; אייגענע מענטשן קומען ווען זיי ווילן. זיי זענען שטענדיק אָנגעלייגטע געסט.

אין דער דירה זיינער זענען אַלע צימערן קליינבירגערלעך מעב־לירט; יעדער פּנימלאָזער קליינבירגער האָט אַזעלכע פּנימלאָזע מעבל־שטיק. מאַדאַם פּרץ איז דאָ די הערשערין, זענען דאָ שטאַרק קענטיק איר געשמאַק און אירע בירגערלעכע השגות.

אָן אויסנאַם איז פּרצעס אַרבעטס־צימער. ער איז ווי אַ גרינער אינדזל אין דער גרויקייט פון דער דירה; עס איז אַ צימער פון אַ קינסט־לער, פון אַ יידישן קינסטלער. בילדער — דורכאויס יידישע בילדער: יידישע בילדער לויט זייער יידישער פאָרם און לויט זייער יידישן אינ־האַלט, און, פאַרשטייט זיך, ביכער.

פון דער גמינע קומט ער מיט בלוילעכע זעקלעך אונטער די גרויסע אויגן. די אויגן זענען עפּעס אויסגעלאָשן און די אונטערשטע מעכטיקע ליפּ זיינע הענגט אַראָפּ אָנמעכטיק. ער גייט אַפילו עפּעס אָן איינגע־קנייטשטער און עס איז שטאַרק קענטיק, אַז ער האָט פלאַטשיקע פיס. אָפּט מוז ער זיך צושפּאַרן אַביסל.

ער ליגט עפּעס ווי אַן איינגעפאַלענער; דער פעסט־געבויטער, ענער־גישער פּרץ ליגט עפּעס אַ חרובער.

אָבער באַלד שטייט ער אויף; ער איז אַן אָפּגעפרישטער, אַ לעבעדי־קער און אַ צאַפּלדיקער.

און קיין זכר פון דעם „פּאַן פּרץ" אין דער גמינע, פון דעם קרקע־פּאַרקויפער און פון דעם זיצער אין אַ שטייגל.

***

צו דער צייט הויבן זיך אָן צו באַוויזן מענטשן.

עס ציִען זיך שרייבער צו דער וווינונג אויף צעגליאַנע 1 מארבע כנפות רוסלאַנד און פּוילן: שרייבער אָנפאַנגער, שרייבער פון דער פּראָ־ווינץ, וואָס קומען זיך אָנזאַפּן מיט רוח־הקודש ביי פּרצן. זיי קומען אַריין עפּעס דערשראָקענע, צעטומלטע און פאַרלוירענע. און אָט שטייען זיי פאַר פּרצן. און פּרץ מיט זיין אויסזען צעטומלט זיי נאָך מער.

אַ קורץ, אָבער פעסט־געבויטער מענטש שטייט פאַר זיי, און צוויי פייערדיקע אויגן קוקן אויף זיי און מעסטן זיי אָפּ פון קאָפּ ביז די פיס.

נאָר באַלד צעשמייכלען זיך די צוויי גרויסע, פייערדיקע אויגן; זיי צעשמייכלען זיך קינדיש און פאַטערלעך.

און פּרץ האָט שוין זיינע מיטלען ווי צו מאַכן צעטומלטע באַזור־בער היימיש.

אַ ווערטל, אַ שמייכל אויפן ברייטן געזיכט, אַ קלאַפּ גוט־ברו־דעריש איבער דער פּלייצע, און דער שרעק און די צעטומלטקייט פאַר־שווינדט באַלד.

פּרץ גייט צו גלייך צום ענין אָן הקדמות:

— לידער, דערציילונגען? קומט אַרויס מיט זיי.

און ער נעמט זיך בלעטערן דעם מאַנוסקריפּט.

אַמאָל איז ער פאַטערלעך, לערעריש, און אַמאָל צו־שאַרף מיט אַזעלכע באַזוכער.

ווי יעדער באַזונדער שרייבער, מיט אַ פעסט־איינגעשטעלטער רע־פּוטאַציע, האָט ער ליב צו אַנטדעקן נייע, יונגע טאַלאַנטן און זיין זייער פּאַטראָן, זייער שיצער און בעל־עצה.

נישט אַלעמאָל האָבן זיך פּרצעס „אַנטדעקונגען״ אַרויסגעשטעלט פאַר ריכטיקע און אמתע ליטעראַרישע אַנטדעקונגען; צום גרעסטן טייל זענען דאָס געווען פשוטע טעותן.

אָבער ווען ער איז געווען זיכער, אַז די אַנטדעקונג איז אַ ריכטיקע, איז דער אַנטדעקטער טאַלאַנט געוואָרן זיין ליבלינג, זיין שטוביקער מענטש; ער האָט זיך געזאָרגט וועגן זיין מאַטעריעלער לאַגע, וועגן זיין קליידונג און וועגן זיין פאַמיליע אַפילו.

האָט ער אָבער איינגעזען, אַז ער האָט געמאַכט אַ טעות, איז ער געווען ממש גרויזאַם; ער איז פּלוצלונג אָפּגעפרעמדט געוואָרן פון זיין נעכטיקן ליבלינג און יענער איז פאַרשוואונדן פון פּרצעס הויז.

פּרץ איז געווען אַ שטימונגס־מענטש, און שטימונגס־מענטשן קענען זיין אי שטאַרק סענטימענטאַל און אי שטאַרק גרויזאַם.

שפּעטער אַביסל הויבן זיך אָן צו באַווייזן די שטענדיקע איינגייער אין פּרצעס הויז.

עס קומט אַריין שטיל, ווי ער וואָלט געגאַנגען אין זאָקן, י. דינע־זאָן, אָדער יאַנקל, ווי פּרץ פלעגט אים רופן.

י. דינעזאָן איז קליין און איינגעשרומפּן, זיין געזיכט איז עפּעס פאַטאַלאָגיש קליין, צו־קליין אַפילו פאַר זיין קליין און איינגעשרומפּן קערפּער.

דינעזאָן קען נישט שמייכלען, פון לאַכן איז אָפּגערעדט. אַ מענטש, וואָס פאַרמאָגט נישט קיין פּיצל הומאָר, אָבער זיינע קליינע, אויסגעלאָ־שענע אויגן שמייכלען ווען ער זעט פּרצן, ווען ער רעדט וועגן פּרצן און ווען ער לייענט פּרצן.

ער קומט פון זיין אַלט־בחוריש שטיבעלע, וואָס זיין שוועסטער, די באַלעבאָסטע פון הויז, האָט אויסגעטיילט פאַר אים.

עס איז אַ קליין חדרל מיט אַ באַזונדערן אַריינגאַנג. איר עפנט די טיר און איר זעענט איך אַן אָנגעפּאַקט חדרל. אין ווינקל, ביי דעם איינ־ציקן פענצטער, זיצט דינעזאָן ביי אַן אומגעלומפּערט־גרויסן שרייבטיש. ביי דעם גרויסן שרייבטיש זעט ער אויס נאָך קלענער און נאָך איינגע־שרומפּענער.

דאָ אין צימערל איז דאָ דינעזאָן מיט זיין גאַנצן האָב־און־גוטס.

דאָ האָט ער זיינע ביכער, זיין גאַרדעראָבע און זיין קיך אַפילו. דאָ עסט ער, דאָ שלאָפט ער, דאָ אַרבעט ער און דאָ נעמט ער אויף מענטשן.

עס איז ענג, ס׳איז שטיקנדיק און אומהיימלעך אין דעם דאָזיקן חדרל, אָדער קברל.

אָבער מיר האָבן זיך צוגעוווינט צו דער אומהיימלעכער מיניאַטור־רישקייט פון דעם צימערל און צו זיין איינוווינער. דינעזאָן און זיין צי־מערל זענען געוואָרן איינס. מיר האָבן זיך גאָר נישט געקענט פאָרשטעלן דעם קליינינקן דינעזאָן נישט אין זיין קליין צימערל.

אין פאַרגלייך מיט דינעזאָנס צימערל איז די אָרעמע דירה פּרצעס געווען אַ וואַלדיק שטיק רחבות.

מען איז געוווינט צו שילדערן דינעזאָנען ווי אַ גוטינקן און לי־בינקן אַלטיטשקן; דאָס איז אָבער בפירוש אַ טעות. דינעזאָן האָט גע־האַט איין גרויסע ליבע, און דאָס איז געווען פּרץ. די גאַנצע ליבע האָט ער אָפּגעגעבן פּרצן און פאַר אַנדערע איז גאָרנישט געבליבן.

אַמאָל פלעגט זיך אַ באַדערפטיקן שרייבער איינגעבן צו לייען ביי דינעזאָנען עטלעכע רובל; אָבער דאָס איז נישט אָנגעקומען לייכט. די־נעזאָן פלעגט כסדר אַראָפּדינגען אַ העלפט פון דער פאַרלאַנגטער סומע. די פאַרלאַנגטע סומע פלעגט איינגעשרומפּן ווערן אַזוי, אַז זי האָט כמעט קיין ווערט נישט געהאַט און דער שרייבער איז פון איר נישט געהאָלפן געוואָרן.

דער אמת איז, אַז דינעזאָן איז געווען אַן אָרעמער מענטש. זיינע פאַרדינסטן פון קליינע אַנאָנסלעך זענען געווען קליינע. אָבער ווי די מייסטע אַלטע בחורים איז ער געווען קאַרג און זיין הוצאה איז געווען אַזוי קליין, אַז ווי ווייניק ער האָט פאַרדינט, איז עס געווען כולו ריווח.

פּרץ איז געווען אין דינעזאָנס אויגן אַ פּרינץ, וואָס וואַרפט זיך מיט גאָלדענע רענדלעך אויף רעכטס און אויף לינקס. פּרץ איז געווען אַ מוראדיקער אויסברענגער, לויט דינעזאָנס השגות.

און פּרץ איז נישט געווען קיין אויסברענגער; ער האָט עס פשוט נישט געקענט זיין, ווייל זיינע מיטלען זענען געווען שטאַרק באַגרענעצטע. אָבער פּרץ האָט געקענט די קונסט צו זיין ברייט און מאַכן דעם

איינדרוק פון אַן אויסבּרענגער מיט די איבעריקע גראָשנס, וואָס זענען אים געבליבן פון זיין פאַרדינסט.

און דער עיקר, דינעזאָן האָט עס פאַרגונען פּרצן מיטן גאַנצן האַרצן און האָט עס אים פאַרגעבן. זיך אַליין און אַנדערע וואָלט ער עס נישט פאַרגעבן, אָבער פּרצן יאָ; ער האָט כסדר געזוכט צו פאַרגרע־סערן פּרצעס הכנסה; ער האָט געפירט פּרצעס ליטעראַרישע געשעפטן מיט נאָך מער אויסגערעכנטקייט און סוחרישער האַרטקייט ווי זיינע אייגענע.

פּרצעס פאַרלעגער האָבן געוווּסט, אַז ביי דינעזאָנען קען מען פּרצעס אַ פּרוטה נישט אַראָפּדינגען. י. דינעזאָן האָט געהאַט „קניפּלעך״ פון פּרצעס האָנאָראַרן. בלויז פּרצעס פרוי האָט געוווּסט פון זיי; פּרץ אַליין האָט געהאַט בלויז אַ נעפּלדיקע אַנונג וועגן זיי.

פּרץ פלעגט זיך אָפט אַראָפּלאָזן צו דינעזאָנען נאָך אַ הלוואה:

— יאַנקל, באָרג מיר אויס פופציק רובל.

— פופציק רובל?! — פרעגט זיך דינעזאָן דערשראָקן. — פופציק רובל! דאָס קען מען קריגן ביי שערעשעווסקין (אַ באַנקיר); ער האָט אפשר, אָבער ווי קום איך צו האָבן פופציק רובל?

— יאַנקל, מאַך עס בקיצור: וויפל ווילסטו, אָדער וויפל קענסטו מיר לייען?

— איך ווייס? צען רובל, פופצן רובל, נו, צוואַנציק רובל.

און דינעזאָן האָט עס אַראָפּגעדונגען פאַר פינף און צוואַנציק.

איך האָב איינמאָל בייגעוווינט אַזאַ טראַנזאַקציע.

ווען איך האָב אין אַ פּאָר טעג אַרום געזען דינעזאָנען אַליין, האָט ער מיר מיט גרויס הנאה געזאָגט: „געראַטעוועט פּרצעס אַ פינף און צוואַנציקער, ממש געראַטעוועט. עס איז זיין געלט, אָבער ער ווייסט נישט דערפון; ער מיינט, אַז איך בין עס אַזאַ עושר און וואַרף זיך מיט פינף און צוואַנציקערס. אָבער זאָגט עס אים נישט, למען השם, איך דאַרף דאָס ביסל געלט פאַר זיין רייזע קיין אויסלאַנד, זומער. איך גיב עס אים נישט, איך גיב עס דער מאַדאַם פּרץ״.

י. דינעזאָן, נאָכדעם ווי ער האָט געהאַט אַ בסוד־סודותדיקן פּי־נאַנציעלן שמועס מיט מאַדאַם פּרץ, (זיי האָבן ביידע אויסגעזען ווי גע־

פערלעכע פאַרשווערער) פלעגט ער זיך אַוועקזעצן שטאָפּן פּאַפּיראָסן פאַר פּרצן.

עס פלעגן אַריינקומען אַנדערע פריינט און פאַרערער פּרצעס; עס פלעגן זיך פאַרוועבן לעבעדיקע שמועסן וועגן ליטעראַטור, מאַלעריי, פּאָליטיק, יידישע און אַלגעמיינע, מייסטנס פוילישע. י. דינעזאָן האָט אין זיי קיין שום אָנטייל נישט גענומען: ער איז געזעסן און גע־שטאָפּט מעטאָדיש פּאַפּיראָסן. עס האָט זיך ביי אים אַנטוויקלט אַ גאַר גוטע טעכניק פון פּאַפּיראָסן־שטאָפּעריי, און ער איז געווען שטאָלץ אויף זיינע אויפטואונגען אויף דעם דאָזיקן געביט.

פּרץ פלעגט אָפט פּרובירן אַריינציִען אויך דינעזאָנען אין די דאָזיקע שמועסן, אָבער אָן דערפאָלג.

פּרצן איז געווען שטאַרק נישט אָנגענעם דינעזאָנס אַבסאָלוטע פּאַ־סיוויקייט אין פראַגן פון ליטעראַטור און קונסט בכלל; אָבער ער האָט גאָרנישט געקענט טון. דינעזאָן האָט געהערט צו אַן אַנדער שרייבערי־שער עפּאָכע אין דער יידישער ליטעראַטור. אַגב, איז ער געווען סתם אָפּגעשטאַנען אין טעאָרעטישע פראַגן און פּראָבלעמען פון ליטעראַטור און קונסט בכלל.

פּרץ האָט אַ סך מאָל פּרובירט אָפּצוגעווינען דינעזאָנען פון דער פייערלעכער פּאַפּיראָסן־שטאָפּעריי, אָבער דינעזאָן האָט זיך געפילט ממש באַליידיקט; ער האָט געהאַט אַ טאָפּלטע הנאה פון דעם: ראשית איז אים די מלאכה גופא געווען שטאַרק צום האַרצן, דאָס איז געווען דאָס איינ־ציק שטיקל פיזישע אַרבעט, וואָס ער האָט געטון; און צווייטנס, האָט ער עס געטון פאַר זיין בן־יחידל, פאַר זיין געראָטענעם און ליכטיקן בן־יחידל, פאַר פּרצן.

II

די פריינטשאַפט צווישן פּרצן און דינעזאָנען איז נישט געווען קיין געזונטע, ווייל עס איז געווען אַ פריינטשאַפט צווישן צוויי ווייט נישט־גלייכע מענטשן. די פריינטשאַפט האָט מיט דער צייט טאַקע דעגענערירט אין משרתעריי מצד דינעזאָנען, אין אַ פּאַטעטישער, אָבער אַ נישט־נאַ־טירלעכער געטרייקייט און איבערגעגעבנקייט פון איין צד, פון דינע־

זאָגס צד. פּרץ איז געווען פּאַסיוו אין דער דאָזיקער פריינטשאַפט, אַנ־דערש האָט עס נישט געקענט זיין.

פּרץ האָט אָפּגעשאַצט דינעזאָנס פריינטשאַפט, אָבער אין דערזעל־בער צייט איז זי אים געווען אַביסל פריקרע מיט איר איינזייטיקייט. ער האָט געפילט, אַז ער איז אַ גרויסער בעל־חוב דינעזאָנען און קען דעם חוב נישט צאָלן; יעדנפאַלס קען ער דעם חוב נישט צאָלן מיט די זעל־ביקע מטבעות. ער האָט פשוט נישט געקענט ענטפערן מיט אַזאַ פרומער, כשרער און אַבסאָלוט נישט־עגאָיסטישער פריינטשאַפט.

דאָס אומאַנגענעמסטע פאַר פּרצן איז געווען דאָס, וואָס דינעזאָן האָט פאַר קיין פאַל נישט דערלאָזט, אַז פּרץ זאָל אים מיט עפּעס אָפּדי־נען, אָדער מהנה זיין.

דינעזאָן האָט פשוט געדינט פּרצן, און פאַרשטייט זיך, אויך אים פאַרגעטערט. די פאַרגעטערונג איז אייגנטלעך געווען די אורזאַך פון זיין דינען פּרצן.

יאָ, די פריינטשאַפט איז נישט געווען קיין געזונטע.

און וועגן מאַכן אַ סוף צו איר האָט גאָר קיין רייד נישט געקענט זיין; דאָס וואָלט געווען די גרעסטע קאַטאַסטראָפע פאַר דינעזאָנען. פּרץ איז געוואָרן דער זין און דער גאַנצער אינהאַלט פון זיין לעבן.

פּרץ האָט זיך קיינמאָל נישט דערלויבט דעם מינדסטן שפּאַס אויף דינעזאָנס חשבון, און פּרץ האָט דווקא ליב געהאַט צו מאַכן שפּאַס אי־בער אַזעלכע ווי דינעזאָן.

און קיינער פון פּרצעס פריינט האָט נישט געוואַגט אין פּרצעס קעגנוואַרט זיך אַ וויצל טון איבער דינעזאָנען.

דאָס איז געווען טאַבו אין פּרצעס הויז.

אַט ריכטיק ווי אין אַ גאָר גערעכטן הויז וואָלט זיך אויסגעהאָדעוועט אַ קינד נישט קיין שטאַרק געראָטנס, שווייגט מען, און אין דעם שווייגן פילט זיך אַ טיפער צער. פּרץ, ווי געזאָגט, איז געווען פּאַסיוו אין דער פריינטשאַפט; אָבער ער האָט די דאָזיקע פּאַסיווקייט גוט מאַסקירט.

פאַר דינעזאָנען איז די פריינטשאַפט מיט פּרצן געווען ממש אַ באַ־שערונג; זי האָט אין זיין עלנטן און גרויען אַלט־בחורישן לעבן אַריינ־געבראַכט אַ זין, פרייד און אינטערעס.

די דאָזיקע כמעט אומפאַרשטענדלעכע ליבע צווישן עקסטרעם פאַר־שידענע מענטשן איז געוואָרן מיט דער צייט נישט נאָר פאַרשטענדלעך, נאָר נאַטירלעך; אָט ווי עס ווערט נאַטירלעך יעדער פאַקט, מיט וועלכן מען לעבט זיך איין.

דינעזאָן פלעגט אַ חוץ שטאָפּן פּאַפּיראָסן פאַר פּרצן אויך שרייבן בריוו פאַר פּרצן. ער פלעגט עס טון מיט אַ גאָר גרויסער הנאה; דינע־זאָן איז געווען ממש אַ ליידנשאַפטלעכער בריוו־שרייבער. ער פלעגט שרייבן לאַנגע, סענטימענטאַלע בריוו צו די לייענערינס זיינע, אָבער די לייענערינס זענען אויסגעשטאָרבן; קיין נייע לייענערינס האָט ער נישט געהאַט, ווייל ער האָט כמעט אינגאַנצן אויפגעהערט צו שרייבן.

דינעזאָן האָט זיך ממש אָנגעכאַפּט אָן דער געלעגנהייט צו שרייבן בריוו פאַר פּרצן.

אָבער דער ייִדישער ליטעראַטור האָט ער קיין גרויסע טובה נישט געטון; די ייִדישע ליטעראַטור האָט אָנשטאָט פּרצעס בריוו באַקומען בירושה דינעזאָנס בריוו.

יאָ, דינעזאָנס איבערגעגעבנקייט האָט פיל מאָל פאַרפירט פּרצן אין אַ בלאָטע.

איין „בערישע" טובה דינעזאָנס וויל איך דערמאָנען.

עפּעס מיטאַמאָל האָט דינעזאָן אָנגעהויבן טענהן צו פּרצעס פריינט, אַז פּרץ מוז זיך אַרויסקלייבן פון צעגליאַנע 1. ער מוז האָבן אַ בעסערע, אַ לופטיקערע דירה. פּרץ ווערט אַלט, פּרץ איז קראַנק. ער מוז פאָרן תיכף קיין אויסלאַנד צוליב זיין שוואַכן געזונט און אויך צוליב גייסטי־קער אָפּפרישונג.

אַלע האָבן מסכים געווען מיט דינעזאָנען טעאָרעטיש; פּראַקטיש האָט קיינער נישט געזען קיין וועג ווי עס צו רעאַליזירן.

פּלוצלונג פאַרשפּרייט זיך די ידיעה צווישן פּרצעס פריינט, אַז פּרץ האָט גענומען אַ גרויסע, שיינע דירה אויף איינער פון די שענסטע גאַסן אין וואַרשע, און באַלד נאָך דעם קומט אַ גרעסערע סענסאַציע: פּרץ איז געוואָרן אַ מיטאַרבעטער פון „היינט".

קיינער האָט עס פון אָנהויב נישט געגלויבט — פּרץ אין „היינט" — נישט מעגלעך!

אָבער באַלד קומט אַרויס דער „היינט״ מיט אַ שרייענדיקן אַנאָנס: פּרץ ווערט אַ מיטאַרבעטער אין גרעלן „היינט״.

און פּרץ איז יאָרן און יאָרן געווען אַן אָפענער קעגנער פון „היינט״.

יאצקאָן, דער רעדאַקטאָר פון „היינט״, האָט שוין דאַן געהאַט אַריינ־גענומען אַ היפּש ביסל באַרימטע שרייבער אין זיין צייטונג אַריין. זיין אידעאַל איז געווען אַריינצובאַקומען פּרצן, אָבער דאָס איז געווען שווער, זייער שווער צו דערגרייכן.

און מיטאַמאָל — פּרץ אין „היינט״!

מיר האָבן אַלע געוווּסט, אַז יאצקאָן דאַרף פאַר זיינע לייענער נישט האָבן פּרצן, און ער איז דאָ אויסן איינס פון די ביידע: אָדער באַקומען נאָך אַ מזוזה, אָדער פסלען פּרצן. אַרויסגעשטעלט האָט זיך, אַז ער איז אויסן געווען דאָס לעצטע.

פּרץ האָט זיך באַוואָרנט: זיינע פעליעטאָנען זענען געגאַנגען אונטער דעם קעפּל „פון מיין ווינקעלע״, ד״ה, ער האָט זיך זיין באַזונדער ווינ־קעלע אין „היינט״. אָבער יאצקאָן האָט געלאַכט פון אַזעלכע באַוואָרענישן, ער האָט זיך פאַרמאָסטן צוצופּאַסן פּרצן צום „היינט״: ער האָט אָנגעהויבן דורך דינעזאָנען פאָדערן פון פּרצן פּאָפּולערע אַרטיקלען, און ער פלעגט אַ היפּש ביסל אַרטיקלען אויסבראַקירן און זיי נישט דרוקן.

און אין יידישן טעאַטער, אויף אַ „ליטעראַרישער״ פּרעמיערע, האָט מיך יאצקאָן אָפּגעשטעלט און מיט אַ טריומפירנדיק געלעכטערל געזאָגט:

— איך האָב שוין אַ גאַנצן שופלאָד מיט נישט־געדרוקטע פּרצעס פעליעטאָנען...

נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה איז יאצקאָן געווען אין אונדזער אַמעריקע, האָט ער געוואָלט פאַרקויפן אַ פּעקל פאַרבראַקירטע אַרטיק־לען פּרצעס, אָבער פון דעם איז גאָרנישט געוואָרן.

די גאַנצע זאַך האָט פאַרטראַכט און דורכגעפירט דינעזאָן. זיין מיט־פאַרשווערערין איז געווען מאַדאַם פּרץ.

די מעשה האָט געטראָפן ממש ווי אַ דונער אַלע פּרצעס פריינט און פאַרערער. אָבער פּרץ איז געווען אַ מוטיקער מענטש; האָט ער געטון עפּעס, האָט ער געקוקט אַלעמען גלייך אין די אויגן.

אַז ער האָט זיך נישט געפילט גוט, וועגן דעם קען גאָר קיין ספק נישט זיין.

עטלעכע פון זיינע נאָענטע פריינט האָבן אים נישט געקענט קוקן אין די אויגן לאַנגע וואָכן און חדשים.

צעגליאַנע 1 איז געווען אַ מין ליטעראַרישע רעליקוויע, אַ ליטעראַטור־היסטאָרישער מקום־קדוש. פון צעגליאַנע 1 איז געקומען אַ נייע עפּאָכע אין דער יידישער ליטעראַטור.

יידישע שרייבער אין אַלע עקן וועלט האָבן געוווסט פון צעגליאַנע 1. אָבער יערוזאַלימסקע אַלייע 10 איז אַ פּרעמדע גאַס, און די דירה נאָך אַ פּרעמדערע, אַ פּנימלאָזע דירה פאַר אַ רייכן מיטל־קלאַס מענטשן.

צעגליאַנע 1 איז געווען אָרעם, אָבער וואַרעם; קליין, אָבער איינגעבאַקן אין האַרצן ביי טויזנטער און טויזנטער מענטשן.

צעגליאנע 1 איז געבליבן אין דער געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור; יערוזאלימסקע 10 איז קיינמאָל נישט אַריין אין דער יידישער ליטעראַטור...

יאָ, דינעזאָן האָט געטון אַ היפּש ביסל בעריישע טובות פּרצן, אָבער דינעזאָן איז אַריינגענומען געוואָרן אין פּרצעס פאַמיליע, און פון אַן אייגענעם מוז מען נעמען אי דאָס גוטע און אי דאָס שלעכטע.

דינעזאָן איז אַריינגעגלידערט געוואָרן אין פּרצעס קליינער פאַמיליע.

און פּרצעס פאַמיליע האָט זיך נישט אויסגעצייכנט מיט באַזונדערן גלאַנץ. פּרצעס קליינע פאַמיליע איז באַשטאַנען פון גרויע און אומגליקלעכע מענטשן.

פּרצעס פרוי איז געבליבן אַ פּראָווינציעלע דאמע, אַ האַלבע אינטעליגענטקע. זי האָט גערעדט פויליש, און דאָס איז געווען איר גאַנצער שטאָלץ.

פּרץ האָט איר איינציק שטיקל שטאָלץ נישט אָנגערירט, ווייל ער האָט געוווסט, אַז אויסער דעם האָט זי נישט מיט וואָס צו שטאָלצירן. אַריינציִען זי אין זיין לעבן האָט ער נישט געקענט. אַפּנים, אַז ער האָט עס פּרובירט, און אַפּנים, אַז זי האָט זיך אָנגעשטרענגט נאָכצוגיין אים; אָבערביידע האָבן נישט געהאַט קיין דערפאָלג.

פּרצעס זון, לוציאַן, איז געווען אַ טראַגישע פיגור: אַ פינצטערער,

אַ זייטיקער. ער האָט זיך כּסדר אַרומגעטראָגן מיט טשיקאַווע אידעען. ער איז געווען געבילדעט, זיך אינטערעסירט מיט ליטעראַטור אַפילו, אָבער כּסדר עפּעס „לשיטתו״.

ווען איך האָב זיך מיט אים באַקענט, איז ער געווען דער ערשטער צווישן דער ייִדישער אינטעליגענץ, וואָס האָט זיך פאַראינטערעסירט מיט בערנאַרד שאָו, דער עיקרשט מיט זיין בוך „מען ענד סופּערמען״, אָבער ער האָט עס נישט געלייענט ווי מען לייענט אַ בוך; עס איז געווען דאָס בוך, אַ מין ליטעראַרישע ביבל, אַ גרויסע ליטעראַרישע אַנטפּלעקונג.

דעם „אַלטן״, פּרצן, האָט לוציאַן נישט ליב געהאַט, און קיינער האָט נישט געוווּסט פאַרוואָס. איך בין אין ספק צי ער אַליין האָט עס געוווּסט. היינט וואָלט מען זיכער אַנטדעקט אַ קאָמפּלעקס. זיין שנאה צום פאָטער, צו פּרצן, איז געווען אַ פינצטערע און אַ נאַגנדיקע.

ער האָט פון פּרצן נישט געהאַלטן ווי אַ שרייבער, ער האָט אים פּשוט מבטל געווען מיט ביטערקייט. און איך בין מסופּק, צי ער האָט אַמאָל געלייענט פּרצן. ייִדיש האָט ער נישט גערעדט, ער האָט גוט פאַר־שטאַנען ייִדיש, און אַמאָל האָט ער אַפילו גערעדט ייִדיש, אָבער דאָ איז אויך געווען עפּעס אַ פאַרביסענער צו־להכעיס דעם „אַלטן״.

עפּעס איז פאָרגעקומען צווישן דעם פאָטער און זון — אין די יונגע יאָרן, צי שוין אין זיינע רייפע יאָרן — איז שווער צו זאָגן.

ווען איך האָב זיך מיט אים באַקענט, האָט ער נישט געלעבט ביי פּרצן; עס איז געווען נישט לאַנג נאָך זיין חתונה, מיט אַ זייער שיין און קלוג מיידל, און פון גרויסן ייִדישן יחוס דערצו.

פּרץ איז געווען גליקלעך. ער האָט געהאָפט, אַז די קלוגע שנור זיינע וועט ברענגען לוציאַנען צו אים, אָבער ארויסגעשטעלט האָט זיך, צו זיין ביטערער אַנטוישונג, אַז די שנאה צווישן לוציאַנען און אים איז געוואָרן נאָך שטאַרקער; דאָס יונגע ווייבל איז דווקא געווען זייער שטאָלץ מיט איר קלוגן, טאַלאַנטפולן און יונגן שווער. זי האָט זיך שטאַרק באַ־פריינדעט מיט איר שווער. פלעגט אָפט באַזוכן דעם שווער און פלעגט אַוועק אַ באַצויבערטע.

איז לוציאַן געוואָרן אייפערזיכטיק, פּשוט אייפערזיכטיק צו דעם פאָטער זיינעם, און די טראַגעדיע איז געוואָרן טיפער און ווייטאָגדיקער.

פּרץ האָט ליב געהאַט זיין איינציק קינד, לוציאַנען; ער האָט אַפּנים געוווסט, אַז זיין זון איז גייסטיק נישט-באַלאַנסירט. ער האָט עס קיינמאָל פון זיין מויל נישט אַרויסגעבראַכט, אָבער מען האָט עס געזען פון זיין רעזיגנאַציע, ווען מען האָט גערעדט וועגן לוציאַנען.

ווען לוציאַן איז געוואָרן אַ פֿאָטער פון אַ שיין קינד, און פּרץ — אַ זיידע, איז ביי פּרצן ווידער אויפגעוועקט געוואָרן די אַלטע האָפענונג, אַז לוציאַן וועט גייסטיק קומען צו זיך.

דאָס אייניקל פּרצעס האָט זיך שפּעטער שטאַרק צוגעבונדן צום זיידן, צו פּרצן, און לוציאַן איז נאָך בייסיקער און פאַרביסענער געוואָרן — דער „אַלטער" נעמט צו ביי אים אויך זיין קינד.

יאָ, פון אַלע פּרצעס האָפענונגען האָט זיך אויסגעלאָזט אַ טייך. לוציאַן האָט זיך געגט מיט זיין פרוי, זיין געגטע פרוי האָט צוגענומען דאָס קינד, לוציאַן איז געבליבן אַליין און ער איז געקומען צוריק צום „אַלטן", אָבער ער איז געקומען צוריק נאָך פינצטערער און נאָך בייסיקער.

אַ שווערע כמאַרע האָט זיך פאַרקליבן אין פּרצעס ליכטיקן הויז.

לוציאַן איז געווען די אייביקע כמאַרע.

ער האָט מיט קיינעם נישט גערעדט, נישט מיט פּרצן, נישט מיט פּרצעס פריינט. ער פלעגט זיצן פאַרשפּאַרט אין זיין באַזונדערן צימער אַליין מיט זיין בערנאַרד שאָו.

לוציאַן איז געווען פּרצעס גרויסע טראַגעדיע.

אָבער פּרץ האָט פאַרמאָגט געבוג כאַראַקטער און טאַקט צו קענען אָפּטיילן זיין פּריוואַט לעבן, זיין פּערזענלעך לעבן פון זיין ליטעראַרישן לעבן.

שטיל און באַהאַלטן האָט ער געטראָגן זיין גרויסן צער.

ער האָט מיט קיינעם נישט גערעדט וועגן דעם, ער האָט זיך פאַר קיינעם נישט געקלאָגט, עס איז געווען זיין צער.

ער פלעגט אָבער האָבן אומגליקלעכע טעג און וואָכן אַפילו; ער פלעגט אַרומגיין אַ שוויַיגנדיקער, די אונטערשטע מעכטיקע ליפּ זיינע פלעגט אַראָפּהענגען, די זעקלעך אונטער די אויגן זענען געוואָרן גרעסער און טונקעלער.

עס איז געווען בלויז איין באַשעפעניש אויף גאָטס וועלט, וואָס

פלעגט קענען פֿאַרטרייבן פֿון אים די דאָזיקע מרה־שחורה, און דאָס איז געווען דאָס אייניקל, יאַנעק.

די דאָזיקע קליינע באַשעפֿעניש פלעגט קומען און אַרויפֿזעצן זיך רייטנדיק אויפֿן זיידן, און דער צעפּייניקטער זיידע פלעגט לאַכן, ווי זיין אייניקל, הילכיק און זאָרגלאָז.

די שווערע דראַמע האָט דערגרייכט צו איר קלימאַקס נאָך פּרצעס טויט; לוציאַן איז געשטאָרבן אינגאַנצן אַ געררירטער פֿון זינען, און דאָס ליכטיקע אייניקל האָט זיך געשמדט...

אַ זייער קליינע משפּחה האָט פּרץ געהאַט, אָבער דער צער זיינער פֿון דער דאָזיקער קליינער משפּחה איז געווען אַזוי גרויס, אַזוי גרויס...

ווער ווייסט, אפֿשר איז דער פּלוצלונגער טויט פּרצעס געקומען פֿון דעם לאַנגן, פֿאַרשטיקטן צער.

***

צייטנוויליז פלעגט פּרצן אַרומכאַפּן אַ שווערע און דריקנדיקע אַפּאַטיע. זי פלעגט אָפֿט דויערן וואָכן און אַמאָל חדשים.

סיבות זענען געווען אַ סך: ראשית, ווי געזאָגט, דער צער פֿון דער פֿאַמיליע, אָדער ריכטיקער — פֿון זיין איינציקן זון, עגמת־נפש אין דער גמינע. די אַרבעט אין דער גמינע פֿלעגט אים פּלוצלונג ווערן שווער, שרעקלעך, שרעקלעך שווער. אָפֿט פֿלעגט עס קומען פֿון אומצופֿרידנקייט מיט זיך אַליין, דאָס הייסט, מיט די נישט־איינגעגעבענע שאַפֿונגען. ער פֿלעגט זיך לאַנג, לאַנג ראַנגלען מיט אַזעלכע נישט־איינגעגעבענע שאַפֿונגען, ער פלעגט זיצן נעכט איבער זיי, שרייבן און איבערשרייבן. און אַמאָל פלעגט די אַפּאַטיע קומען פֿון די סיסטעמאַטישע, זלידנע און נישט־פֿאַרדינטע אַטאַקעס מצד זיין איין־איינציקן שונא, דוד פֿרישמאַן.

דוד פֿרישמאַן, דער מעפּיסטאָ פֿון דער העברעיִשער קריטיק, האָט געגלויבט באמונה שלימה, אַז ער איז באַרופֿן, אי לויט זיין בילדונג און אי לויט זיין טאַלאַנט, צו זיין דער ליטעראַרישער פּוסק אין וואַרשע. נאָך מער — ער האָט געגלויבט באמונה שלימה, אַז ער איז דער ליטעראַרישער מרא־דאתרא, און פּרץ איז דאָ פּשוט אַ מסיג־גבול, איינער וואָס רייסט זיך אַריין אין זיין רשות־היחיד.

אומבאַוווּסטזיניק איז דאָ פאַרגעקומען אַ קאַמף צווישן די העב־רעיִסטן און די ייִדישיסטן; דוד פרישמאַן האָט עס בשום אופן נישט גע־וואָלט צוגעבן; ער האָט דאָך געשריבן אין ייִדיש אַזוי פיל ווי אין העברעיִש.

אָבער ווי די צוויי לאַגערן, דער פּרץ־לאַגער און דער פרישמאַן־לאַגער, זענען געווען פאַרטיילט, האָט איר געזען פּאָר זיך אַ ייִדישן לאַ־גער און אַ העברעיִסטישן. כמעט אַלע העברעער זענען געווען מיט פריש־מאַנען און אַלע ייִדישע שרייבער זענען געווען מיט פּרצן.

דוד פרישמאַן האָט נישט פאַרמאָגט קיין איין פירערישע אייגנשאַפט. ער איז געווען ביטער, אָפט זויער. ער האָט גערעדט מיט ביטול וועגן אַלע שרייבער. ער איז געווען בטבע אַ „מרוק". עס איז בכלל נישט גע־ווען עפּעס צוציִענדיקס אין זיין פערזענלעכקייט. ער האָט נישט געוווּסט פון פריינטשאַפט; נישט ער האָט געקענט ווערן אַן איבערגעגעבענער פריינט און נישט האָט ער געקענט זיך מאַכן איבערגעגעבענע פריינט. ער האָט נישט געקענט שמייכלען און צעלאַכן זיך האַרציק ווי פּרץ. איר האָט אים געקענט דערציילן דעם שאַרפסטן וויץ, אָדער אַנעקדאָט — ער האָט נישט געהאַט קיין שמייכל, געשמייכלט האָט ער בלויז פון אַ וויץ וואָס ער האָט אַליין דערציילט.

פּרץ האָט נישט גערעדט וועגן פרישמאַנען, נישט קיין גוטס און נישט קיין שלעכטס. די שנאה איז געווען אַן אַלטע, אַ כראָנישע, און אַלץ איז שוין געזאָגט געוואָרן...

ביי פרישמאַנען אָבער איז עס געווען אַן אייביקע טעמע.

פּרץ איז געווען אויך אַ בריה צו מאַכן זיך שונאים. ער איז געווען צו־שאַרף, צו־בייסיק און צו־אָפן. איז אים אָבער איינער געווען צום האַרצן, האָט ער געקענט זיין דער שענסטער פריינט.

פּרץ האָט שווער איבערגעלעבט אַנטוישונגען.

די קלענסטע אַנטוישונג האָט אים געקאָסט געזונט און פלעגט הרגע־נען זיין שטימונג אויף טעג און אויף וואָכן.

ער איז געווען אַ היפּש ביסל צעפּיעשטשעט, און צעפּיעשטשעטע מענטשן טראָגן שווער אַריבער אַנטוישונגען.

ער האָט געוווּסט, אַז ער איז אַ זייער גערעטענער מענטש.

און ער האָט פאַרמאָגט אַ זייער קליינע דאָזע פון זעלבסט־קריטיק.

ער איז געווען אַ היפּש ביסל פאַרגלויבט אין זיך, ווי עס איז די טבע פון דערפאָלגרייכע און גראָטענע מענטשן.

זיינע ליטעראַרישע ראַנגלענישן מיט זיך אַליין זענען אויך געווען אַ פּועל־יוצא פון זיין איינגעגלויבטקייט אין זיך אַליין.

ער איז געווען אָפּט צו־קאַפּריז.

ער איז געווען צו־אויטאָריטעטיש, צו־זיכער, און האָט קיין ספקות נישט צוגעלאָזט צו זיך.

אָבער אַמאָל איז ער געווען עפּעס קינדיש אומבאַהאָלפן און קינ־דיש אַנטוישט.

דעמאָלט איז ער געווען רירנד ווי איטלעכס אַנטוישט קינד, ווען עפּעס גיט זיך אים נישט איין, ווען ער באַקומט נישט דאָס וואָס ער וויל אַזוי שטאַרק...

אַ וויטאָגדיק אָרט אין זיין וווּנדערלעכער קאַריערע איז געווען די דראַמע זיינע. ער האָט זיינע דראַמעס געטון און איבערגעשריבן און אי־בערגעמאַכט אַפילו נאָך דעם ווי זיי זענען שוין געווען געדרוקט.

ער האָט קיינמאָל נישט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס קען מען זיי נישט אויפפירן און פאַרוואָס קוואַפּעט זיך נישט קיינער אויף זיי.

מיר פלעגן אָפּט שמועסן וועגן זיינע דראַמעס; ער פלעגט רעדן ממש ווי אַ באַליידיקט קינד און ווי אַ דראַמאַטישער גאון, וואָס מען וויל נישט אַנערקענען.

ער פלעגט מיט דער גרעסטער אויפמערקזאַמקייט זיך צוהערן צו קאָנקרעטע אָנווייזונגען; ער פלעגט דערנאָך ויצן נעכט און איבעראַר־בעטן די באַטרעפנדיקע שטעלן.

אָבער עס פלעגט אַרויס דאָס זעלביקע. ער פלעגט נישט קענען ענ־דערן דאָס, וואָס איז אַרויס ביי אים ספּאָנטאַן אויפן פּאַפּיר. די ענדע־רונגען פלעגן זיין נישט־וועזנטלעכע. ער פלעגט עס אַליין איינזען און פלעגט עס מיט פאַרצווייפלונג אָפּלאָזן.

ער האָט זיך נישט געקענט צופּאַסן צו די אָנגענומענע דראַמאַטישע פאָרמען; ער האָט זיי עפּעס נישט געקענט באַהערשן.

די איינציקע דראַמע, וואָס האָט זיך פולשטענדיק אים איינגעגעבן,

איז „די גאָלדענע קייט". װען איך האָב אים אַמאָל אָנגעװיזן אויף דעם און געזאָגט, אַז אייגנטלעך באַהערשט ער די אָנגענומענע פאָרם פון דער דראַמע, פון דער פול־רעדנדיקער און נישט האַלב־פּאַנטאָמימישער דראַ־מע, האָט ער געטענהט, אַז די דראַמע נויטיקט זיך אין אַ באַנייאונג פון איר פאָרם.

אויף מײַן אָנצוהערעניש, אַז זײַנע דראַמעס זענען האַלב־פּאַנטאָמי־מישע, האָט ער מיך געפרעגט, צי עס זענען דאָ געדרוקטע פּאַנטאָמימי־שע דראַמעס; ער װאָלט זיך װעלן באַקענען מיט זיי.

מיר האָט זיך אײַנגעגעבן צו געפינען עטלעכע פּאַנטאָמימעס, און נאָך דעם װי ער האָט זיך באַקענט מיט זיי, האָט ער דערקלערט, אַז זײַנע דראַמעס זענען לחלוטין נישט קיין פּאַנטאָמימעס.

— זיי זענען רעדנדיקע פּאַנטאָמימעס — האָב איך באַמערקט — דער פּאַנטאָמימישער עלעמענט איז דער פּרעװאַלירענדיקער.

אויף דעם האָט ער מסכים געװען מיט פרייד.

װי אַלע דראַמאַטורגן, װאָס קענען זיך נישט דערשלאָגן צו די אויפ־פירונגען פון זייערע דראַמעס, האָט אויך פּרץ געפּרוּװט אויפפירן עטלע־כע פון זײַנע אײַנאַקטערס מיט אַמאַטאָרן. ער האָט עס געטון, װי זיין שטייגער, מיט ברען, מיט „עלאַן". ער האָט אויסגעזוכט למד־װאָװישע טאַלאַנטן, װאָס האָבן זיך נישט געװאָלט אַנטפּלעקן ביז ער האָט זיי מגלה געװען. ער האָט די דאָזיקע אַנטפּלעקטע טאַלאַנטן דערקלערט מיט נאַי־װער באַגײַסטערונג פאַר די נײַע טעאַטער־קינסטלער, װאָס װעלן ברענ־גען די אמתע קינסטלערישע ישועה, דעם אמתן קינסטלערישן תיקון דעם יידישן טעאַטער.

אויף איינער פון זײַנע אַנטדעקונגען, אויף מאַדאַם קראַטקאַ, האָט ער געלייגט גאָר גרויסע האָפענונגען. זי איז די פּערזאָניפיצירונג פון דער פּױלישער יידישער פרוי אין זײַנע דראַמען.

און די פּויליש־יידישע פרוי, האָט ער מיט טיפער איבערצייגונג גע־טענהט, איז דורכאויס טראַגיש. איר טראַגיזם קומט פון איר באַזונדערער סאָציאַלער לאַגע; די פּויליש־יידישע פרוי װערט דערצויגן אויף דער פּױלישער װעלטלעכער קולטור און װערט געצװוּנגען חתונה צו האָבן מיט אַ מאַן, װאָס איז דערצויגן געװאָרן אויף דער שטרענג רעליגיעז־יידי־

שער קולטור. זי, די וועלטלעכסטע יידישע פרוי, מוז לעבן דווקא אַ שטרענג רעליגיעז לעבן מיט אַ מאַן, וואָס וועלטלעכקייט איז אים אַבסאָלוט פרעמד.

פון דעם שטאַמט דער טראַגיזם פון דער פויליש־יידישער פרוי.

מאַדאַם קראטקא איז געווען דעמאָלט די פרוי פון דעם סקולפּטאָר און מאָלער קראַטקא. זי איז געווען זייער צאַרט געבויט, זי איז געווען זייער דין, אַזוי דין, אַז זי איז געווען אַביסל געבויגן פון דינקייט.

אויסגעזען האָט זי גאָר קינסטלעריש. זי האָט זיך געקליידט אָרי־גינעל, די מאָדע איז איר נישט אָנגעגאַנגען, זי האָט געהאַט אירע אייגענע מאָדעס ספּעציעל צוגעפּאַסט צו איר פיגור. אָבער קיין שוישפּי־לערין איז זי נישט געווען. איר האָבן פּשוט געפעלט די עלעמענטאַרע אייגנשאַפטן פון אַ שוישפּילערין. אירע שטים־מיטלען זענען געווען זיי־ער אָרעמע, איר מימיק איז געווען אַזוי „דין״, אַז מען האָט זי נישט גע־קענט באַמערקן אַפילו דורך אַ מיקראָסקאָפּ. אויף דער בינע איז איר מיניאַטורישקייט געווען ממש פאַטאַל; זי פלעגט פּשוט פאַרפאַלן ווערן אויף דער בינע, די בינע פלעגט איר איינשלינגען.

אָבער פרץ האָט געזען אין איר ממש שוישפּילערישע נסים ונפלאות.

ווען פרץ האָט באַמערקט מיין סקעפּטישע באַציִונג צו אירע שוי־שפּילערישע לייסטונגען, האָט ער ביטערלעך אַמאָל אַ זאָג געטון:

„אַ ליטוואַק וועט עס קיינמאָל נישט תופס זיין״.

עס איז געווען פיינלעך צו זען ווי דער גרויסער פרץ פאַרטאַכלע־וועט זיין טייערע ענערגיע אומזיסט און אומנישט, אָבער נאָך פיינלעכער איז געווען צו זען ווי אומבאַהאָלפן ער איז ווי אַ פּראַקטישער טעאַטראַל. ער האָט ממש נישט געוווסט דאָס עלעמענטאַרסטע אין דער רעזשי־קונסט.

פרץ פלעגט סוף כל סוף איינזען זיינע טעותן. ער פלעגט זיך קיינ־מאָל נישט מודה זיין. ער פלעגט בלויז ארייַנפאַלן אין אַן אַפּאַטיע און פלעגט קיינמאָל מער נישט רעדן וועגן די אָביעקטן פון זיין נעכטיקער באַגייסטערונג.

אָבער צו זיין באַגייסטערט פאַר עפּעס איז געווען נויטיק פאַר אים. פלעגט געוויינלעך קומען אַ פרישע באַגייסטערונג פאַר עפּעס און פלעגט פאַרטרייבן די אַפּאַטיע.

און פּרצעס אויגן פֿייערן ווידער מיט פרייד און מיט זיכערקייט, אַז דאָס מאָל קומט דאָס ריכטיקע, דאָס עכטע...

און עס קומען פּאָר באַראַטונגען מיט לויטער „באַרופֿענע" מענטשן. פּרץ זיצט נישט אויף אָן אָרט, ער שפּאַנט אַרום נערוועז פֿון באַגייסטע־רונג, ער צינדט אַנדערע, און אָפּטימיסטיש איז ער, ער זעט ממש, ער טאַפּט־אָן ממש דעם דערפֿאָלג פֿון דער נייער אונטערנעמונג, און קלוג איז ער, און בליציק איז ער...

פּרץ איז ווונדערלעך ווען ער איז באַגייסטערט.

פּרץ מיטן שטאָל־גרויען קאָפּ האָט געהאַט עפּעס יינגלשעס אין זיך. אין זיין צופֿאַלן צו אַן ענין, אין זיין טומלדיקער באַגייסטערונג און אין זיין גרענעצלאָזן אָפּטימיזם איז געווען דורכאויס יינגלשעס.

פּרץ האָט געהאַט אַ גרויסן איינפֿלוס אויף די יונגע פּויליש־ייִדישע מאָלערס און סקולפּטאָרן. זיי זענען געוואָרן ייִדיש אין מאָלן און אין קלעפּן, ווי פּרץ אין שרייבן; זיי האָבן דערשפּירט פּרצעס ליניע אין דער ליטעראַטור און זיי האָבן זי אַריבערגעטראָגן אין דער מאָלעריי און אין דער סקולפּטור.

פּאַטעטיש איז געווען די באַגייסטערונג פֿון דעם טויב־שטומען מאָ־לער מאָוריצי מינקאָווסקי פֿאַר פּרצן. (ער איז אומגעקומען אין אַן אוי־טאָמאָביל־אַקצידענט אין בוענאָס איירעס).

ער איז געווען אַבסאָלוט טויב און שטום, אָבער ער האָט פֿאַרשטאַ־נען פּרצן בעסער ווי די רעדנדיקע און די הערנדיקע.

ער איז געווען קליין־געוויקסיק, אָבער פֿעסט געבויט; ער האָט גע־האַט אַ טויב־שטומען פּנים, אָבער די אויגן זיינע האָבן גערעדט און געהערט.

עס פֿלעגט זיין ווונדערלעך צו זען ווי מינקאָווסקי דערציילט פּרצן וועגן זיינע מאָלערישע פּלענער; דערביי פֿלעגט ער פֿאַרזיכערן, אַז זיי זענען פּרציאַניש, דורכאויס פּרציאַניש.

מ. מינקאָווסקי פֿלעגט זיך אָפֿט אָוועקלאָזן איבער דער פּראָווינץ אויס־צוזוכן און איינצוהאַנדלען ייִדישע זאַכן. ער פֿלעגט אויפֿקויפֿן שטערן־טיכלעך, זיידענע קליידער, וואָס אונדזערע עלטער־באָבעס האָבן גע־טראָגן, אַלטע רעליגיעזע חפצים און אַלץ, אין וואָס ער האָט דערשפּירט

דעם עכט־ייִדישן גוסט. ער האָט זיך אַרומגערינגלט מיט די דאָזיקע שטיקער פון ייִדישן גוסט און פלעגט מאָלן ייִדיש.

ער איז געווען אַ גרויסער בריה איינצוהאַנדלען די דאָזיקע אַנטיקן; ער פלעגט זיי איינהאַנדלען פאַר אַ שיבוש.

ער פלעגט אונדז אַמאָל איבערגעבן זיינע סוחרישע מעטאָדן ביים איינהאַנדלען די אַנטיקן; ראשית כל פלעגט ער נישט אַרויסווייזן, אַז ער איז להוט זיי צו קויפן; פאַרקערט, ער פלעגט זיך קרימען, באַטראַכטן די זאַכן קריטיש און זיי אַ וואָרף טון — זיי געפעלן אים נישט, און אין האַרצן טוט זיך חושך ביי אים — ער שטאַרבט עס צו האָבן, אָבער ער ווייזט עס נישט אַרויס, ער גייט אַוועק, קומט צוריק, אַזוי דריי־פיר מאָל, ביז מען פאַרקויפט עס אים פאַר אַ שיבוש.

ער פלעגט אונדז איבערגעבן אויף זיין שטום־לשון זייער בילדלעך ווי ער באַקומט־אַרויס פון ייִדישע באָבעס און עלטער־באָבעס אין טיף־פוילן די אַלע אַנטיקן.

אַמאָל האָט ער מיך פאַרשלעפּט אין זיין סטודיע און האָט מיר גע־וויזן אַ בילד מיטן נאָמען „אסתר". דער מאָדעל איז געווען די צאַרטע, דינע מאַדאַם קראַטקאַ. פאַרשטייט זיך, אויפן בילד איז זי אַרויס אַ היפּש ביסל שענער און מאַיעסטעטישער ווי זי איז געווען. „אסתר" איז געווען אָנגעטון אין אַלטן „ייִדישן" זיידנס, אַרום איר זענען געווען כסדר פאַר־שידענע שטיקער פון ייִדישן זיידנס, און עס האָט זיך באַקומען עפּעס געדיכט ייִדישעס, וואָס בלענדט ממש מיט זיין פאַרביקייט.

מינקאָווסקי איז געשטאַנען אַ טריומפירנדיקער לעבן זיין בילד און האָט מיר כסדר אויפמערקזאַם געמאַכט אויף די ווונדערלעכע עכט־ייִדישע פאַרבן.

פּרץ פלעגט אַמאָל קויפן אַ בילד, וואָס פלעגט אים באַזונדערס גע־פעלן. די מאָלערס זענען געווען גליקלעך ווען פּרץ האָט געוואָלט האָבן זייערס אַ בילד. זיי האָבן, פאַרשטייט זיך, נישט געוואָלט נעמען קיין געלט ביי פּרצן, אָבער עס האָט נישט געהאָלפן, זיי האָבן געמוזט נעמען אַ געוויסע סומע פאַר זייערע בילדער.

פּרצן איז אַמאָל גאַר שטאַרק געפעלן געוואָרן מינקאָווסקיס אַ בילד; עס איז געווען אַ זייער פּאַטעטיש בילד — אַ ייִדיש מיידעלע מיט שוואַר־

צע, לעבעדיקע אייגעלעך, איז געשטאַנען לעבן אַ קויש מיט עפּל גרייט צו מאַכן געשעפט. געשטאַנען איז זי ווי אַ סוחרטע, ווי אַ שפּייזערין פון אַ פאַמיליע. ערנסט איז געשטאַנען דאָס קינד; זי איז געשטאַנען מיט די הענטלעך אין די „באָקעס" בראַוו און טיכטיק.

אָבער אין די שוואַרצע אייגעלעך איז געווען אַ טיפער טרויער, און דער טרויער האָט אייך דערציילט אַ טרויעריקע געשיכטע — דער טאַטע איז געשטאָרבן, די מאַמע איז קראַנק, דאָס ברודערל איז אין חדר, און זי, דאָס ניין־יעריקע קינד, איז די עקרת־הבית...

לאַנג איז געהאַנגען דאָס בילד ביי פּרצן אין אַרבעטס־צימער; עס איז געהאַנגען ריכטיק אַנטקעגן אים ווען ער פלעגט זיצן ביי זיין שרייב־טיש.

אַן ערך צוויי יאָר איז געהאַנגען דאָס בילד. דאָס איז געווען די לענגסטע צייט וואָס אַ בילד איז געהאַנגען אין זיין נישט גרויסן אַר־בעטס־צימער און פאַרנומען אַ שטיק פון דער וואַנט.

פּרץ פלעגט „אויפעסן" בילדער, ער פלעגט זיי קאָנסומירן און פלעגט זוכן נייע בילדער.

דאָס דאָזיקע בילד איז אַוועק צוריק צו מינקאָווסקין, און מינקאָווס־קי האָט מיט שטאָלץ מיר דערציילט, אַז דאָס בילד איז געהאַנגען ביים „וואָנצעוואַטן", ד"ה אויף זיין שטום־לשון, ביי פּרצן. ער האָט עס נישט געוואָלט צוריקנעמען, אָבער דער „וואָנצעוואַטער" איז באַשטאַנען, ער האָט גאָרנישט געקענט מאַכן. איצט האָט ער עס פאַרקויפט פאַר אַזאַ פּאַק מיט געלט...

קראַטקאָ, דער סקולפּטאָר, האָט געמאָלן די שער־בלעטער צו די זאַמלביכער „יידיש", וואָס פּרץ האָט אַרויסגעגעבן. די שער־בלעטער זענען געווען אין יידישן סטיל און מיט גאָלד־פאַרב, די באַליבטע יידי־שע פאַרב.

III

צווישן די שטענדיקע „פרומע" איינגייער אין פּרצעס הויז זענען געווען אַ. ווייטער, ווען נאָר ער פלעגט זיין אין וואַרשע, אַלטער קאַציזנע און י. י. טרונק מיט זיין פרוי.

אַלטער קאַציזנע איז ביי פּרצעס לעבן קיין שרייבער נאָך נישט געווען. די פריינטשאַפט צווישן פּרצן און אַלטער קאַציזנען איז געבוירן און אויסגעוואקסן געוואָרן אויפן באָדן פון פאָטאָגראַפיע.

פּרץ האָט געהאַט אַ גאָר גרויסע שוואַכקייט צו פאָטאָגראַפירן זיך, ממש אַן אַקטיאָרישע שוואַכקייט. אים איז גאָרנישט מיאוס געוואָרן צו פאָטאָגראַפירן זיך. און אַלטער קאַציזנע האָט געקענט באַפרידיקן די דאָזיקע אומשולדיקע שוואַכקייט, אָדער תאווה. ער איז געווען אַ קינסטלער־פאָטאָגראַף, און פּרצן האָט ער מיט אַ באַזונדער ליבע און מיט אַ גאָר באַזונדערער אויפמערקזאַמקייט פאָטאָגראַפירט.

פּרץ האָט פון אַלץ געמאַכט אַ באַוועגונג, און די פריינט זיינע זענען ווילנדיק־נישט־ווילנדיק אויך אַריינגעצויגן געוואָרן — מיר אַלע האָבן זיך געמוזט פאָטאָגראַפירן ביי אַלטער קאַציזנען, און מיט דער צייט האָבן אונדזערע אַלעמענס בילדער באַשיינט די ווענט פון „הזמיר״.

איך האָב קיינמאָל נישט געהערט פּרצן ריידנדיק וועגן אַלטער קאַציזנען ווי אַ שרייבער. איך בין חושד, אַז פּרץ האָט יאָ געוווּסט און אַפילו געלייענט אַלטער קאַציזנעס מאַנוסקריפּטן, אָבער ער האָט זיי אַפּנים געהאַלטן פאַר נישט גענוג רייף און האָט אים געראָטן נישט איילן זיך אַרויסצוקומען מיט זיי פאַר דער וועלט.

אַלטער קאַציזנע איז געווען דער אמתער חסיד פּרצעס, ער פלעגט ממש שלינגען פּרצעס ווערטער. פּרצעס וואָרט איז געווען אַ געבאָט, אַן אַנטפּלעקונג פאַר אים.

אָבער גאָר רירנדיק איז געווען די פריינטשאַפט צווישן פּרצן און א. ווייטער.

פּרץ האָט שטאַרק ליב באַקומען אָט דעם שוויַיגנדיקן א. ווייטער.

א. ווייטער, פון זיין זייט, האָט פּשוט פאַרגעטערט פּרצן; פּרץ איז פאַר אים געווען דער וווּנדערלעכער מוסטער פון אַ נייעם ייִדן, פון אַן אמתן ייִדן, פון אַ ייִדן, אין וועלכן אי דאָס אַלטע און אי דאָס נייע האָבן זיך האַרמאָניש צונויפגעגאָסן. ער איז פאַר אים געווען דער אמתער סינטעז, וואָס ער האָט אַזוי ליידנשאַפטלעך געזוכט.

זיין באַגייסטערונג פאַר פּרצן ווי אַ פּערזענלעכקייט איז אַריבערגעטראָגן געוואָרן אויף פּרצן דעם קינסטלער. זיין באַגייסטערונג פאַר

פּרצן ווי אַ קינסטלער איז געווען אַזוי גרויס, אַז זיין ביז גאָר שאַרפער קריטישער חוש און זיין ראַפינירטער געשמאַק זענען בנוגע פּרצן אין גאַנצן אַטראָפירט געוואָרן.

איך וויל איבערדערציילן אַ פאַקט וואָס איך האָב שוין מיט יאָרן צוריק דערציילט אין מיינע „זכרונות פון אַ טעאַטער־קריטיקער".

ווען מיר האָבן אָרגאַניזירט די באַוווּסטע טעאַטער־געזעלשאַפט אין וואַרשע (אַגב איז עס אַ טעות אין די ענציקלאָפּעדיעס און אין אַנדערע אַרבעטן, אַז פּרץ האָט אָרגאַניזירט די טעאַטער־געזעלשאַפט און האָט אָנגעפירט מיט איר. געשאַפן די טעאַטער־געזעלשאַפט האָט א. ווייטער און מיין ווייניקייט). איז אַ. ווייטער באַשטאַנען דערויף, אַז מען זאָל פּרצן נישט אויסנוצן פאַר רוטינע, וואָכעדיקע אַרבעטן. אָבער איינמאָל האָט ער מסכים געווען, אַז מען זאָל צוציִען פּרצן צו אַ באַשטימטער אַרבעט, און האָט גענומען אויף זיך דורכצורערן זיך מיט פּרצן דורכן טעלעפאָן וועגן דעם.

און היות דער ענין איז געווען אַ דרינגנדיקער, האָב איך אָפּגעזוכט ווייטערן כדי אויסצוגעפינען דעם רעזולטאַט פון זיין שמועס מיט פּרצן.

אויף מיין פראַגע צי האָט ער גערעדט מיט פּרצן? האָט ער גע־ענטפערט מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן:

— ניין, איך האָב נישט געקענט. איך קען נישט שלעפּן פּרצעס אוי־ער צו דעם טעלעפאָן־טרייבל. איך קען עס נישט ממש פיזיש. זאָל אַן אַנדערער זיך דורכרעדן מיט פּרצן. איך קען עס נישט.

צווישן פּרצן און ווייטערן פלעגט כסדר פאָרקומען אַ שטילער גע־ראַנגל. פּרץ האָט געוואָלט ווי עס איז העלפן ווייטערן מאַטעריעליש; ער האָט עס געטון מיט פאַרשידענע פאַרשלייערטע המצאות, קענענדיק ווייטערס שטאָלץ; אָבער ווייטער איז געווען זייער שאַרף־פיליק און פלעגט באַלד אויפדעקן די פאַרשווערונג.

פּרץ האָט געקענט זיין אַן איבערגעגעבענער פריינט, אַ פריינט, וואָס נעמט נאָענט צום האַרצן אַ פריינטס נויט.

אין געלט־ענינים האָט פּרץ פאַרמאָגט די ברייטקייט פון אַ פּרינץ און די לייכטקייט פון אַ קינד.

דאָס האָבן געוווּסט מאַדאַם פּרץ און יעקב דינעזאָן, און זיי האָבן

אַזוי מאַנעווורירט, אַז ער זאָל נישט האָבן קיין שליטה איבער גרעסערע סומעס געלט.

***

ווען איך בין געקומען קיין וואַרשע איז מנחם באַריישאַ, אָדער מנחם, ווי מען האָט אים גערופן, געווען פּרצעס ליבלינג. פּרץ האָט געלייגט גאָר גרויסע האָפענונגען אויף מנחמען ווי אַ דיכטער. אָבער פּרץ איז געווען אַן אומגעדולדיקער מענטש. ער האָט נישט געקענט לאַנג וואַרטן אויף דער רעאַליזירונג פון זיינע האָפענונגען. ער האָט געוואָלט זיי זאָלן באַלד מקוים ווערן.

זיינע האָפענונגען, וואָס ער האָט געלייגט אויף מנחמען, זענען דווקא יאָ מקוים געוואָרן, אָבער אַ סך שפּעטער, נאָך פּרצעס טויט.

צו פּרצעס שבח דאַרף געזאָגט ווערן אַז ער האָט קיינמאָל נישט געוואָלט אָנפּליאָדען פּרצלעך, נאָכמאַכערס. יעדער נייער טאַלאַנט וואָס איז געקומען מיט עפּעס אייגנס, מיט עפּעס זיינס, איז אים געווען ליב און טייער.

פּרץ האָט געקענט בוכשטעבלעך אַלע שרייבער, פון דעם קלענסטן ביז דעם גרעסטן. ער האָט אַפילו געלייענט און געוווּסט יעדנס שרייבע־רישע חסרונות.

ער האָט זיך ווייניק אינטערעסירט מיט שרייבער ווי אַ מענטש, אָבער ער האָט געזוכט פונדעסטוועגן צו האָבן אַרום זיך שרייבער וואָס זענען אויך מענטשן.

ער האָט אָפט מקרב געווען שרייבער וואָס האָבן, ווי מענטשן, נישט פאַרדינט זיין אויפמערקזאַמקייט. האָט אים ווער אָבער אַנטוישט ווי אַ שרייבער, האָט ער אים דערווייטערט פון זיך.

פּרץ פלעגט אַלץ לייענען מיט דער גרעסטער אויפמערקזאַמקייט. ער האָט אַפילו געלייענט יידישע צייטונגען מיט אַ בלייפעדער; ער פלעגט אונטערשטרייכן יעדן געלונגענעם אויסדרוק, איטלעכס ניי אָדער אַלט וואָרט, וואָס איז געווען פאַר אים ניי, אָבער דער עיקרשט האָט ער אונטערגעשטראָכן די נישט־געראָטענע, די נישט־געלונגענע און די נישט־גראַמאַטיקאַלישע זאַצן.

און ער האָט קיינמאָל נישט פאַרגעסן ביי אַ באַגעגעניש מיט אַ שריי־בער צו זאָגן אים וועגן דאָס גוטע און וועגן דאָס שלעכטע וואָס ער האָט באַמערקט לייענענדיק עפּעס זיינס.

און שרייבער האָבן עס געוווּסט; זיי האָבן געוווּסט, אַז עס איז דאָ אַן אויג, וואָס גיט אַכטונג, אַז עס איז דאָ אַן אויג, וואָס זעט.

שרייבן פלעגט פּרץ אין די אָוונטן ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין און אָפט גאַנץ פרי, איידער ער איז אַוועק אין דער גמינע.

אַ סך צייט פלעגן ביי אים פאַרנעמען די איבעראַרבעטונגען פון שוין לאַנג געדרוקטע ווערק זיינע, דערהויפּט זיינע דראַמעס. ער האָט זיך עפּעס מיט זיי קיין עצה נישט געקענט געבן.

פּרצעס הויז איז געווען דאָס איינציקע הויז אין וואַרשע, וואָס איז געווען אָפן פאַר שרייבער. עס איז געווען אַ הויז, ווו יעדער שרייבער האָט געקענט אַריינקומען און זיך פילן אי היימיש און אי אַביסל אויף דער וואַך. וואָרום פּונקט ווי פּרץ האָט געקענט זיין אויסערסט פריינטלעך, פּונקט אַזוי האָט ער געקענט זיין קאַלט, פרעמד און אָפט אַפילו בייז.

קיין אַנדער שרייבער האָט נישט געהאַט קיין אָפן הויז אין וואַרשע. ה. ד. נאָמבערג און אַ. רייזען האָבן געלעבט ווי בחורים אין אַ האָטעל, אָדער אין אַ צימער ערגעץ, און איר פלעגט ביידן נישט געפינען אין דער היים.

ש. אַש האָט זיך געטראָגן ווי אַ שטורם איבער די הויפּטשטעט פון איראָפּע.

ה. ד. נאָמבערג איז געווען אַ זייער גוטער קאָלעגע, אָבער אָפּגעבן זיך מיט אַ שרייבער, האָט ער קיין געדולד נישט געהאַט.

א. רייזען האָט אַלע מאָל געקענט זיין אַ פריינט, אָבער ער האָט קיין הויז נישט געהאַט.

דוד פרישמאַן האָט שוין יאָ געפירט אַ באַלעבאַטיש לעבן, ער האָט געהאַט אַ הויז, אָבער היימיש האָבן זיך געפילט אין זיין הויז בלויז העב־רעער. ער איז געווען דורכאויס אַ העברעיִשער שרייבער, נישט קוקנדיק אויף דעם וואָס ער האָט געשריבן פיל אין יִידיש. ער האָט געלעבט מיט דער העברעיִשער ליטעראַטור און האָט זיך אין איר אויסגעלעבט.

נ. סאָקאָלאָוס הויז איז געווען אַ פּויליש הויז. עס איז געווען אַ האַלב־אַסימילירט הויז. די פרוי, די טעכטער און די זין האָבן אין גאַנצן פאַרפּוילישט דאָס הויז. אַגב, איז סאָקאָלאָוו סתם נישט געווען קיין צו־געלאָזענער מענטש בכלל און בפרט צו שרייבער.

און אַזוי אַרום האָט זיך דאָס גאַנצע ליטעראַרישע וועלטל קאָנ־צענטרירט אַרום פּרצעס הויז.

אַ חוץ שרייבער זענען געווען איינגייער ביי פּרצן מענטשן פון דער יידיש־ראַדיקאַלער באַוועגונג, דערהויפּט פון „בונד״.

פּרץ איז נישט געווען קיין בונדיסט, ער איז בכלל נישט געווען קיין פּאַרטיי־מענטש; אָבער צום „בונד״ האָט ער געהאַט אַ וואַרעם געפיל. ער האָט שטאַרק ליב געהאַט דעם בונדישן פירער גראָסער, אַ געראָטענער זון פון אין גאַנצן אַסימילירטע עלטערן, וואָס האָט זיך צוריקגעקערט צו יידן, און צו די סאַמע געדריקטע יידן — צו די יידישע אַרבעטער.

אַגב איז גראָסער געווען אַ פּוילישער ייד און ער איז פּרצן געווען נענטער ווי די יידיש־רוסישע פירער פון „בונד״.

פּרץ איז געווען אַ פּוילישער ייד, דורכאויס אַ פּוילישער ייד, און דער פּוילישער ייד איז אים געווען נענטער און פאַרשטענדלעכער.

די פירער פון די ראַדיקאַלע פּאַרטייען פלעגן קומען צו פּרצן נישט אָפן; פּרצעס הויז איז געווען שוין לאַנג אונטער חשד ביי דער רוסישער אָכראַנקע און זי האָט געהאַלטן אַן אויג אויף דעם הויז און אויף די מענטשן וואָס קומען אַריין.

זיי פלעגן קומען קאָנספּיראַטיוו, עפּעס בין־השמשות, שפּעט אין אָוונט. אָבער שוין ביי פּרצן אין הויז פלעגן זיי זיך דערפילן היימיש, אַראָפּוואַרפן פון זיך די קאָנספּיראַציע און זיין געסט ווי אַלע.

***

שבת איז די גמינע געשלאָסן, און פּרץ האָט געהאַט זיין פרייען טאָג, זיין רו־טאָג.

שבת, דערהויפּט זומער, פלעגט מען זען פּרצן שפּאַצירנדיק אין זאַקסישן גאָרטן.

פּרצעס אָריגינעלע און ביז גאָר קענטיקע געשטאַלט, שטענדיק אין

זיין גרינלעכער פּעלערינע און אין זיין גרינלעכן קאַפּעליוש, האָט געהערט צו די מערקווירדיקייטן פון וואַרשע.

ווען ער פלעגט שפּאַצירן שבת אין זאַקסישן גאָרטן פלעגן סיי ייִדן און סיי קריסטן שטיל זאָגן איינע די אַנדערע: — אָט גייט פּרץ.

פּרץ אין דער גרינלעכער פּעלערינע, אין גרינלעכן קאַפּעליוש און מיט זיינע שטאַרקע וואָנצעס האָט אויסגעזען ווי אַ פּוילישער שליאַכטשיץ.

איר האָט אים נישט געקענט פאַרבייגיין און אים נישט באַמערקן; אַ געשטאַלט, ווי אויסגעגאָסן פון בראָנדז, האָט זיך באַוועגט אין די אַלייען פון גאָרטן. אַלץ איז געווען האַרמאָניש אין דער דאָזיקער געשטאַלט, אַלץ איז געווען אָריגינעל און עפּעס מעכטיקס איז געווען אין איר.

אָפט פלעגט ער באַגעגענען פריינט און אַ גאַנצע גרופּע האָט זיך באַוועגט מיט אים אין מיטן. פּרץ איז געווען דער ראש המדברים; ער איז געווען דער געשמאַקער שמועסער, אַמאָל עלעגאַנט לייכט, אַמאָל שטיפּעריש־הומאָריסטיש און אַמאָל ערנסט.

געוויינטלעך פלעגט אויף אַ באַשטימטער דיסטאַנץ אים נאָכגיין אַן עולם נייגעריקע צו כאַפּן אַ וואָרט פון פּרצן און פון די שרייבער וואָס רינגלען אים אַרום.

פּרץ איז געווען אַ זייער גוטער מענטשן־קענער. ער פלעגט מיט יעדן אָנשלאָגן דעם ריכטיקן טאָן. ער פלעגט אָנהויבן לייכט, גוט־ברודעריש, אָפט מיט אַ הלצהלע, וואָס האָט רעפלעקטירט אויף יענעמס אַ באַזונדערע אייגנשאַפט. ער האָט געהאַט אַ מערקווירדיקן זכרון, ער האָט געדענקט אַלע ביזאַרע אייגנשאַפטן, אָדער אייגנאַרטיקייטן, פון אַלע זיינע פריינט און באַקאַנטע.

פּרץ איז געווען די סאַמע קענטיקע פיגור צווישן די ייִדישע שרייבער אין וואַרשע. און פלעגט זיך אַראָפּלאָזן אין וואַרשע אַן אויסלענדישער זשורנאַליסט פלעגט ער נישט דורכלאָזן פּרצן; מען פלעגט אַזאַ איינעם אָפּנים זאָגן, אַז זיין פאַרשטעלונג וועגן וואַרשע וועט נישט זיין קיין פולע ווען ער וועט נישט זען דעם „פּאַן פּרץ", דעם ייִדישן שרייבער.

די פּוילישע צייטונגען פלעגן פון צייט צו צייט געבן פּרצעס אַ בילד, און אַלע מאָל אין זיין פּעלערינע און פּוילישן קאַפּעליושל.

דאָס האָט אָבער נישט געשטערט דער פּוילישער פּרעסע צו באַפאַלן

פרצן פון צייט צו צייט אויף דעם געמיינסטן אופן; ער האָט דאַן געהייסן: פּרץ „דער זשאַרגאָנישער שרייבער״.

נישט קוקנדיק אויף זיין שוואַכקייט צו פּאָטאָגראַפירן זיך אָפט איז פּרץ נישט געווען קיין מענטש פון פּאָזע. זיין באַנעמונג, זיין קליידונג און זיין שטאָלצע האַלטונג זענען געווען נאַטירלעך.

ער האָט נישט בויטיק געהאַט זיך אָנצושטרענגען צו זיין עמעצער אַנדערש; ער אַליין איז געווען גענוג אָריגינעל און גענוג פאַרביקע פּער־זענלעכקייט.

פּאָזע וואָלט אויף קיין פאַל נישט אַזוי אימפּאָנירט; פּאָזע וואָלט, אַגב, קיינעם נישט געקענט לאַנג אָפּנאַרן; פּאָזע מוז זיך סוף כל סוף אַרויסגעבן.

פּרץ איז געווען אַ האַרמאָנישע פּערזענלעכקייט.

ער איז געווען אַ שטאָלצער מענטש און אַ שטאָלצער ייִד; זיין שטאָלץ פלעגט אים אָפט אַליין ברענגען שאָדן און פלעגט אָפט שאָדן זיין געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט.

ער האָט זעלטן דערפירט אַ געזעלשאַפטלעכע אָדער קולטורעלע אר־בעט ביזן סוף; ער איז געווען ווייניק בויגיק, און פּשרות זענען אים געווען אַבסאָלוט פרעמד. דאָס ביסל פּשרהדיקייט, וואָס יעדער מענטש פאַרמאָגט, האָט ער פאַרוועגדט אויף זיין פאַמיליע־לעבן, אויף יענער זייט פון זיין פאַמיליע־לעבן איז ער געווען אומקאָמפּראָמיסלעך.

זיין אומקאָמפּראָמיסלעכקייט פלעגט איבערגיין אָפט אין אומנויטי־קער דעמאָנסטראַציע. ער האָט ליב געהאַט צו דעמאָנסטרירן זיין אומ־קאָמפּראָמיסלעכקייט.

ער פלעגט אָפט מקריב זיין עפּעס קאָנקרעטס צוליב אַ דעמאָנסט־ראַציע. ווען ער האָט געהאַט פאַר זיך צוויי ברירות, אַ פּאָזיטיווע דער־גרייכונג, וואָס פאָדערט אַ שטיקלעכע פּשרה, און אַ דעמאָנסטראַציע, וואָס איז בפירוש שעדלעך פאַר דער אונטערנעמונג גופא, האָט ער בע־סער אויסגעקליבן די קנאַליקע, פייער־ווערקישע דעמאָנסטראַציע.

און האָט זיך אים איינגעגעבן אַ דעמאָנסטראַציע, איז ער געווען גליקלעך ווי אַ ייִנגל אַ שטיפער, וואָס האָט אָפּגעטון אַ געלונגענע שקאָצעריי.

ער פלעגט אָפט נישט פאַרשטיין די קאַלטע רעאַקציע מצד זיינע פריינט אויף זיינע דעמאָנסטראַציעס.

זיין תאווה צו דעמאָנסטראַציעס און זיין איגנאָרירונג פון דער רעאַלער סיטואַציע, אָדער די רעאַלע פאַרהעלטענישן, האָבן אים בפירוש געשטערט אין אַלע זיינע עפנטלעכע טעטיקייטן. ער וואָלט געקענט גאַר־נישט דער ערך מער אויפטון פאַר דער יידישער ליטעראַטור און קולטור, ווען ער וואָלט געקענט גובר זיין זיין יצר־הרע צו דעמאָנסטראַציעס.

אין וואַרשע פלעגט מען אין יידיש־געזעלשאַפטלעכע קרייזן פשוט מורא האָבן פאַר אים, אָבער מען פלעגט אים אומעטום איינלאַדן. ער פלעגט באַשיינען יעדע פאַרזאַמלונג, ער פלעגט עפּעס אריינברענגען אַ יום טוב.

אין וואַרשע האָט ער געהאַט אַ ספּעציעלן בינטל פון זיינע קרבנות: דאָס זענען געווען יידישע כלל־טוער, באַלעבאַטישע מענטשן, נישט קיין שאַרפע און נישט קיין פאַרביקע יידישע מענטשן, אָבער געטרייע און איבערגעגעבענע טוער. פּרץ האָט אָבער נישט סובל געווען אָט די דאָזיקע כלל־טוערישע קליאַטשעס, וואָס שלעפּן דעם יידישן געזעלשאַפטלעכן וואָגן אַן פאַראַד און אָן גלעקלעך.

זיינע דעמאָנסטראַציעס האָבן נישט געשלעפּט נאָך זיך פיינטשאַפט צו די מענטשן, וועלכע זענען געווען די גורמים פון דער דעמאָנסטראַציע און קעגן וועלכע די דעמאָנסטראַציע איז געמאַכט געוואָרן, ניין, די הנאה פון דער דעמאָנסטראַציע איז ביי אים געווען אַזוי גרויס, אַז אַנשטאָט שנאה צו די גורמים פון דער דעמאָנסטראַציע האָט ער געפילט עפּעס אַזוינס ווי אַ דאַנקבאַרקייט צו זיי...

איך האָב עס ביי אַ היפּש ביסל פאַלן גענוי פעסטגעשטעלט; אַפילו ווייטער האָט געמוזט צוגעבן, אַז די דאָזיקע באַאָבאַכטונג איז אַ ריכטיקע.

***

פּרץ איז בפירוש נישט געווען קיין נוח לבריות, ער האָט אָבער בכלל ליב געהאַט מענטשן, און איך קען נישט נאָך איינעם, וואָס זאָל האָבן אַזעלכע געטרייע און איבערגעגעבענע פריינט ווי ער האָט געהאַט.

פּרץ האָט קיין ציניש וואָרט נישט אַרויסגעלאָזט פון זיין מויל; איך

האָב קיינמאָל נישט באַמערקט ביי אים קיין ציניִשע באַציִונג צו מענטשן און צו אידייען.

איך האָב אַפילו נישט באַמערקט ביי אים קיין סקעפּטיציזם.

יאָ, אַנטוישונגען, ווי שוין געזאָגט, האָט ער זייער שווער איבער־געלעבט; זיי האָבן אַרויסגערופן ביי אים אַפּאַטיע, אָפּט אַפילו מרה־שחורה, אָבער קיינמאָל נישט קיין סקעפּטיציזם.

און דערביי האָט ער קיינמאָל נישט געמאַכט קיין פּרום פּנים און האָט קיינמאָל נישט געקלאָגט אויף גלות השכינה.

ער איז געווען אַן אָפּטימיסטישע, אַ קעמפערישע און אַ זוכנדיקע נאַטור; ער האָט אייביק צו עפּעס געשטרעבט, כסדר עפּעס געזוכט און כסדר עפּעס אָדער פאַר עפּעס געקעמפּט.

און זיינע קעמפערישע מעטאָדן זענען געווען נישט די אָנגענומענע און די שאַבלאָנע; ער האָט געקעמפּט מיט שאַרפע ווערטער, מיט עפּיג־ראַמען, מיט קורצע קאַלאַמבורן און מיט פינטעלעך, און כסדר איז זיין קאַמף געווען אָפן, קיינמאָל נישט הינטער יענעמס פּלייצע.

איך האָב קיינמאָל נישט געהערט פון אים קיין צווידייטיקן וויץ, אַ צווידייטיק ווערטל.

און דערביי איז ער נישט געווען קיין „וצדקתך", קיין אויגן־גלאָ־צער, קיין מוסר־זאָגער און קיין מאָראַל־פּרעדיקער.

די דאָזיקע מענטשלעכע שוואַכקייטן האָבן לחלוטין קיין שליטה נישט געהאַט אויף אים; ער האָט זיי נישט באַקעמפּט, ער האָט קיין גע־ראַנגל מיט זיך אַליין צוליב זיי נישט געפירט. אַזאַ מענטש איז ער געווען.

ער איז נישט געווען קיין פאַרביסענער, קיין נוקם ונוטר; ער איז אַלע מאָל געווען גרייט צו מאַכן שלום מיט זיינע געשוואָרענע קעגנער און שונאים, סיידן זיי זענען, לויט זיין מיינונג, קיין מענטשן נישט גע־ווען און זענען נישט ווערט געווען זיין פריינטשאַפט.

צווישן אים און שלום עליכמען, למשל, איז נישט געווען קיין גאָר גרויסע פריינטשאַפט. פּרץ האָט געהאַט ליטעראַרישע טענות און תביעות צו שלום עליכמען; לויט זיין מיינונג האָט שלום עליכם זיך צוגעפּאַסט צו דעם געשמאַק, אָדער צו די סוחרישע אינטערעסן פון די צייטונגס־אַרויסגעבער; ער האָט געהאַלטן, אַז שלום עליכמס ראָמאַנען אין די ציי־

טונגען זענען צו לייכט, זיינע פעליעטאָנען צו וואַסערדיק. הכלל, ער האָט געהאַט זיינע טענות, אָדער זיינע מיינונגען, וועגן באַשטימטע שלום עליכמס ווערק.

עס האָבן, אַגב, נאָך געטליִעט ביי פּרצן אַלטע תרעומות אויף שלום עליכמען פון די צייטן ווען שלום עליכם האָט אַרויסגעגעבן זיין „פאָלק־ביבליאָטעק״. און ווי אַ רעדאַקטאָר און אַרויסגעבער האָט ער געמאַכט ענדערונגען אין זיין „מאָניש״.

אָבער די, וועלכע האָבן ליב צו וואַרעמען זיך ביי דעם פייער פון מחלוקות, האָבן צעבלאָזן דאָס טליִענדיקע פייערל פון אַ שטילער און לחלוטין נישט קיין בייזער פיינטשאַפט. די דאָזיקע פיינטשאַפט איז גע־וואָרן ביטערער ביי ביידע צדדים. עס איז געווען נישט קיין געזונטע און נישט קיין ווירדיקע פיינטשאַפט אָדער ברוגז, און שולדיק אין דעם זענען בפירוש געווען די אייביקע פליאָטקע־מאַכערס.

פּרץ האָט נישט געוווּסט, אַז דאָ אַרבעטן די אייביקע פליאָטקע־מאַ־כערס און ער פלעגט טענהן:

— פאַרוואָס טאָר איך נישט האָבן קיין מיינונג, מיין קריטישע מיינונג, וועגן געוויסע ווערק שלום עליכמס? ער האָט דאָך אַ קריטישע מיינונג וועגן מיינע ווערק אויך!

אָבער ווען שלום עליכם איז געקומען קיין וואַרשע, האָט פּרץ איינ־געאָרדנט פאַר אים אַ קבלת פנים אין „הזמיר״ און האָט געהאַלטן די גלענצנדיקסטע רעדע, וואָס איך האָב ווען עס איז אַמאָל געהערט וועגן שלום עליכמען ווי אַ שריפטשטעלער. עס איז געווען אַ וואַרעמע, אַ קאָ־לעגיאַלע און באַגייסטערטע רעדע.

שלום עליכם איז געבליבן קאַלט און פרעמדלעך צו פּרצן, און עס איז צו קיין אמתן שלום נישט געקומען.

רירנדיק איז געווען פּרצעס אַכטונג און ליבע צום זיידן מענדעלע. ווען מענדעלע איז געווען אין וואַרשע איז פּרץ ממש נישט אָפּגעטרעטן פון אים; ער האָט כסדר געקוקט דעם זקן אין די אויגן מיט אמתער באַגייסטערונג.

און מענדעלע איז דאָך געווען ממש דער היפּוך פון פּרצן, סיי לויט זיין טעמפּעראַמענט און סיי לויט זיין ליטעראַרישן דרך.

ער האָט מיר אַמאָל געזאָגט: „איידער איך זעץ זיך שרייבן, לייען איך דורך עטלעכע זייטלעך מענדעלע און איך ווער אַריינגעפירט אין די סאַמע געדיכטעניש פון יידישן לשון. איך מאַך אים נישט נאָך, אָבער איך זאַפּ איין און זעטיק זיך אָן מיט דער שפע פון זיין יידיש. איך נוץ־אויס די דאָזיקע שפע אויף מיין שטייגער".

פון ה. ד. נאָמבערגן האָב איך געהערט דאָס נעמלעכע.

פרץ האָט געהאַט אַ פעסטע און אַ קלאָרע יידיש־קינסטלערישע פילאָזאָפיע. זי האָט אַרומגענומען די פראַגן פון פאָרעם און אויך פון אינהאַלט.

אָבער איר האָט קיינמאָל אים נישט געהערט פרעדיקן זיין פילאָזאָפיע, אָדער פאָדערן פון אַנדערע, זיי זאָלן גיין אין זיין וועג.

ער האָט אָפּנים געהאַלטן, אַז ער האָט זיין קינסטלערישן דרך, אַנדערע שרייבער דאַרפן האָבן זייער דרך.

ער איז געווען דער יידישסטער שריפטשטעלער, אָבער אין דער זעלביקער צייט האָט ער געטון און עקספּערימענטירט מיט אַלע נייע פאָרמען אין אַנדערע ליטעראַטורן, דערהויפּט אין דער פּוילישער און דער דייטשישער ליטעראַטור.

נישט אַלע עקספּערימענטן האָבן זיך איינגעגעבן. נישט איינגעגעבן האָט זיך דער עיקרשט דאָס עקספּערימענטירן מיט נייע פאָרמען אין די דראַמעס זיינע.

אין זיין „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק" זאָל ער האָבן געוואָלט אויספּרובירן די פאָרעם פון דער פּוילישער דראַמע „וועסעליע".

איינגעגעבן האָט זיך אים בלויז די דראַמאַטישע פאָעמע „די גאָלדענע קייט".

פרץ האָט שטאַרק ליב געהאַט ביאַליקן. ווען ביאַליק איז געווען אַמאָל אין וואַרשע פלעגט ער כסדר זיין ביי פרצן און נישט ביי דוד פרישמאַנען, וועלכער האָט על פּי שכל אים באַדאַרפט זיין נענטער.

פרץ האָט געהאַלטן, אַז ביאַליק איז דער יידישסטער דיכטער.

פאַר דוד פרישמאַנען, דעם אייראָפּעער, איז דאָס דווקא געווען אַ חסרון.

בכלל האָט פרישמאַן זיך אָפּט געמאַכט, אַז ער געדענקט נישט ביאַ־ליקס נאָמען. ער פלעגט זיך פאַרהאַקן און זאָגן אין זיין פאַרדייטשטן יידיש:

„ווי הייסט ער, יאָ, דער פון אָדעס, דער מיט דעם פּליך? יאָ, יאָ, ביאַליק, ביאַליק". און אין דעם, פאַרשטייט זיך, איז געלעגן אַ מערדער־לעכער ביטול צו דעם ביאַליק.

פרישמאַן האָט נאָך אין עצם געשטעקט אין גאַנצן אין דעם משכי־ליזם; דער אייראָפּעיִזם זיינער איז נישט געווען בלויז אַ פאַקט, נאָר אויך אַ שטרעבונג. ער איז געווען דער אַפּאָסטאָל פון אייראָפּעיִשקייט אין דער העברעיִשער ליטעראַטור.

אמת, זיין אייראָפּעיִשקייט איז געווען אַ מאָדערנער, אַ ראַפינירטער.

פּרץ האָט דורכגעמאַכט ווי אַ שרייבער דעם משכיליזם, אָבער דאָס איז געווען בלויז פון אָנהויב, שפּעטער האָט זיך פּרץ אינגאַנצן באַפרייט פון דעם משכיליזם. נישט נאָר האָט ער זיך באַפרייט פון אים, נאָר ער איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט אַריינגעבראַכט די נייע, די מאָדער־נע טענדענצן אין דער יידישער ליטעראַטור. ער האָט געבראַכט די יידי־שע ליטעראַטור צוריק אַהיים, צוריק צו איר שורש.

די יידישע ליטעראַטור גייט אַריין אין דער וועלט־ליטעראַטור מיט איר אייגנס. זי פאַרלייקנט זיך נישט. פונקט פאַרקערט — זי קומט מיט איר יידישן געמיט, מיט איר יידישער פאָרעם און מיט איר יידישן אינהאַלט.

***

פּרץ דער רעדנער איז לחלוטין נישט געווען ענלעך אויף פּרץ דעם שרייבער; פּרץ איז, ווי אַ רעדנער, געווען דורכאויס אַן אימפּראָוויזאַטאָר, אַן עקספּראָמט־רעדנער.

ער האָט קיינמאָל נישט צוגעגרייט קיין רעדע. ער האָט קיינמאָל נישט אָנגעשריבן קיין רעדע. אַ צוגעגרייטע רעדע, אַן אָנגעשריבענע רע־דע וואָלט אים באַשרענקען און לכתחילה שטעלן אים גרענעצן און וואָלט אים געצוימט, און פאַר רעדן האָט פּרץ נישט געוואָלט און נישט געקענט האָבן קיין גרענעצן און צוימען.

זיינע אַ רעדע איז געווען אַ מין לאווע, אַ שטראָם, וואָס איר קענט פּאָראויס נישט באַשטימען זייער גאַנג. איר קענט זיי נישט אַריינגעמען אין באַשטימטע ראַמען און אַפילו נישט באַשטימען זייער כאַראַקטער און פאָרעם.

זיינע אַ רעדע איז אָפט געווען אַן איבערראַשונג פאַר אים אַליין. ווען מען פלעגט אים אַמאָל זאָגן, אַז ער האָט אין זיין רעדע געזאָגט דאָס און דאָס, האָט ער זיך אָפט געוווּנדערט און געקוועטשט מיט די פּלייצעס — נישט מעגלעך.

ער איז נישט געווען קיין רעדנער פאַר אַלע געלעגנהייטן, ניין, ער איז געווען אַ רעדנער־דיכטער אויף ליטעראַרישע און פילאָזאָפישע טעמעס.

דער עיקר איז געווען די פאָרעם. דער אינהאַלט, פאַרשטייט זיך, איז אויך געווען פאַרכאַפּנדיק; אָבער איר האָט נישט געקענט דאָס אַרויס־געזאָגטע אָננעמען פאַר פעסטע, דורכגעטראַכטע מיינונגען, וואָס זענען באַזירט אויף אַ באַשטימטער וועלט־אַנשויאונג.

קיין אויסגעהאַלטנקייט האָט מען נישט באַדאַרפט און נישט געקענט זוכן אין זיינע רעדעס.

דאָס זענען געווען פייערווערק, בליצן, און אַלע קאָלירן פון אַ רעגנ־בויגן האָבן זיי פאַרמאָגט.

יאָ, ער איז געווען, ווי אַ רעדנער, אַ וווּנדערלעכער אימפּראָוויזאַטאָר.

ער פלעגט אָפּפיירן אַ רעדע.

פּאָלעמיזירן וועגן דאָס געזאָגטע האָט ער קיינמאָל קיין חשק נישט געהאַט; און האָט מען אויף אים אַרויפגעצווונגען פּאָלעמיק, האָט ער זיך געפילט נישט גוט, און ער איז טאַקע אָפט געווען אומבאַהאָלפן. ער פלעגט זיך אַרויסראַטעווען מיט זיין שאַרפזין, מיט זיין בליציקער עפּיגראַמיש־קייט, אָבער עס איז ווייט נישט געווען ענלעך אויף דער רעדע.

אין פּאָלעמיק איז ער געווען שאַרף, בייז און אָפט צו אַגרעסיוו. בעת אין זיינע רעדעס איז ער כסדר געווען ליריש, שטורמיש, פייערדיק און פּאַטעטיש.

זיינע אַ רעדע איז געווען אַ ליד, און וועגן אַ ליד פּאָלעמיזירט מען נישט און מען דעבאַטירט נישט; אָדער מען געניסט זי, אָדער נישט.

פון פּרצעס אַ רעדע האָט איר בפירוש געהאַט אַן עסטעטישן גענוס.
זי איז אָפט געווען אויך באַלערנדיק, אָבער אַפילו דאָס באַלערנ־דיקע איז געווען דיכטעריש.

ער איז נישט געקומען מיט אַן אָנגעשטעלטן פּאַטאָס; דער פּאַטאָס איז געקומען בשעת דעם רעדן.

עס איז פאַר קיין פאַל נישט געווען דאָס וואָס מען רופט „לעקטאָר״; אים האָט געפעלט די סיסטעמאַטישקייט און די רויִקייט.

עס זענען אַרויסגעקומען דאָ און דאָרט מיספּאַרשטייענישן צוליב געוויסע שטעלן אין אַ רעדע, אָדער צוליב דער גאַנצער רעדע.

די מיספּאַרשטייענישן זענען געקומען פון דעם, וואָס זיינע אַ רע־דע, אָדער געוויסע שטעלן אין זיינער אַ רעדע, האָט מען אָנגענומען ווי אַ פּרינציפּן־דערקלערונג, אָדער ווי אַ פּראָגראַם.

IV

י. ל. פּרץ, אין דער צייט פון דעם קריג, איז אַ קאַפּיטל פאַר זיך.
אויף קיינעם פון די יידישע שרייבער, וואָס איך קען און האָב גע־קענט אין וואַרשע, האָט די מלחמה נישט געווירקט אַזוי דעסטרוקטיוו ווי אויף פּרצן.

ער איז געבליבן אַליין, איינינקער אַליין, און זיין הויז איז געווען יתומדיק. ער איז געווען אַליין אין הויז. אין אַ זייטיקן צימער האָט גע־לעבט לוציאַן, אָבער לוציאַן פלעגט פאַרשווינדן פון הויז, און ווען ער איז געווען אין הויז האָט ער זיך פאַרשפּאַרט אין זיין צימער.

אַפילו מאַדאַם פּרץ איז נישט געווען לעבן אים; די מלחמה האָט איר פאַרכאַפּט אין אויסלאַנד און עס האָט גענומען אַ היפּש ביסל צייט ביז איר האָט זיך איינגעגעבן דורכצורייסן זיך צוריק קיין פּוילן.

אויף די גאַסן האָט דער פּוילישער אַנטיסעמיטיזם ווילד געבושעוועט; ער האָט אַרויסגעשיקט פּוילישע קינדער, יינגלעך און מיידלעך פון צען־פופצן יאָר, צו מסרן אויף יידן, אַז זיי זענען שפּיאָנען.

און די רוסישע שוואַרץ־מאהניקעס, פון זייער זייט, האָבן פּשוט אָרגאַניזירט געיעגן אויף „יידישע שפּיאָנען״.

אין וואַרשע האָבן זיך באַוויזן די ערשטע יידן פון שטעטלעך, וואָס

ווינען ביי דער גרענעץ פון דייטשלאַנד. דאָס זענען געווען ניקאָלאַי ניקאָ־לאַיעוויטשעס קרבנות; לויט זיינעם אַ באַפעל זענען יידן פון אַלע גרענעץ־שטעט און שטעטלעך אַרויסגעשיקט געוואָרן אין 24 שעה.

דאָס ערשטע שטעטל האָט פרץ, ווי דער פאָרזיצער פון „הזמיר״, אַריינגענומען אין די צימערן פון „הזמיר״.

ער איז נישט אַרויס פון „הזמיר״. ער האָט געקוקט אויף די אַרויס־געטריבענע יידן מיט טיפן טרויער אין זיינע גרויסע אויגן; ער האָט פרובירט שמייכלען צו די קינדערלעך, אָבער דער שמייכל איז געווען אַזאַ טרויעריקער, אַזאַ גרימאַסעדיקער, אַז די קינדערלעך פלעגן זיך דערשרעקן.

ער איז אַרומגעגאַנגען אַ פינצטערער און אַ דערשלאָגענער.

ער האָט נישט פאַרשטאַנען וואָס אַזוינס דאָ קומט פאָר.

ווי אַ פוילישער ייד, האָט ער געהאַלטן, אַז דער גורל פון פאָליאַקן און יידן איז אַ שותפותדיקער, די געשיכטע האָט געוואָלט אַרומנעמען די דאָזיקע צוויי פעלקער מיט איין רייף פון איין גורל.

ער האָט געגלויבט באמונה שלימה, אַז עס וועט קומען אַ מאָמענט און די דאָזיקע צוויי פעלקער וועלן עס איינזען און וועלן געבן איינס דעם אַנדערן די האַנט.

און געשען וועט עס אין אַ גרויסער עת־צרה פאַרביידן.

און אָט איז די עת־צרה, און די צוויי פעלקער גיבן נישט די האַנט איינס דעם אַנדערן; די פאָליאַקן רודפן יידן, מסרן יידן.

די פאָליאַקן גלויבן אין די הבטחות פון דעם רוסישן צאַר, אַז ער וועט פוילן געבן פרייהייט.

אָט די נאַרישקייט און טעמפקייט פון די פאָליאַקן האָט אים גע־קרענקט מער פון אַלץ.

ווי קען אַ פאָלק זיין אַזוי פאָליטיש־נאַריש און טעמפּ? דעם צאַרס הבטחה איז דאָך בלויז אַ פאָליטישער מאַנעוור, דאָס איז דאָך אַן אָפענער ליגן, אַן אָפענער באַטרוג.

ער פלעגט גיין ווי אַלע יאָרן אין דער גמינע, פלעגט קומען צוריק אַ צעבראָכענער; אין דער גמינע איז געשטאַנען אַ געיאָמער פון די אַרויסגעשיקטע, וואָס זייער צאָל איז געוואַקסן מיט יעדער שעה. כמעט

יעדע שעה פלעגט קומען אַ שטעטל, און מען האָט געמוזט דאָס שטעטל ערגעץ באַזעצן.

נישט־צוגעגרייטע און צעטומלטע, האָט די הילף פון אָנהויב גע־אַרבעט אָן אַ סדר, אָן סיסטעם. פּאַניק און פאַרלוירנקייט האָט זיך גע־פילט אין אַלע יידישע קרייזן.

עס איז געווען קלאָר, אַז דער צאַריזם, וואָס האָט אַט דאָ נישט לאַנג געליטן אַ גרויסע מפּלה אויף דעם ביילים־פּראָצעס אין קיעוו, וויל איצט זיך אָפּרעכענען מיט יידן.

יידן זענען דערקלערט געוואָרן פאַר שפּיאָנען, אַלע יידן אָן אויסנאַם.

די לאָגיק איז געווען אַ פּשוטע ביז גאָר: פאַרוואָס זאָלן יידן נישט זיין קיין שפּיאָנען? יידן האָבן קיין רעכט נישט ווי אַלע בירגער, יידן זענען צונויפגעדריקט אין תחום־המושב ביז דערשטיקט צו ווערן, איז פאַרוואָס זאָלן זיי נישט זיין קיין שונאים פון רוסלאַנד און דינען דעם שונא?

איך בין אַ פּאָר מאָל איינגעלאַדן געוואָרן פון פּרצן צו עסן ביי אים, אָבער מיט אַ וואָרענונג: מער ווי אַרבעס־זופּ קען ער מיר נישט פאַר־לייגן. אויב איך וויל טיילן מיט אים דעם דאָזיקן מאָלצייט, קען איך קומען.

אין הויז איז געווען דריקנדיק, מרה־שחורהדיק.

אין פּרצעס הויז האָט די מרה־שחורה פריִער קיינמאָל קיין צוטריט נישט געהאַט.

עס איז געקומען דינעזאָן; ער איז געווען אַ דערשראָקענער און אין גאַנצן אַ פאַרלוירענער. ער איז עפּעס קלענער און עלטער געוואָרן אין די ערשטע עטלעכע טעג פון דער מלחמה.

י. דינעזאָן האָט געוואָלט אויסגעפינען ביי פּרצן וואָס ער דענקט וועגן דער לאַגע. האָט פּרץ לאַנג, לאַנג געקוקט אויף זיין פריינט און האָט שטיל געזאָגט:

— יאַנקל טייערער, איך קען נישט דענקען; ווען איינער באַקומט מיט אַ דובינע איבערן קאָפּ איז ראשית־כל הערט ער אויף צו דענקען.

די צוויי פריינט האָבן שווייגנדיק געקוקט איינער אויפן אַנדערן.

עס איז געווען אַזוי פיל ליבע און אַזוי פיל פאַרצווייפלונג אין זייערע בליקן, אַז איך האָב זיך געמוזט אָפּקערן פון זיי.

און אַרויסגייענדיק האָט דינעזאָן מיט זיינע קליינע, פייכטע אויגן געפרעגט:

— וואָס זאָגט איר אויף פּרצן? איך האָב מורא פאַר אים, און דאָ איז די פרוי אַפילו נישטאָ. איך האָב געוואָלט זיך אַריבערקלייבן צו אים, ווייל ער נישט... איך האָב מורא...

דאָס האַרץ האָט אַפּנים געזאָגט דינעזאָנען, אַז פּרץ וועט נישט אויס־האַלטן די מלחמה.

ביסלעכווייז האָט זיך פּרץ צוגעבונדן צו די קינדערלעך־פּליטים, וואָס האָבן געלאַכט און געשטיפּט אין די צימערן פון „הזמיר״.

ער האָט אָנגעהויבן טראַכטן וועגן אַ שול פאַר די קינדערלעך.

ער און דינעזאָן האָבן זיך איינגעשפּאַנט אין דער אַרבעט.

אָבער ווען עס האָבן זיך אָנגעהויבן ווייזן צעפּעלינס אין וואַרשע, האָט דינעזאָן אָנגעהויבן טענהן, אַז פּרץ מוז אַוועקפאָרן פון וואַרשע. ער וועט אויך פאָרן. פּרצעס פרוי, וועמען עס האָט זיך ענדלעך איינגעגעבן דורכצורייסן זיך קיין פּוילן, איז אויך געווען פאַר דעם, אָבער פּרץ האָט נישט געוואָלט הערן פון דעם. ער בלייבט אין וואַרשע, ער וועט ערגעץ נישט לויפן.

און ער איז געבליבן אין וואַרשע. דינעזאָן איז געפאָרן אָן אים. אָבער ביי דער ערשטער געלעגנהייט איז ער געקומען צוריק קיין וואַר־שע, צו פּרצן.

און אין אַ פרייטאָג, אין איינעם פון די מלחמה־טעג, איז פּרץ גע־זעסן און געשריבן אַ קינדער־ליד.

און שרייבנדיק דאָס קינדער־ליד האָט זיך זיין גרויס און וואַרעם האַרץ אָפּגעשטעלט.

עס איז געווען די גרעסטע לויה אין וואַרשע. עס איז געווען אַ לויה מיט קידוש־השם, ווייל צווישן צוויי שערענגעס פון שונאים האָט זיך די לויה געצויגן, צווישן שוואַרצע רוסן און נאָך מער שוואַרצע פּאָליאַקן.

מען איז געווען זיכער, אַז עס וועט פאָרקומען עפּעס שרעקלעכעס,

אָבער מען איז געגאַנגען און באַגלייט צו דער אייביקער רו דעם שענסטן ייִדן, קינסטלער און מענטשן.

מען איז געגאַנגען אויף קידוש־השם.

בלויז אין איין אָרט האָט זיך אַן אויטאָמאָביל אַריינגעריסן אין עולם און עטלעכע זענען לייכט פאַרוווּנדעט געוואָרן.

גאַנץ וואַרשע, מיט אירע פּליטים, אַסימילאַטאָרן, פרומע ייִדן און מיט דער ייִדישער יוגנט האָבן באַגלייט פּרצן, דעם אומרויִקן פּרץ, צו זיין אייביקער רו.

און וואַרשע און די ייִדישע ליטעראַטור זענען געבליבן אָן פּרצן.

***

די שטילע פאַמיליע־דראַמע אין פּרצעס הויז האָט דערגרייכט איר קלימאַקס און איר דראַמאַטישע אויפלייזונג ערשט נאָך פּרצעס טויט.

דער גורל האָט געשאַנעוועט דעם גרויסן ייִדן און גרויסן שרייבער ביי זיין לעבן.

ער האָט אָפּגערוקט דאָס שרעקלעכע פינאַל פון דער דראַמע ביז נאָך זיין טויט.

און אפשר איז עס געווען פּרצעס טיפע חכמה, וואָס האָט אָפּגע־האַלטן יאָרן־לאַנג זיין פאַמיליע־דראַמע פון דעם עקספּלאָדירנדיקן פינאַל.

זיין קלוגע געדולדיקייט, זיין האַלטן זיין זון לוציאַן כסדר לעבן זיך, כדי ער זאָל קענען האַלטן אויף אים אַן אויג, כדי ער זאָל קענען אין אַ מאָמענט פון געפאַר אינטערוועניִרן.

ווער ווייס וואָס דער גרויסער פּרץ האָט אין דער שטיל, אין די שטילע נעכט איבערגעלעבט?

מיר האָבן געזען פּרצעס פרייד מיט זיין אייניקל יאַנעק.

דער האַרץ־קראַנקער פּרץ פלעגט זיך אַוועקלייגן אויף אַלע פיר און יאַנעק, דאָס ליכטיקע אייניקל זיינס, פלעגט פאָרן רייטנדיק אויף אים.

פּרץ האָט געשטיפט און געלאַכט ווי יאַנעק.

יאַנעק איז געווען זיין גרויסע פרייד און זיין גרויסע האָפענונג.

יאַנעק איז געווען שיין און קלוג, יאַנעק איז געווען לעבעדיק און געזונט, יאַנעק האָט געהאַט אַלע חנען פון אַ געראָטן און געזונט קינד.

מיר האָבן אַלע געזען ווי פּרץ איז גליקלעך מיט זיין געראָטענער שנור, מיט זיין בן־יחידס פּרוי.

זי איז געווען שיין, קלוג און האָט זיך געגרויסט מיט איר גרויסן שווער.

אָבער מיר האָבן קיינער נישט געזען וואָס ער האָט איבערגעלעבט, ווען זיין זון, זיין איינציקער זון, האָט זיך געגט מיט זיין געראָטענער פּרוי.

שטיל איז געוואָרן אויף אַ קורצער ווײַלע אין פּרצעס הויז, אַזוי ווי אַ בר־מינן וואָלט געלעגן אין איינעם פון די צימערן.

און פּלוצלונג איז ווידער לעבעדיק און טומלדיק געוואָרן אין הויז און אַרום פּרצן.

אָבער דער גט פון פּרצעס בן־יחיד מיט זיין פּרוי, אויף וועלכער פּרץ האָט געלייגט האָפענונגען, אַז זי וועט לוציאַנען אויסהיילן, זי וועט אים מיט איר לעבעדיקייט און קלוגקייט ארייַנשטופּן אין לעבן, זי וועט אים אַרויסרייסן פון זיין מרה־שחורה און פון זיין איינזאַמקייט, — איז געווען בלויז דער אָנהויב פון דעם שרעקלעכן קלימאַקס און פון דער דראַמאַטישער אויפלייזונג.

אין די לעצטע יאָרן פאַר זיין טויט פלעגט שוין יאַנעק קומען זעלטענער צו פּרצן.

און אין דער צייט פון דער מלחמה האָט פּרץ באַקומען אַ סך אייניקלעך, קינדערלעך אַרויסגעטריבענע פון זייערע וואַרעמע נעסטן פון אַ פינצטערן צאַר.

פּרץ האָט זיך שטאַרק צוגעבונדן צו אָט די קליינינקע, בלייכינקע פּליטימלעך.

יעדע פרייע מינוט זיינע האָט ער זיי אָפּגעגעבן.

און פאַר זיי האָט ער אָנגעהויבן שרייבן לידער, און שרייבנדיק פאַר זיי אַ לידעלע איז זיין גרויס, וואַרעם האַרץ אָפּגעשטעלט געוואָרן.

ער האָט אָבער נישט געזען דעם גרויליקן סוף פון זיין פאַמיליע־דראַמע.

דער גורל האָט אים געשאַנעוועט...

***

נאָך פּרצעס טויט, אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, איז לוציאַן, פּרצעס זון, משוגע געוואָרן.

ער האָט זיך באַזעצט אין אַ קליין חדרל ביי פרעמדע מענטשן.

און אין דעם קליינעם חדרל האָט ער געטון און געשלעפּט שפּייז פון כל המינים: פליש, רייז, ברויט, בולבעס. בערג מיט שפּייז האָט זיך אָנ־געזאַמלט אין חדרל, אַלץ האָט געפוילט און געשימלט.

און ער, לוציאַן, פלעגט נישט אַרויס פון צימער. ער פלעגט בלויז אַרויס איינקויפן נאָך שפּייז, ווו ער האָט נאָר געקענט קויפן שפּייז האָט ער געקויפט.

דאָס קליינע צימערל איז שוין געווען איבערגעלאָדן מיט פוילנדיקן און שימלדיקן שפּייז.

און ער, לוציאַן, פלעגט זיצן און קוקן מיט שרעק אויפן שפּייז:

אָט וועט נישט זיין מער קיין שפּייז צו קויפן און ער וועט שטאַרבן פון הונגער...

אָט דאָ אין צימערל וועט ער אויסגיין פון הונגער.

אַן אימה פלעגט אים באַפאַלן...

ער פלעגט מורא האָבן פאַר גנבים, אָט דערשמעקן זיי, אַז ער האָט אַן אוצר מיט שפּייז און זיי רייסן זיך אַריין און נעמען אַלץ צו ביי אים, אַלץ וועלן זיי צונעמען און ער וועט שטאַרבן פון הונגער.

און אין אַ רעגנדיקן פרימאָרגן איז ער אינגאַנצן משוגע געוואָרן.

און נאָכדעם האָט ער נישט לאַנג געלעבט, ער איז געשטאָרבן אין גאַנצן משוגע. ער האָט נישט געוווסט צי ער לעבט און צי ער שטאַרבט.

און די פאַמיליע־דראַמע האָט זיך געקייקלט צו איר גרויזאַמען פינאַל.

יאַנעק, פּרצעס אייניקל, איז שוין אויסגעוואקסן, אַ שיינער בחור. אָבער אַפּנים לוציאנס אַ זון...

איז ער אַוועק און זיך פלוצלונג געשמדט...

אָט דאָס איז דער גרוילִיקער סוף פון פּרצעס פאַמיליע.

דער קליגסטער ייִד פון זיין צייט האָט געבראַכט אַ משוגענעם זון אויף דער וועלט...

דער שענסטער ייִד, דער טיפסטער ייִד און דער הייסעסטער ייִד האָט געבראַכט אַן איניקל אַ משומד אויף דער וועלט...

גיי און פאַרשטיי די וועגן פון גורל.

יאָ, נאָך פּרצעס טויט איז דאָס אַלץ געשען; יאָ, דער גורל האָט געשאָנעוועט דעם גרויסן פּרץ, ער האָט די שווערע דראַמע זיינע פאַר־ענדיקט נאָך זיין טויט.

***

און נאָך עמעצן האָט פּרץ געלאָזט נאָך זיך, ער האָט געלאָזט נאָך זיך זיין פרוי.

ביים לעבן איז זי נישט געווען שטאַרק קאָנטיק, פּרץ האָט זי פאַר־שטעלט מיט זיין קאָלאָסאַלקייט. זי איז געווען עפּעס אַ פּיצל צוגאָב צו פּרצעס פאַמיליע.

פּרצעס חסידים פלעגן זיין עפּעס באַליידיקט פון דעם, וואָס פּרץ האָט אַזאַ נישט־קאָנטיקע, אַזאַ וואָכעדיקע און אַזאַ גרויע פרוי.

און זי האָט עס אַפּנים געפילט און זי פלעגט זיך האַלטן אין אַ זייט.

זעלטן ווען זי האָט אָנטייל גענומען אין אַ שמועס מיט שרייבער.

זי האָט געפירט די ווירטשאַפט שטיל און פאַרנעם.

אָבער נאָך פּרצעס טויט איז זי געווען די ווערדיקסטע אלמנה פּרצעס.

זי איז געוואָרן מאַדאַם פּרץ און האָט דעם דאָזיקן שיינעם טיטל געטראָגן מיט שטאָלץ און ווערדע.

שרייבער האָבן באַקומען אַכטונג פאַר איר:

פּרצעס אַלמנה...

אַ קלייניקייט.

און זי, די שטילע, די זייטיקע, איז געוואָרן די גרויסע אַלמנה פון דעם גרויסן פּרץ.

און שיין, פאַרנעם און ממש מאַיעסטעטיש האָט זי געטראָגן דעם נאָמען פּרץ.

זי איז געווען די איינציקע, וואָס האָט געטראָגן פּרצעס נאָמען נאָך זיין טויט מיט פיינעם שטאָלץ.

אָבער אַ גאָר גרויסע משפּחה האָט פּרץ איבערגעלאָזט נאָך זיך, ער

האָט איבערגעלאָזט נאָך זיך אַ גרויסע שרייבערישע משפחה, און זי האָט געהאַלטן הייליק זיין אָנדענק ביז וואַרשע איז געווען וואַרשע און ייִדיש.

פּרצעס אוהל אויף דעם וואַרשעווער בית־עלמין איז געוואָרן ביי די ייִדישע שרייבער אין פּוילן און ביי אַלע ייִדישע שרייבער איבער גאָר דער וועלט אַ מין מקום־קדוש, וואָס פלעגט באַזוכט ווערן אין דעם יאָר־צייט־טאָג און סתם אַן וועלכע עס איז געלעגנהייט.

ערשט נאָך זיין טויט האָבן ייִדישע שרייבער אין פּוילן און איבער גאָר דער וועלט דערשפּירט ווי גרויס עס איז די אבידה פאַר דער ייִדי־שער ליטעראַטור אין אַלע ווינקעלעך פון דער וועלט, און ווי גרויס איז די אבידה פאַר יעדן שרייבער פּערזענלעך.

דאָרט אין וואַרשע האָט געלעבט נישט סתם אַ שרייבער מיט טאַ־לאַנט, דאָרט אין וואַרשע האָט געלעבט דער עמוד־האש פון דער ייִדישער ליטעראַטור.

דאָרט אין וואַרשע איז געשטאַנען דער זייל פון דער ייִדישער ליטעראַטור.

און די ייִדישע ליטעראַטור האָט זיך געפילט זיכער אין אַלע שטורעמס און אַלע ערופּציעס פון דער גורלדיקער צייט פאַרן ייִדישן פאָלק.

צום ערשטן מאָל איז געשען אַ גרויסער זיווג, אַ גרויסער שרייבער און אַ גרויסער מענטש האָבן זיך מזדווג געווען אין דער פּערזאָן פון י. ל. פּרץ.

און נאָך אַ יתום איז געבליבן נאָך פּרצן, אַן אַלטיטשקער, שוואַכינ־קער און איינגעשרומפּענער יתום.

יעקב דינעזאָן איז געבליבן אַ קיילעכדיקער יתום נאָך פּרצעס טויט.

אין אָנהויב פון דער מלחמה, ווען צעפּעלינס האָבן זיך באַוויזן איבער וואַרשע, האָט דינעזאָן מיט אַלע זיינע כוחות געוואָלט אַוועקנעמען פּרצן פון וואַרשע, אָבער פּרץ האָט נישט געוואָלט ווערן קיין פּליט, בשום אופן ואופן נישט. ער דאַרף זאָרגן פאַר פּליטים, ער האָט קיין צייט נישט צו ווערן אַליין אַ פּליט.

ער איז געווען צו שטאָלץ, דער דאָזיקער גרויסער ייִד.

האָט דינעזאָן צום ערשטן מאָל פּרובירט זיך אָפּרייסן פון פּרצן און אַליין אַוועקגעפאָרן פון וואַרשע. איז ער אַוועקגעפאָרן קיין פּינסק, אָבער

לאַנג זיצן דאָרט אָן פּרצן האָט ער נישט געקענט, ער האָט זיך צוריק־געקערט צו פּרצן.

און אים, דעם אַלטיטשקן דינעזאָן, איז געווען באַשערט צו באַ־גלייטן „זיין״ פּרץ אויף דעם עולם־האמת.

ווי אַזוי דער שוואַכינקער דינעזאָן האָט איבערגעלעבט אָט דעם דאָזיקן קלאַפּ פון גורל איז ממש אַ וווּנדער.

יעקב דינעזאָן האָט ממשיך געווען פּרצעס אַרבעט פאַר קליינינקע פּליטימלעך, פאַר די קינדער.

ער איז געשטאָרבן מיט עטלעכע יאָר שפּעטער.

און דאָס נעמלעכע איז געווען מיטן גוטן אַנ—סקי; ער איז אַוועק פון וואַרשע, האָט אויף זיינע שטאַרק געבויגענע פּלייצעס אָנגעטון אַ מי־ליטערישן מונדיר און איז אַוועק קיין גאַליציע זען מיט זיינע אויגן דעם חורבן פון גאַליציע אונטער דער קורצער אָקופּאַציע פון דעם צאַרישן מיליטער.

זיי האָבן פונאַנדערגעלאָזן די הענט, די צאַרישע זעלנערלעך, און דער אַלטער, געבויגענער אַנ—סקי איז זיי נאָכגעגאַנגען און אַלץ פאַרשריבן.

נאָך דער מלחמה איז ער צוריקגעקומען קיין וואַרשע, אין וועלכער עס איז שוין נישט געווען קיין פּרץ.

און אין וואַרשע, אין פּרצעס שטאָט, איז ער געשטאָרבן.

דאָס גאַנצע לעבן געווען אַ רוסישער ייִד, אַ רוסישער שרייבער, אַ רוסישער רעוואָלוציאָנער, אָבער אָפּלעבן זיינע לעצטע יאָרן איז ער אַוועק קיין וואַרשע לעבן פּרצעס קבר.

ער האָט נישט לאַנג געלעבט.

ער איז אויך אַוועק צו פּרצן.

און אויפן וואַרשעווער בית־עולם ליגן אָט די דריי פריינט.

די דייטשישע בעסטיעס האָבן אַלץ חרוב געמאַכט אין דעם ייִדישן טייל פון וואַרשע, עס איז נישט געבליבן קיין זכר פון דער ייִדישער וואַר־שע, ממש קיין זכר נישט.

אָבער דער אוהל פּרץ איז געבליבן.

ער שטייט אויף דעם וואַרשעווער בית־עולם אומבאַרירט.

פרומע ייִדן מיט רעליגיעזער פאַנטאַזיע וואָלטן פון אַזאַ פאַל, ווען עס וואָלט געטראָפן מיט אַ רעליגיעזן צדיק, זיכער געשאַפן לעגענדעס, וווּנדער־מעשיות.

אונדזער פאַנטאַזיע איז אָבער אָרעם, מיר קענען נישט שאַפן קיין לעגענדעס און ראשית כל אַליין גלויבן אין זיי.

איז אַרום דעם נס מיט פּרצעס אוהל אויפן וואַרשעווער בית־עולם קיין לעגענדעס נישט געשאַפן געוואָרן.

שטייט פּרצעס אוהל אַליין אין וואַרשע.

פּרצעס אוהל און אַרום אים זענען קיין ייִדן נישטאָ, עס זענען דאָ קליינע הייפעלעך ייִדן, אָבער זיי פאַרלאָזן ביסלעכווייז די עיר־ההריגה.

די פּוילישע רעגירונג לאָזט אַרויס ביסלעכווייז ייִדן פון פּוילן.

די פּוילישע מדינה וועט בלייבן אָן ייִדן.

אָבער דער אוהל פּרץ וועט בלייבן אין וואַרשע.

ער וועט בלייבן לדור דורות.

***

פּרצעס ווערק האָבן די דייטשישע בעסטיעס, פאַרשטייט זיך, פאַר־ברענט, ווי זיי האָבן פאַרברענט אַלץ וואָס עס איז ייִדיש.

אָבער דאָס ערשטע, וואָס די ייִדן אין אַמעריקע און אין אַרגענטינע האָבן געטון, איז צוריק אַרויסצוגעבן פּרצעס ווערק.

האָבן מיר אַ פולע אויסגאַבע פון פּרצעס ווערק אַרויסגעגעבן אין אַרגענטינע און אַ פולע שיינע אויסגאַבע פון פּרצעס ווערק אַרויסגעגעבן פון ציק״אָ.

פון פּרצעס נאָענטע פריינט, וואָס זענען געבליבן לעבן, איז י. י. טרונק און מיין ווייניקייט.

און סיי טרונק און סיי מיין ווייניקייט האָבן אָנגעשריבן צוויי בי־כער וועגן פּרצן; טרונק אַ באַנד זכרונות און מיין ווייניקייט אַ באַנד זכרונות און קריטישע גלאָסאַרן צו פּרצעס דראַמען.

מיין בוך ליגט ביי די קאָמוניסטן ערגעץ.

זיי האָבן אַרויפגעלייגט אויף אים אַ חרם, אַ רויטן חרם, אַ מיאוסן און שענדלעכן חרם.

זיי האָבן אַפילו נישט אַ טראַכט געטון וועגן דעם, אַז עס איז אַ בוך וועגן פּרצן.

אָבער דאָס איז זיי געווען נאָך ווייניק.

איינער פון זיי, דער סאַמע געוויסנלאָזער, דער אמתער משומד, משה כ״ץ, האָט געשריבן, אַז איך רעד לשון הרע אויף פּרצן אין מיין בוך...

און דאָס בוך איז אַ געזאַנג צו פּרצן.

יעדער פּאָרטרעט מוז האָבן שאָטן און ליכט, יעדער מענטש באַשטייט פון שאָטן און ליכט, מען קען נישט מאָלן אַ מענטשן פון לויטער ליכט, אָדער פון לויטער שאָטן. עס וועט זיין אַ ליגן.

פאַרשטיי איך נישט פאַרוואָס האָט ער נישט געטון ווי אַלע משומדים און נישט דערציילט, אַז איך האָב לכבוד פּסח דערהרגעט אַ קריסטלעך יינגל.

אין דעם וואָלט געווען פּונקט אַזוי פיל אמת ווי אין זיין בלבול, אַז איך רעד לשון־הרע אויף פּרצן.

***

עס איז נישטאָ קיין איין שרייבער פון מיין דור, וועלכן איך קען נישט און האָב נישט געקענט, און איך האָב געקענט מענדעלען, שלום עליכמען, ביאַליקן, פרישמאַנען און איך קען אַלע שרייבער פון מיין דור.

אָבער פּרצעס געשטאַלט טיילט זיך אויס פון זיי אַלעמען מיט איר מאָנומענטאַלישקייט.

זיין אַ טאָג מיט פּרצן איז ריכטיק ווי זיין אַ טאָג אין אַ גייסטיקן גן־עדן.

אַלץ האָט געשטראַלט און געבליצט אַרום אים.

זיין סאַטירע איז געווען שאַרף ווי אַ חלף, זיין הומאָר וואַרעם און טיף מענטשלעך, זיין פאַנטאַזיע רייך און אויסערסט פאַרביק, זיין מוח ממש אַן עילוישער, זיין תפיסה גוואַלדיק, זי נעמט אויף אַלץ און זאַפּט איין אַלץ.

און מענטשלעך איז ער, און אַ פריינט איז ער געווען דער שענסטער, דער נאָבעלסטער.

און געלט האָט נישט געשפּילט קיין שום ראָלע אין זיין לעבן, איך האָב אים קיינמאָל נישט געהערט רעדן וועגן געלט, סיי וועגן פרעמד און סיי וועגן זיין געלט.

ער איז נישט געווען סענטימענטאַל, אָבער זיין ליבע צו מענטשן, צו נאָענטע, צו מענטשן פון גייסט, איז געווען אַ וואַרעמע און אַ סענ־טימענטאַלע.

ער איז געווען דער ערלעכסטער מענטש, וואָס איך האָב באַגעגנט אין מיין לעבן; ער האָט קיינמאָל קיין ליגן נישט געזאָגט, ער האָט נישט געוווסט פון קיין חניפה און פון קיין קאָמפּראָמיס; ער האָט געקענט זאָגן דעם ביטערסטן אמת דעם נאָענטסטן פריינט און האָט אויך אויפגענומען אַן אמת וועגן אים אַליין, דעם סאַמע ביטערסטן, גוטמוטיק און ערנסט. עס האָט נאָר באַדאַרפט זיין אַן אמת, עס האָט נאָר באַדאַרפט זיין אויפריכטיק.

און אַ פּרינץ איז ער געווען אין געלט־זאַכן, פאַרשטייט זיך, ווען ער האָט נאָר געהאַט געלט ביי זיך.

פריינט פלעגן אַרויס פון זיין הויז אָפּגעפרישטע, דערהויבענע און ליכטיקע.

יאָ, אין פּרצן האָבן מיר געזען דעם זעלטענעם זיווג פון אַ גרויסן שריפטשטעלער און אַ גרויסן מענטש.

12

שלום אַש

שלום אַש איז אויך געווען אַ מיטאַרבעטער פון „פריינד", נאָך פון די סאַמע ערשטע יאָרן. באַקאַנט האָב איך זיך מיט אַשן אין יאָר 1904.

ער איז אָנגעלאָפן אויף ה. ד. נאָמבערג און אויף מיר ווי אַ שטורם אויף איינער פון די גאַסן אין ציריך, שווייץ. ער האָט אַ ברום געטון עטלעכע ווערטער, אַ שמייכל געטון גוטמוטיק צו נאָמבערגן און מיט זיינע קרעפטיקע לאַנגע פיס זיך אַוועקגעאיילט ערגעץ.

איך האָב דערזען פאַר זיך אַ מעכטיקע, רייצנדיקע חיה.

אַלע אינסטינקטן און אַלע תאוות זענען געלעגן אָפן און נאַקעט אויף זיין פנים און אויף זיין גוף.

אַ פּאָר גרויסע אויגן, אין וועלכע עס ברענען ווי אַ העלישער פייער אַ מיליאָן תאוות, אַ גרויסע מעכטיקע נאָז, וואָס קען דערשמעקן רויב פאַר מיילן און מיילן, אַ סענסועל מויל מיט געוואַלדיק געזונטע ציין, וואָס קענען אויפעסן אַן אָקס מיט די הערנער, לאַנגע פיס און הענט. די פיס קענען זיך אַ לאָז טון אויפן רויב מיט אַ געוואַלדיקער געשווינדקייט, און די לאַנגע הענט קענען פאַרכאַפּן און האַלטן פעסט דעם רויב פאַר זיך.

און צווישן דעם אַלץ בלענדט אַרויס דאָס געטלעכע פייער פון טאַלאַנט.

דאָס איז געווען מיין ערשטער איינדרוק.

שפּעטער האָב איך געזען, אַז דער דאָזיקער ערשטער איינדרוק איז דער ריכטיקער.

און אַזױ איז זײַן טאַלאַנט.
שטורמיש, װילד, אַטאַקירנדיק און איבעררא‌שנדיק.
איר קענט קײנמאָל נישט פאָראױסזאָגן װאָס אַזױנס ער װעט שרײַבן.
און אַלץ װאָס ער שרײַבט, שרײַבט ער מיט אימפּעט. ער װאַרפט זיך אַרױף אױף אַ טעמע און פאַרצוקט זי.
ער קען זיך אױך צעזינגען, אָבער אין זינגען װעט איר הערן דאָס ברומען פון אַ חיה.
און ער קען אָנשפּאַרן מיט זײַנס אַ װערק אין אַלע פרעמדע ליטע־ראַטורן.
ער רעדט נישט קײן אײן אײנציקע אײראָפּעיִשע שפּראַך, אָבער עס איז נישטאָ קײן פרעמדער, נישט־ייִדישער פאַרלאַג, צו װעלכן ער זאָל נישט אָנשפּאַרן און נישט פאַרקױפן זײַנס אַ װערק.
עס איז נישטאָ קײן טיר, װאָס זאָל זיך פאַר אים נישט עפענען. עס איז נישטאָ קײן מענטש, צו װעלכן ער זאָל נישט קענען צוקומען.
ער איז דער גרעסטער קאָמי־װאָיאַזשאָר פון זײַנע אײגענע װערק. און דערבײַ, װי געזאָגט, איז ער כמעט אַ שטומער. ער רעדט בלױז גוט ייִדיש, און דאָס עד היום מיט אַ שאַרפער פּױלישער אױסשפּראַך.
ער האָט זײַנע װערק פאַרקױפט רוסישע פאַרלעגער קענענדיק בלױז אַ צענדליק רוסישע װערטער, און דאָס שרעקלעך פאַרגרײַזט. ער האָט פאַרקױפט זײַנע װערק דײַטשע פאַרלעגער נישט קענענדיק אױסרעדן ריכטיק אײן דײַטשישן זאַץ.
ער איז די לעצטע יאָרן גאָר פּאָפּולער אין דער ענגלישער ליטע־ראַטור אין אַמעריקע, נישט קענענדיק אַרױסזאָגן אָן שװעריקײטן אַ זאַץ.
און אַפילו ייִדיש, די אײנציקע שפּראַך, װאָס ער קען און רעדט, באַהערשט ער נישט װי געהעריק. זײַנעם אַ כתב־יד קען מען אין דרוק נישט געבן. ער האָט כסדר אַ סעקרעטאַר, װאָס שרײַבט אים איבער, מאַכט איבער די זאַצן, שטעלט אײַן פּאַראַגראַפן, באַזאָרגט דעם כתב־יד מיט פּינטעלעך, מיט קאָמאַס און מיט גראַמאַטיק.
און דערבײַ איז ער אױסגעטראַכטע באָבע־מעשה אַז ער איז אַן עם־הארץ.

ער איז אויסערסט אינטעליגענט, אַ סך אינטעליגענטער פון די, וואָס טוען און וואַרפן אים אין פנים דאָס אַלטע יידישע זידל־וואָרט „עם־הארץ״.

ער פאַרמאָגט אַ מעכטיקן אינטעלעקט; דאָס וואָס ער לערנט שרייבנדיק אַ היסטאָרישן ראָמאַן וועט עס אַן אַנדערער נישט לערנען אין יאָרן.

ער איז אפשר אַן עם־הארץ פאָרמעל בלויז:

ער ווייס נישט פון קיין גראַמאַטיק, אָבער ער האָט פאַר יעדער טעמע איר סטיל; זיינע ביבלישע דראַמעס זענען דורך און דורך ביבליש. זיינע וועלטלעכע דראַמעס זענען דורכאויס וועלטלעך.

און יעדע פערזאָן האָט איר לשון.

ער קען קיין זאַץ נישט אויפבויען גראַמאַטיקאַליש. אָבער ער קען אויפבויען אַ ווערק ווי דער גרעסטער מייסטער.

זיינע דראַמעס זענען אמתע דראַמעס. זיי זענען גראַציעז און ממש מאַטעמאַטיש קאָנסטרויִרט. זיינע ראָמאַנען אמתע ראָמאַנען און זיינע נאָוועלן אמתע נאָוועלן. איר וועט נישט געפינען קיין פעלערס אין דער קאָנסטרוקציע פון זיינעם אַ ווערק. די אַרכיטעקטור איז ממש פערפעקט. אין דער זעלבער צייט וועט איר זיך אָנשטויסן אויף עלעמענטאַרע גראַמאַטיקאַלישע פעלערס און אויף פעלערס אין דעם בוי פון אַ זאַץ אין זיינעם אַ כתב־יד.

איר וועט אַפילו געפינען וויסטע גרייזן פשוט אין אויסלייג.

ער איז אין דעם פרט ממש אַ פענאָמען. ער קען גוט דאָס סאַמע אויבערשטע אין דער שרייבערישער קונסט, אָבער ער קען נישט דאָס עלעמענטאַרע.

אַגב, די וואָס שטרענגען זיך אָן מיט אַלע כוחות צו באַווייזן, אַז ער איז אַן עם־הארץ באַמערקן נישט, אַז מיט דעם נעמען זיי אַראָפּ פון זיינע פלייצעס שטיקער פאַראַנטוואָרטלעכקייט.

ער איז בפירוש נישט קיין עם־הארץ און ער קען און מוז זיין פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אַלץ וואָס ער שרייבט.

ווי ער שרייבט אַן עפּעס ווערט ער באַלד אויס שרייבער. ער ווערט באַלד פאַרוואַנדלט אין אַ סוחר, וואָס לאָזט זיך איבער דער וועלט פאַרקויפן זיין ווערק.

און עס האָט נאָך נישט פּאַסירט אַז עמעצער זאָל אים אָפּזאָגן, אָדער אים אָפּנאַרן.

זײַן, אים זאָגט מען נישט אָפּ און אים נאַרט מען נישט אָפּ.

נישט געטראָפן דאָס אָרט...

מיט אײנע פון זײַנע ערשטע דראַמעס „משיחס צײַטן" שפּאַרט ער אָן צו װיערא קאָמיסאַרזשעװסקאַיאַ, צו דער גרעסטער און מאָדערנס־טער רוסישער שױשפּילערין אין פּעטערבורג, אין דעם צאַרישן פּעטער־בורג, װוּ אַ ייִד, נישט קײן ערשטע גילדע סוחר, אָדער נישט קײן דיפּ־לאָמירטער פון אַ רוסישן אוניװערזיטעט, האָט נישט געטאָרט איבער־נעכטיקן.

װ. קאָמיסאַרזשעװסקאַיאַ האָט געשפּילט די ראָמאַנטישע ראָלע פון דער אַסימילירטער ייִדישער מײדל יוסטינאַ.

מיט זײַן „גאָט פון נקמה" שפּאַרט ער אָן צו רײנהאַרד אין בערלין.

און אַלץ זײענדיק אַ שטומער אין אַלע שפּראַכן.

אָט אַזױ האָבן אַמאָל ייִדן געהאַנדלט; זײ זענען געפאָרן איבער לענ־דער קױפן און פאַרקױפן נישט רעדנדיק קײן שום שפּראַך, קענענדיק בלױז די שפּראַך פון מסחר.

דאָס איז נישט קײן נײַעס און נישט קײן חידוש.

עס איז ייִדישלעך, אױב איר װילט.

***

שלום אַש פאַרמאָגט צװײ טאַלאַנטן, אַ טאַלאַנט פון אַ שרײַבער און אַ טאַלאַנט פון אַ סוחר.

װעלכער פון די צװײ טאַלאַנטן איז גרעסער?

איך האַלט, אַז דער סוחר אַש שטײַגט אַריבער אַשן דעם שרײַבער.

קײנער, קײנער קען נישט אַזױ גוט פאַרקױפן אַ װערק זײַנס װי שלום אַש.

צװײ מענטשן, אױסער אים, אַרבעטן אױף זײַנס אַ װערק. אײנער בױט איבער זײַן װערק גראַמאַטיקאַליש, אָנהױבנדיק פון אױסלײג ביז דער קאָנסטרוקציע פון זאַץ, דער צװײטער אַרבעט אױף דער איבער־זעצונג.

ד״ר א. מוקדוני

דיביידע באַקומען גראַשנס, די אַפּותיקא באַקומט ער — אַש.

אָבער דער אמתער סוחר ווייזט זיך אַרויס נישט ביים פּאַרקויפן אַ פּאַרטיק ווערק, נאָר ביים אויסוואַל פון דער טעמע.

דאָ איז ערשט קענטיק דער אמתער סוחר.

ער דערשמעקט דעם מאַרק, דעם ביכער־מאַרק אין אַלע ליטעראַ־טורן, און ער וועט אַרויסלאָזן אַ ווערק, וואָס וועט זיין עובר־לסוחר, וואָס וועט אָנרייסן.

אים אַרט נישט שטאַרק וואָס די קריטיק וועט זאָגן, דער עיקרשט איז — כאַפּן דעם קונה.

י. ל. פּרץ האָט נאָך גאָר פרי, ווען אַש איז געווען אַ גאָר יונגער שרייבער, געזאָגט, אַז אַש שרייבט מיט אַן אויג פאַר דער פרעמדער וועלט.

אויב אין יענער צייט האָט נאָך עמעצער געצווייפלט אין פּרצעס ווערטער, איצט צווייפלט שוין קיינער נישט.

און אַז אַש איז אפשר אַ גרעסערער סוחר ווי שרייבער איז נישט בלויז אַ השערה. איך בין, למשל, זיכער אַז ווען אַש האַנדלט מיט עפּעס אַנדערש ווי מיט ליטעראַטור וואָלט ער געווען אַ סך רייכער.

אַש קען פון אַלץ מאַכן אַ שטיקל געשעפט, אַ מסחרל.

אַש האַנדלט צו מיט אַנטיקן, מיט ייִדישע אַנטיקן. ער האַנדלט זיי אײַן ווי אַ סוחר, ווי אַ מבין און פאַרהאַנדלט זיי ווי אַ סוחר.

ראשית כל קען ער קויפן ווי אַ סוחר, ער וועט ביים קויפן ממש דעם זאַפט פון די ביינער ביים פאַרקויפער אַרויסבאַקומען. ער וועט זיך דינגען און דינגען ביז יענער וועט אים אָפּגעבן דעם אַנטיק בחצי חינם.

און ער ווייס וואָס צו קויפן, ער איז ממש אַן עקספּערט.

און פאַרקויפן דעם אַנטיק וועט ער נישט אַבי וועמען. ער וועט כסדר אויפזוכן אַ רייכן קויפער, וואָס איז דווקא נישט קיין גאָר גרויסער מבין. דער מבין, דער עקספּערט ביי יענעם איז שלום אַש. און זיין פּרייז איז דער ריכטיקער פּרייז.

איך האָב זיך אַמאָל צוגעקוקט ווי אַש האָט געוואָלט קויפן אַ בילד פון אַ ייִדישן מאָלער אויף אַן אויסשטעלונג. דער פאַרקויפער, דער מיטל־מענטש האָט געשטעלט אַ פּרייז. אַש האָט אָנגעבאָטן פונקט אַ דריטל. יענער האָט נישט געוואָלט הערן און אַש איז אַוועק.

אין אַ פּאָר טעג אַרום איז אַש ווידער דאָ.

איצט דערקלערט ער דעם פאַרקויפער, אַז מיט דעם וואָס ער, אַש, וועט קויפן דאָס בילד ביי אים באַקומט ער אַ סך „פובליסיטי". עס וועט צעפויקט ווערן — אַש האָט געקויפט ביי אים אַ בילד. אַ קלייניקייט? ער איז גרייט צו לאָזן ביי אים דאָס בילד פאַר אַ צייט מיט אַ צעטעלע — „פאַרקויפט צו אַשן".

אָבער דער פאַרקויפער האָט געוואָלט דעם פּרייז און נישט די פּובליסיטי.

דאָס איז אפשר דאָס איינציקע מאָל וואָס אַש דער סוחר האָט נישט געקענט איינבייסן אַ צווייטן סוחר.

און דער מקח־וממכר איז „נישט צו שטאַנד געקומען".

איך גלויב אַז אַש האָט פיל מקריב געווען, סתם אַ סוחר וואָלט ער געמאַכט מער געלט.

אָבער ביי שרייבערייַ האָט ער צום געלט אויך כבוד. ביי סתם סוחרערייַ וואָלט ער קיין כבוד נישט געהאַט. ביי שרייבערייַ איז דאָ דער שעפערישער ברען, די הנאה פון שאַפן, דאָס איז נישטאָ אין נאַקעטן מסחר.

ווי אַ סוחר וואָלט ער זיכער זיך צעשלאָגן מיט חברים־סוחרים לכל הפחות אַ פּאָר מאָל אין וואָך.

ביי שרייבערייַ איז עס ביי אים אויך נישט קיין גאָר זעלטענע פּאַסירונג, אָבער מען צערייבט עס, עס בלייבט צווישן אייגענע...

איך האָב אין וואַרשע, אין יאָר 1911, גענוי מיט 40 יאָר צוריק, רעדאַקטירט אַ זאַמלבוך „יידישע יוגנט".

איז אין זאַמלבוך געדרוקט ש. אַשס אַ קאָמעדיע מיטן נאָמען „יחוס".

איז אויף דער צווייטער זייט פון שער־בלאַט דאָ אַ צעטל פון באַוואָרענישן אין עטלעכע מדינות, מיט די אַדרעסן פון באַרימטע פאַרלעגער, וואָס זיכערן דאָס רעכט פון דער קאָמעדיע און מיט וועלכע מען דאַרף זיך שטעלן אין פאַרבינדונג אויב מען וויל איבערזעצן און אויפפירן די דאָזיקע קאָמעדיע. און ער איז דעמאָלט אַלט געווען בלויז 30 יאָר און איז נאָך געווען דורכאויס אַ קוטנער.

איך האָב אַמאָל געלייענט, אַז אַש האָט אָפּגעגעבן דעם יעיל אוני־

ווערזיטעט זיינע מאַנוסקריפּטן און אַ טייל פון זיין קאָלעקציע פון ייִדישע ספרים יקר־המציאותן.

האָב איך געלייענט און נישט געגלויבט — אַש גיט נישט, דאָס איז נישט אין זיין טבע. אַש נעמט כסדר, ער ווייסט גאָר נישט וואָס עס הייסט געבן.

בין איך אַמאָל ביי אים אין הויז און בלעטער ביכער, וואָס זענען אַנגעוואָרפן אויף אַ טיש. פאַלט מיר אַריין אין די הענט אַ קאַטאַלאָג, טאַקע דער קאַטאַלאָג פון די ווערק פון די מאַנוסקריפּטן, וואָס אַש האָט אַוועקגעשענקט דעם יעיל אוניווערזיטעט.

און דאָ דערזע איך, אַז צו אשס נאָמען, ווי דער געבער, איז צוגעגעבן נאָך אַ נאָמען, עס הייסט — אַש־ראַבינאָוויטש זענען די געבער.

פרעג איך ביי אַשן:

— ווער איז דער ראַבינאָוויטש?

ענטפערט ער אָפן:

— דער ייִד האָט ביי מיר געקויפט די דאָזיקע זאַכן, כדי אַוועקצוגעבן זיי צו דעם יעיל אוניווערזיטעט. ער האָט מיר געגעבן 15 טויזנט דאָלער, אָבער איך האָב אויסגענומען אַ תנאי, אז מיין נאָמען זאָל אויך זיין אָנגעגעבן ווי אַ געבער, און ער האָט גערן מסכים געווען...

יאָ, אַש גיט נישט. ער נעמט אַפילו ווען ער גיט.

אַש מאַכט אָפט רייזעס. דאָ איז ער אין רוים, דאָ אין פראַנקרייך, דאָ אין לאָנדאָן און דאָ אין אַנדערע הויפּטשטעט. דאָס זענען אָבער לחלוטין נישט קיין ווילטאַגיקע רייזעס. דאָס זענען געשעפט־רייזעס. זיינע שרייבערישע ביזנעס זענען אַ ריכטיקע עקספּאָרט־ביזנעס, אומעטום זעצט מען איבער זיינע ווערק, און אומעטום דוכט זיך אים, ווייל מען אים אָפּנאַרן. פאָרט ער איינקאַסירן די חובות וואָס אים קומט און פאַרקויפט נייע סחורה.

די גאַנצע וועלט איז אים שולדיק געלט, אָבער ער איז קיינעם, קיינעם גאָר נישט שולדיק...

אַש איז אַ גרויס געשעפט, אַש איז אַ גרויסע פירמע.

און ער טראָגט אַלץ אַליין אויף זיין קאָפּ.

אָבער ווי עס לאָזט זיך אויס די סחורה, זי איז פאַרקויפט, אָדער עס

האָט געטראָפן אַן אומגליק און די סחורה ליגט ווי אַ שטיין, ווי למשל, זיין בוך „טעילס אָוו מאַי פּיפּל”, קומט ער אַהיים, פאַרקאַטשעט די אַרבל און נעמט זיך מיט אַ געוואַלדיקער ענערגיע צוגרייטן נייע סחורה, דאָס הייסט שרייבן אַ ניי בוך.

און ער קען שרייבן 12 שעה אַ טאָג.

און ער פאַרשאַפט זיך די נויטיקע ביכער און ספרים, ווען ער שרייבט אַ היסטאָרישן ראָמאַן, און ער געפינט וואָס ער האָט נויטיק, ער דערשפירט מיט זיין מעכטיקער נאָז ווו עס ליגט דאָס וואָס ער דאַרף האָבן.

אין דער צייט, אין וועלכער ער גרייט צו סחורה, האָט ער קיין זאַך נישט אין זינען. ער טוט און שרייבט, ער איז נערוועז, ער איז צעטומלט, ער איז פאַרהאַוועט און פאַרשמייעט...

ער ווערט ממש צעקנייטשט פון אָנשטרענגונג. אונטער די אויגן הענגען ביי אים טונקעלע זעקלעך, אַ פּוס ברעכט אים, אַ האַנט טוט אים ווי, אָבער ער שרייבט און שרייבט.

און עס וואַקסט דאָס פּעקל פּאַפּיר אויף זיין שרייבטיש. עס וואַקסט ביז עס ווערט הויך און שווער.

אַ ווולקאַן ממש פון שעפערישער ענערגיע איז ער אין דער צייט ווען ער שרייבט.

ער פאַרשלינגט בערג פון מאַטעריאַל און אים איז אַלץ ווייניק. ער קלאָגט זיך כסדר אַז אים פעלט אויס מאַטעריאַל.

די לעצטע יאָרן דאַרף ער שוין מער קיין קונים נישט זוכן. קונים, פאַרלאַגן, זוכן אים, קומען צו אים ווי נאָר זיי דערוויסן זיך, אַז ער האָט עפּעס פאַרטיק.

אָבער אַש איז אויך אַן עקספּאָרט-געשעפט; זיינס אַ בוך ווערט איי־בערגעזעצט אין עטלעכע שפּראַכן.

דאָ שווימען אַרויף פראַגן פון וואַלוטע און אַנדערע פראַגן, וואָס זענען פאַרבונדן מיט עקספּאָרט, און אַש בלאָנדזשעט נישט. ער ווייס אַלע וואַלוטעס און ער ווייס אויך דעם מאַרק פון בוך אין אַ טוץ לענדער.

זיינע כלי־בית, זיינע אַנטיקן, בילדער, טעפּיכער און יקר־המצי־

אותדיקע ספרים זענען ווערט אַ מטמון מיט געלט, דאָס איז אַ טייל פון זיין פּאַרמעגן, זיין סחורה, וואָס ער האָט אויפן לאַגער.

אַש פלעגט זיך פאַרנעמען מיט קהלשע געשעפטן.

ער פלעגט אָפט אַרויספאָרן איבער אַמעריקע אין די אינטערעסן פון „דזשאָינט״ אאַז״וו. ער פלעגט האַלטן געוויינלעך אַ לעקציע. ער פלעגט מעורר זיין דעם עולם צו העלפן אונדזערע אומגליקלעכע ברידער, און פלעגט אַליין אַרויסלאָזן אַ טרער. ער איז אַמאָל סענטימענטאַל, זייער סענטימענטאַל.

אָבער ער פלעגט באַקומען פאַר זיין טירחה גאָר גוט באַצאָלט. די סומע איז קיינמאָל נישט געווען ווייניקער ווי דריי ציפער.

אַש האָט צייט צו אַכטונג געבן ווי געהעריק אויף זיין געזונט. ער שפּילט גאָלף, ער באָדט זיך, ער „טרייבט אַ קאַר״. ער טרייבט זיין אוי־טאָמאָביל מיטן ענטוזיאַזם פון אַ יינגל און מיט דער פּאַרזיכטיקייט פון אַ זקן. און ער גיט אַכטונג אויף דעם אויטאָמאָביל ווי אויף אַ קינד ממש.

ער לעבט דאָס לעבן פון אַ פאַרמעגלעכן סוחר, פון אַ מיטל־קלאַס מענטש. נישטאָ קיין קינסטלערישקייט, באַהעמישקייט אין זיין לעבן.

זיינע געסט זענען אַסימילירטע ייִדן פון מיטלקלאַס, וואָס יאָגן זיך נאָך פּאָפּולערע מענטשן.

שרייבער ייִדישע און ענגלישע קומען נישט צו אים.

ער האָט נישט קיין פריינט.

ער דאַרף נישט קיין פריינט.

אים פאַלט אָפט זייער שווער די איינזאַמקייט, פאַלט ער צו צו אַ מענטשן, אַמאָל צו אַ שרייבער, אָבער באַלד ווערט אים דער נייער פריינט און שרייבער צו לאַסט און פּלוצלונג דערקענט ער זיי גאָרנישט.

ער קען אין אַ גוטער מינוט איינלאַדן צו זיך אַ יונגן ייִדישן שריי־בער, אָבער ווען יענער פרעגט אויף זיין אַדרעס, ענטפערט ער נישט.

אים טוט זייער און וויי זיין איצטיקע אָפגעריסנקייט פון דער ייִדישער ליטעראַטור און פרעסע.

ער איז אין תוך אַ ייִדישער שרייבער, און קודם כל דאַרף זיינס אַ ווערק זיין געדרוקט אין ייִדיש. אַגב, ייִדיש האָט אים נישט געקריוודעט, ייִדיש פלעגט אים געבן אַ פעסטן וועכנטלעכן איינקונפט.

אָבער דער איינקונפט איז קיינמאָל נישט געווען אַזוי גרויס, אַז ער זאָל אײַנגאַנצן באַפרידיקן זיין תאווה צו געלט.

זיין בענקשאַפט נאָך דער יידישער ליטעראַטור און פרעסע איז אָבער נישט אַזוי גרויס, אַז ער זאָל, למשל, מקריב זיין זיינע יעזוס־ביכער...

אַש, דער סוחר, קען עס פשוט נישט תופס זיין — ווי קען מען זיך אָפּזאָגן פון אַזעלכע גרויסע האָנאָראַרן צוליב סענטימענטן און צוליב קלענערע האָנאָראַרן...

און, אגב, לאָזט דער פאַרלעגער זיינער אים נישט צורו, ער מוז האָבן כאָטש איינמאָל אין דריי יאָר זיינעם אַ „בעסט סעלער".

און אַש פאַרשטייט גוט זיין פאַרלעגער. ער איז נישט קיין קלע־נערער סוחר פון זיין פאַרלעגער.

און ווען דער פאַרלעגער פאָדערט, למשל, אַז ער זאָל אַרויסוואַרפן גאַנצע הונדערט זייטן פון זיינעם אַ מאַנוסקריפּט, כדי זיי זאָלן נישט שטערן דאָס בוך צו ווערן אַ „בעסט סעלער", גייט איין אַש אויף דעם לייכט.

אַזוי, למשל, זענען אין דער ענגלישער אויסגאַבע פון זיין בוך „איסט ריווער" נישטאָ גאַנצע 100 זייטן, וואָס זענען יאָ דאָ אין דער יידישער אויסגאַבע.

אין די הונדערט זייטן מאָלט ער די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג מיט אירע פירער און מיט איר אינערלעכער ליידיקייט און פוסטקייט.

דער פאַרלעגער זאָל האָבן דערקלערט אַשן, אַז די דאָזיקע 100 זייט־לעך זענען פאַר אינטעלעקטואַלן. דאָס איז אַ גוטער שטאָף פאַר זיי. פאַר דעם ברייטן לייענער־עולם אָבער איז עס לאַנגווייליקער שטאָף, און ער קען אָפּשלאָגן ביים לייענער דעם חשק צו קויפן דאָס בוך.

איז וואָס וויל אַש, אַ „בעסט סעלער", אָדער אַביסל חן ביי אַ קליי־נער כאָפּטע פון „אינטעלעקטשועלס" (אינטעלעקטואַלן)?

איז, פאַרשטייט זיך, אַז אַש וויל האָבן אַ „בעסט סעלער", וואָס פאַר אַ פראַגע?

און די הונדערט זייטן זענען אַרויסגעפאַלן אין דער ענגלישער אויסגאַבע.

ד"ר א. מוקדוני

**

אַש איז אַ פּאַרזיכטיקער סוחר, דאָס איז אמת, אָבער קלוג און ווייטזיכטיק איז ער נישט.

ער מאַכט דאָ און דאָרט „פאָ פּאַס", פאַלשע טריט, וואָס זענען אומ־פאַרציילעך פאַר אַ קלוגן סוחר.

אַזוי, למשל, איז געווען אַ שלעכטער שאַך־צוג, פון זיין זייט, זיין אַוועקגיין צו די קאָמוניסטן; דער דאָזיקער פאַלשער שריט האָט אים גע־קאָסט גרויס געלט; ער האָט פאַרלאָרן אויך דאָס גרויסע נאָשער־ביסן, נאָך וועלכן יעדער אַמעריקאַנער שרייבער יאָגט זיך: ער האָט פאַרלאָרן אַ קאָנטראַקט פון אַ פילם־פירמע צו פילמען זיין „איסט ריווער".

האָליוווד האָט אָנגעהויבן גראָד אין יענער צייט אַ מין קרייץ־צוג קעגן די קאָמוניסטן, וואָס האָבן זיך פאַרטרענטשעוועט אין דער פילם־אינדוסטריע.

און דאָ האָט מען זיך דערוווּסט, אַז שלום אַש איז גאָר אַ גרויסער מחותן מיט די קאָמוניסטן: ער שרייבט אין זייערע פעריאָדישע אויסגאַ־בעס און לאָזט זיך קרוינען פון זיי מיט ערן־אַמטן אין זייערע אָרגאַ־ניזאַציעס.

דער קאָנטראַקט צו פילמירן זיין „איסט ריווער" איז בטל געוואָרן.

אַש האָט מיר אַמאָל געזאָגט, פאַרבייגייענדיק, אַז די פּראָפיטן פון דעם פילם קען ער מיר פאַרקויפן פאַר 20 טויזנט דאָלער בלויז.

דער פּרייז איז טאַקע 120 טויזנט דאָלער, אָבער רעגירונגס־טעקסעס נעמען אַראָפּ די גאַנצע סמעטענע. צען פּראָצענט באַקומט דער אַגענט, וואָס האָט צונויפגעפירט אַשן מיט דער פילם־פירמע, צען פּראָצענט באַ־קומט דער פאַרלעגער, נאָך צען פּראָצענט ווערן צעריבן פאַר קלענערע מעקלערלעך, און אַזוי אַרום קען ער באַקומען אינגאַנצן וועלכע 20 טויזנט דאָלער.

אָבער 20 טויזנט דאָלער גייען ביי אַשן נישט באַרוועס.

און וואָס איז ווערט דער כבוד, די פּאָפּולאַריטעט? און וואָס איז ווערט דאָס אריינרייסן זיך אין דער פילם־וועלט?

הכלל — זיין אַריבערגיין צו די קאָמוניסטן נאָכדעם ווי ער איז אַוועק פון „פאָרווערטס" איז געווען נישט קיין קלוגער סוחרישער שריט.

און דאָס קאָן זיך אַש נישט מוחל זיין.

אָבער ער האָט געמוזט האָבן אַ יידישע צייטונג, ער איז אַ יידישער שרייבער, און כל ימיו האָט ער זיינע ווערק פריער געדרוקט אין יידיש.

און, ווי געזאָגט, האָט אים דער אָרעמער יידיש נישט געקריוודעט. געווען אַ צייט ווען יידיש פלעגט אים געבן אַ פּאָר הונדערט דאָלער אַ וואָך, און עס איז געווען אין די צייטן ווען דער דאָלער איז געווען דער קעניג פון געלט.

איצט איז ער אינגאַנצן אָפּגעקניפּלט פון די קאָמוניסטן.

אָבער דער שלום מיט דער יידישער גאַס איז אָפּגערוקט געוואָרן אַ סך ווייטער צוליב זיינע יעזוס־ביכער, די גאָלד־גרוב זיינע.

כאָטש איך בין איבערצייגט, אַז דער גרעסטער טייל פון קויפער פון זיינע יעזוס־ביכער זענען יידן.

און דער גרעסטער טייל יידן, וואָס לייענען די דאָזיקע ביכער, זענען עפּעס איבערצייגט, אַז אַש איז געשמדט.

צענדליקער און צענדליקער יידן האָבן מיר עס איבערגעגעבן ווי אַ פאַקט, וואָס איז אַלעמען באַקאַנט.

מיר האָט אַ פרוי דערציילט, אַז זי האָט געהערט אַשן רעדנדיק אין אַ טעמפּל און ער האָט בפירוש דערקלערט, אַז ער איז אַריבער צום קאַטוילישן גלויבן.

זי האָט עס געהערט מיט אירע אייגענע אויערן...

די יידישע לאָגיק איז אַפּנים אַ פּשוטע און אַ ביז גאָר קלאָרע:

אַ ייד קען נישט שרייבן קיין יעזוס־ביכער, סיידן ער האָט זיך געשמדט.

און איר קענט נישט איבערצייגן אַ יידן, אַז אַש איז נישט קיין געשמדטער.

אַש אַליין האָט עטלעכע מאָל דערקלערט אין דער ענגלישער פּרע־סע, אַז ער האָט זיך נישט געשמדט, אַז ער וועט זיך קיינמאָל נישט שמדן און אַז ער בלייבט אַ געטרייער ייד.

אָבער יידן, דערהויפּט די האַלב־אַסימילירטע, בלייבן ביי דאָס זייע־ריקע — אַש האָט זיך געשמדט.

קיין אנטריסטונג, קיין צאָרן און אַפילו נישט טאַדל, הערט איר

נישט פון די דאָזיקע ייִדן, זיי האַלטן עס פאַר לאַגיש און פאַר ביז גאָר קאָנסעקוועגט.

ער ווייס פון דעם און דאָס פאַרשאַפט אים גרויס עגמת־נפש, אָבער אָפּזאָגן זיך פון שרייבן זיינע יעזוס־ביכער וועט ער בשום אופן נישט.

עס איז די שרעק פון אַ סוחר, אַז אַט־אַט ווערט ער אַרויסגעשטופּט פון מאַרק און עס איז אויס מיט אים.

אַגב איז אַש אַ בן־שבעים, נייע טעמעס איז שווערלעך אויפצו־הויבן; ער האָט זיך פאַרמאָסטן צו שרייבן אַ נאָוועלע וועגן משה רבינו, ער האָט אָנגעזאַמלט אַ וועלט מיט מאַטעריאַל, אָבער עס איז אַפּנים אַ צו גרויסע אונטערנעמונג פאַר אים.

ער האָט זיך געגרייט צו שרייבן אַ ראָמאַן פון הורדוסעס צייטן, מיט הורדוס ווי דער העלד, אָבער ער האָט עס אָפּגעלייגט.

שווער צו נעמען זיך צו גרויסע טעמעס אין דעם עלטער; אין דער יעזוס־טעמע האָט ער זיך שוין איינגעאַרבעט.

זיין „איסט ריווער" איז אַן אַלטע טעמע, ער טראָגט זיך שוין מיט איר אַרום יאָרן און יאָרן, אָבער אַרבעטנדיק אין „פאָרווערטס" האָט ער די נאָוועלע, וואָס איז דער עיקרשט אַן אַרבעטער־נאָוועלע, נישט גע־קענט דרוקן.

ווען ער איז אַרויס פון „פאָרווערטס" האָט ער אָנגעשריבן דעם „איסט ריווער".

און דאָ האָט אַפילו זיין ענגלישער פאַרלעגער געפאָדערט צו אַרויס־וואַרפן דעם טייל וועגן דער ייִדישער אַרבעטער־באַוועגונג.

13

שלום אַש און גראַף טאָלסטאָי

שלום אַש און זיינע יעזוס־ביכער האָבן די לעצטע יאָרן אַרויסגע־רופן ממש אַ שטורם אין דער ייִדישער פּרעסע, און פון דער פּרעסע האָט זיך עס אַריבערגעטראָגן אין דער ייִדישער גאַס.

און דאָס מערקווירדיקסטע דערביי איז, אַז די פרומע ייִדן, די רע־ליגיעזע ייִדן, זענען נישט געווען די ערשטע צו באַפאַלן אים.

באַפאַלן האָבן אים די ערשטע דווקא די אַמאָליקע געשוואָרענע אַפּיקורסים, די, וועלכע האָבן אויף אַן אַנדער אופן געטון כמעט דאָס נעמלעכע.

אַפּיקורסות, קאַמף קעגן דער ייִדישער רעליגיע, איז געווען איינע פון זייערע טעטיקייטן.

פון אָנהויב האָט דער קאַמף קעגן אשן געטראָגן אַ ריין פּערזענ־לעכן כאַראַקטער — אַ רעדאַקטאָר האָט זיך שטאַרק צעקריגט מיט זיין מיטאַרבעטער שלום אַש.

אָבער גאָר גיך איז דער קאַמף, אָדער מחלוקת, געוואָרן, אַזוי צו זאָגן, אין גאַנצן אַ לשם שמימדיקע.

די קריסטלעכע רעליגיאָזיטעט אין שלום אַשס ערשטן בוך „דער מאַן פון נצרת“ האָט אויפגעבראַכט אַפּנים דעם אַלטן ראַדיקאַל אַב. קאַ־האַנען נאָך מער ווי אַמאָל די היימישע, די נעענטערע ייִדישע רעלי־גיאָזיטעט.

ד״ר א. מוקדוני

מיטן צווייטן בוך „די אַפּאָסטאָלס" איז די פאַרביטערונג קעגן שלום אַשן געוואָרן נאָך גרעסער, מיטן דריטן בוך „מערי" האָט די פאַרבי־טערונג דערגרייכט די העכסטע שטופע.

און כאָטש איך האָב קיין אָנטייל נישט גענומען אין דעם קאַמף קעגן אַשן, אויסער מיין רעצענזיע אויף „דעם מאַן פון נצרת", וועלכער איז מיר נישט געפעלן געוואָרן פון אַ ריין ליטעראַרישן שטאַנדפונקט, פאַרשטיי איך גוט די פאַרביטערונג קעגן אַשן.

אויף דעם קבר פון זעקס מיליאָן ייִדן קען מען זיך נישט אָוועק־שטעלן און גלאָריפיצירן דאָס קריסטנטום, וואָס איז סוף כל סוף דער שולדיקער אין דעם טויט פון די זעקס מיליאָן ייִדן און אין דעם דריטן חורבן אונדזערן.

דאָס קריסטנטום האָט מעגלעך געמאַכט אָט די דאָזיקע גרויליקע הריגה.

צוויי טויזנט יאָר האָט דאָס קריסטנטום געפּרעדיקט שנאה צו ייִדן, ער האָט פאַרשפּרייט די שרעקלעכסטע בילבולים אויף אונדז, בלוט־בילבולים און אַנדערע שרעקלעכע בילבולים.

און אַ קינד פון קאַטוילישער קירך האָט אָנגעפירט מיטן גרעסטן מאָרד אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט.

דאָס איז דאָס סאַמע שרעקלעכסטע אין אַשס גלאָריפיקאַציע פון קריסטנטום.

זי איז געקומען ראשית־כל אין דער סאַמע שרעקלעך נישט־פּאַסי־קער צייט.

ער איז געגאַנגען אַזוי ווייט, אַז ער האָט אין אַ דערציילונג אין ייִדיש געלאָזט יעזוסן ראַטעווען ייִדן פון אַ פּאָגראָם אין וואַרשע.

אַ פאַרקריפּלטע און אומגליקלעכע ייִדישע פאַנטאַזיע קען קומען און רעדן עפּעס אַזוינס דווקא אין דער צייט, ווען יעזוסעס קינדער האָבן געהאַלטן אין אויסמאָרדן די זעקס מיליאָן ייִדן.

פון אַ ריין טאַקטישן שטאַנדפּונקט איז עס גרויליק ממש.

דאָס איז מער ווי שיטן זאַלץ אויף די ווונדן פון ייִדישן פאָלק, עס איז אָפּווישן דעם מוראדיקן בלוט־פלעק פון דעם קריסטנטום.

קאַטוילישע ליטווינער, קאַטוילישע דייטשן און קינדער פון אַנדע־

רע קריסטלעכע קירכן האָבן גענומען אָנטייל אין דער גרויליקסטער שחיטה אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט.

און דאָ קומט אַ ייִד און גלאָריפיצירט דאָס קריסטנטום, שטעלט עס אַרויס ווי דאָס ריינסטע, ווי דאָס מענטשלעכסטע און דאָס דערהויבנסטע.

נאָך מער — די קריסטן זענען מיר ייִדן אַליין, מיר זענען לייב־לעכע ברידער מיטן קריסטנטום.

כאָטש נעם און פאַל אויפן האַלדז דעם הייליקן ברודער אונדזערן, וואָס איז געשטאַנען הינטער אַלע גירושים פון ייִדן, וואָס האָט אונדז געפּייניקט אין די קעלערן פון דער אינקוויזיציע, וואָס האָט פאַרשפּאַרט אונדז אין די ענגע געטאָס, וואָס האָט געמאַכט פּאָגראָמען אויף אונדז און גערויבט אונדזער האָב און גוטס און צום סוף אויסגעמאָרדעט אַ דריטל פון אונדז.

טאַקטלאָזיקייט איז איינע פון די אייגנשאַפטן פון שלום אַש.

אָט דאָס איז ער אין לעבן און דאָס איז ער אין שרייבן.

איך האָב נישט באַגעגנט אין לעבן נאָך אַזאַ טאַקטלאָזן מענטשן ווי שלום אַש.

זיין גרויסע שרייבערישע טאַקטלאָזיקייט זעט איר אין דער סאַמע יוגנט זיינער: „גאָט פון נקמה“, למשל, איז אַ טאַקטלאָז ווערק.

אָבער עס וואָלט געווען אַ שרייענדיק אומרעכט צו זאָגן, אַז טאַקט־לאָזיקייט איז אַ שרייבערישע שיטה ביי אַשן, ניין, אין אַנדערע ווערק זיינע איז דאָ פּיעטעט גראָד פאַר די ייִדישע הייליקייטן און פאַרן ייִדישן רעליגיעזן לעבן.

אָבער אַש קען זיין טאַקטלאָזער פאַר אַלע טאַקטלאָזע מענטשן אין דער וועלט.

זיינע מאָראַלישע טאָרמאָזן זענען צעשרויפטע, לויזע. זיי קענען נישט טאָרמאָזירן זיינע טאַקטלאָזע אימפּולסן.

אַזוי ווי ער קען נישט קאָנטראָלירן זיין תאווה צו געלט און זיין אַבסאָלוטן נישט־אינטערעס אין וועלכן עס איז מענטשן, מעג עס זיין אַ קאָלעגע, אַ יוגנט־פריינט, אַן אַרויסהעלפער אין זיין שרייבערישער פּראָפעסיע, אָדער אַן איבערזעצער.

חיות, וואָס לעבן בלויז מיט זייערע אינסטינקטן, האָבן נישט קיין

פריינט, ווייסן גאָרנישט פון פריינטשאַפט. געוויסע חיות האָבן בלויז אַ סטאַדע־געפיל, אָשן פעלט אָט דאָס דאָזיקע געפיל אַפילו.

פריינטשאַפט איז אַ הויכע מדרגה, ווייל פריינטשאַפט איז מקריב עפּעס. אָן אָט דעם דאָזיקן סימן מובהק איז פריינטשאַפט קיין פריינט־שאַפט נישט.

דאָ און דאָרט דערפילט ער, אַז ער איז עפּעס אַן איינזאַמער וואָלף, ער דערשרעקט זיך, ער וויל צופאַלן צו מענטשן, מאַכן זיך פריינט און ווערן היימיש מיט מענטשן.

אָבער דער דאָזיקער גוטער סענטימענט ווערט באַלד צערונען עפּעס ווי אַן אַרויפגעצוווּנגענע, פרעמדע און פריקרע נאָכאַמעניש.

און ער איז ווידער אַן איינזאַמער וואָלף, וואָס לויערט אויף רויב און שלעפּט בערג מיט רויב אין זיין באַהעלטעניש.

איך האָב קיינמאָל נישט געהערט אָשן רעדענדיק וועגן די ליידן, וועגן דער אָרעמקייט און וועגן דער נויט פון אַן אַנדערן, פון אַ קאָלעגע און אַפילו פון אַן אייגן קינד.

אויב ער רעדט וועגן דער נויט פון זיינעם אַן אייגן קינד איז עס מיט פאַרדרוס, וואָס דאָס קינד האָט זיך אַרויפגעזעצט אויף זיינע פּליי־צעס, און ער מוז עס טראָגן.

***

אָש האָט מיר אַמאָל געזאָגט, און מיר האָט זיך אויסגעדוכט מיט האַרץ:

— שניידט מיך מיט מעסערס, איך גלויב אין יעזוסן —

און אַז איך האָב געפרעגט:

— וואָס הייסט, איר גלויבט אין יעזוסן? איר גלויבט, אַז ער איז גאָטס אַ זון, אַז ער איז דער משיח, וואָס האָט שוין געבראַכט די גאולה אויף דער וועלט?

— ניין — האָט ער געענטפערט שטיל — איך גלויב אין זיין גרוי־סער נביאישער לערע.

און ער האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן און האָט מער נישט גערעדט וועגן דעם.

און דאָ קומען מיר, לויט מיין מיינונג, צו דעם סאַמע קנופּ פון אַשס יעזוס־פּלאָנטער.

אַש איז דורכאויס אַ געצנדינער, ממש אַ ווילדער, ער לעבט מיט די פּרימיטיווסטע אינסטינקטן.

יעזוסעס לערע פון ליבע צו מענטשן, פון זיך מקריב זיין פאַר מענטשן, צו חברן זיך מיט די אָרעמע, באַליידיקטע און געקריוודעטע, צו אונטערשטעלן די צווייטע באַק, ווען איינער האָט דיר געגעבן אַ פּאַטש אין איין באַק, איז אַזוי ווייט פון אַשן און פון זיין גאַנצן מהות, אַז עס איז גאָרנישט מעגלעך וועלכע עס איז גייסטיקע התקרבות צווישן אַשן און יעזוסעס לערע, ווי אַש שטעלט זי אַרויס אין זיינע ביכער.

עס איז נישטאָ קיין שום פּאַראַניטעט צווישן אַשן און יעזוסן.

אַש איז דער טיפּישסטער געצן־דינער, ווי די מייסטע קינסטלער, ער האָט נישט קיין ליבע אַפילו. נישט קיין אינטערעס פאַר רעליגיע. ער האָט ליב און איז פאַרקאָכט אין אַלע ערדישע תאוות און הנאות.

ער האָט ליב געלט, ער האָט ליב געהאַט פרויען און אַסך; ער האָט ליב עסן, ער האָט ליב טרינקען, ער האָט ליב הייזער, ווילטאָג, נחת און גדולה.

ער איז אַ טיפּישסטער מוסטער פון אַ געצנדינער פון דער סאַמע ווייטסטער און פּרימיטיווסטער עפּאָכע, ווען דער מענטש האָט געלעבט אין וואַלד מיט אַלע חיות צוגלייך, און האָט געזוכט זיין שפּייז ווי יעדע חיה אין וואַלד.

ער איז דער סאַמע בלינדער עגאָיסט.

ער האָט זיך קיינמאָל אין זיין לעבן נישט געטיילט מיט עמעצן מיט עפּעס זיינס.

ער האָט קיינמאָל נישט אין זינען קיין מענטשן.

און איך בין בפירוש נישט אויסן צו אַרויסשטעלן דאָ שלום אַשן ווי אַן אויסנאַם צווישן קינסטלער, אָדער ווי אַ מאָנסטער אין דער קינסט־לערישער וועלט.

ניין, דער קינסטלער איז בטבע אַן עגאָצענטריקער, ער איז כסדר פאַרטיפט אין זיך, ער ציטערט און פלאַטערט איבער זיין שטיקל איך,

ער קען זײַן דער שענסטער מענטש אין זײַנע ווערק, אָבער אין דעם טאָג־טעגלעכן לעבן איז ער דער האַרטסטער עגאָיסט.

אַפּנים, אַז זײַן גוט און שיין אי אין דער אויסגעטרוימטער וועלט און אי אין דער ווירקלעכקייט איז צו פיל.

און די וועלט האָט עס אָנגענומען.

יאָ, אָבער עס פּאַסירט אָפּט, אַז דער קינסטלער ווערט אַ בעל־תשובה.

יעדער זינדיקער מענטש איז עלול צו ווערן אַ בעל־תשובה, און היות ווי דער קינסטלער איז אַ גאָר זינדיקער מענטש, איז ער מער עלול צו ווערן אַ בעל־תשובה.

אין דער וועלט־ליטעראַטור איז באַקאַנט גראַף לעוו טאָלסטאָי ווי דער שאַרפסטער בעל־תשובה; און טאָלסטאָי איז געווען ביז פערציק יאָר אַ זייער זינדיקער מענטש, ער איז געווען אַ שיכור, אַ פרעסער, אַ פרויען־יעגער, הכלל — ער איז געווען אַ לעבעדיקער קנויל פון תאוות.

דער רוסישער שריפטשטעלער־מיסטיקער ד. מערעזשקאָווסקי דער־ציילט, אַז טאָלסטאָי איז אין זײַנע יונגע יאָרן געווען ממש באַנומען פון מאָרד־לוסט; מענטשן האָט ער מורא געהאַט פונדעסטוועגן צו מאָרדן, פלעגט ער מאָרדן חיות און בהמות; אין דער גאַנצער געגנט, אין וועלכער טאָלסטאָי האָט געלעבט, האָט מען געוווּסט, אַז ווען מען דאַרף שעכטן אַ חזיר, דאַרף מען מכבד זײַן טאָלסטאָיען מיט דער דאָזיקער נאָבעלער אַרבעט.

און ער פלעגט פאַרן מײַלן און מײַלן צו טון די דאָזיקע אַרבעט.

אָבער טאָלסטאָי האָט געוווּסט, אַז ער איז אַ זינדיקער מענטש, און דאָס האָט אים געמאַטערט און געפּייניקט, ביז „ער האָט געעפנט די אויגן און ער האָט דערזען דאָס ליכט פון דער קריסטלעכער מאָראַל".

און אָננעמענדיק די קריסטלעכע מאָראַל האָט ער אָפּגעוואָרפן דאָס אָפיציעלע קריסטנטום, די קירך, ער האָט זיך צעקריגט מיט דער רוסי־שער קירך, אַזוי צעקריגט, אַז דער הייליקער סינאָד האָט אים עקסקאָ־מוניקירט פון דער רוסישער קירך.

ער האָט בלויז אָנגענומען די ריינע מאָראַל פון קריסטנטום אָן אירע הייליקע און אָן אירע אָפיציעלע דאָגמעס.

ער האָט גאָר אויסגעפונען, אַז די אָפיציעלע קירך האָט פאַרקריפּלט

די אמתע קריסטלעכע מאָראַל, זי האָט גאָר די אמתע מאָראַל פון קריסטנ־טום פשוט און פראָסט געפעלשט, דאָס וואָס איז דורכאויס אמת.

האָט ער דערקלערט קריג דער אָפיציעלער קירך, ווען ער האָט אָנגענומען די קריסטלעכע מאָראַל.

און זיינע ווערק, זיינע גרויסע ווערק, זענען געבויט אויף דער קריסטלעכער מאָראַל, אויף ריינער מאָראַל אָן די קירכלעכע דאָגמעס און אָן אַפילו דעם נייעם טעסטאַמענט מיט יעזוסן און מיט די אַפּאָס־טאָלן און מיט אַלע זיינע הייליקע.

אין זיינע ווערק וועט איר נישט געפינען דעם נאָמען יעזוס, די נעמען פון די אַפּאָסטאָלן און פון דער הייליקער מוטער.

און די קירך האָט אים געהאַלטן פאַרן סאַמע געפערלעכן אַפּיקורס, זי האָט געקעמפט קעגן אים מיט אַלע מיטלען, ביז זי האָט אים עקס־קאָמוניקירט.

ער, דער קריסטלעכער מאָראַליסט, איז אויסגעשלאָסן געוואָרן פון דער קירך.

און ער האָט נישט סתם בלויז מיטן קאָפּ, אָדער בלויז מיטן האַרץ אָנגענומען די קריסטלעכע מאָראַל, ער האָט זי דורכגעפירט שטרענג אין לעבן.

ער האָט זיין לעבן איבערגעבראָכן אינגאַנצן לויט די געבאָטן פון דער קריסטלעכער מאָראַל.

ער האָט אַפילו זיין אויסערלעך לעבן, זיין אויסזען אַפילו געענדערט; דער עלעגאַנטער, וויציקער, שטיפערישער און צעלאָזענער רוסישער גראַף האָט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די שטאָטישע מלבושים, די רייכע, די שיינע און עלעגאַנטע מלבושים.

ער האָט אַפילו אויסגעטאָן די שטאָטישע שיך און זיי פאַרביטן אויף פויערישע שטיוול ווינטער, און זומער איז ער אַרומגעגאַנגען באָרוועס, ריכטיק ווי די אָרעמע פויערים. ער האָט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די גע־פרעסטע העמדער און אָנגעטאָן אַ פויעריש העמד און אַ פּאָר פויערישע הויזן.

ער האָט פון זיין אַרבעט־צימער, פון זיין סטודיע, אַרויסגעוואָרפן

דעם טייערן טיש, ער האָט פון פשוטע ברעטער צונויפגעקלאַפּט אַ טיש און אויף דעם דאָזיקן טיש האָט ער געשריבן זיינע גרויסע ווערק.

ער האָט אינגאַנצן איבערגעריסן מיט זיינע נאָבעלע און רייכע פריינט און באַקאַנטע און האָט אָנגעהויבן פירן פריינטשאַפט מיט די פשוטע פויערים אַרום יאסנאיא פאָליאנא.

ער האָט אויפגעהערט צו עסן פלייש און צו טרינקען אַלקאָהאָלישע משקאות.

ער האָט זיך אַפילו אָפּגעזאָגט פון האָנאָראַר פון זיינע ווערק, אָבער דאָ האָט זיך אַריינגעמישט זיין פרוי, וואָס האָט זיך געפירט דאָס פּריוער־דיקע, רייכע, פּריצישע לעבן, און האָט אים געצוווּנגען ממש צו איבער־געבן איר דאָס רעכט אויף זיינע ביכער. זי איז געווען אין געפאַר צו בלייבן מיט אירע קינדער אָן פרנסה ממש.

זיין ווערק „וואָסקרעסעניע״ (תחית־המתים) אָבער האָט ער אָפּגע־געבן אָן האָנאָראַר יעדן, וואָס וויל עס דרוקן. בלויז דעם האָנאָראַר פון דער ערשטער אויפלאַגע האָט באַקומען זיין פרוי.

אין זיין סטודיע איז אַ חוץ דעם טיש פון איינפאַכע ברעטער, וואָס איז געוואָרן זיין שרייבטיש, האָט ער געהאַט אַ וואַרשטאַט מיט סטאָ־לערישע און אַנדערע געצייג.

דאָ פלעגט ער אַרבעטן אי גייסטיק און אי פיזיש.

זומער־צייט, ווען די פויערים אין זיין געגנט האָבן געהאַט אַ סך אַרבעט אויף די פעלדער, פלעגט טאָלסטאָי אַרויס מיט זיי אין פעלד און אַרויסהעלפן זיי.

דעם גרויסן קינסטלער איז גאָרנישט איינגעפאַלן צו נעמען דעם נייעם טעסטאַמענט און אים איבערדערציילן קינסטלעריש; ניין, דאָס איז קירכן־ליטעראַטור, און דער קוואַל פון אַלדאָס בייז.

און דערצו איז ער געווען אַ צו גרויסער קינסטלער צו איבערזאָגן, אָדער נאָכזאָגן די קירכלעכע וווּנדיירים.

ער האָט אַרויסגעפירט היינטיקע מענטשן, זיינע מענטשן, וואָס דאָס געוויסן איז נישט געווען ריין ביי זיי און האָבן זיך געראַטעוועט דורך ריינער תשובה און חרטה.

אין זיין ראָמאַן „וואָסקרעסעניע״ פירט ער אַרויס אַ רוסישן יונגן

פריץ, וואָס פאַרפירט אַ יונגע און שיינע דינסט, דווקא אין דער נאַכט ווען דער געקרייציקטער יעזוס איז געוואָרן צוריק לעבעדיק.

דאָס מיידל ווערט אַ פּראָסטיטוטקע, און לסוף באַגייט זי אַ פאַר־ברעכן און מען פאַרמשפּט זי צו לאַנגער תפיסה.

דערפילט דער יונגער פריץ, אַז אייגנטלעך איז ער גאָר דער שול־דיקער, און ער גייט נאָך דאָס מיידל אויף איר דערנער־וועג ביז ער האָט חתונה מיט איר און זיין גרויסע זינד ווערט אָפּגעמעקט.

אין דער פּערזאָן פון לעוו טאָלסטאָי האָבן מיר דעם ריכטיקן קינסט־לער, וואָס איז צוגעפאַלן צו דער קריסטלעכער מאָראַל און ער איז גע־וואָרן אַ גרויסער בעל־תשובה.

***

אין שלום אַשס לעבן איז קיין שום ענדערונג נישט פאָרגעקומען זינט ער איז „פאַרכאַפּט געוואָרן" פון דער קריסטלעכער מאָראַל.

ער איז רייכער געוואָרן, ער איז זינדיקער געוואָרן (לויט דער קריסטלעכער מאָראַל), ער איז געוואָרן אַ גרעסערער געצנדינער ווי פרי־ער, איידער ער האָט דערזען דאָס ליכט פון דער קריסטלעכער מאָראַל.

ער איז דער זעלביקער עולם־הזהניק ווי פריער, עס האָט זיך גאָר־נישט געענדערט אין זיין לעבן, אַבסאָלוט גאָרנישט.

זיין באַנק־ביכל בלויז איז געשוואָלענער געוואָרן.

טאָלסטאָי איז געוואָרן אַן אָרעמער מענטש, ווען ער האָט אָנגענו־מען די קריסטלעכע מאָראַל, שלום אַש איז געוואָרן אַ רייכער מענטש זינט ער האָט דערזען דאָס ליכט פון דער קריסטלעכער מאָראַל.

ער איז, הייסט עס, פון אַ פּראָלעטאַריער, פון אַן אָרעמען יידישן שרייבער, געוואָרן אַ רייכער מענטש. דאָ האָט איר פאַר זיך דעם פּאַראַ־לעל אין דער מאָראַל פון די צוויי קינסטלער, ביידע באַקערטע צו דער קריסטלעכער מאָראַל.

מאַכן אויספירונגען איז דאָ אין גאַנצן איבעריק.

און עס וואָלט געווען אַן אומרעכט פונדעסטוועגן צו זאָגן, אַז דאָס אַלץ טוט אַש מיט אַ לייכטן געמיט, אָדער לייכטזיניק.

זיינע ליידן זענען באמת גרויסע, ער איז כמעט אַ מגודה.

ד"ר א. מוקדוני

פון דער יידישער ליטעראַטור איז ער אינגאַנצן אַרויסגעשטויסן געוואָרן, און די יידישע ליטעראַטור איז זיין היים, זיין נאַטירלעכע היים, זיין היים, אין וועלכער ער איז אויפגעהאָדעוועט געוואָרן.

ער האָט קיין אַנדער ליטעראַרישע היים.

די ענגלישע ליטעראַטור וועט קיינמאָל נישט זיין זיין היים.

איז פאַרוואָס טוט ער עס?

גאָר פשוט — ער קען נישט גובר זיין דעם יצר־הרע פון פירסום אין דער גוייִשער וועלט, אָבער דער עיקרשט — ער קען נישט גובר זיין די תאווה צו געלט.

ווי ער שרייבט אָן אַ קריסטלעך בוך, הויבט אָן צו רעגענען אויף אים מיט דאָלאַרן, עס וואַקסט און וואַקסט דער באַרג פון דאָלאַרן...

און אַ ווילדע פרייד כאַפּט אים אַרום...

אַזוי פיל דאָלאַרן, אַזוי פיל...

און עס רעגנט מיט דאָלאַרן וואָכן, חדשים און אַפילו יאָרן.

דעם גרעסטן ווילטאָג קען ער זיך פאַרגינען.

דאָס רייכסטע און דאָס בעסטע קען ער זיך פאַרגינען.

ער איז נישט קיין אַסקעט, זיין תאווה צו אַלע גוטע, רייכע געשמאַקע זאַכן, וואָס די זינדיקע וועלט פאַרמאָגט, איז מוראדיק.

יאָ, עס זענען דאָביישפּילן ענלעכע אויך אין דער ענגלישער ליטעראַרישער וועלט: טשעסטערטאָן, דער שאַרפער ענגלישער שריפטשטעלער, איז אַריבער צו דער קאַטוילישער קירך, און ער האָט זיך ממש אויף אַ האָר נישט געענדערט.

געפינט איר אין זיין שרייבן קיין שום ענדערונג נישט, אָבער לחלוטין נישט.

העיווּד ברון האָט זיך באַקערט צום קאַטאָליציזם, ער איז געבליבן דער זעלביקער מענטש און שרייבער.

און אַזוי איז מיט אַלע אַנדערע שריפטשטעלער, וואָס האָבן די לעצטע יאָרן זיך באַקערט צו דער קאַטוילישער קירך.

עס איז זייער פּריוואַט זאַך.

מאַכן ליטעראַטור קענען זיי נישט פון אַזאַ טיף־אינטימער און טיף־אינדיווידועלער איבערלעבונג.

און שלום אַש האָט זיך נישט געשמדט און וועט זיך נישט שמדן, דער געדאַנק בלויז וועגן דעם וואַרפט אַרויף אויף אים אַ פּחד.

ער איז דורך און דורך אַ ייִדישער מענטש.

ער איז געוואָרן אַפילו ייִדיש רעליגיעזער זינט ער איז געוואָרן אַזאַ נאָענטער מחותן מיטן קריסטנטום.

איך האָב געזען, ווי ער מאַכט אַ ברכה איבערן ברויט ביים עסן, האָב איך געקוקט און געוואָלט אויסגעפינען צי איז עס שפּיל צי טאַקע רעליגיאָזיטעט.

בין איך נישט געקומען צום באַשלוס, אַז ער איז געוואָרן ייִדיש־רעליגיעזער, ניין, עס איז זיכער דער שרעק פאַר דאָס קריסטלעכע, וואָס ער זאַפּט איין אין זיך.

עס איז אַ מין שילד, אַ מין שירעם קעגן דעם, אַז קריסטנטום זאָל אים באמת פאַרכאַפּן...

דאָס איז, פאַרשטייט זיך, מיינע אַ השערה.

און נישט קיין פעסטע און זיכערע.

***

יאָ, ייִדן לעבן אין אַ פרעמדער וועלט, אָבער גרויסער וועלט, די אייגענע וועלט ווערט אַלץ קלענער און קלענער.

די אַסימילאַציע פעקלט אַריבער גאַנצע מחנות פון יונגע, טאַלאַנט־פולע ייִדישע מענטשן אין דער גרויסער, פרעמדער וועלט.

ווערט אַלץ לויזער און לויזער דער בונד פון דעם הייַנטיקן ייִדן צו זיין וועלט.

האָט אַש געוואָלט זיך אַריינרייסן אין דער גרויסער וועלט, ער האָט גענומען פאַרקויפן די פרוכט פון זיין טאַלאַנט דער פרעמדער וועלט.

און די פרעמדע וועלט צאָלט מיט שווערע מזומנים.

עס איז אַ גרויסער נסיון, אַ צו גרויסער נסיון פאַר אַ ייִדישן מענטשן פון דער טיפער פוילישער פּראָווינץ.

האָבן דאָך פוילישע ייִדן, וואָס האָבן זיך געראַטעוועט פון דעם פוילישן אַנטיסעמיטיזם קיין מעקסיקע, געפעדלט מיט הייליקע קריסט־לעכע בילדער איבער די קאַטוילישע מעקסיקאַנישע דערפער.

אָבער די דאָזיקע ייִדן, ווי זיי האָבן נאָר דערפילט עטלעכע הונדערט פּעזאָס אין זייער קעשענע, האָבן זיי אָפּגעשטעלט דעם דאָזיקן האַנדל. זיי זענען געקומען אין שטאָט און אָנגעהויבן בויען פאַבריקן.

זיי האָבן אויסגעלערנט די מעקסיקאַנער און די מעקסיקאַנערינס צו טראָגן שיך, זיי זענען רייך געוואָרן, שטאַרק־רייך געוואָרן, און זיי האָבן שוין לאַנג פאַרגעסן, אַז זיי האָבן אַמאָל געהאַנדלט מיט הייליקע קריסט־לעכע בילדער.

זיי זענען גוטע ייִדן, זיי האָבן אויסגעבויט די בעסטע ייִדישע שול־געביידע, זיי האָבן ייִדישע צייטונגען, גיבן אַרויס ייִדישע ביכער און לעבן ווי ייִדן.

אויך פאָלקס־מענטשן, אָבער עפּעס פעסטער, גאַנצער זענען זיי.

זיי האָבן געפּעדלט מיט הייליקע קריסטלעכע בילדער, אָבער זיי האָבן די בילדער נישט גלאָריפיצירט, נישט באַזונגען און נישט געגלאָצט מיט די אויגן.

זיי האָבן פאַרקויפט קריסטלעכע הייליקע בילדער צוליב פּרנסה, מער נישט, זייער באַציִונג צו די דאָזיקע הייליקע בילדער איז געבליבן די זעלביקע ווי פריִער.

זיי זענען נישט געוואָרן קריסטלעך דורכן האַנדל מיט די הייליקע קריסטלעכע בילדער.

דאָ האָט מסחר גאָרנישט פאַרלאַנגט פון זיי, און אויב ער וואָלט פאַרלאַנגט, וואָלטן זיי נישט איינגעגאַנגען אויף דעם.

אין דעם בין איך זיכער.

דער שרייבער, וואָס האַנדלט מיט אזא סחורה, האַלט אָבער, אַז ער דאַרף צולייגן האַרץ און נשמה צו דעם אַרטיקל...

יאָ, אונדזער לעבן איז אַ שווערער פּלאָנטער.

און שלום אַש איז אי אַ קינד און אי אַ קרבן פון דעם דאָזיקן פּלאָנטער.

14

אברהם רייזען – די מאַמע פון דער ייִדישער ליטעראַטור

פערזענלעך האָב איך זיך באַקענט מיט אַברהם רייזען אין וואַרשע; דורך בריוו זענען מיר שוין געווען באַקאַנט לאַנג צוריק. איך האָב גע־דרוקט אין איינעם, אָדער אין צוויי פון זיינע זשורנאַלן עטלעכע קורצע דערציילונגען מיינע.

איך האָב דערזען פאַר זיך אַ שמייכלענדיקן הויכן און טונקעלן מאַנספּאַרשוין מיט אַ פּאָר פּעך־שוואַרצע וואָנצעס און אַ פּאָר אויגן פול מיט מאַמעשער גוטסקייט און גדולה, ווען זי דערזעט איר קינד נאָך יאָרן און יאָרן שיידונג.

ער איז געווען שלאַנק און גלייך ווי אַ סטרונע, ער איז געשטאַנען און געגאַנגען מיטן ברוסט־קאַסטן פאָראויס; דאָס איז אים אַפּנים גע־בליבן פון זיינע סאָלדאַטישע יאָרן דינענדיק ביי „פאָניעז", ווי מען פלעגט זאָגן.

ער איז געווען דער זעלביקער רייזען וואָס הייַנט.

אַ מאַמע פון גראַטעטנע קינדער, אַלע זענען קלוג ווי די וועלט, אַלע זענען גאונים, אַלע זענען איבערגעלאָדן מיט טאַלאַנט און אַלע קענען אויסטרייסלען פון אַרבל די גרעסטע שרייבערס פון אַלע נישט־ייִדישע ליטעראַטורן.

אויב מענדעלע איז געווען דער ביזלעכער זיידע פון דער ייִדישער

ד״ר א. מוקדוני

דאָס לאַכנדיקע איניקל פון דער יידישער ליטעראַטור און שלום עליכם — ליטעראַטור, איז אַברהם רייזען געווען און איז עד־היום די האַרציקע מאַמע פון דער יידישער ליטעראַטור.

ביי אַ גוטער יידישער מאַמע זענען גאָר נישטאָ קיין נישט־געראָ־טענע קינדער, אַלע זענען קלוג, שיין און געראָטן.

און איך האָב קיינמאָל נישט געהערט פון רייזענען אַ שלעכט וואָרט וועגן אַ יידישן שרייבער, איר קענט ביי אים פועלן אַמאָל, אַז דער אָדער יענער שרייבער איז נישט קיין ערשט־קלאַסישער טאַלאַנט, אָבער דאָס נאָך אַ סך, אַ סך דינגעניש.

און צוגעבן וועט ער עס נישט מיט פרייד, ניין...

אַגב, עס מאַכט נישט אויס, אַ ברודער מעג זאָגן אַ שלעכט וואָרט וועגן זיין אייגענעם ברודער...

אָט די מאַמעשקייט האָב איך געזען ביי אים אין זיינע יונגע יאָרן און איך זע עס אויך איצט אויף זיינע עלטערע יאָרן.

איצט אפשר נאָך מער ווי אין די יינגערע יאָרן.

ער האָט רעדאַקטירט אין יענער צייט אַ וואָכנבלאַט, וואָס האָט געהייסן „די אייראָפּעאישע ליטעראַטור״, אַ וואָכנבלאַט, וואָס האָט זיך באַדאַרפט אָפּגעבן דורכאויס מיט איבערזעצונגען פון די קלאַסיקער פון די אייראָפּעאישע ליטעראַטורן.

אָבער ביי דער זייט פון די גרויסע קלאַסיקער האָט ער אויך גע־דרוקט אָריגינעלע דערציילונגען פון יידישע קלאַסיקער, די דאָזיקע יידי־שע קלאַסיקער זענען געווען מיינסטנס אָנפאַנגער, אָבער לויט אַברהם רייזענס פאַרזיכערונג, וועלן זיי זיין קלאַסיקער אין דער גאָר נאָענטער צוקונפט, זיי דאַרפן בלויז אָפּדרוקן נאָך עטלעכע דערציילונגען...

און דערביי איז אַברהם רייזען נישט געווען און איז עד־היום נישט נאַיוו ליטעראַריש.

ער ווייסט גוט ליטעראַטור און ער איז אַ גוטער מבין אויף ליטע־ראַטור.

אָבער, ווי געזאָגט, ער איז די מאַמע פון דער יידישער ליטעראַטור, די גוטע מאַמע, וואָס טוט און גיט דער יידישער ליטעראַטור לויטער וווּנדער־קינדער.

אין רייזענען איז אויך דאָ עפּעס גאָר פּרומס: ער חברט זיך מיט גרויסע שריפטשטעלער, אָבער ליב האָט ער דווקא די קליינע, די נישט־באַמערקטע, די פאַרגעסענע, די זייטיקע און די, וועלכע דער אַלמעכ־טיקער האָט נישט באַשענקט מיט גאָר גרויסן טאַלאַנט.

אָט די קלענערע זענען אַלע מאָל געווען זיינע חברים, זיינע מקור־בים און זיינע ליבלינגס אַפילו.

אַזוי איז ער געווען און אַזוי איז ער עד־היום, דאָס איז דאָס שיינע, דאָס פרומע און דאָס רירנדיקע אין אַברהם רייזענען.

און אַזוי איז אברהם רייזען ווי אַ שרייבער. זיינע העלדן זענען די אָרעמע, די דערשלאָגענע און די פאַרגעסענע.

ער נעמט זיי אַרויס פון דער פאַרגעסנקייט און פירט זיי אַרויס, ווי אַ גוטע מאַמע, באַשטראַלטע אין דער וועלט אַריין.

אין די „לאַמעד שאַפּיראָס כתבים", וואָס זענען אָקאָרשט דערשי־נען, איז דאָ אַ ווערטל שאַפּיראָס וועגן רייזענען — „א. רייזען האָט גע־נומען די וואָכעדיקייט און זי אַרויסגעלייגט אויף נאָטן".

שפּעטער איז רייזען געוואָרן אויך אַ מיטאַרבעטער פון „פריינד", אָבער ער איז געווען כסדר נאָענט צום פאַרלאַג „פּראָגרעס", דאָס הייסט, צו לידסקיס פאַרלאַג.

א. רייזען איז געווען אין דעם דאָזיקן פאַרלאַג ממש אן אייגענער מענטש, ער האָט כסדר געהאַט עפּעס געשעפטן מיט דעם דאָזיקן פאַר־לאַג. דאָ האָט ער געדרוקט זיינע ווערק אין דעם דאָזיקן פאַרלאַג, דאָ האָט ער אַרויסגעגעבן אַ זשורנאַל פאַר דעם דאָזיקן פאַרלאַג און דאָ האָט ער פאַרשדכנט די ווערק פון אַנדערע דעם דאָזיקן פאַרלאַג.

פאַרשטייט זיך, אַז דער דאָזיקער פאַרלאַג האָט זיך קיינמאָל נישט אָפּגענאַרט, ראשית זענען א. רייזענס ווערק זייער גאַנגבאַר און צווייטנס איז א. רייזען כסדר געווען דער נאָכגיביקער ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן האָנאָראַר.

וועגן רייזענס האָנאָראַר־געשעפטן מיט לידסקין זענען אַרומגעגאַנ־גען ממש לעגענדעס אין וואַרשע:

לידסקי זאָל האָבן געצאָלט רייזענען עפּעס אַ קאָפּיקע מיט אַן אַכטל קאָפּיקע פאַר אַ שורה אין דעם זשורנאַל „די אייראָפּעאישע ליטעראַטור",

פון דעם האָט ער, רייזען, באַדאַרפט צאָלן האָנאָראַר די מיטאַרבעטער און באַקומען אויך באַצאָלט פאַר זיין שווערער רעדאַקטאָרישער אַרבעט.

עס זענען געווען כסדר תשבורתדיקע חשבונות, און רייזען האָט זיך נישט פאַרלאָרן און נישט פאַרפּלאָנטערט אין זיי.

און די צוויי נאָענטסטע חברים זיינע, ה. ד. נאָמבערג און שלום אַש, האָבן אים געהאַלטן פאַר אַן עושר.

מען האָט דערציילט ווי אַ שפּאַס און ווי אַ שטיק ערנסט, אַז אַש פלעגט זיך אַוועקלאָזן אין דער גרויסער וועלט און האָט זיין פרוי נישט געקענט לאָזן קיין געלט, פלעגט ער אַ זאָג טון זיין פרוי:

— דו וועסט נעמען ביי רייזענען, ווען עס וועט זיין שלעכט.

פאַרשטייט זיך, אַז איך גאַראַנטיר נישט פאַר דער אמתדיקייט פון דער דאָזיקער מעשה, איך גיב איבער בלויז וואָס איך האָב געהערט.

א. רייזען זאָל האָבן אָפילו אָפּגעשפּאָרט פון לידסקיס קאַרגע האָנאָ־ראַרן קניפּלעך, פלעגן עס נאָמבערג און אַש דערשמעקן און עס אַרויס־פּאַמפּען פון אים.

וועגן דעם האָב איך געהערט אַזאַ מעשהלע:

זיצן אין אָסטראָווסקיס קאַוויאַרניע אברהם רייזען און ה. ד. נאָמבערג און טרינקען קאַווע, פאַלט אַראָפּ ווי פון מאַרס שלום אַש און זעצט זיך צו צו זיי.

אַש רופט צו באַלד דעם קעלנער און הויבט אָן באַשטעלן עפּעס, רייזען ווייסט, אַז ער וועט דאָ מוזן זיין דער צאָלער, אַגב, האָט ער מורא פאַר אַשס אַפּעטיט, אַשס אַפּעטיט האָט גאָר גרויסע השגות.

זיצט רייזען און שרעקט זיך.

מיט אַמאָל איז זיך אַש מישב און גיט אַ זאָג:

— וואָס זיצן מיר דאָ? לאָמיר גיין אין אַ קאַבאַרע, קומט, יאַך צועל.

קען אָבער רייזען זייער גוט זיינע חברים און הויבט אָן צו אָפּ־רעדן זיי:

— וואָס וועלן מיר דאָרט זען, וואָס מיר האָבן שוין נישט געזען, און דאָס עסן איז דאָרט שלעכט און טייער, דאָ איז די בעסטע מאכלים, לאָמיר זיצן דאָ, לאָמיר בעסער רעדן, שמועסן.

— אָבער יאַך צועל, וואָס האָסטו מורא, רייזען?

מישט זיך שוין אַריין נאָמבערג:

— אַז ער צועלט, איז דאָך נישטאָ וואָס צו רעדן, קים, רייזען!

לאָזט מען זיך אַוועק אין אַ קאַבאַרע.

וויל אַש באַשטעלן אַ פלאַש וויין.

ווערט שוין רייזען דערשראָקן אויף אַן אמת:

— וואָס האָט מען פון וויין, לאָמיר בעסער טרינקען ביער, ביער איז געזונט, די דייטשן טרינקען ביער, איז יעדער דייטש אַ גיבור, און די פראַנצויזן, וואָס טוען און טרינקען וויין זענען קליינינקע און דאַרינקע.

— אָבער יאָך צועל, זאָגט אַש, וואָס גייט עס דיר אָן?

אויפן טיש שטייט אַ פלאַש וויין, מען טרינקט, מען רעדט און מען לאַכט.

פלוצלונג גיט אַש אַ פרעג רייזענען:

— רייזען, ווילסט האָבן מיינע אַ דערציילונג פאַר דיין זשורנאַל?

בײַ רייזענען צעפלאָקערן זיך די אויגן. צי ער וויל האָבן אַשס אַ דערציילונג? ער האָט ליב אַשס דערציילונגען ווי דאָס לעבן, אָבער אַש איז אַ צו טייערער בעל־דבר פאַר זיין זשורנאַל.

— אַוודאַי וויל איך, אָבער דו ווייסט דאָך וועלן ראָטשילדס פאַר־מעגן פאַר דיין דערציילונג.

— ניין, זאָגט אַש, צאָל בלויז פאַר דער פלאַש וויין.

— ווו האָסטו די דערציילונג? — פרעגט רייזען.

— ביי מיר אין קעשענע, דו באַקומסט די דערציילונג אויפן אָרט, צאָל נאָר פאַרן וויין.

— גיב מיר די דערציילונג, אויב דו האָסט זי דאָ.

און אַש נעמט אַרויס אַ פעקל פאַפּיר און דערלאַנגט רייזענען, רייזען באַטראַכט דעם כתב־יד, לייענט עטלעכע שורות, עס איז אַשס אַ דערציילונג, לייגט ער אַריין מיט פרייד די דערציילונג אין בוזים־קע־שענע און צאָלט אָפּ פאַרן וויין.

אין אַ פאָר טעג אַרום דערזעט רייזען, אַז די דערציילונג איז אָפּ־געדרוקט אין אַן אַנדער זשורנאַל אָדער צייטונג...

און די דריי חברים האָבן זיך באַגעגנט אין אַ פאָר טעג אַרום ביי

אַסטראָווסקין און אַלע דריי האָבן געלאַכט, קיינמאָל האָבן זיי נישט געלאַכט אַזוי געשמאַק.

און א. רייזען האָט געלאַכט העכער פון אַלעמען...

ווידער — פאַר דער אמתדיקייט פון דער דאָזיקער מעשה גאַראַנטיר איך נישט.

אָבער כאַראַקטעריסטיש איז זי פאַר רייזענען און פאַר זיינע צוויי אַמאָליקע חברים. אויב זי איז אויסגעטראַכט, איז זי גוט אויסגעטראַכט, איר האָט די דריי כאַראַקטערן קלאָר און שאַרף.

**
*

איך קען רייזענען 40 יאָר.

די יידישע ליטעראַטור איז זיין גרעסטע ליבע, זיין ליידנשאַפט און זיין גרויסע פרייד.

ער האָט געלעבט זיין לעבן אָרעם, אָבער גליקלעך, אַמאָל אַפילו אין דחקות, אָבער אין ער איז געווען גליקלעך, די יידישע ליטעראַטור איז געווען כסדר זיין גליק, זיין וואַרעמע היים, זיין ליכטיקע היים.

און אפשר ווייל אים איז אַזוי גוט, אַזוי ווויל און אַזוי וואַרעם און ליכטיק־היימיש אין דער יידישער ליטעראַטור זענען אַלע, וואָס שרייבן יידיש, ביי אים אַזוי ליב און אַזוי גרויס.

ער האָט קיינמאָל קיין טענות נישט צו דער יידישער ליטעראַטור, צום יידישן לייענער, צום יידישן אַרויסגעבער און צו אַלע, וואָס עוסקן אַרום דער יידישער ליטעראַטור, און אַפילו נישט צום יידישן פאָלק.

און ער האָט, פאַרשטייט זיך, ליב דעם יידישן מענטשן, די טעמע פון דער יידישער ליטעראַטור.

און דעריבער שרייבט ער וועגן יידישן מענטשן מיט גרויסער ליבע, מיט עכטער וואַרעמקייט און נאָענטקייט.

קיינער איז אַזוי נישט נאָענט צום העלד פון זיינע דערציילונגען ווי אַ. רייזען איז נאָענט צו זיינע אָרעמע, שטילע און גרויע העלדן.

א. רייזען איז ממש פאַרליבט אין יעדן העלד פון זיינער אַ דערציילונג.

זיינע לידער זענען געוואָרן פאָלקס־לידער, זיי האָבן זיך אַריינגע־גנבעט אין האַרץ פון פאָלק.

איך האָב געטראָפן ייִדן, וואָס זענען שוין דערוואַקסענע פון ייִדיש־קייט, אָבער ווען זיי צעוואַרעמען זיך דעקלאַמירן זיי רייזענס אַ ליד.

יאָרן און יאָרן פון פרעמדקייט האָבן נישט אָפּגעמעקט פון זייער זכרון רייזענס ליד, דאָס ליד איז געבליבן פריש און צאַפּלדיק אין זייער זכרון.

א. רייזען איז זיין גאַנץ לעבן אַ ראַדיקאַל, אָבער זיין ראַדיקאַ־ליזם קומט נישט אויס שנאה צום רייכן, צום סאָציאַלן בעל־עוולה, צום עקספּלואַטאַטאָר. זי קומט פון אַ קרישטאָל־ריינעם קוואַל — פון ליבע צום אָרעמען מענטשן, דער אָרעמער מענטש איז זיין לייבלעכער קרוב. ער דאַרף נישט קיין פילאָזאָפיעס וואָס זאָלן זיך פאַר אים דערקלערן אין ליבע צום אָרעמען און באַוואולהטן. דאָס דאַרף דער רשע, א. רייזען דאַרף עס נישט, דער אָרעמער איז פון זיין סאַמע יוגנט זיין לייבלעכער קרוב.

ביי אַ. רייזענען איז נישטאָ קיין שלעכטער שרייבער, ווי ביי אַ שיכור איז נישטאָ קיין שלעכטע בראָנפן.

איר קענט ביי אים, ווי געזאָגט, אַראָפּדינגען פון זיינער אַ גוטער מיינונג וועגן שרייבער, ער וועט אייך נאָכגעבן אויף אַ ווייל, אַז דער, אָדער יענער שרייבער איז נישט קיין שעקספּיר, אָבער דאָס איז בלויז אויף אַ ווײַלע. ווי איר לאָזט אים אָפּ איז ער ווידער ביי זיין פריִערדי־קער מיינונג.

פאַר די לאַנגע שרייבערישע יאָרן זיינע איז ער אויף אַ רגע אַפילו נישט געוואָרן קיין ציניקער. און ציניקער ווערן דאָך דאָס רוב קינסט־לער, וואָס פּראַקטיצירן אַ קונסט לאַנג.

ער איז אַ מין ר׳ לוי יצחק בערדיטשעווער אין אונדזער ליטעראַטור.

ער איז דער אייביקער מלמד זכותניק.

ער וועט נישט באַגעגענען אַ שרייבער און נישט זאָגן אים אַ גוט און וואַרעם וואָרט.

שרייבער אָבער זענען בטבע עגאָיסטן, זיי שאַצן עס נישט אָפּ, ווייל רייזען האָט פאַר אַלעמען אַ גוט וואָרט.

אַ שרייבער וויל אַ גוט וואָרט בלויז פאַר זיך אַליין...

פֿאַראַז אַזעלכע, וואָס ווילן נאָכטון רייזענען אין דעם פּרט, אָבער עס באַקומט זיך נישט עפּעס עכטס. ביי איינעם קומט אַרויס פּשוטע חניפה, ביי אַ צווייטן פּאָליטיק, ביי אַ דריטן פֿאַרשלייערטע איראָניע און ביי אַ פערטן אָפענע נישט־אויפריכטיקייט.

ביי רייזענען קומט עס אַרויס עכט, עס קומט אַרויס ביי אים עכט ווען אַפּילו עס איז נישט עכט.

אַ סך צווייפלען אין רייזענס אויפריכטיקייט.

אָבער אַ מענטש קען נישט זיין זיין גאַנץ לעבן נישט־אויפריכטיק, און פאַר די 40 יאָר וואָס איך קען רייזענען איז ער דער זעלביקער.

ווען עס איז אַפּילו פון אָנהויב נישט געווען, לאָמיר צולאָזן, נישט אינגאַנצן אויפריכטיק, איז עס געוואָרן אויפריכטיק פון אַזאַ לאַנגן גע־ברויך, עס האָט געמוזט ווערן די צווייטע נאַטור זיינע.

אַ. רייזען איז פאַרטון אין דער יידישער ליטעראַטור, ווי אַ פרומער ייד אין תלמוד און אין אַנדערע רעליגיעזע ספרים.

און ווי יענער ייד האָט ער זיך דערווייטערט פון דער פּראַקטישער וועלט. ער ווייסט אַפּילו אין אַ געוויסער מאָס נישט פון קיין צורת מטבע.

וועגן רייזענס געלט־טראַנזאַקציעס זענען אַרומגעגאַנגען אין איראָפּע און גייען אַרום אין אַמעריקע וווּנדערלעכע מעשיות.

אַזעלכע מעשהלעך פלעגן חסידים דערציילן וועגן זייערע רביים, אָדער פרומע יידן וועגן גרויסע גאונים.

מען דערציילט, למשל, אַזאַ מעשה:

אין איינער פון זיינע יובילײ־פייערונגען האָט מען אים אונטערגע־טראָגן אַ מתנה אַ געוויסע סומע געלט. דאָס געלט האָט מען אַריינגע־טראָגן אין אַ באַנק אויף זיין נאָמען, און אים האָט מען געגעבן אַ טשעק־ביכל, ער זאָל קענען אויסשרייבן טשעקן.

דאָס טשעק־ביכל איז געווען גראָד אַ בייכיקער, דאָס הייסט, ער האָט געהאַט אַ סך בלאַנקע טשעקן. איז רייזען געווען זיכער, אַז ער קען שרייבן טשעקן ביז עס וועלן שוין אין ביכל נישט זיין מער קיין טשעק־פּאַפּירלעך.

און ער איז געווען גאָר שטאַרק איבערראַשט ווען מען האָט אים אין אַ שיינעם פרימאָרגן דערקלערט, אַז ער קען מער קיין טשעקן נישט שרייבן, ווייל ער האָט מער קיין געלט נישט אין באַנק.

***

אַ. רייזען לייענט אַלץ און אַלעמען.

און ער האָט איבערגעגעבן צייט צו זיצן אין קיבעצאַרניע און אויס־טיילן תהלות ותשבחות יעדן שרייבער, וואָס ער באַגעגנט אין קיבע־צאַרניע.

און יענער דאַרף נישט קומען צו אים זיי אויפצומאָנען, ער טראָגט זיי אים אַנטקעגן.

און דערביי געדענקט ער גענוי ווען און וואָס ער האָט געלייענט פון יענעם.

דאָס הייסט, עס איז נישט סתם גערעדט, ער האָט געלייענט און געדענקט.

און איר קענט עס זען יערלעך, אָדער צוויי־יערלעך אין דעם זאַמל־בוך „פעדער" אין זיין יערלעכן, אָדער צוויי־יערלעכן איבערבליק איבער דער יידישער ליטעראַטור.

ער וועט, חלילה, קיינעם נישט אויסלאָזן, ניין.

אויב ער וועט יאָ עמעצן אויסלאָזן וועט עס זיין אַ באַקאַנטער שריפטשטעלער, וואָס באַקומט זיין פּאָרציע אָנערקענונג אָן אים. דעם וויניקער באַקאַנטן, דער וויניקער פּאָפּולערן וועט ער נישט אויסלאָזן, אָ, ניין.

ער לייענט אַלץ, ער לייענט צייטונגען, זשורנאַלן, וואָס ווערן אים געשיקט ממש מארבע פינות העולם, ער לייענט ביכער, וואָס דערשיינען אין דער גאַנצער וועלט, אין די סאַמע פאַרוואָרפנסטע ווינקעלעך פון דער וועלט.

און ער איז דער גרויסער בעל־חסד — ער דערמאָנט אַלעמען און כסדר צו גוטן.

אַפּנים טיף־טיף ערגעץ אין האַרצן האַלט ער נישט קריטיק פאַר ליטעראַטור, פאַר עפּעס אַזוינס, וואָס מען דאַרף וועגן און מעסטן און

איבערוועגן און איבערמעסטן, עס איז נישט קיין קונסט, ווו מען מוז זיין אַ גרויסער מקפיד...

איך בוי מיין השערה אויף דעם פאָלגנדיקן פאַקט:

אין זיינע דערציילונגען און אין זיינע לידער איז ער דער גרעסטער מקפיד.

זיינע אַ קורצע דערציילונג איז טעכניש און אינהאַלטלעך מייסטעריש, אַלץ איז טאַקע געוויגן און געמאָסטן און איבערגעוויגן און איבערגעמאָסטן.

דאָ איז ער אַ קינסטלער, דאָ איז נישטאָ קיין איבעריק וואָרט, קיין סימן פון גוזמא, קיין זכר פון צעשאָטנקייט, דאָ זאָגט עפּעס איטלעכס וואָרט, דאָ איז איטלעכס זאַץ ממש געבויט מיט דער גרעסטער שטרענגקייט.

דאָ איז ער אַ קינסטלער.

ווי אָבער ער נעמט זיך צו קריטיק און צו זכרונות ווערט ער אויס קינסטלער.

און מען מעג אַלץ.

אַן איבעריק וואָרט איז נישט קיין אומגליק, אַ גוזמא איז אויך נישט קיין עבירה, אָדער אַ זינד, צוליב וועלכער עס שטאַרבן, חלילה, קליינע קינדער.

דאָס איז סתם שרייבעריי, דאָס איז מלאכה...

איך האָב אַ סך מאָל פּרובירט צו פאַרגלייכן זיינע דערציילונגען און זיין שרייבן וועגן ליטעראַטור און איך האָב דערזען צוויי רייזענס, איינער איז לחלוטין נישט ענלעך אויפן אַנדערן.

אין די דערציילונגען און די לידער זיינע זעט איר אַ קינסטלער. אין זיין שרייבן וועגן ליטעראַטור און אין זיינע זכרונות איז נישטאָ דער קינסטלער רייזען.

אין די דערציילונגען איז דאָ צירלעכקייט, האַרמאָנישקייט, די פאָרעם איז פּערפעקט, דער אינהאַלט איז וווּנדערלעך אַריינגעפּאַסט אין דער פאָרעם.

זיינע אַ קליינע דערציילונג איז אַ כינעזישע שניצעריי.

און זי איז עד־היום פריש.

פריש און לעבעדיק זענען עד־היום זיינע כאַראַקטערן.

אין וואַרשע און אין לאָדזש

אין זיין שרייבן וועגן ליטעראַטור און אין זיינע זכרונות איז ער אָפּגעלאָזן, צעשויבערט, צעטומלט און גוואַלדיק באַריידעוודיק, קיין סך ווערטער זענען, דוכט זיך, דאָרט נישטאָ, אָבער ער איז מוראַדיק באַרעדעוודיק.

די ווערטער זענען עפּעס ווי אויסגעשאָטן פון אַ זאַק און די זאַצן עפּעס צערודערטע.

יאָ, אַפּנים, אַז ערגעץ־ווו האָט ער ביטול צו קריטיק און צו זכרונות־שרייבעריי.

מיט ליכט וועט איר זוכן צעשויבערטקייט אין זיינער אַ דערציילונג. אָדער אין זיינס אַ ליד און איר וועט זי נישט געפינען.

***

און ער איז פריש און לעבעדיק אין זיינע עלטערע יאָרן ווי ער איז געווען אין זיינע יונגע יאָרן, מיט 40 יאָר צוריק.

ער קען פאָרן אַזש פון בראָנקס קיין סי־געיט אויף אַ סיום פון אַ שלום עליכם־שול, און קומען קומט ער געוויינלעך צוועלף ביינאַכט.

און ווען איך האָב אים אַמאָל אַ פרעג געטון — סטייטש, רייזן, אַזוי שפּעט און פון אַזוי ווייט?

ענטפערט ער מיט אַ שמייכל:

— איך האָב פריִער נישט געקענט קומען, איך בין שוין געווען פריִער אויף אַ סיום פון אַן אַנדער שול.

ער לאָזט נישט דורך קיין שום ליטעראַרישע שמחהלע, קיין שום ליטעראַרישע אַסיפה און קיין שום באַגעגעניש פון שרייבער.

און עס ליגט נישט אויף זיין פּנים קיין מידקייט, קיין אַלטע ברוגזקייט און קיין אַלטע תרעומות אויף דער וועלט און מענטשן.

און ער קלאָגט זיך קיינמאָל נישט אויף זיין געזונט, ווי דער שטייגער איז פון עלטערע מענטשן.

ער איז כּסדר אויפגעלייגט, כּסדר האָפערדיק.

דער זומער איז פאַר אים קיינמאָל נישט צו הייס און דער ווינטער קיינמאָל נישט צו קאַלט.

און די וועלט איז פאַר אים קיינמאָל נישט צו שלעכט און קיינמאָל נישט צו בייז.

ד"ר א. מוקדוני

עס איז אַ גוטע, אַ מחיהדיקע וועלט.

ער האָט, פאַרשטייט זיך, זיינע דאגות, זאָרגן און עגמת נפשן.

אָבער ער טראָגט זיי איבער לייכט, על כל פנים לייכטער ווי אַנדערע.

ער האָט איין גרויסע ליבע, איין גרויסע טרייסט צו וועלכער ער פאַלט צו, און דאָס איז — די ייִדישע ליטעראַטור.

צו איר ראַטעוועט ער זיך ווען גרויע זאָרגן ווילן אים אַריינכאַפּן אין זייערע קאַלטע הענט, און דאָ, אין דער ליטעראַטור, איז אַלץ שיין, אַלץ ליכטיק און בלי‌ענדיק.

די ייִדישע ליטעראַטור איז זיין שילד, זיין שירעם, וואָס היט אים אויס פון די שווערע און זלידנע זאָרגן.

זיין ליטעראַריש לעבן איז דער ריינסטער, ער האָט כסדר געדינט דער ייִדישער ליטעראַטור. אים איז גאָרנישט איינגעפאַלן אַפילו, אַז די ליטעראַטור דאַרף אים דינען, חלילה!

דאָ און דאָרט טרייבט ער שטאַרק איבער מיט זיין דינען דער ליטעראַטור, ער טוט איר דאָ און דאָרט בערישע טובות, דערהויפּט מיט זיין קריטיק, וואָס איז אַזוי וויט פון קריטיק, נאָך אפשר ווייטער ווי די ערד פון הימל.

ער איז בטבע נישט קיין קריטיקער, ער איז בטבע אַ ליטעראַרישע מאַמע.

און ביי אַ מאַמע פרעגט מען נישט קיין מבינות אויף אירע זין און טעכטער, ווען עס קומט צו אַ שידוך...

אָבער היות ווי אַנדערע שרייבער האָבן אַ סך גרעסערע פּגימות און אַ סך גרעסערע עבירות אויף זייער ליטעראַרישן געוויסן, קען מען און מען דאַרף עס אים פאַרגעבן.

ער האָט אַ רעכט אויף זיין חלק ליטעראַרישע עוולות נאָך די גרויסע ליטעראַרישע מעשים טובים זיינע.

ער האָט געקענט זיין לייכט אַ ליטעראַרישער צדיק, אָבער צוליב קליינינקע ליטעראַרישע עבירות איז ער עס נישט געוואָרן.

און מיר האָבן אַזוי נויטיק אַ גאַנצן ליטעראַרישן צדיק, אַזוי נויטיק...

אין ליטעראַטור איז צדקות אַ גאָר גרויסער ענין...

15

לאַמעד שאַפּיראָ

אין אַ שיינעם פרימאָרגן איז שטיל, עפּעס ווי אין זאָקן, אַריין אין דער רעדאַקציע פון „פריינד" אַ יונגער מענטש, וואָס האָט עפּעס אויסגעזען ווי אַ זקן און זיך באַנומען ווי אַ זקן.

ער האָט זיך שטיל אוועקגעזעצט ביי אַ שרייבטיש און האָט שטיל זיך גענומען שרייבן נייס, אָדער, ווי מיר פלעגן עס רופן — כראָניק.

דאָס איז געווען לאַמעד שאַפּיראָ.

ער איז דעמאָלט אַלט געווען 30־31 יאָר.

אַ גאָר יונגער מענטש, אָבער עפּעס אַ זקן איז ער געווען, די אויגן עפּעס שלעפעריקע און פאַרצויגן מיט אַ וואָלקן, דאָס גרויסע געזיכט בלייך און אומבאַוועגלעך, ממש אַ פאַרגליווערט פּנים, ווי אַ מאַסקע.

און עפּעס זאָרג, שווערע זאָרג איז געווען אויסגעלייגט אויפן פּנים, דאָס פּנים האָט אויסגעזען ווי אַ פאַרגליווערטע טראַגישע מאַסקע אין קלאַסישן גריכישן טעאַטער.

מיר האָבן זיך באַקענט מיט אים און, ווי יונגע מענטשן, מיט ניי־געריקייט און מיט דער גוטער כוונה צו באַפריינדן זיך.

אַ נייער מיטגליד אין דער משפּחה פון „פריינד".

אָבער ער איז אַפּאַטיש, קאַלט און עפּעס צוריקגעצויגן.

האָבן מיר אים אָפּגעלאָזט און באַשטימט צו וואַרטן ביז ער וועט זיך איינלעבן אין דער נייער סביבה.

צום 31טן יאָר פון זיין לעבן האָט ער זיך שוין אַרומגעטראָגן מיט

אַ מיחוש, עפּעס מיט אַ מאָגן־קראַנקייט, וואָס ער האָט אַליין קורירט מיט אַ דיעטע, מיט אַ טשיקאָווער דיעטע, ער פלעגט עסן בלויז סאַרדינען און ברויט.

ער האָט שטענדיק געהאַט אין איין קעשענע אַ קעסטעלע סאַרדינען און אין דער אַנדער קעשענע אַ שטיקל ברויט.

און ווען עס פלעגט קומען די צייט פון מיטאָג־עסן פלעגט ער בלייבן ביי זיין שרייבטיש; ער פלעגט אָפּרוקן די צייטונגען און דאָס שרייבפּאַפּיר, מאַכן ריין אַ שטיקל פּלאַץ, אַרויסנעמען אַ קעסטעלע סאַר־דינען, עפענען עס און נעמען עסן מיט גרויס פאַרזיכטיקייט און עפּעס מיט גרויס פיין.

געגעסן האָט ער לאַנגזאַם, שטיל און אַפּאַטיש.

אָפּגעגעסן, האָט ער זיך ווידער גענומען צום שרייבן, ווען ער האָט פאַרענדיקט זיין אַרבעט האָט ער זיך אויפגעהויבן און מיט שטילע, שלאַ־בערדיקע טריט אַוועק.

ווו ער האָט געוווינט, ווער זענען זיינע פריינט, פון וואַנען ער קומט? — האָט קיינער נישט געוווסט.

און ער איז געווען אַזוי נישט־באַרעדעוודיק, אַז ער האָט ביי אַלע־מען אָפּגעשלאָגן דעם חשק צו פאַרפירן מיט אים אַ שמועס.

מיר האָבן זיך אָבער באַלד דערוווסט ראשית כל, אַז ער שרייבט אַ גוטן און ביז גאָר אַ גראַמאַטיקאַלישן ייִדיש.

אויפמערקזאַם האָט אונדז געמאַכט אויף דעם שמואל ראָזענ־פעלד, וואָס ער האָט אָנגעהאַלטן שטרענג די טראַדיציע פון דעם פּעטער־בורגער „פריינד“ צו שרייבן אַ גוטן, גראַמאַטיקאַלישן ייִדיש.

איטלעכס שטיקל נייס איז געווען קב־ונקי, געשריבן אין אַ ריינעם און אין אַ ציכטיקן ייִדיש.

מיר האָבן געוווסט אַז ער שרייבט דערציילונגען, אָבער כמעט קיי־נער פון אונדז האָט עפּעס נישט געדענקט גענוי דעם איינדרוק, וואָס די דערציילונגען זיינע האָבן געמאַכט אויף אונדז.

האָט מען פונדעסטוועגן אָנגעהויבן צושטיין צו אים ער זאָל געבן אַ דערציילונג פאַרן „פריינד“ אין אַ יום טוב־נומער.

ניין, ער האָט נישט אין בוזים־קעשענע קיין פאַרטיקע דערציי־

לונג, און שרייבן ספּעציעל אַ דערציילונג קען ער נישט, ער שרייבט ווען עס פאַלט אים עפּעס איין, איז ווען עס וועט אים איינפאַלן עפּעס וועט ער עס אָנשרייבן און וועט עס געבן.

זיין יידיש אָבער ווערט בעסער ממש פון טאָג צו טאָג.

לייגט מען אים פאַר איבערזעצן אַ ראָמאַן פון וויקטאָר הוגאָ, וויקטאָר הוגאָ איז אי ליטעראַריש און אי שפּאַנענדיק.

אָן אַ ליטעראַרישן הכשר האָט מען קיין ראָמאַן נישט געדרוקט אין „פריינד".

און אָן שהיות הויבט ער אָן איבערזעצן וויקטאָר הוגאָס אַ ראָמאַן, לייענט ראָזענפעלד די ערשטע קאַפּיטלען און גיט אונדז איבער, אַז עס איז שופרא דשופרא, ממש ווי אַן אָריגינעלער ראָמאַן.

ווערן מיר מיט אים אַ קליין ביסעלע היימישער, און אונדז האָט זיך אָנגעהויבן צו דוכטן, אַז דער אייז ארום אים הויבט אויך אָן עפּעס צעגיין. ער הויבט אָן רעדן, שמועסן און דאָ און דאָרט אַפילו אַ שמייכל טון.

אָבער עס איז געווען אַ טעות.

מיר דערזעען פאַר זיך אַ קלוגן מענטש, אָבער מיט אַ געדיכטן פאַרקאַן פון עטישע סיגים, דאָס טוט ער, דאָס טוט ער נישט, דאָס איז עטיש און דאָס איז נישט עטיש, דאָס איז רעכט און דאָס איז נישט רעכט. דאָס איז ער נישט גורס, הכלל — ער איז אַרומגערינגלט מיט אַ צוים פון עטישן שטעכעדיקן דראָט, דו קענסט צו אים נישט צוקומען. איינמאָל, גאַנץ אומדערוואַרט, דערלאַנגט ער ראָזענפעלדן אַ דערציילונג אָן ווערטער, אָן אַן אַריינפיר און אָן הקדמה.

אָפּגעגעבן און פאַרטיק, ער זיצט ווידער ביי זיין שרייבטיש, שרייבט נייס, עסט סאַרדינען מיט ברויט און חברט זיך מיט קיינעם נישט.

אָפּגעדרוקט די דערציילונג, קומט דער ערשטער ה. ד. נאָמבערג און זאָגט:

— דער שאַפּיראָ קען שרייבן, ווו איז ער? ווער איז ער?

פאַראינטערעסירן זיך אַלע, מען כאַפּט זיך צו דער צייטונג, מען לייענט.

— יאָ, ער קען שרייבן.

קומט צו אים צו נאָמבערג:

— אַ גוטע דערציילונג אייערע, פאַרוואָס שרייבט איר נישט? פאַר־וואָס לאָזט איר זיך נישט הערן?

קוקט אויף אים שאַפּיראָ מיט זיינע מוטנע אויגן און שוויגט.

מאָנט שוין ראָזענפעלד ביי אים דערציילונגען, און ווידער דאָס נעמלעכע:

ער האָט נישט אין בוזים־קעשענע קיין דערציילונגען פאַרטיקע, און שרייבן אויף באַשטעלונג קען ער נישט, ער וועט האָבן אַ דערציילונג וועט ער געבן אים, ראָזענפעלדן.

וויל מען ווערן מיט אים היימישער, חברישער, אָבער ער בלייבט פאַרשלאָסן און קאַלט.

און דאָס איז, חלילה, נישט געווען קיין גאווה, ניין, עס איז געווען מוראדיקע שעמעוודיקייט, פּראָווינציעלישקייט און איינגעבוירענע צניעות.

מיר האָבן זיך אַמאָל באַגעגנט מיט אים אין גאַס גייענדיק אין רעדאַקציע, זענען מיר געגאַנגען צוזאַמען און געשמועסט, ער איז עפּעס געוואָרן באַרעדעוודיק און איך האָב אויסגעפונען ווער ער איז פון דער־היים, פון וואַנען ער קומט, ווער עס זענען זיינע עלטערן, הכלל — איך האָב אַרויסבאַקומען פון אים כמעט זיין גאַנצע ביאָגראַפיע.

און אויפן סמך פון דעם ערשטן לענגערן שמועס בין איך געקומען צום באַשלוס, אַז צוריקגעצויגנקייט קומט פון שעמעוודיקייט, פּראָווינ־ציעלישקייט און פון צו גרויסער עטישקייט.

ער האָט געדרוקט נאָך עטלעכע דערציילונגען, ער האָט פאַרענ־דיקט די איבערזעצונג פון הוגאָס ראָמאַן און מיט אַמאָל —

ער איז נישטאָ, נעלם געוואָרן.

פרעגן מיר ביי ראָזענפעלדן:

— ווו איז שאַפּיראָ?

— ער איז אַוועק.

— וואָס הייסט ער איז אַוועק? אַן אַ גוטן טאָג, אָן אַ זיי געזונט?!

— מיט מיר האָט ער זיך געזעגנט, ער האָט מיר דערקלערט, אַז די אַרבעט אין צייטונג באַפרידיקט אים נישט, עס איז קיין תכלית נישט,

עס איז נעמען גאָלדענע צייט און וואַרפן אין בלאָטע, ער קען עס נישט, זייט געזונט און אַ דאַנק, איר האָט מיר גוט באַהאַנדלט.

מיר זענען אַלע געווען עפּעס נישט־אָנגענעם איבערראַשט.

דער איינציקער וועמען עס איז געפעלן געוואָרן די גאַנצע מעשה איז געווען א. ווייטער.

— ער געפעלט מיר, דער דאָזיקער שאַפּיראָ, אַ למד־וואָווניק, — זאָגט ווייטער.

נאָמבערג האָט אַ הויב געטון מיט די פּלייצעס און האָט אַ שמייכל געטון.

און אָט אַזוי איז נישט געוואָרן לאַמעד שאַפּיראָ.

און קיינער, קיינער האָט פון אים קיין בריוול און קיין ווערלכן עס איז גרוס נישט געהאַט.

***

דאָס איז געווען אין יאָר 1910־1911.

איך האָב לאַמעד שאַפּיראָן נישט געזען און ווייניק געהערט וועגן אים ביז איך בין געקומען קיין אַמעריקע אין 12 יאָר אַרום, אין יאָר 1923.

ער איז שוין געווען אַ באַרימטער שרייבער; דער פאַרשטאָרבענער ד״ר חיים זשיטלאָווסקי האָט אויפגעהויבן אַ טומל אַרום זיין דערציילונג „דער צלם״ און אַרום זיינע אַנדערע פּאָגראָם־דערציילונגען.

איך האָב אים נישט געזען.

איך האָב זיך דערוווּסט, אַז ער האָט דאָ, אויף דער איסט סייד, געהאַט אַ רעסטאָראַן, אַז ער שרייבט ווייניק און אַז ער איז שטאַרק פאַרנומען מיט וויסנשאַפטלעכער אַרבעט, ער אַרבעט נעמלעך אויף אַ דערפינדונג, אויף אַ פאַרביקער פאָטאָגראַפיע, דאָס הייסט אויף אַזאַ פילם, וואָס זאָל פאָטאָגראַפירן נישט בלויז שוואַרץ און ווייס, נאָר אַלץ אין די נאַטירלעכע קאָלירן, אָדער פאַרבן.

איך האָב אויך געהערט, אַז ער האָט אַ רעסטאָראַן אין שיקאַגאָ, אַז ער האָט חתונה געהאַט; אַ יונגע פרוי האָט פאַרלאָזט איר מאַן און צוויי קינדער און איז אַוועק מיט אים און אַז זי איז זיך ממש מקריב פאַר אים.

און איינמאָל האָב איך זיך געטראָפן מיט אים אין ניו יאָרק.

דערזעלביקער לאַמעד שאַפּיראָ, אויף אַ האָר נישט עלטער געוואָרן, אָבער דאָ, אין אַ משך פון צוויי באַגעגענישן האָב איך דערזען קלאָר, אויסערסט קלאָר דעם מהות פון דאָזיקן מערקווירדיקן מענטש.

אָט דער מענטש, וואָס איז אַזוי רויִק אויסערלעך, איז ממש אַ וואָל־קאַן אינערלעך.

דאָרט ביי אים אין האַרץ און אין קאָפּ ברויזט עס און טומלט זיך געוואַלדיק, אָבער דאָס פּנים זיינס זאָגט עס נישט אויס, קיין סימן, קיין רמז, אייביקע רויִקייט איז אויסגעגאָסן אויף זיין געזיכט ווי אויף אַ מאַסקע.

יאָ, ער האָט געשריבן, זאָגט ער מיר עפּעס, ווי איינער, וואָס רעדט וועגן אַ נישטיקן צופאַל אין זיין לעבן, אָט, ווי למשל, אַ פליג האָט זיך אים געשטעלט אויף דער נאָז.

שפּעטער שטייט ער צו צו אַ גרופּע שרייבער, וואָס האָט אַרויסגע־געבן אַ וואָכנבלאַט „די וואָך", ער האַלט זיך דאָרט נישט לאַנג, עס איז פּייער און וואַסער, ער וויל עפּעס, און דאָס דאָזיקע עפּעס איז אויסגע־וואָקסן ביי אים אין אַ גרויסן עניין, און די אַנדערע ווילן אויך עפּעס, אָבער ביי די אַנדערע איז פאַרוויקלט אין טשאַד און פערזענלעכע אַמ־ביציע און אין תאווה צו כבוד, צו פּירסום און צו אַנדערע קלענערע תאוותלעך, האָט ער דערשמעקט מלחמה האָט ער זיך צוריקגעצויגן, ער איז נישט קיין איש־מלחמה.

ער שרייבט רויִק, אָבער מערקווירדיק אָריגינעל און עפּעס מאָדנע דורכזיכטיק.

ער דאַוונט עפּעס אָן אַ מנין, דער מנין שטערט אים, ער וויל דאַוונען ביחידות, און ער דאַוונט אַזוי, אַז ער זעט עפּעס קיינעם נישט אַרום זיך, אַזוי דויערט עס אַ קורצע צייט.

אָבער מיט אַמאָל דערשרעקט ער זיך — ער דאַוונט דאָך מיט אַ מנין, מיט צוויי מנינים, און אָט איז דאָ נאָך אַ חזן אויך. ער ווערט פאַרפאַלן...

אַזוי לערך האָט ער מיר שפּעטער דערקלערט זיין מיטאַרבעט אין דער „וואָך" און זיין אַוועקגיין.

און עס האָבן זיך אַ שאָט געגעבן אויף אים קלעפּ פון שיקזאַל איי־

נער גרעסער און ווייטאָגדיקער פון דעם אַנדערן — פון זיין דערפינדונג האָט זיך, פאַרשטייט זיך, אויסגעלאָזט אַ טייך, די פילם־אינדוסטריע האָט אַוועקגעזעצט פאַך־מענטשן און די פאַבריקע פאָטאָגראַפיע איז געוואָרן אַ פאַקט.

זיין פרוי איז געשטאָרבן.

און ער, דער אומבאַהאָלפענער, איז געבליבן נאָך מער אומבאַהאָלפן אָן דער געטרייער פרוי ביי זיין זייט.

און איינמאָל האָב איך אים געטראָפן שיכור אין אַ הויז פון באַ־קאַנטע, אין וועלכן איך בין צופעליק געווען צו־גאַסט.

אָבער נישט די שיכורקייט האָט מיך איבערראַשט און דערשלאָגן, נאָר דאָס בעטלען אַביסעלע ווייסקי ביי דער באַלעבאָסטע.

אין אַ קורצער צייט אַרום האָב איך אים געטראָפן, איז ער געווען אַן אַנדער מענטש, ער איז געווען קלוג, עטיש, דערהויפּט עטיש.

עס איז געווען די צייט ווען ער האָט אַרויסגעגעבן זיין זשורנאַל „סטודיאָ“, אַ זשורנאַל, פון וועלכן עס האָט ממש געשמעקט, אַלץ איז גע־ווען עפּעס אזוי ריין, אַזוי זויבער און אזוי ראַפינירט, אַז עס איז געווען ממש אַ חיות צו האַלטן דעם זשורנאַל אין האַנט און בלעטערן אים.

ער איז דעמאָלט געווען אַביסעלע לינקעוואַטע, אָבער נישט לויטן נוסח פון די פּאַרטיי־קאָמוניסטן, ער האָט זיך געהאַט זיין קאָמוניזם, זיין שאַפּיראָס קאָמוניזם, נישט לענינס און זיכער נישט סטאַלינס קאָמוניזם.

און דאָס איז געווען קענטיק אין זיינע נאָטיצן און אַרטיקלען אין „סטודיאָ“. האָב איך אַמאָל שרייבנדיק וועגן דער „סטודיאָ“ צווישן אַנ־דערע געזאָגט, אַז לאָמעד שאַפּיראָ וויל מען זאָל קאָכן ספּעציעל פאַר אים קאָמוניזם אין אַ קליין טעפּעלע.

איז ער נישט ברוגז געוואָרן. פאַרקערט — ער האָט עס אָנגענומען ביז גאָר גוטמוטיק.

***

עס איז געוואָרן אויס סוד — לאָמעד שאַפּיראָ טרינקט, ער איז פּשוט און פּראָסט אַן אַלקאָהאָליקער, דאָס הייסט אַ קראַנקער מענטש, אַזוי קראַנק, אַז ער קען אַליין אויף זיך נישט אַכטונג געבן. וועגן זאָרגן פאַר זיין אויסקומעניש איז אָפּגערעדט.

און עס האָבן זיך געפונען גוטע ייִדישע מענטשן, וואָס האָבן געגומען אויף זיך צו זאָרגן פאַר אים.

מען האָט געגעבן אַ סך דערקלערונגען פאַר דער קראַנקייט שאַפּיראָס; זיין פרוי איז אים פּלוצלונג געשטאָרבן, אַנטוישט — זיין אַרבעט אויף דער קאָלירטער פאָטאָגראַפיע האָט זיך נישט איינגעגעבן און נאָך אַזעלכע דערקלערונגען.

די אַלע דערקלערונגען האָבן זיך געלייגט אויפן שכל, אָבער איך פּערזענלעך האָב עפּעס נישט געקענט אַקצעפּטירן קיין איינע פון זיי.

עפּעס האָט זיך ביי מיר נישט אַסאָציאירט די גרויסע עטישקייט און איינגעבוירענע פרומקייט שאַפּיראָס מיט שיכרות.

די סתירה איז געווען אַזוי שאַרף, אזוי בולט, אַז קיין דערקלערונג האָט זי נישט געקענט אויסגלייכן.

ער האָט אין די „לוצידע אינטערוואַלע״, אין די ליכטיקע מאָמענטן געשריבן, אָבער קיין גאָר גרויסן ליטעראַרישן ווערט האָט דאָס געדרוקטע נישט געהאָט.

איין זאַך האָט אָבער אַרויסגעשיינט פון זיין שרייבן — דער סטיל, זיין קב־ונקידיקער ייִדיש, זיין לויטערער ממש ייִדיש.

ער האָט נישט געלשונט, ער האָט זיך נישט געבריהט סטיליסטיש, ער האָט קיין סטיליסטישע קונצן נישט באַוויזן, עס איז אַפילו אין זיין סטיל קיין חידושים נישטאָ, עפּעס אזוי פשוט איז ער און אין דערזעלביקער צייט איז ער עפּעס ליכטיק, עפּעס לויטער.

ער האָט נישט געמשה־נאַדירט, משה נאַדיר איז געווען אַ סטיליסטישער אַקראָבאַט. ער האָט געמאַכט סטיליסטישע סאַלטע מאָרטאַלעס.

לאַמעד שאַפּיראָ האָט נישט סובל געווען משה נאַדירן טאַקע צוליב זיינע סטיליסטישע קונצן.

פאַר אים איז לשון געווען דער וווּנדערלעכער פּראָזשעקטאָר, וואָס באַלייכט אַ געדאַנק אַזוי קלאָר, אַזוי בולט, אַז איר קענט אים ממש אָנטאַפּן.

ער איז שטאַרק אָפּגעהיט, אַז לשון זאָל נישט פאַרדעקן די אָרעמקייט פון אינהאַלט, אַז לשון זאָל נישט ווערן ביי זיך אַזוי גרויס, אַז ער זאָל זיך פאַרמעסטן צו ווערן אויך אינהאַלט.

איך ווייס נישט נאָך איינעם, וואָס זאָל אַזוי צוימען און אַזוי קוקן אויף די פינגער פון לשון און נישט לאָזן אים אַריבער זיין גבול, אָדער ער זאָל זיך פאַרמעסטן צו מאַכן דעם אינהאַלט איבעריק. עס איז געווען גרויסע עטישקייט אַפילו אין זיין באַנוצן דעם יידישן לשון.

מליצה, לשונען איז פאַר אים געווען גניבת־הדעת, שווינדלען און באַשווינדלען דעם לייענער, מאַכן דעם אָנשטעל, אַז מען גיט דעם לייע־נער מי־יודע־וואָס פאַר אַ חכמה און אין דער אמתן גיט מען אים שטרוי, בלויז ווערטער.

ער האָט נאָך זיך קיין גרויסע ווערק נישט געלאָזט, עס איז גע־בליבן נאָך אים עפּעס ליטעראַרישע שיריים.

אָבער אין די דאָזיקע שיריים זעט איר די גרויסע שרייבערישע מעגלעכקייטן, וואָס אָט דער אומגליקלעכער, טראַגישער מענטש האָט פאַרמאָגט.

ער האָט געקענט און באַדאַרפט זיין אַ גרויסער יידישער שריפט־שטעלער, דאָס זעט איר אויסערסט קלאָר פון די ליטעראַרישע שיריים, וואָס ער האָט איבערגעלאָזט.

וואָרום אַלץ וואָס איז געבליבן נאָך אים זענען שיריים, שטיקלעך און ברעקלעך.

ער איז געווען דורך און דורך אַ שרייבער, אַ ראַפינירטער שריי־בער, אָבער ער האָט נישט געשריבן, ער האָט זיך עפּעס געראַטעוועט זיין גאַנץ לעבן פון שרייבן.

ער האָט כסדר געזוכט צו טון עפּעס אַנדערש, צו פאַרנעמען זיך מיט דעם, וואָס איז אים פרעמד און מיט דעם, צו וועלכן עס האָט אים געפעלט וויסנשאַפטלעכע פאָרבאַרייטונג, אָדער אַפילו ריין פּראַקטישע קענטעניש.

ער איז געווען עפּעס אַלץ גרייט צו טון, אַבי נישט שרייבן.

און ווען ער פלעגט זיך צוכאַפּן צום שרייבן איז עס געווען עפּעס מיט שרעק און מיט אומצוטרוי צו זיך אַליין.

אפשר איז ער געווען אַ צו עטישער מענטש פאַר דער פּראָפעסיע פון שרייבן, וואָרום שרייבן, די דאָזיקע הייליקע מלאכה, זינדיקט שטאַרק

מיט איטעלקייט, מיט גאווה, מיט נישט־פאַרגינערישקייט, מיט לשון־הרע, מיט שנאה און קנאה און מיט אַ סך, אַ סך אַנדערע זינד.

אונדזערע עלטערן האָבן געזען אין קנאת סופרים דווקא עפּעס פּאָזיטיווס — זי מערט חכמה, אָבער אַנדערע זענען געווען גאָר שאַרף און האָבן געזאָגט תלמידי חכמים מפרכסים זה את זה כזונות.

יאָ, און אפשר האָט אים געפעלט פּשוט מוט.

צו שרייבן איז נויטיק מוט, דרייסטקייט און אַפילו חוצפה, העזה.

מען מוז זיך האַלטן ראוי, אָן קיינעמס הסכמה, צו זאָגן קהל אַ דעה, צו אַריינרייסן זיך אין דעם לעבן פון יחיד און דערציילן אַלעמען, וואָס ער לעבט דורך.

מען דאַרף אַמאָל אַריינקוקן אין אַ פרעמדן שלאָף־צימער.

מען דאַרף אונטערהערן.

און נישט אַלע זענען פּעיִק אויף דעם.

זענען פאַראַן טאַלאַנטן, וואָס אַנטפּלעקן זיך נישט.

צווישן אונדז גייען זיכער אַרום מענטשן קינסטלער, מענטשן רעדנער, מענטשן פּובליציסטן, קריטיקער, דיכטער, דערציילער אאַז״וו, וואָס זענען נישט נתגלה געוואָרן.

זיי פעלט מוט, זיי פעלט די דרייסקייט, די העזה.

די אימתא דציבורא איז ביי זיי אַזוי גרויס, אַז זיי בלייבן נעלמים.

מיט לאַמעד שאַפּיראָ איז אַביסל אַנדערש, ער פלעגט זיך דאָ און דאָרט אָננעמען מיט מוט און אַרויסקומען מיט עפּעס, אָבער אים אַליין פלעגט נישט געפעלן וועגן דאָס וואָס ער האָט געשריבן.

עס איז דאָך אַ פאַקט, אַז דער „צלם״, וואָס האָט אים געמאַכט באַרימט, איז אים אַליין שטאַרק נישט געפעלן געוואָרן, ער האָט דאָ און דאָרט אַפילו אויסגעלאַכט די, וועלכע זענען שטאַרק נתפּעל געוואָרן פון דער דאָזיקער דערציילונג.

אין זיינע „כתבים״, וואָס זענען דערשינען נאָך זיין טויט אונטער דער רעדאַקציע פון ש. מיללער, איז דאָ אַן אָפענע אָנצוהערעניש וועגן דעם.

ער האָט נישט געשריבן, אָבער ער האָט געלעבט מיט דער ייִדישער ליטעראַטור.

ער איז ממש נאָכגעגאַנגען יעדן שרייבער און ער האָט געקענט קורץ און שאַרף כאַראַקטעריזירן יעדן פון אונדז.

ער האָט יעדן געהאַט, אַזוי צו זאָגן, אויפן קאָפּ, און ער האָט אַרויס־געוויזן אַ וווּנדערלעכן זכרון אין דעם פּרט.

אָט איז אַ ביישפּיל פון זיין פענאָמענאַלן זכרון:

מיט צוויי, אָדער דריי יאָר פאַר זיין טויט באַקום איך פון אים אַ קורץ בריוועלע פון לאָס אַנדזשעלעס מיט אַזאַ אינהאַלט:

עס איז היינט ערב יום כפור, איך ליג אין בעט אַ קראַנקער, און דאָ דערמאָן איך זיך, אַז אין יאָר 1904 האָב איך געלייענט אין העב־רעיִש אייער דערציילונג וועגן דריי יונגעלייט, אײדעמס שיינע, וואָס זע־נען אויך די דריי צילינדערס אין שטעטל. פאַרוואָס האָט איר אויפגע־הערט צו שרייבן בעלעטריסטיק?

איך אַליין האָב שוין לאַנג פאַרגעסן וועגן דער דאָזיקער דערציילונג.

אויף זיין קורצער פראַגע — פאַרוואָס איך האָב אויפגעהערט צו שרייבן בעלעטריסטיק, האָב איך געענטפערט:

איך האָב מסתמא זיך איבערצייגט, אַז איר וועט עס מאַכן בעסער.

און מער קיין בריוועלעך האָב איך פון אים נישט דערהאַלטן.

ער איז געווען די לעצטע יאָרן אַ גוסס.

ער האָט פונדעסטוועגן אָפּגעלעבט זיינע 70 יאָר.

יאָ, אַ טראַגישע געשטאַלט אין אונדזער ליטעראַטור; ער איז אַרומ־געגאַנגען אַ לעבן מיט אַ גרויסן אוצר — מיט אַ גרויסן טאַלאַנט, אָבער האָט עפּעס נישט געקענט אים אויפדעקן אינגאַנצן פאַר דער וועלט.

ער האָט זיך זיין גאַנץ לעבן געיאָגט נאָך כימערעס, און אויסן איז ער געווען אַנטלויפן פון זיך, פון זיין טאַלאַנט.

אַ הויכער עטישער מענטש, איז ער געשטאָרבן פון שיכרות.

אַ מענטש, וואָס האָט געקענט גובר זיין אַלע תאוות, האָט נישט גע־קענט גובר זיין די תאווה צו משקה.

אַ מענטש, וואָס האָט אַ לעבן ממש געפיבערט מיט דער תאווה צו שרייבן און אָט די גוטע, ברכהדיקע תאווה האָט ער גראָד געקענט גובר זיין.

אַ מענטש, וואָס האָט ממש געברענט מיט ליבע צו יידיש. עס איז נאָך

ד״ר א. מוקדוני

אים געבליבן אַ ליד, וואָס הייסט תפילה, ווערט געזאָגט אין דער דאָזיקער תפילה:

מיין גאָט, איך בעט נישט פיל פון דיר...
אַלע באַגערן זענען פאַרלאָשן.
די איינע, וואָס לעבט אין מיר
איז — יידיש לשון.

איך בעט:

מיין וואָרט זאָל זיין ווי אַ בלאַנקער שווערד,
וואָס בלינצלט פאַר מענטשנס אויגן,
מיין וואָרט זאָל זיין אַ שלאַנקע פייל
וואָס איילט פון זיך פון בויגן.

מיין וואָרט זאָל זיין ווי דער כליפּ פון קינד,
אויף קליינע רויטע ליפּעלעך.
מיין וואָרט זאָל זיין ווי דער לעצטער זיפץ
אויף די לעפצן פון אַ גוסס.
מיין וואָרט זאָל זיין ווי אַ ווייט געזאַנג
פונעם וואַנדערער אין זאהארא.
ווי אַ מענטש וואָס זינגט צו זיך אַליין
אין טומאה און טהרה.

יאָ, ער האָט געהאַט דאָס וואָרט, די גרויסע ברכה, אָבער ער האָט זי טראַגיש פאַרטאַכלעוועט.

16

צבי, נח פרילוצקי און ש. ל. קאַווע

פאַטער און זון זענען זיי געווען.

דער פאַטער, צבי פרילוצקי, אַ באַלעבאַטישער ייִד, אַ משכיל, אָבער מיט אַ ייִדישן שטאַט. אין דער יוגנט, ווי יעדער משכיל, האָט ער געשריבן העברעיִשע מאמרים אין „המליץ"; ער איז אָבער בטבע קיין שרייבער נישט געווען, ער איז געווען דער טיפּישער באַלעבאָס און משכיל, וואָס האָט זיך אַריינגעריסן אין דער ייִדישער צייטונגס־וועלט און האָט פאַרנומען אַ גאַנץ אָנגעזעען אָרט אין דער דאָזיקער וועלט.

ווי אַ באַלעבאָס האָבן באַלעבאַטישע ייִדישע מענטשן געהאַט צוטרוי צו אים, ווי צו אַ גלייכן, און האָבן אַ פּאָר מאָל ריזיקירט אַריינצולייגן געלט אין אַן אונטערנעמונג, וואָס איז זיי פרעמד און ווייט ווי אַ געשעפט, און אַריינגענעמען אים, צבי פרילוצקין, ווי אַ גלייכן שותף.

אַגב איז דער ביישפּיל פון דער שותפות פון יאצקאַן און די ברידער פינקעלשטיין געווען אַ גאַראַנטיע, אַז אַ צייטונג קען זיין אַ גוט געשעפט און אַז שרייבער זענען גאָרנישט קיין שיפּע־זיבעלעך.

דער דערפאָלג פון די יאצקאַנס און די פינקעלשטיינס האָט געררייצט דעם אַפּעטיט פון ייִדן־סוחרים צו אויספּרובירן אָט דאָס דאָזיקע נייע געשעפט.

צבי פרילוצקי איז געווען פריער אַ רעדאַקטאָר פון אַ צייטונג מיטן נאָמען „דער וועג", די דאָזיקע צייטונג האָט געהאַט קיצור ימים, און צבי

פרילוצקי איז געוואָרן מיטאַרבעטער און פּאַקטישער רעדאַקטאָר פון „אונזער לעבן״.

זוען „אונדזער לעבן״ האָט זיך פאַרמאַכט, איז ער אַ שטיקל צייט געווען אַרבעטסלאָז, ביז ער האָט געקראָגן ייִדן מיט געלט און האָט געעפנט די צייטונג „מאָמענט״. די צייטונג „מאָמענט״ איז געווען אַ צווייטער „היינט״, אָבער אַביסל באַלעבאַטישער, סטאַטעטשנער, סאָלידער.

צבי פרילוצקי איז געווען אַ גאָר קליינער שרייבער, ער האָט אָבער געקענט שרייבן „ייִדישע פּאָליטיק״, דאָס הייסט, ער האָט געקענט שרייבן וועלט־פּאָליטיק אין דעם ייִדישן נוסח.

ייִדן, ווי אַ וועלט־פאָלק, האָבן זיך פון קדמונים געמוזט אינטערעסירן מיט וועלט־פּאָליטיק.

וועלט־פּאָליטיק איז פאַר ייִדן קיינמאָל נישט געווען קיין גלייכגילטיקער ענין, איבער דער גאַנצער וועלט זענען ייִדן צעזייט און צעשפּרייט, און ווען מען שלאָגט ייִדן אין דמשק, למשל, באַפאַלט אַ פּחד די ייִדן אין וואַרשע, אין אָדעס, אין לעמבערג און קראָקע.

און ייִדן האָבן געהאַט זייער נוסח אין רעדן וועגן פּאָליטיק, מען האָט עס מיט אַביסעלע חוזק גערופן „לעזשאנקע־פּאָליטיק״, דאָס הייסט פּאָליטיק, וואָס עס פירן בטלנים אין די קאַלטע ווינטער־נעכט ביי דעם וואַרעמען אויוון אין בית־המדרש.

אָט אין דעם נוסח, אַביסעלע פאַרוועלטלעכט, האָט צבי פרילוצקי געשריבן זיינע איבערזיכטן איבער דער וועלט־פּאָליטיק.

און די פּוילישע ייִדן, וואָס זענען געווען אַ געמיש פון בית־המדרש־ייִדן, אָדער שטיבל־ייִדן, און פלינקע סוחרים, האָבן ממש געלעקט די פינגער פון צבי פרילוצקיס אַרטיקלען איבער דער וועלט־פּאָליטיק.

אָט דער מין אַרטיקל איז געווען אין ייִדיש אַ נייעס, אין העברעיִש איז ער שוין געווען אַן אַלטער תושב.

נחום סאָקאָלאָוו „ועל המדינות בו יאמר״ האָט שוין געהאַט אַ שם אין דער ייִדישער וועלט, אָבער נ. סאָקאָלאָוו איז געווען וויציק, שרייבעריש און סטיליסטיש גוואַלדיק בריהש. און יודעי־ספר פלעגן ממש לייענען סאָקאָלאָווס פּאָליטישע אַרטיקלען מיט התפעלות. די התפעלות איז געווען

אַ דאָפּלטע, התפּעלות פון סאָקאָלאָווס העברעיִשן ווונדערלעכן סטיל און טאַקע פון סאָקאָלאָווס חכמה און וויציקייט.

צבי פּרילוצקי האָט, פאַרשטייט זיך, גאָרנישט געחלומט צו פאַר־מעסטן זיך מיט סאָקאָלאָוון.

אָבער צבי פּרילוצקי האָט גערעדט ווי אַ ייִד אַ באַלעבאָס רעדט וועגן פּאָליטיק. ער האָט גערעדט ריכטיק ווי זיינע לייענער רעדן וועגן פּאָליטיק, אָבער פאַרשטייט זיך, מיט מער וויסן און מיט מער קאָמ־פּעטענץ.

צבי פּרילוצקיס פּאָליטישע איבערזיכטן זענען געוואָרן דער „מוז־אַרטיקל" אין יעדער ייִדישער צייטונג.

אַ געוויסע צייט פלעג איך שרייבן אָט דעם דאָזיקן פּאָליטישן אי־בערזיכט אין ספּעקטאָרס „נייער וועלט" און אין „פריינד", אָבער, פאַר־שטייט זיך, גאַנץ אַנדערש.

אָבער היות ווי אַ צייטונג מוז האָבן מיטאַרבעטער שרייבער, האָבן די שרייבער אריינגעבראַכט אין צייטונג זייער גייסט, זייער אומרויִקייט, זייערע קאַפּריזן, זייערע ליידנשאַפטלעכע אַרטיקלען און קאָכיקע פּאָ־לעמיקס.

דער מיושבדיקער פּרילוצקי האָט גאָרנישט געקענט טון, ער האָט דאָך נישט געקענט צוימען דעם ברוזיקן און פלאַמיקן הלל צייטלין, ער האָט נישט געקענט איינהאַלטן יוסף טונקעל און מאַכן באַלעבאַטיש זיין שאַרפן הומאָר.

האָט ער זיך פאַררוקט אין זיין ווינקל און האָט זיך געשריבן ווי ער פאַרשטייט און קען.

און אַזוי האָט ער געשריבן און געווען אַ רעדאַקטאָר צענדליקער יאָרן.

***

אַ מענטש און אַ שרייבער פון אַ גאָר אַנדערער וועלט מיט אַ גאָר אַנדערן טעמפּעראַמענט איז געווען נח פּרילוצקי, דער גערעטענער זון פון צבי פּרילוצקי.

דער יונגער נח פּרילוצקי איז געווען אַ מענטש אַ כל־בו, ער האָט

עפעס אַלץ געקענט. ער איז געווען אַ פּאָליטיקער, אַ יוריסט, אַ טעאַ־טער־קריטיקער, אַ דיכטער, אַ פּאָלקלאָריסט, אַ פילאָלאָג אאַז״וו.

ווען איך בין געקומען קיין וואַרשע, איז ער געווען דער איינציקער טעאַטער־קריטיקער און דווקא נישט קיין עם־הארץ. ער האָט עטלעכע יאָר געלעבט אין רוסלאַנד, אין פּעטערבורג, ווי אַ סטודענט אויפן יורי־דישן פאַקולטעט.

און רוסישע סטודענטן זענען געווען פאַרקאָכט אין טעאַטער.

אין רוסלאַנד איז אַלץ געווען פאַרקניפּלט מיט פּאָליטיק: ליטע־ראַטור, מאָלעריי, מוזיק, וויסנשאַפט, טעאַטער אאַז״וו, צו אַלץ איז צוגע־טשעפּעט געוואָרן פּאָליטיק.

אין טעאַטער איז אַפילו אַריבערגעטראָגן געוואָרן דער פּאָליטישער קאַמף קעגן דער צאַרישער רעאַקציע.

די גאַליאָרקע איז כסדר געווען געפּאַקט פון סטודענטן, זיי זענען געווען די בייזסטע אויספייפערס און בראַוואָ־פּאַטשערס, ווען אַן אויפפי־רונג איז זיי געפעלן געוואָרן. זיי זענען געווען די בייזסטע אויספייפערס, ווען אַ שטיק איז געווען רעאַקציאָנער, אָדער טאַלאַנטלאָז.

הכלל — אַ סטודענט איז געווען אַ טעאַטער־מענטש, ער האָט גע־ווּוסט וואָס מען שפּילט, ווער עס שפּילט, וואָס מען זינגט און ווער עס זינגט, וואָס מען טאַנצט און ווער עס טאַנצט.

און דער רוסישער טעאַטער איז טאַקע געווען דער בעסטער אין דער וועלט, עס איז געווען אין וואָס צו פאַרליבן זיך.

איז דער יונגער נח פּרילוצקי, ווי אַלע סטודענטן אין רוסלאַנד, גע־וואָרן אַ הייסער טעאַטער־פּאַטריאָט און טאַקע אויך אַ שטיקל מבין אויף טעאַטער.

זיינע טעאַטער־רעצענזיעס זענען נישט געווען זייער קאָמפּעטענט, אָבער זיי זענען געווען אינטעליגענט און וואַרעם געשריבן.

ער האָט דעם טעאַטער נישט שטודירט, ער האָט געהאַלטן, ווי דער גרעסטער טייל פון יידישע טעאַטער־קריטיקער אין אייראָפּע און אין אַמעריקע, אַז דער יידישער טעאַטער נויטיקט זיך גאָרנישט אין פּאַכ־מענישער טעאַטער־קריטיק, ער נויטיקט זיך, ווי אַן אָרעמאַן, נישט אין תורה, נאָר אין אַ שטיקל ברויט.

און דאָס האָט טיילווייז געפירט צום אומקום פון דעם יידישן טעאַ־טער. ער איז געווען אַרומגערינגלט כסדר פון עמי־הארצים, סיי פון אי־נעווייניק און סיי פון אויסנווייניק, און ער האָט געמוזט אונטערגיין.

אָבער נח פרילוצקי איז געווען ממש אַ פּרינץ צווישן די טעאַטער־קריטיקער, וואָס איך האָב באַגעגנט אין אייראָפּע און אין אַמעריקע.

ער האָט כאָטש היפּשע עטלעכע יאָר געלייענט די רוסישע טעאַ־טער־קריטיקער און ביי דער רוסישער טעאַטער־קריטיק האָט מען גע־קענט עפּעס לערנען.

נח פרילוצקיס גרויסער חסרון איז געווען זיין גוואַלדיקע פּילזיי־טיקייט.

שפּעטער האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז די דאָזיקע פילזייטיקייט איז גאָרנישט קיין עכטע, עס איז געווען אַ דילעטאַנטישע פּילזייטיקייט.

און אין די רייפע יאָרן זיינע איז ער געוואָרן בלויז אַ פּאָליטיקער, אַ צייט אַ דעפּוטאַט אין פּוילישן סיים, אַ פירער פון אַ פּאַרטיי, פאָלקס־פּאַרטיי, אַ פּראַקטיצירנדיקער אַדוואָקאַט און אַ פאָלקלאָריסט.

אַלע פאָלקלאָריסטן זענען מיינסטנס אַמאַטאָרן, ביים גרעסטן טייל איז עס אַ צייט־פאַרטרייב אין די עלטערע יאָרן, און פון דעם צייט־פאַר־טרייב אַנטוויקלט זיך אַ ספּעציאַליטעט.

טעאַטער־קריטיק האָט ער אין גאַנצן אַוועקגעלאָזט.

אָבער ער האָט פונדעסטוועגן באַוויזן אַרויסצוגעבן צוויי בענדער פון זיינע טעאַטער־רעצענזיעס און פון די דאָזיקע צוויי ביכער זעט איר ערשט, אַז ער איז געווען אַן אַמאַטאָר־רעצענזענט, נישט מער.

ער איז אָן ספק געווען אַ גערעטענער מענטש.

אָבער ער האָט עפּעס נישט געהאַט קיין אחיזה אין דער יידישער ליטעראַטור, עפּעס האָט מען פון אים נישט שטאַרק געהאַלטן.

אפשר איז די סיבה געווען וואָס ער איז געווען בלויז פעיק, ער האָט אויף קיין שרייבערישן געביט נישט אַרויסגעוויזן קיין עכטן און אמתן טאַלאַנט.

בלויז אויף דעם געביט פון פאָלקלאָר האָט ער אַרויסגעוויזן אמתן אינטערעס און אמתע קאָמפּעטענץ.

זיין פרוי פּאַולאַ ר. איז אויך געווען אַ שרייבערין, זי האָט אויך גע־

שריבן לידער, האַלב מאָדערניסטישע, אָבער אין תוך שוואַכע און פּרע־טענציעזע.

זי האָט אויך געשריבן דראַמען. איין דראַמע האָט, דוכט זיך, גע־הייסן „איינע פון יענע״. אירע טעאַטער־שטיק זענען נישט געווען בעסער פאַר אירע לידער.

זי האָט געהאַט עפּעס ענלעכעס אויף אַ טעאַטער־סאַלאָן, אָבער היות ווי יידישע אַקטיאָרן זענען נישט קיין סאַלאָן־מענטשן, האָט דער טעאַ־טער־סאַלאָן אירער נישט מאריך־ימים געווען.

הכלל — מאַן און ווייב זענען אין תוך געווען מער גוטע דילע־טאַנטן ווי שרייבער.

נח פּרילוצקי האָט סוף כל סוף געפונען זיין ווינקל אין דער יידישער ליטעראַטור, די פרוי זיינע אָבער איז עפּעס נעלם געוואָרן פון דער ליטעראַרישער וועלט. עפּעס איז זי נישט געוואָרן מער ווי אַ בלעזל.

אַפּנים, אַז מען דאַרף נישט האָבן קיין דיקטאַטורן אין דער קיניג־רייך פון קונסט, אַן דיקטאַטור פאַרשווינדט דער פאַרביילויפער און אַן דיקטאַטור בלייבט דער, וואָס האָט אַ שייכות צו דער וועלט פון קונסט.

יאָ, דאָס יידישע ווערטל — אין אַ סך מלאכות איז דאָ ווייניק מזל־ברכות — האָבן מיר געזען באַשיינפּערלעך אין נח פּרילוצקי.

און אין די רייפע יאָרן איז ער טאַקע געבליבן בלויז אַ פּאָליטיקער און אַ פאָלקלאָריסט.

אין אונדזער קאַמף פאַר אַ בעסערן יידישן טעאַטער האָט זיך נח פּרילוצקי געשטעלט אויף דער זייט פון די אַקטיאָרן.

און געשטעלט האָט ער זיך אויף דער זייט פון די אַקטיאָרן, ווייל ער איז אין עצם געווען אַ זייטיקער, אַ דילעטאַנט אין דער שרייבערי־שער וועלט.

צווישן מיר און נח פּרילוצקי איז קיין שלום עפּעס נישט געווען.

מיר האָבן זיך אַפילו פּערזענלעך נישט געקענט.

און דאָס האָט געקענט פּאַרקומען דורך גאָר אַ פאַרעקשנטער אויס־מיידעניש איינער דעם אַנדערן, וואָרום יידישע שרייבער האָבן זיך גע־מוזט באַגעגענען; זיי זענען געווען אומעטום, מען האָט זיך געזען און געטראָפן אומעטום, מען האָט זיך געמוזט טרעפן אויף שרייבערישע בע־

לער, מען האָט זיך געמוזט טרעפן אין „הזמיר" אויף די „קעסטל־אָוונטן", ווו פּרץ האָט געקיניגט און איך ביז געווען זיין שני־למלך, זיין סעקרע־טאַר אויף די „קעסטל־אָוונטן", מען האָט זיך געמוזט טרעפן אויך אויף די „ליטעראַרישע מאָנטיקס" און סתם אין גאַס, אין קאַפע און אין טעאַטער.

קיין מחלוקת האָבן מיר נישט געפירט, אָבער דאָס איז געווען נאָך ערגער, אין אַ מחלוקת שיסט מען אויס דעם פּולווער און מען קען ווערן שלום.

עס איז צווישן אונדז און דוד פרישמאַן, למשל, אויך קיין שלום נישט געווען.

אָבער מיט פרישמאַנען פלעג איך זיך אָפט באַגעגענען.

מיט פרישמאַנען האָבן מיר זיך אָפט געקריגט און אין דער גרויסער מחלוקת וועגן טעאַטער איז אויך פרישמאַן געווען קעגן אונדז, ער האָט זיך, פאַרשטייט זיך, נישט געשטעלט אויף דעם צד פון טעאַטער, אַזוי פיל טאַקט און געשמאַק האָט ער פאַרמאָגט.

נח פּרילוצקי האָט דווקא יאָ געהאַט פריינט צווישן שרייבער. דאָס זענען געווען שרייבער, וואָס זענען געווען מיטאַרבעטער אין „מאָמענט".

און מערקווירדיק, איך האָב פון די דאָזיקע שרייבער געהערט בלויז גוטס וועגן נח פּרילוצקי. אַזוי, למשל, שרייבט וועגן אים מיט וואַרעמ־קייט א. אלמי.

דאָס הייסט, אַז ער האָט געקענט זיין אַ קאָלעגע און אַ פריינט.

אָבער די מיטאַרבעטער פון „מאָמענט" זענען געווען אויך אונדזע־רע פריינט.

אויף אַזוי ווייט איז נישט געגאַנגען זייער פריינטשאַפט מיט נח פּרי־לוצקין, אַז זיי זאָלן זיך אָפּזאָגן פון דער פריינטשאַפט מיטן גרעסטן און בעסטן טייל שרייבער צוליב אים.

צו זייער שבח דאַרף געזאָגט ווערן, אַז זיי זענען נישט געגאַנגען מיט נח פּרילוצקין אין דער גרויסער טעאַטער־מחלוקת.

בלויז איינער האָט זיך געפונען, וואָס האָט זיך געשטעלט אין דינסט פון נח פּרילוצקין אין קאַמף קעגן מיר פערזענלעך.

געווען אין דער שרייבערישער וועלט אַ שרייבער ש. ל. קאַווא.

ער איז געווען קליין, מאָגער און זיין געזיכט איז געווען עפּעס אָפּגע־פּליקט. די הויט איז געווען אָפּגעריסן און געלאָזט נאָך זיך גריבער, שניטן און קאַרבן, זיין מויל איז געווען קרום און בייז.

גייך פלעגט ער עפּעס אין אַ זייט און אַזוי האָט ער געקוקט.

אָבער ער איז געווען אַ פעיִקער שרייבער. ער איז געווען אַ מבין אויף ליטעראַטור. י. ל. פּרץ האָט אים אַ צייט באַשטימט פאַר דעם גע־הילף־רעדאַקטאָר פון די זאַמל־ביכער „ידיש״.

די הויפּט שוואַכקייט קאוואס איז געווען כאַפּן שרייבער ביי אַ טעות, אָדער, ווי עס האָט געהייסן ביי אים — ביי עם הארצות.

קיין גאָר גרויסער למדן איז ער נישט געווען, און פאַר אַזאַ מלאכה מוז מען האָבן וויסן. האָט ער געפונען אַן עצה. ער האָט זיך אַרויפגע־וואָרפן אויף ענציקלאָפּעדיעס, ער האָט זיי שטודירט מיט אַ גוואַלדיקן ברען, עפּעס מיט אַ נקמה־דורשט.

און די ענציקלאָפּעדיעס זענען אים בייגעשטאַנען.

ער האָט אָנגעזאַמלט אַ סך ענציקלאָפּעדיש וויסן, ד״ה ענציקלאָפּע־דישע אינפאָרמאַציע וועגן אַלץ אין דער וועלט.

און מיט דעם וואָפן האָט ער זיך אַרויסגעלאָזט אויף גע־יעג נאָך שרייבער.

אין אַ שיינעם פרימאָרגן לייען איך אין „מאָמענט״, אַז איך, ד״ר א. מוקדוני, בין דורכאויס אַ פלאגיאַטער, איך טו און באַגנבע אַלע שריי־בער אין דער וועלט.

און ווי אַ באַוויז ברענגט ער, אַז אין מיינעם אַן אַרטיקל וועגן דעם ידיש־דייטשן שוישפּילער זאָנענטאַל האָב איך גענומען פון אַ ביכל דאָס און יענץ.

און דאָס איז געווען כולו אמת. איך האָב גענומען נישט בלויז פון דעם ביכל, איך האָב גענומען פון אַ טוץ ביכלעך ידיעות וועגן זאָנענטאַל.

איך בין געווען אַ שרייבער, וואָס פלעגט שרייבן צוויי אַרטיקלען אַ טאָג אין „פריינד״ און כסדר אויף ידישע טעמעס, וועגן ידישן טעאַ־טער, וועגן ידישע ביכער, וועגן ידישער געזעלשאַפטלעכקייט, וועגן ידי־שער פּאָליטיק. אַלץ זאַכן, וועלכע מען קען ביי קיינעם נישט גנבענען.

פאַרשטייט זיך, איך האָב אַמאָל, ווי היינט, געזוכט כסדר אינ־

פאַרמאַציע, און דאָס נעמלעכע איז געווען, ווען איך האָב געשריבן וועגן זאַנענטאַלן, דעם יידישן שוישפּילער, וואָס איז געאַדלט געוואָרן פון פראַנץ יאָזעף.

אָבער אַזאַ איז געווען קאווא.

דאָס האָט ער געטון זיין גאַנץ לעבן, נישט בלויז בנוגע מיין שרייבן, נאָר וועגן דאָס שרייבן פון צענדליקער אַנדערע שרייבער.

ער איז געווען מוראדיק אָרעם, מוראדיק פאַרקריפּלט פיזיש און עפּעס מוראדיק עלנט.

יאָ, קאווא איז געווען אַ ביטער באַליידיקטער אי פון דער נאַטור און אי פון מענטשן.

איך האָב אין מיין לעבן נישט באַגעגנט נאָך איינעם, וואָס זאָל זיין אַזוי באַליידיקט פון דער נאַטור און פון דער געזעלשאַפט.

ער איז געווען אָרעם, די אָרעמקייט איז עפּעס געלעגן אומהיימלעך אָפן אויף זיין פּנים, אויף זיין קליידונג און אויף זיין גאַנצן מהות.

עס איז געווען אַ בייזע, אַ ביטערע און אַ צאָרנדיקע אָרעמקייט.

קיינער, למשל, האָט נישט געוווּסט ווו קאווא וווינט, פון וואַנען ער לעבט און ווער עס גיט אויף אים אַכטונג.

גערעדט האָט מען, אַז ער לעבט מיט זיין אָרעמער מוטער ערגעץ אין אַ קעלער און אַז ער הונגערט כראָניש, אָבער קיינער האָט נישט געוווּסט גענוי די גאַס און אַפילו דעם טייל פון דער שטאָט, ווו דער דאָזיקער קעלער געפינט זיך.

און געווען איז קאווא א מענטש אַן אינטעליגענטער, אָבער אַ מענטש, וואָס האַלט זיך גרעסער און בעסער פון אַנדערע. האָט זיין אָרעמקייט אים געפייניקט, זי איז געווען לויט זיין פעסטער איבערצייגונג אַ נישט-פאַרדינטע, זיין אָרעמקייט איז געווען די שרייענדיקסטע אומרעכט אין זיינע אויגן און ער האָט זיך געוואָלט נוקם זיין, נוקם זיין אין אַלעמען, וואָרום אַלע זענען שולדיק אין זיין ביטערער און שרייענדיקער אָרעמקייט.

און נאָך מער באַליידיקט איז ער געווען פון זיין פיזישער פאַר-זעעניקייט.

ער פלעגט זיכער אַריינפאַלן אין שרעקלעכן גרימצאָרן, ווען ער

פלעגט דערזען זיין צעקצבט פנים, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ שרעקלעכע מאַסקע אין אַ שפיגל.

פלעגט אים איטלעכס נאָרמאַל פנים ביי אַן אַנדערן אַריינברענגען ממש אין רציחה.

איך בין מיט אים צוזאַמען אַרויס אַמאָל פון פרצעס הויז, האָב איך לפּי תומי געדערדט וועגן דער שיינקייט פון איינעם פון פרצעס באַזוכער, וועלכן מיר האָבן אָקאָרשט באַגעגנט ביי פרצן.

פּלוצלונג זע איך, ווי קאַווא ווערט עפּעס שרעקלעך צערודערט, גיט אַ קוק אויף מיר מיט אַ שרעקלעכער בייזקייט און אַנטלויפט...

איך האָב זיך געכאַפּט, אָבער עס איז שוין געווען שפּעט...

איך האָב געזען ווי די קליינע, מאָגערע און געבויגענע פיגור פון דעם קליינעם קאַווא לויפט, לויפט און אַנטלויפט.

אָבער קאַווא איז אויך נישט געוואָרן נח פרילוצקיס פריינט, ניין, דאָס נישט.

ער פלעגט האָבן פולע קעשענעס מיט ספּעציעלע באַווייזן פון נח פרילוצקיס עם־הארצות און ער פלעגט זיי אויסלייגן פאַר איך מיט הנאה, ווען איר האָט נאָר געוואָלט אויסהערן.

אָרעמער, אָרעמער קאַווא.

ער איז אומגעבראַכט געוואָרן, אָדער אויסגעלייזט געוואָרן פון דעם באַליידיקטן לעבן זיינעם דורך די דייטשע בעסטיעס.

און דאָס איז געווען אויך דער גורל פון נח פרילוצקי.

די נאַציס האָבן אָפּגעזוכט פרילוצקין און האָבן אים אַוועקגעזעצט אַרבעטן אין דעם יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט.

זיי האָבן אים געהאַלטן אין תפיסה, און אַלע טאָג, אין אַ באַשטימטער צייט, פלעגט אים אַ געשטאַפּאָניק אַוועקפירן אין אינסטיטוט אַרבעטן.

דאָרט האָט שוין געוואַרט אויף אים אַ געלערנטער נאַצי און יענער פלעגט אים געבן אַן אַרבעט פאַרן טאָג.

נאָך דער אַרבעט פלעגט מען אים צוריק אַוועקפירן אין תפיסה.

ביז מען האָט אים צוגענומען קיין בערלין און דאָרט איז ער נעלם געוואָרן, ער איז קיינמאָל נישט געקומען צוריק און קיינער האָט נישט געהערט עפּעס גענויעס וועגן זיין ווייטערדיקן גורל.

מענטשן, וואָס האָבן געטיילט מיט אים זיין ביטער גורל אין וויל־נע, דערציילן, אַז ער האָט זיך געהאַלטן ווירדיק.

ער האָט געטון די אַרבעטן, וואָס ער האָט געפונען פאַר מעגלעך צו טוּן, אָבער ווען מען האָט געפאָדערט פון אים עפּעס אַזוינס, וואָס גייט נישט אַריין אין גבול פון פאָרשונג, האָט ער זיך קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט פון דער אַרבעט.

ער פלעגט אַכזריותדיק באַשטראָפט ווערן פאַר אַזאַ נישט־געהאָרכ־זאַמקייט, אָבער ער פלעגט איבערטראָגן מוטיק די שטראָפן, און מען האָט אים נישט געקענט ברעכן.

***

שרייבנדיק אָט די דאָזיקע זכרונות,, האָב איך אָפּגעזוכט צווישן מיי־נע ביכער עטלעכע ביכער נח פרילוצקיס. איך האָב געוואָלט אָפּפרישן מיינע איינדרוקן וועגן אים ווי אַ שרייבער, איך האָב געוואָלט זען זיין סטיל נאָך יאָרן און יאָרן, וואָס איך האָב אים נישט געלייענט.

און איך בין געווען ביז גאָר אָנגענעם איבערראַשט; עס איז דאָ וואַרעמקייט אין זיין יידיש, עס איז דאָ ליבע און צערטלעכקייט צו יידיש אין זיין שרייבן.

פון די אַלע פלירטן מיט פּאָליטיק, מיטן טעאַטער, מיט פּאָלקלאָר. מיט דיכטונג, מיט פובליציסטיק און אַדוואָקאַטור שיינט ארויס אין אמתע און עכטע ליבע צו יידיש.

דאָס איז אפּנים דער כוח פון אונדזער וואַרעמען און פאַרביקן יידיש, קען איינער גוט יידיש, וועט ער פאַרבלייבן אויף זיין גאַנץ לעבן אַ פאַרליב־טער אין יידיש.

איך האָב באַגעגנט אין מיין לעבן שרייבער, וואָס זענען עפּעס נישט פאַרליבט אין קיין זאַך, זיי שטייען עפּעס מיט דער פלייצע צו דער וועלט און אַלע אירע שיינקייטן, אָבער יידיש איז זיי איינגעבאַקן אין האַרצן.

נח פרילוצקי האָט געהאַט גאָר אַ סך פלירטן אין זיין לעבן, און אַ דאַנק זיינע פעיקייטן, איז ער געווען קאָנטיק אויף פאַרשידענע געביטן.

ער האָט זיך זייער לייכט געשיידט מיט אַלע געליבטע — מיט דיכ־טונג, מיט טעאַטער־קריטיק, מיט פּאָליטיק און מיט אַ סך אַנדערע אָב־

יעקטן פון זיינע פלירטן, אָבער יידיש איז געבליבן זיין איינציקע גרוי־סע ליבע.

און די ליבע צו יידיש מוז זיין אַ ריינע, ווייל יידיש גיט נישט קיין רייכטום, קיין כבוד און באַפרידיקט נישט די אַלע אַנדערע מענטשלעכע תאוות, יידיש דאַרף מען ליבן כמו שהיא — אָרעם אָן אויסערלעכן גלאַנץ, די ליפּן נישט געפאַרבט, די נעגל נישט מאַניקירט, די האָר אָן אַ פּערמאַנענט און די אויגן נישט אונטערגעפירט...

אָבער יידיש פאַרמאָגט אַן אינערלעכע שיינקייט.

און ווער עס דערשפּירט זי, דער וועט זיך פאַרליבן אין יידיש לעולם־וועד.

און דאָס האָב איך געזען בחוש אין נח פּרילוצקי.

ער האָט געפלירטעוועט מיט סך, גאָר אַ סך יפיפיהס, אָבער אָפּגע־שטעלט האָט ער זיך אויף יידיש, דאָ איז ער געווען דער געטרייסטער, דאָ איז ער געווען דער איבערגעגעבנסטער.

און ער האָט גאָרנישט געמאָנט.

עס איז געווען די אמתע ליבע, די אמתע אהבה שאינה תלויה בדבר...

17

דוד פרישמאַן

1.

דוד פרישמאַן איז געווען איינער פון די באַגאַבטסטע העברעיִשע שרייבערס, ער איז געווען דורך און דורך אַ ליטעראַט, אַ ליטעראַט אַן אייראָפּעיִשער, אָדער ריכטיקער — אַ דייטשישער.

ער האָט זיין גאַנץ לעבן גערעדט דייטש, אָדער האַלב דייטש, די דייטשע ליטעראַטור איז געווען זיין ליטעראַטור.

ער האָט אַפילו דאָ און דאָרט, אין די יינגערע יאָרן געשריבן און געדרוקט זיך אין דייטש.

און געוואָרן איז ער אַ העברעיִשער און אַ ייִדישער שרייבער.

דאָס איז געווען זיין שטילע טראַגעדיע.

אָבער ער האָט איבערגעלעבט נאָך אַ גרעסערע טראַגעדיע — ער איז געמלעך פון אַ רייכן יונגן מענטשן, מיט וועלכן מען צאַצקעט זיך, און וועלכער איז טאַקע זייער געראָטן, געוואָרן אַן אָרעמער העברעיִשער און ייִדישער שרייבער.

ער, און פאַרשטייט זיך, זיין פאָטער זענען געווען לאָדזשער, און אין לאָדזש פלעגט זיך דרייען די ראָד פון מזל מיט אַ מוראדיקער האַס־טיקייט — אָט איז איינער אַ גביר, געלט פלייצט אַריין דורך טיר און פענצטער, און מיטאַמאָל גיט זיך דאָס רעדל אַ דריי צוריק און דער רעגן פון רענדלעך שטעלט זיך אָפּ.

ד״ר א. מוקדוני

די עלטערע לאָדזשער זענען געווען געוווינט צו דעם — היינט איז ער אויפן פערד, מאָרגן אונטערן פערד.

אָבער פאַרן יונגן, געראָטענעם מענטשן, פאַר דוד פרישמאַנען איז עס געווען אַ שרעקלעכער קלאַפ.

און דער דאָזיקער קלאַפ האָט איבערגעלאָזט טיפע שפורן אין אים.

אָבער נאָך אַ טיפערע טראַגעדיע האָט ער דורכגעמאַכט אין זיין ליטע־ראַרישער קאַריערע און נעמלעך — זיין ליטעראַרישע עפאָכע האָט אים גיך, ממש אויף די אויגן פון אַלעמען, איבערגעלעבט.

ער איז געווען אַ ליטעראַרישער העלד בלויז אַ ווייל.

ער האָט געזיגט, אָבער באַלד זענען די באַזיגטע געקומען צו זיך און אים איבערגעיאָגט, און ער איז געוואָרן אויס העלד.

ער איז אַריין אין דער העברעיִשער ליטעראַטור אין איר סאמע בטלנותדיקער צייט. איז ער, דער געראָטענער און רייכער יונגער מענטש, אַרויס מיט אַ קליין ביכעלע „תוהו ובוהו״, אין וועלכן ער האָט מיט גוואַלדיקער שאַרפקייט און מיט גוטער ליטעראַרישער חוצפה קריטי־קירט דעם דעמאָלטדיקן באמת האָפענונגסלאָזן צושטאַנד פון דער העב־רעיִשער ליטעראַטור.

עס איז געווען אַ רעוואָלוציע אין אַ גלאָז וואַסער, אָבער אַ רעוואָ־לוציע, און דער העלד פון דער רעוואָלוציע איז געווען ער, דוד פריש־מאַן פון לאָדזש.

ער איז געקומען שפעטלעך.

אָן אים וואָלט פאָרגעקומען אַ שטילע, אָן עוואָלוציאָנערע איבער־קערעניש אין דער העברעיִשער ליטעראַטור.

עס זיינען שוין געווען אין פאָטענץ די ליטעראַרישע כוחות, וואָס זענען באַלד געקומען און פאַרקערעוועט די העברעיִשע ליטעראַטור אויפן ברייטן ליטעראַרישן שליאַך.

עפעס ווי דורך אַ נס האָבן זיך באַוויזן מחנות־ווייז נייע און פרישע העברעיִשע טאַלאַנטן, נאָוועליסטן, דיכטער און אַפילו קריטיקער.

און דוד פרישמאַנס „תוהו ובוהו״ איז באַלד פאַרגעסן געוואָרן, און דער מחבר פון דעם ביכעלע „תהו ובוהו״ איז געוואָרן אַ העברעיִשער מחבר ווי אַלע.

ער איז נישט געוואָרן דער קריטיקער, דער ליטעראַרישער מנהיג, וואָס ער האָט זיך פאַרמאָסטן צו זיין.

און די נייע זענען נישט געקומען צו אים מיט געבויגענע קעפּ און אים נישט געבעטן — קיניג איבער אונדז, גרויסער קריטיקער און גרויסער ליטעראַרישער פירער.

ניין, קיינער איז נישט געקומען מיט אַ געבויגענעם קאָפּ.

און באַלד האָבן זיך באַוויזן קריטיקער טיפערע, היימישערע, איינגענערע און פרומערע און האָבן אים אינגאַנצן כמעט געמאַכט איבעריק...

דאָס וווּנדער־קינד פון דער העברעיִשער ליטעראַטור איז געוואָרן אויס וווּנדער־קינד, ווען ער איז נאָך געווען אין סאַמע אָנהויב פון זיין וווּנדער־קינדהייט, ווען ער האָט נישט באַוויזן צו אַרויסוואַקסן פון די קורצע הויזקעס און ווערן אויף אַ נאַטירלעכן וועג אויס וווּנדער־קינד.

און ער האָט זיך געקליבן בפירוש צו זיין וווּנדער־קינד לאַנג, לאַנג, און צו זיין דער ליטעראַרישער מנהיג פון דער העברעיִשער ליטעראַטור.

און נאָך עפּעס איז געשען אין זיין לעבן —

די העברעיִשע ליטעראַטור האָט אים אַפילו נישט געקענט אויסהאַלטן בכבוד, ער האָט געמוזט אַריבער צו דער „זשאַרגאָנישער" פּרעסע און פון איר מאַכן אַ לעבן.

און ער איז געווען אַ משכיל, דורך און דורך אַ משכיל, אמת אַ מאָדערנער משכיל, אָבער זיין שנאה און ביטול צו יידיש איז געווען אַ טיפּיש־משכילישע.

און דאָ דאַרף ער ווערן גאָר אַ „זשאַרגאָנישער שרייבער"...

דאָס איז שוין געווען צופיל.

איז ער פאַרביטערט געוואָרן, ער האָט געשפּריצט מיט גאַל כסדר.

און דאָ איז אין וואַרשע גופא אויפגעקומען אַ נחום סאָקאָלאָוו, וואָס האָט געפונען דעם וווּנדערלעכסטן סינטעז פון דער אַלטער העברעיִשער מליצה און דעם נייעם העברעיִש, און האָט געמאַכט פון דעם אַ ליטעראַריש און זשורנאַליסטיש געריכט, פון וועלכן אַלע האָבן געלעקט די פינגער...

און אויב דאָס איז נאָך געווען ווייניק איז אויפגעקומען י. ל. פּרץ און האָט עפּעס צוגענומען די פּאָפּולאַריטעט פאַר אים אַליין.

ד"ר א. מוקדוני

און אָט דעם דאָזיקן פּרץ האָט דוד פרישמאַן זיין גאַנץ לעבן נישט געקענט מוחל זיין.

פּרץ איז, לויט פרישמאַנען, געווען אַ מין אַריינדרינגער, איינער, וואָס איז געקומען און האָט פאַרכאַפּט דעם מזרח און מען קען אים עפּעס נישט אַוועקשטויסן פון מזרח.

און ער האָט באַשטימט, אַז אָט דעם פּרץ מוז ער ממש צום טויט פאַרקריטיקירן.

און ער האָט זיך גענומען צו פּרצן, ער האָט אַלע זיינע קוילן אויס־געשאָסן, אָבער קיין איינע האָט נישט געטראָפן, זיי זענען אַלע פאַרביי־געפלויגן פּרצן.

איז זיין צאָרן געוואָרן נאָך גרעסער, נאָך ביטערער און נאָך ברע־נענדיקער.

דער צאָרן איז געוואָרן זיין טעגלעכער ברויט.
ער האָט ממש נישט געקענט רעדן רויִק.
ער איז געוואָרן דאָס וואָס מען רופט אַ שטיקל מאַניאַק.

***

נאָך אַלץ זייער אַ באַגאַבטער שריפטשטעלער, נאָך אַלץ אַ גאָר פיי־נער העברעיִשער סטיליסט, נאָך אַלץ אַ גייסטרייכער קריטיקער איז ער עפּעס געבליבן אין אַ זייט אי פון דער העברעיִשער און אי פון דער ייִדישער ליטעראַטור, פון דער ייִדישער מער, פאַרשטייט זיך, ווי פון דער העברעיִשער ליטעראַטור.

דער העברעיִשער ליטעראַטור־צענטער איז אַריבערגעטראָגן גע־וואָרן קיין אָדעס, דער ייִדישער צענטער אין געוואָרן וואַרשע.

און פון וואַרשע האָט ער נישט געוואָלט אַוועקגיין, ניין, וואַרשע איז געווען זיין צווייטע היים, אַגב, האָט ער אין וואַרשע נאָך לאַנגע בחורשע יאָרן חתונה געהאַט און ער האָט געמוזט דאָ בלייבן.

איז ער געבליבן אָן אַ ליטעראַרישער סביבה. די ייִדישע שרייבער האָבן אים געהאַלטן פאַר אַ העברעער און די העברעיִשע שרייבער האָבן זיך, אמת, געטוליעט צו אים, אָבער זיי זענען געווען בלויז געסט אין וואַרשע.

און באַלד האָט זיך אָנגעהויבן די עמיגראַציע פון העברעיִשע שרייבער קיין ארץ ישראל.

איז ער געבליבן אַ העברעיִשער שרייבער, וואָס שרייבט ייִדיש, וואָס ציט זיין חיונה פון ייִדיש.

און ער איז נישט געווען בטבע קיין געזעלשאַפטלעכער מענטש, ער איז נישט געווען קיין ציוניסט, ווי אַלע העברעער, ער איז נישט געווען קיין חובב שפת־עבר, ער האָט ביטער אויסגעלאַכט אָט די חובבים.

און אַזוי אַרום איז ער טאַקע געווען עלנט ווי אַ שרייבער.

און צו דעם אַלעם איז ער נאָך נישט געווען קיין אמתער לאָדזשער, וואָרום קיין ייִד קען נישט אַזוי לייכט איבערטראָגן די קאַפּריזן און די שמד־שטיק פון גורל ווי אַ לאָדזשער ייִד.

װעלכער לאָדזשער ייִד איז נישט געווען באַנקראָט א דריי־פיר מאָל אין זיין לעבן, וועלכער ייִד אין לאָדזש איז נישט געווען משונהדיק רייך און משונהדיק אָרעם אין אַ משך פון וועלכע 5־6 יאָר.

דאָס איז געווען עפּעס נאַטירלעך.

מען דערציילט נאָך, אַז אַ לאָדזשער ייִד האָט זיך באַגעגנט מיט אַן אַמעריקאַנער ייִד, האָט דער אַמעריקאַנער ייִד דערציילט דעם לאָדזשער ייִדן די וווּנדער פון דער אַמעריקאַנער טעקסטיל־מאַשין:

— זי שערט אָפּ דעם וואָל פון באַראַן, רייניקט אים, פאַרבט אים, שפּינט אים, וועבט די מאַטעריע, שניידט צו אַ גאַרניטור, נייט אים אויף, פּרעסט אים אויס און עס קומט אַריין אַ קליענט, טוט ער אים אָן און צאָלט איין פאַרן גאַרניטור ביים אַרויסגאַנג.

איז דער לאָדזשער ייִד נישט נתפּעל געוואָרן:

— אונדזער מאַשין אַרבעט בעסער. אַ סך בעסער, מיר וואַרפן אַריין אַ פּעקל וואָל און עס גייט אַרויס אַ פּראָטעסטירטער וועקסל, די מאַשין טוט אָפּ אַליין...

דער לאָדזשער ייִד איז אַן אָפּטימיסט.

ער האָט קיין ברירה נישט.

דוד פרישמאַן, דער לאָדזשער, איז נישט געווען קיין אמתער לאָדזשער.

ד"ר א. מוקדוני

אים האָט געפעלט דער לאָדזשער אָפּטימיזם און דאָס קענען אָננע־מען די שווערע קלעפּ פון דעם קאַפּריזנעם גורל.

***

אין די יאָרן פון 1909 ביז 1915, און שפּעטער אין בערלין, נאָך דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע, פלעג איך מיט אים פון צייט צו צייט זיך באַגעגענען, איז ער געווען ממש אַ שטיק פּעסימיסט און אַ לאָגל פול מיט גאַל אויף צוויי פּיס.

א. שטיינמאַן, אַ זייער שאַרפער און זייער באַגאַבטער העברעיִשער שרייבער, האָט אָנגעשריבן אַ גאַנץ פעט בוך זכרונות וועגן דוד פריש־מאַנען, געדרוקט אין צווייַ „התקופות", איז נישט־ווילנדיק אַרויסגעקומען דער גאַנצער פּעסימיזם און ביטערקייט פון דוד פרישמאַן.

ער פלעגט זיך פון צייט צו צייט וויצלען און אָפט גאַנץ שאַרף און אַמיזאַנט, אָבער אין יעדן וויץ איז געווען אַ היפּשע דאָזע ביטערקייט.

און ביטול איז געוואָרן זיין צווייטע נאַטור.

ער האָט אַלעמען מבטל געווען, אַפילו זיינע איינצלנע נאָענטע פריינט.

ער איז געווען אַ גייסטרייכער שמועסער, אָבער פון דעם גייסט־רייכסטן שמועס זענט איר אַוועק עפּעס אָנגעזאַפּט מיט ביטערקייט.

אַפילו אין זיין אויסזען איז געווען ביטערקייט:

נידעריקער פון מיטלוווקס, מיט קליינע אויגן, וועלכע איר האָט געזען דורך די גראָבע גלעזער פון זיינע ברילן. איבער זיין מויל אַ פּאָר וואָנצעס, פון אונטער וועלכע עס שפּיזלט כסדר אַן איראָניע, זיין פּלייצע עטוואָס געבויגן, דער קאָפּ אַביסעלע אין אַ זייט און זיין עטוואָס שלאָ־בערדיקער הילוך האָבן אים בשום אופן נישט געמאַכט פאַר דעם איי־ראָפּעיִשן דזשענטלמען, פאַר וועלכן ער האָט זיך געהאַלטן.

און מערקווירדיק — אָט דער אייראָפּייער איז געווען ערגעץ־ווו אַ שטיקל בטלן.

אָבער ער איז געווען טיף איבערצייגט, אַז אַלע העברעיִשע און ייִדי־שע שרייבער זענען לויטער בטלנים.

עס איז ממש נישט געווען קיין איין איינציקער ייִדישער, אָדער

העברעיִשער שרייבער, פון וועלכן ער האָט געהאַלטן און מיט וועלכן ער איז געווען באמת באַפריינדט.

איז ער געווען אין תוך דער איינזאַמסטער שריפטשטעלער.

און אין זיין איינזאַמקייט איז ער אַליין געווען שולדיק, ער האָט זי בידים געשאַפן אַרום זיך.

העברעער פלעגן, פאַרשטייט זיך, אָפט קומען צו אים, אָבער פריינט, נאָענטע פריינט, אינטימע פריינט האָט ער נישט געהאַט.

און אויף צעגליאַנע 1, אין אַ באַשיידן דירהלע, איז געווען כסדר לעבעדיק. אַ מיטלוווקסיקער מענטש, אויך מיט וואָנצעס, שווערע אַראָפּ־הענגענדיקע וואָנצעס, אָבער פון אונטער וועלכע עס האָט כסדר אַרויס־געשטראַלט אַ ליכטיקער שמייכל.

און אַרומגערינגלט מיט פריינט, מיט אמתע פריינט, מיט איבער־געגעבענע פריינט איז ער געווען. דאָס איז געווען י. ל. פּרץ.

איז געווען אַ שנאה צווישן די צוויי מענטשן, אַ שנאה, וואָס האָט זיך געצויגן יאָרן און יאָרן.

ביז דער טויט פוןביידן האָט זי אויסגעלאָשן.

ניין, זי איז נישט אינגאַנצן אויסגעלאָשן געוואָרן, זי איז אַריבער בירושה צו פרישמאַנס עטלעכע העברעיִשע פריינט און צו דער גרויסער מחנה פון י. ל. פּרצעס פריינט...

ווען איר וועט, למשל, לייענען י. ד. בערקאָוויטשעס זכרונות וועט איר באַקומען אַ פאַרקערט בילד — דער שטערן, דער ליטעראַרישער שטערן, אויף דעם ליטעראַרישן הימל אין וואַרשע איז געווען דוד פרישמאַן, און י. ל. פּרץ האָט זיך אַרומגערינגלט מיט טומלער, און צווישן די טומלער איז דאָ, פאַרשטייט זיך, מיין ווייניקייט.

און אַ טומלער בין איך געווען, ווייל איך האָב געפאָדערט און אַגי־טירט פאַר אַ בעסערן יידישן טעאַטער.

יאָ, די שנאה צווישן די צוויי גרויסע שריפטשטעלער איז אַריבער בירושה צו זייערע פריינט.

און, פאַרשטייט זיך, אַז נישט אַלע העברעער זענען געווען אויף דוד פרישמאַנס זייט, ניין, ח. נ. ביאַליק איז געווען אַ הייסער פריינט פון י. ל. פּרצן. אַפילו אַזאַ העברעער ווי פּראָפעסאָר יוסף קלויזנער איז גע־

ווען י. ל. פרצעס פריינט, און אין זיינע זכרונות זאָגט ער בפירוש, אַז דוד פרישמאַן איז געווען דער אומגערעכטער צד, י. ל. פרץ איז געווען דער דזשענטעלמען.

יאָ, פרץ איז נישט געווען קיין איש ריב ומדנים און נישט קיין נוקם ונוטר.

און פרץ איז דווקא געווען שניידיק און אָפן אין זיין באַציִונג צו מענטשן, אָבער די דאָזיקע שניידיקייט און אָפנקייט איז שטענדיק געווען באַגלייט מיט אַ גוטן און האַרציקן שמייכל.

2

דוד פרישמאַן איז געווען לאַנג אַן אַלטער בחור, און עס איז שוין געווען אָנגענומען, אַז ער וועט פאַרענדיקן זיין לעבן ווי אַ בחור.

אָבער מיט אַמאָל האָט זיך צעטראָגן אַ קלאַנג, אַז דוד פרישמאַן איז געוואָרן אַ חתן, און באַלד אַ ידיעה, אַז ער האָט חתונה געהאַט.

דוד פרישמאַן האָט חתונה געהאַט מיט אַ יונגער, שיינער פרוי פון אַ גוט באַלעבאַטיש הויז; ער איז אַוועק פון זיין אַלט־בחורישער איינזאַמקייט, ער איז אַריינגעפאַלן אין אַ הויז אַ טומלדיקס, אַ רירעוודיקס און אַ כל־טובדיקס.

אָבער אָט דער דאָזיקער איבערברוך אין זיין לעבן האָט אויף אַ האָר נישט געענדערט זיין מהות. ער איז געבליבן דער זעלביקער איינזאַמער ליטעראַרישער וואָלף אין דער ליטעראַרישער וואַרשע.

ער האָט געהאַט קינדער, געוואָרן אַ פאָטער.

אָבער ער איז געבליבן דער זעלביקער.

דאָ און דאָרט איז ער געוואָרן אַביסעלע צוגעלאָזענער, שטיקלעך זון־שיין פלעגן זיך דורכרייסן דורך די שווערע פעסימיסטישע וואָלקנס.

עס וואָלט געווען אָבער אַ טעות צו מיינען, אַז בלויז פרץ איז געווען דער אָביעקט פון זייער בייסיקער שנאה. ער האָט געהאַט פאַרניכטנדיקן ביטול צו ביאַליקן און צו אַנדערע גרויסע העברעיִשע שריפטשטעלער.

פאַר אים האָט זיך גאָרנישט געענדערט אין דער העברעיִשער ליטעראַטור, ער איז געבליבן ביי דעם קוק אויף דער העברעיִשער ליטעראַטור, וואָס ער האָט אַרויסגעזאָגט אין זיין שאַרף ביכעלע „תוהו ובוהו".

אָבער קיין ניי ביכל „תוהו ובוהו" האָט ער פונדעסטוועגן נישט געקענט אָנשרייבן.

די העברעיִשע ליטעראַטור איז אַרויסגעוואַקסן פון אירע וויקעלעך אין רוסלאַנד און אין פוילן.

און דאָס האָט פרישמאַן געוווּסט.

און דאָס האָט אים קיין פרייד נישט פאַרשאַפט.

זיין ביבעלע „תוהו ובוהו" איז געווען אַן עפּאָכע אין דער העברעיִשער ליטעראַטור.

אָבער עפּאָכעס גייען אַוועק און זייער אָפּט פאַרנעמען זייער אָרט אַנדערע עפּאָכעס...

און פרישמאַן איז געוואָרן אויס עפּאָכע־מאַכער.

אַנדערע האָבן אָנגעהויבן צו מאַכן עפּאָכעס — ח. נ. ביאַליק האָט געמאַכט אַן עפּאָכע, שאול טשערניכאָווסקי האָט געמאַכט אַן עפּאָכע, ז. שניאור האָט געמאַכט אַן עפּאָכע.

און ליטעראַטור־קריטיק איז געוואָרן אַ ביז גאָר נאַטירלעכע דערשיינונג.

זי איז געוואָרן ראשית כל אַ פּאָזיטיווע.

שוין אַביסל צו פּאָזיטיוו, צו יאַ־זאָגעריש און צו בראַוואָ־פּאַטשעריש.

ווייל העברעיִש און העברעיִשע ליטעראַטור זענען פאַרקנוילט געוואָרן מיט פּאָליטיק, העברעיִש איז געוואָרן ציוניזם און ציוניזם איז געוואָרן העברעיִש.

נישט די ליטעראַטור איז געוואָרן דער עיקר, דער עיקר איז געוואָרן דער לשון, ער האָט באַדאַרפט ווערן דער לשון פון דעם יידישן לאַנד, וואָס ווערט געבויט.

און דאָ איז דוד פרישמאַן געוואָרן אינגאַנצן אַ זייטיקער, פאַר אים איז דער לשון נישט געווען דער עיקר, פאַר אים איז די ליטעראַטור געווען דער עיקר.

און ער איז דאָ אויך געווען גערעכט פונקט ווי ער איז געווען גערעכט מיט זיין „תוהו ובוהו", אָבער צו זיין „תוהו ובוהו" האָט מען זיך צוגעהערט שטאַרק, אָבער איצט הערט זיך קיינער צו אים נישט צו.

ער שרייבט נאָך דאָ און דאָרט „מכתבים על דבר הספרות", ער איז

ד״ר א. מוקדוני

אין תוך אַ קריטיקער מיט באַקציינער, אָבער, ווי געזאָגט, העברעיִש האָט באַדאַרפט אַ גאָר אַנדערע ליטעראַטור־קריטיק, וועלכע ער האָט נישט געקענט און נישט געוואָלט שרייבן.

ער איז געווען אַ שאַרפזיניקער און פילזייטיקער שרייבער. עס איז ממש נישטאָ קיין איין ליטעראַרישער זשאַנר, אין וועלכן ער האָט נישט געשריבן, ער האָט זיך געפילט אין דער היים אין אַלע ליטעראַרישע זשאַנערס.

ער איז געווען אין תוך אויך אַ איש־אמת, ער האָט אָבער געקענט איגנאָרירן דעם אמת אויך, און דאָ איז ער געווען נאָך שאַרפער ווי זאָגנ־דיק דעם אמת.

זיינע אַטאַקעס אויף פרצן זענען געווען בפירוש אומגערעכטע, בייז־ווילִיקע און עפּעס נקמהדיקע, אין דער צייט ווען פרץ האָט אים קיינמאָל נישט אַטאַקירט, ער האָט דאָ און דאָרט געמאַכט אַ שפּאַס בלויז.

ווי וויט פרץ האָט געקענט זיין ריטערלעך צו אַ געשוואָרענעם שונא און צו אַ געשוואָרענעם אַטאַקירער באַווייזט דער פאָלגנדיקער פאַקט:

י. ל. פרץ האָט מיטגעאַרבעט אין פרישמאַנס „הדור״.

אין יאָר 1914 האָט מען געפייערט פרישמאַנס יובילײ, פרץ איז דאַן געווען דער פאָרזיצער פון דעם וואַרשעווער „הזמיר״. זענען צו אים געקומען יִידן און צוגעשטאַנען צו אים, אַז ער, פרץ, זאָל זיך באַטייליקן אין דער יובילײ־פייערונג.

פרץ האָט מסכים געווען, ער איז אַריין אין קאָמיטעט און איז אַפילו געווען דער פאָרזיצער פון דער יובילײ־פייערונג, וואָס איז פאָרגעקומען אין „הזמיר״ טאַקע.

און ער האָט געהאַלטן אַ קלוגע און אַ וואַרעמע רעדע.

ער האָט געזאָגט אין זיין רעדע לערך אַזוי:

דוד פרישמאַן האָט כסדר געקוקט אויף יִידן, יִידישקייט און יִדישע ליטעראַטור דורך אַ געדיכטן און דערצו שוואַרצן פאָרהאַנג, און ער האָט זיי דעריבער נישט געזען...

נישטאָ קיין פאָלק, נישטאָ קיין ליטעראַטור, נישטאָ.

און אָט פייערט מען דוד פרישמאַנס יובילײ און ער מוז אַפילו! דורך דעם געדיכטן, שוואַרצן פאָרהאַנג דערזען, אַז דאָס אַלץ איז דאָ.

אַ יובּילײ־פײערונג אין מאָסקווע, אין פּעטערבּורג, וואַרשע, בּערלין, הכּלל — בּכל תּפוצות ישׂראל.

ווער מאַכט די דאָזיקע יובּילײס?

דאָס ייִדישע פאָלק.

וועמען פײערט דאָס ייִדישע פאָלק?

דוד פרישמאַנען, אַ ייִדישן שריפטשטעלער.

פאַרוואָס פײערט דאָס ייִדישע פאָלק פרישמאַנען?

פאַר זײַנע ווערק אין 17 בּענדער.

עס איז דאָ אַפּנים אַ פאָלק, עס איז דאָ אַפּנים אַ ליטעראַטור.

און אין נאָמען פון דער כּנסת ישׂראל, וואָס לעבּט אין מײַן פאַרשטעלונג, זאָג איך פרישמאַנען:

אַ קאַפּריז קינד, דאָך אַ קינד...

אָט אַזוי האָט גערעדט פּרץ אויף דעם יובּילײ פון זײַן געשוואָרענעם שונא און געשוואָרענעם אַטאַקירער פאַר צענדליקער יאָרן.

און דוד פרישמאַן?

אַפילו נאָך פּרצעס טויט, שרײַבּנדיק וועגן פּרצן דעם נפטר מיט מער סימפּאַטיע, האָט ער געשריבּן צווישן די עטלעכע שבחים:

„ער איז געווען פון די, וועלכע קענען אַ מינוט נישט לעבּן אָן אָפּלאָדיסמענטן".

און דאָס איז געווען הימל ווײַט פון אמת.

דוד פרישמאַן איז געווען אַ גרויסער העבּרעיִשער און ייִדישער שריפטשטעלער, ער איז געווען אַ מײַסטער פון פאָרם און פון סטיל.

ער האָט געקענט און באַדאַרפט זײַן נאָך אַ גרעסערער שריפטשטעלער, אָבּער ער איז געווען אַ ליטעראַריש וווּנדער־קינד, וואָס האָט געוואָלט בּלײַבּן דווקא אַ וווּנדער־קינד, אַ קאַפּריז וווּנדער־קינד.

איז קאַפּריז איז ער געווען, אָבּער דער וווּנדער איז אויסגערונען. פּשוט, ווײַל אַ באַיאָרנטער מענטש קען נישט זײַן קײן וווּנדער־קינד.

ער איז געווען אַ גלענצנדיקער פעליעטאָניסט, אַ פּרעכטיקער דערציילער, אַ פײַנער דיכטער און אַ שאַרפער ליטעראַטור־קריטיקער.

אָבּער דאָס אַלץ איז אים געווען ווייניק.

ער איז געווען זיכער, ער האָט ממש געגלויבט באמונה שלימה, אַז ער איז דער ליטעראַרישער משיח פון דער העברעיִשער ליטעראַטור.

אין אַ געשפּרעך מיט שרייבער, צווישן וועלכע איך בין אויך גע־ווען, האָט ער אַגב־אורחא אַרויסגעזאָגט דעם געדאַנק, אַז יעדע קונסט מוז האָבן איר משיח, מאַלעריי האָט לעאָנאַרדאָ דא ווינטשי, סקולפּטור האָט מיקעל אַנדזשעלאָ, ליטעראַטור האָט שעקספּיר אאַז״וו.

און העברעיִש נויטיקט זיך ערשט אין אַ נייעם משיח.
האָט עמעצער אָנגערופן אַ פּאָר העברעיִשע ליטעראַרישע משיחים.
האָט ער אַ מאַך געטון מיט דער האַנט —
דאָס האָט געהייסן — אויך מיר משיחים...

***

יאָ, דער גורל האָט אים נישט געשאַנעוועט, ווי ער האָט נישט גע־שאַנעוועט אַלע ייִדן.

עס קומט די ערשטע וועלט־מלחמה, ער ווערט אַ נע־ונדניק ווי אַלע שרייבער, ער איז אין אָדעס, אין מאָסקווע און אין בערלין.

און אין בערלין איז ער קראַנק געוואָרן.

ער איז לאַנג קראַנק געווען, ביז עס איז צוגעקומען אַ קאַנסער און האָט געמאַכט אַ סוף פון זיין אין תוך פאַרביק לעבן, מיט וועלכן ער איז נישט געווען צופרידן.

ער איז געשטאָרבן אין בערלין.

געשטאָרבן איז ער, פאַרשטייט זיך, אָרעם, ווי יעדער ייִדישער שרייבער.

ער האָט געלאָזט נאָך זיך אַ פרוי און דריי קינדער, און זיין ענער־גישע פרוי, לילי פרישמאַן, האָט אַרויסגעגעבן נאָך זיין טויט זיינע ווערק, וואָס זענען געוואָרן פאַר אַ געוויסער צייט דער איינציקער קוואַל פון חיונה פאַר איר און די קינדער.

זיין פרוי לעבט אין ניו יאָרק און אַרבעט שווער און ביטער פאַר איר שטיקל אָרעם ברויט.

אַזוי האָט געלעבט און אַזוי איז געשטאָרבן און אַזוי האָט געלאָזט

נאָך זיך אַ פאַמיליע אַ ליטעראַריש וווּנדער־קינד, וואָס האָט געהייסן דוד פרישמאַן.

ער איז געוואָרן צו 15 יאָר אַ שריפטשטעלער, ער האָט געלאָזן נאָך זיך 40 בענד.

אַרום און אַרום אַ טראַגישע ליטעראַרישע געשטאַלט.

***

דוד פרישמאַן האָט געשריבן פיל יידיש, ער איז געווען אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער פון „היינט" יאָרן און יאָרן, אָבער ער איז געבליבן דורך און דורך אַ העברעיִשער שריפטשטעלער.

ווייטער פון אַן עלעגאַנטן, און אָפט האַלב־עלעגאַנטן פעליעטאָן, איז ער אין יידיש נישט געגאַנגען.

ער האָט גאָרנישט פּרובירט צו שרייבן ליטעראַטור־קריטישע אַרטיקלען אין יידיש, נישט וועגן יידישע ביכער און נישט וועגן העברעיִשע ביכער.

אין אַ מסיבה פון שרייבער אין אַ קאַפע האָט איינער אים געשטעלט די פראַגע — פאַרוואָס ער שרייבט נישט אין יידיש קיין ליטעראַטור־קריטיק?

ער האָט זיך פאַרטראַכט און געזאָגט:

— עס איז מיר גאָר קיינמאָל נישט איינגעפאַלן צו שרייבן וועגן ביכער אין יידיש...

אפשר איז עס אַן אַלטער פאָראורטייל.

דאָס איז דער ריינער אמת, דענק איך.

ער האָט זיין גאַנץ לעבן געשריבן קריטיק אין העברעיִש און וועגן העברעיִשע ביכער, אין העברעיִש האָט ער געהאַט אויסגעאַרבעט זיין סטיל, זיין פאָרם און דער עיקרשט — זיין ספּעציפישן אינהאַלט.

אין יידיש האָט מען אַזוי נישט געשריבן קיין ליטעראַטור־קריטיק.

ער איז געבליבן ביי זיין „תוהו ובוהו", ביי זיין באַהאַנדלען העברעיִשע שרייבער פון אויבן אַראָפּ, ער האָט נייע נישט אָנערקענט, און אויב יאָ, איז עס געווען אַ מתנה פון אַ „גראַנד סעניער", עס איז געווען אַן אַראָפּשטייג פון דעם פּעדעסטאַל...

ד״ר א. מוקדוני

אין העברעיש איז ער געווען אַ וווּנדערלעכער סטיליסט, זיין שפּראַך איז געווען קלאָר און לויטער, אָבער אין יידיש האָט ער זיך נישט געקענט באַפרייען פון דער לאָדזשער דייטשמערישקייט.

יאָ, ער איז געווען אַ העברעער, כאָטש אין די לעצטע יאָרן זיינע איז העברעיש אויך אַוועק פון זיין העברעיש, און ער איז געוואָרן אַן אַלטער העברעישער שריפטשטעלער.

און דאָס האָט ער ממש נישט געקענט מוחל זיין דעם נייעם דור.

און ער פלעגט רעדן וועגן די נייע אויפגייענדיקע שטערן אין דער העברעישער ליטעראַטור מיט ביטול און אָפט אַפילו מיט צאָרן.

אַרום און אַרום איז ער געווען אַן איינזאַמער מענטש אויף דער עלטער; אַרום אים האָבן זיך קאָנצענטרירט די יונגע זקנים פון דער העברעישער ליטעראַטור און די אומצופרידענע ווי י. ד. בערקאָוויטש א״אַ.

בלויז איין גרויסן פאַרערער האָט ער געקראָגן אומדערוואַרטעט אויף דער עלטער, און דאָס איז געווען דער מעצענאַט אַברהם יוסף שטיבל.

אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה איז ער געוואָרן דער רעדאַקטאָר פון „התקופה״, אָבער נישט סתם אַ רעדאַקטאָר, נאָר אַ שרייבער, צו וועלכן דער אַרויסגעבער שטיבל האָט אַרויפגעקוקט מיט פאַר־געטערונג.

18

א. מ. ווײַסענבערג

.1

פון די, וועלכע פלעגן פון צײַט צו צײַט ברענגען אין „פֿרײַנד“ אַ קלײנע דערצײלונג, איז אויך געווען א. מ. ווײַסענבערג.

ער פלעגט אַרײַנקומען עפּעס מיט אַ זײַט, פּלעגט קײנעם אין פּנים נישט קוקן, דאָס געזיכט האַרט ווי פון גוט־געברענטן ציגל, און עפּעס פירקאַנטיק איז עס געווען, די אויגן קלײנע און קאַלטע, און אינגאַנצן איז ער געווען עפּעס פויעריש. די אויגן פול מיט חשד צו די שטאָטישע מענטשן און דער עיקרשט צו אינטעליגענטן, צו „די לײַט, וואָס קענען גוט אין די ביכער“. די דאָזיקע לײַט האָט ער פּשוט פײַנט געהאַט שנאת־מות.

און ער האָט געקענט פײַנט האָבן.

אין די ווינקלען פון זײַן מויל איז געלעגן אַ ים פון ביטערקייט און פאַרביסענע עקשנות.

אין זײַנע אויגן האַרטקייט און קאַלטע פײַנטשאַפט.

און גענומען האָט זיך עס פון דעם אַפּנים וואָס די שרײַבערישע וועלט, אין וועלכער ער איז געווען אַ גאָר קאַנטיקע געשטאַלט, איז סוף כל סוף נישט געווען זײַן וועלט.

ער איז געבליבן זײַן גאַנץ לעבן אַ זשעלעכאָווער פּראָסטער בעל־מלאכה, ער איז נישט אַרויס פון זשעלעכאָוו לעבנדיק יאָרן און יאָרן אין

וואַרשע, און ער איז קיינמאָל נישט געוואָרן קיין אינטעליגענט, כאָטש ער האָט עס שפּעטער גריילעך געוואָלט זיין.

ער איז געווען אויסערסט אומוויסנדיק, אָבער עס איז נישט געווען נאָך איינער, וואָס האָט ווי ער דערשפּירט און אָפּגעשאַצט עפּעס עכטס אין דער יידישער ליטעראַטור.

ער איז געווען כמעט אַ שטומער צווישן שרייבער, זיין צונג איז עפּעס געווען שווער און שרייבער זענען דאָך אַזוי לייכט אויף דער צונג; ער האָט פאַרמאָגט בלויז עטלעכע צענדליק נויטיקע ווערטער, און שריי־בער האָבן דאָך עפּעס אַ מבול מיט ווערטער.

און ער איז געווען אַ גלייכער, אַן אָפענער מענטש, אַן אמתער פוי־ער, ער האָט נישט געוווסט פון פּאָליטיק און פון קיין היפּערפּיסלעך.

ער איז געווען אָפן און גראַדליניק ווי אַ קינד ממש.

ביי אים איז געווען כסדר — וואָס אויף דער לונג ד׳אָס איז אויף דער צונג.

אָבער אָט דער זשעלעכאָווער פּראָלעטאַריער האָט געוווסט גענוי ווי און וואָס ער דאַרף און קען שרייבן, ער האָט געמאַכט גאָר ווייניק טעותן אין דעם אָפּקלייב פון טעמעס.

ער האָט נישט גורס געווען י. ל. פּרצן און פּרץ האָט אים דווקא ליב געהאַט.

זיין טענה צו פּרצן איז געווען אַן אָפענע און אַ פּשוטע — „ער קען גוט אין די ביכער״, ד״ה, ער איז אַן אינטעליגענט.

און דאָס איז געווען אין א. מ. ווייסענבערגס אויגן די גרעסטע און די שווערסטע זינד.

ווען ער האָט געוואָלט עמעצן מבטל זיין, אָדער אים קריטיקירן, פלעגט ער זאָגן האַרט און ביטער:

— ער איז איינער פון די, וואָס קענען זיך גוט אין די ביכער...

ער האָט זיך ווייניק געחברט מיט שרייבער, עפּעס האָט ער געהאַט, אָדער אויפגעזוכט, זיינע זשעלעכאָווער אין סאַמע וואַרשע און מיט זיי האָט ער געלעבט.

אָרעם, שרעקלעך אָרעם איז ער געווען, אָרעם ווי קיינער אין דער שרייבערישער משפּחה, אָבער ער איז נישט געווען אומגליקלעך, ער האָט

ביי קיינעם גאָרנישט געמאָנט, קיינער איז אים גאָרנישט שולדיק געווען.

געווען אַ ביטערער אָרעמאַן ווי אַן אַרבעטער, און איז אַ ביטערער אָרעמאַן ווי אַ שרייבער.

ווי אַ שרייבער האָט ער עפּעס געפּירט אַ פאַרביסענעם ליטעראַרישן צו־להכעיס מיט שלום אַשן.

האָט שלום אַש אָנגעשריבן אַ בוך „דאָס שטעטל", אין וועלכן דאָס יידישע שטעטל אין פּוילן איז אַ זיסע אידיליע, האָט ער, א. מ. ווייסענבערג, אויך אָנגעשריבן אַ בוך מיטן נאָמען „אַ שטעטל".

אָבער עס איז גאָר אַן אַנדער שטעטל, עס איז שוין גאָרנישט קיין אידיליש שטעטל, עס איז אַ פּויליש־יידיש שטעטל, אין וועלכן עס כאַפּט זיך אַריין דער רוח, אָדער דער דיבוק פון רעוואָלוציע, פון דער רוסישער רעוואָלוציע.

דאָס יידישע שטעטל מאַכט דורך אַ גוואַלדיקן איבערברוך, די אַלטע טראַדיציעס ווערן געבראָכן, דער אַלטער שטייגער פון לעבן מאַכט פּלאַץ פאַר אַ נייעם שטייגער.

הכלל — נישט קיין אידיליש שטעטל, נאָר אַ שטעטל אין רעוואָלוציאָנערן אויפברויז, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט אין אָנהויב פון דעם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, און איז באַקאַנט ווי די ערשטע רעוואָלוציע, די ערשטע נישט־איינגעגעבענע רוסישע רעוואָלוציע.

שלום אַש איז געווען דאָס באַלעבאַטישע בחורל, וואָס האָט געזען אידילישקייט אין זיין שטעטל, א. מ. ווייסענבערג איז דער פּראָלעטאַריער און ער האָט געזען דאָס שטעטל אין רעוואָלוציאָנערן אויפברויז.

צוויי באַזונדערע קינדער פון צוויי באַזונדערע קלאַסן.

און האָט שלום אַש געשריבן זיין „שלמה נגיד", וואָס איז געווען נאָך מער אידיליש ווי „דאָס שטעטל", האָט א. מ. ווייסענבערג געשריבן זיין „טאַטע און די בנים", שוין גאָרנישט קיין זיידענע מענטשן, דאָס זענען מענטשן גראָבע, פּרימיטיווע, אָבער גוואַלדיק שיין אין זייער גראָבקייט און פּרימיטיווקייט.

דאָ האָבן מיר געהאַט צוויי אַספּעקטן פון דעם פּויליש־יידישן לעבן אין דער פּראָווינץ, דעם באַלעבאַטיש גבירישן אַספּעקט פון שלום אַשן און דעם פּראָלעטאַרישן אַספּעקט פון א. מ. ווייסענבערג, דאָ האָבן מיר

אויך געהאַט צוויי פאַרשיידענע ליטעראַרישע פאָרמען, די ראָמאַנטישע און די דורך נאַטוראַליסטישע. א. מ. ווייסענבערג איז געווען אַ רויער נאַטוראַליסט.

א. מ. ווייסענבערג האָט בימי „הפריינד" אין וואַרשע נאָך געלעבט אין זשעליכאָוו, ער פלעגט זיך בלויז אַראָפּלאָזן קיין וואַרשע, אַביסל פיינט האָבן די שרייבער־אינטעליגענטן און, אַגב, אויך אָפּזעצן אַביסל ליטעראַרישע סחורה.

זיינע ליטעראַרישע טראַנזאַקציעס זענען געווען קורצע, כמעט שטורמע, ער פלעגט אַריינקומען אין „פריינד" אַן אָנגעדרודלטער, צוגיין צו ראָזענפעלדן:

— דאָ האָט איר אַ דערציילונג.

און אויפן אָרט האָט ער באַקומען באַצאָלט פאַר זיין דערציילונג און איז נעלם געוואָרן.

א. ווייטער, וועלכער האָט זייער ליב געהאַט א. מ. ווייסענבערגס שרייבן, האָט אים אַמאָל אָפּגעשטעלט און האָט געוואָלט פאַרפירן מיט אים אַ געשפּרעך, און ווי עס פירט זיך האָט ער אים געשטעלט אַ פראַגע, האָט א. מ. ווייסענבערג אַ קוק געטון אויף אים מיט זיינע קליינע קאַלטע אויגן און געזאָגט האַרט:

— עס גאַיט אייך אין לעבן עס צו וויסן?

און א. ווייטער איז אָפּגעשפּרונגען פון אים און איז אַריינגעלאָפן צו זיך אין צימער אַ פאַרשעמטער.

און שפּעטער האָט ער מיר מיט אמתער באַוווּנדערונג איבערגעגעבן דעם קליינעם עפּיזאָד, ער האָט נאָך שטאַרקער ליב באַקומען א. מ. ווייסענבערגן.

— טאַקע, וואָס רייס איך זיך אין זיין יחידיש וועלטל?! האָט ווייטער גערעכט געגעבן א. מ. ווייסענבערגן.

און אין אַ חודש, אָדער צוויי אַרום האָב איך געזען ווי א. ווייטער קומט אַריין מיט א. מ. ווייסענבערגן אין רעדאַקציע, ווי צוויי אַלטע גוטע פריינט.

א. ווייטער האָט אויסגעפירט, ער האָט געמאַכט א. מ. ווייסענבערגן פאַר זיינעם אַ פריינט.

און שטיל האָט מיר א. וויַיטער פּאָרטרויט:

— אַ וווּנדערלעכער מענטש, רייַן און אומשולדיק ווי אַ קינד, נישט קוקנדיק אויף דעם וואָס ער איז האַרט ווי קרעמען, קינדער זענען אויך אַזוי...

א. מ. וויַיסענבערג איז געווען אַ ליטעראַרישער נס — מער ווי דעם אַלטן ייִדישן חדר אין זייַנע קינדער־יאָרן האָט ער נישט באַזוכט, אין זייַן שטעטל זשעלעכאָוו האָט ער קיין שרייַבער און קיין ביכער נישט געזען, דאָס שטעטל איז געווען אַ מוראדיק פּראָווינציעלס.

אָבער אַזאַ נס איז געווען יונה ראָזענפעלד, וועגן וועלכן איך וועל רעדן וויַיטער.

דאָס זענען ביי אונדז גאָר אַלטע ניסים, ביי אונדז זענען אַ פּאַסטוך און אַ פּויער געוואָרן נביאים אין די אַלטע צייַטן.

א. מ. וויַיסענבערג איז געווען אַ גרויסער שריפטשטעלער.

ער איז געווען אַן אָפענער שריפטשטעלער, ער איז געווען דורכ־אויס אַ נאַטוראַליסט, אָבער זייַן כלומרשט נאַקעטער נאַטוראַליזם האָט געהאַט אין זיך כסדר עפּעס סימבאָלישעס, ווי אַלץ, וואָס אַן עכטער קינסטלער שאַפט.

און שפּעטער, ווען איך האָב זיך מיט אים אַביסל באַפרייַנדעט, האָב איך דערזען פאַר זיך אַ מערקווירדיקן עם־הארץ, יאָ, ער איז געווען אַן עם־הארץ, אָבער אַן עם־הארץ, וואָס איז אַליין דערגאַנגען צו די סאַמע טיפעניש, צו דער סאַמע מיסטעריע פון קונסט.

זייַנע מייַנונגען וועגן ביכער זייַנען געווען שאַרפע און קלאָרע, זייַנע אָפּשאַצונגען ערלעכע, אָבער נישט אַלעמאָל אמתע.

ער האָט פּיינט געהאַט דעם אינטעליגענט, וואָס האָט זיך, לויט זייַן מייַנונג, אַרייַנגעריסן אין אונדזער ליטעראַטור מיט אַ פאַלשן פּאַספּאָרט, מיט אַ אַטעסטאַט פון אַן אוניווערזיטעט, אָדער מיט אַן אַטעסטאַט פון אַן אָנגעלייענטן מענטשן, אָבער אָן אמתן טאַלאַנט.

— טאַלאַנט — דאָס איז דער איינציקער פּאַספּאָרט פאַר אַ שרייַבער, אַלע אַנדערע פּאַספּאָרטן זענען פאַלשע. האָט ער אַמאָל געזען און גע־הערט ווי אַ חברה־מאַן פאַרקויפט רפואות אויפן מאַרק, ער רעדט ווי אַן אמתער דאָקטער, אָבער ער איז אַ שווינדלער, ער ווייסט אַליין, אַז ער

ד"ר א. מוקדוני

פאַרקויפט אַביסל געפאַרבט וואַסער אָנגשטאָט רפואות, — האָט ער מיט מיר איינגעטענהט.

ער האָט, ווי געזאָגט, נישט אינגאַנצן גורס געווען פּרצן:

— פּרץ איז אַן אינטעליגענט, און דאָס שאַדט אים. ער וואָלט געווען אַ גרעסערער קינסטלער ווען ער וואָלט נישט געווען אַזאַ אינטעליגענט.

אַ סך פון זיינע דערציילונגען זענען דאָך תורה, זאָגעריי, אָבער נישט קיין קונסט.

אָבער ער האָט ליב געהאַט פּרצן:

— ער וואָס וואָס שראַבן איז, ער פאַרשטייט זיך גוט אויף דעם בעסער ווי אַלע, אָבער אַמאָל פירט אים אַראָפּ זיין אינטעליגענטישקייט פון וועג.

ער פלעגט אַרויסזאָגן זיינע געדאַנקען שווער, אומבאַהאָלפן, ער האָט זיך געפּלאָנטערט, אָבער ער האָט גובר געווען זיין עם־הארצותדיקע שטומ־קייט, ער פלעגט זיך סוף כל סוף געבן אַן עצה.

ער פלעגט מיד ווערן פון אַזעלכע אינטעליגענטע שמועסן און ער פלעגט זיך אויפהויבן און אַן אַ זיי־געזונט אַוועקגיין שווער, פויערש און אומגעלומפּערט.

ווען איך האָב אַמאָל אָנגערירט פאַרזיכטיק זיין מאַטעריעלע לאַגע, האָט ער אָפן און פּשוט געזאָגט:

— איך בין נישט קיין סוחר. איך אַרבעט ווי פריִער, איך שרייב, אוֹז אַן אַרבעטער איז אַן אָרעמאַן, דאָס איז זיין גורל. סיידן ווען ער לויפט אַריבער צום סוחרישן קלאַס. איך בין נישט קיין איבערלויפער, איך בין שווער אויפן טראָט, איך בין נישט פלינק, ניין...

און דאָס איז געווען לויטער אמת.

ער איז נישט געווען פלינק.

***

עס האָט אויסגעבראָכן די ערשטע וועלט־מלחמה, איך בין אַוועק פון וואַרשע, באַלד איז וואַרשע געווען אונטער דער דייטשער אָקופּאַציע און מיר זענען פאַר וועלכע פיר־פינף יאָר געווען אָפּגעריסן פון דעם פּוילישן ייִדנטום.

ערשט עטלעכע יאָר נאָך דער מלחמה האָב איך זיך פאַרבונדן ליטעראַריש, פון ווייטן, מיט וואַרשע.

עס איז געוואָרן אַן אַנדער וואַרשע, אַנדערש ליטעראַריש און אַנדערש אין אַ סך אַנדערע הינזיכטן.

און דאָ זענען צו מיר דערגאַנגען טשיקאַווע ידיעות וועגן א. מ. ווייסענבערג.

דער זייטיקער, האַלב־שטומער א. מ. ווייסנבערג האָט עפּעס מיט אַמאָל באַקומען לשון, ער איז געוואָרן אַפילו אַ מין ליטעראַרישער רבי, אַ רעדאַקטאָר און אַ פאַרקאַכטער ייִדישער פּאָליאַק.

זיין אַמאָליקע אַבסטראַקטע שנאה צום אינטעליגענט, „וואָס קען גוט אין די ביכער", האָט אָנגענומען אַ גאָר קאָנקרעטע פאָרם און נעמלעך — ער האָט אָנגעהויבן קעמפן קעגן די ליטוואַקעס און אַנדערע „אַרייַנדרינגער" און אַריינרייסער אין דער ייִדיש־פּוילישער ליטעראַטור.

ער איז געוואָרן אַ מין ליטעראַרישער סעפּאַראַטיסט.

ער האָט דערזען און דערפילט מיטאַמאָל אַ פרעמדע אינוואַזיע אין דער ייִדישער ליטעראַטור אין פּוילן, אַן אינוואַזיע פון ליטוואַקעס, די ליטוואַקעס האָבן פאַרכאַפּט די ייִדישע פּרעסע, די ייִדישע ליטעראַטור, זיי האָבן אַרויפגעצוווּנגען אויף איר דעם אַלטן ליטווישן גייסט, די ליטווישע טרוקענע לומדות, די ליטווישע טרוקנקייט. זיי האָבן אַפילו אַרויפגעצוווּנגען אויף דער ייִדישער ליטעראַטור אין פּוילן דעם ליטווישן ייִדישן אויסלייג, אַפילו די האַרטע, קאַלטע ליטווישע ייִדישע אויסשפּראַך, און דעם לשון גופא, דעם אָרעמען, גרויען ליטווישן לשון.

און ער, א. מ. ווייסענבערג, איז געוואָרן דער ריטער פון דעם אמתן ייִדישן אויסלייג אין פּוילן, דעם פּויליש אויסלייג.

ייִדיש דאַרף מען שרייבן אין פּוילן ווי מען רעדט אין פּוילן.

ער איז אַפילו געוואָרן אַ רעדאַקטאָר פון אַ זשורנאַל „אינדזער האָפענינג", אין וועלכן ער האָט די דאָזיקע אַנטי־ליטוואַקישע און ריין ייִדיש־פּוילישע ליניע דורכגעפירט.

אַרום אים האָבן זיך קאָנצענטרירט די ליטעראַריש באַוווּלהטע, די יונגע ליטעראַרישע רעבעלן, די סתם אומצופרידענע און די וועלכע פאַלן צו צו עפּעס נייס.

און ער, דער סאַמע זייטיקער שרייבער איז געוואָרן דער פירער און דער רבי פון אַ קליינינקן ליטעראַרישן פליגל אין פוילן.

ער האָט אָנגעהויבן געבן הסכמות אויף ביכער פון זיינע פריינט און אָנהענגער, ער האָט אָנגעהויבן זאָגן אַ דעה, קריגן זיך ביטער און פאַרביסן.

2

די אָנגעזאַמלטע פּאַר יאָרן און יאָרן ביטערקייט, פאַרדרוס און געקריוודעטקייט האָבן זיך אַרויסגעריסן פון זייער באַהעלטעניש מיט אַ געוואַלדיקער קראַפט.

דער עקשן, דער פויער־פּראָלעטאַריער האָט מיט זיין שטאַרקן קולאַק אַ קלאַפּ געטון אומגעלומפּערט איבערן טיש:

— יאָך בין דו! גענוג געווען אַ זייטיקער, אַ פּאַריער, אַ פאַרזעענער, אַ פאַרשטויסענער און אַן אָוועקגערוקטער אין אַ זייט!

איך האָב געזען עטלעכע נומערן פון זיין זשורנאַל „אינדזער האָפענונג".

א. מ. ווייסענבערג איז, פאַרשטייט זיך, געווען אַ שלעכטער רעדאַקטאָר, ער האָט אַפילו זיין ליניע נישט געקענט דורכפירן אין זיין זשורנאַל שאַרף און קלאָר, ער האָט זיך געפּלאָנטערט, ער האָט זיך געבייזערט גראָב און שטאַרק דווקא ווען ער האָט געהאַט אַ ריכטיקע טענה, און ער איז געווען מיושבדיק דווקא ווען ער איז געווען אומגערעכט און האָט זיינע טענות נישט געקענט באַגרינדן און אַפילו אויסלייגן זיי קלאָר.

אָבער פויערישע ערלעכקייט איז געווען אין זיין זשורנאַל, פויערישע ערלעכקייט, וואָס פּלאַצט אַרויס עפּעס אומגעלומפּערט און מאַכט דעם איינדרוק פון אומערלעכקייט.

דאָ און דאָרט האָט ער אַרויסגעזאָגט געזונטע און ביז גאָר שאַרפע מיינונגען וועגן ליטעראַטור.

ער איז געוואָרן אַ סך אַנטוויקלטער, אָבער אָפט מער חוצפּהדיקער.

אים איז אַפּנים שטאַרק געפעלן געוואָרן די ראָליע פון אַ ביטערן אמת־זאָגער און אַ גאַליקן אַריינזאָגער.

ער איז געוואָרן אַגרעסיוו, קריגעריש ווו מען דאַרף און ווו מען דאַרף נישט.

אָבער עס זענען כסדר געווען ארום אים אַ גרופּע אומצופרידענע שרייבער, וואָס האָבן געשלונגען זיינע ווערטער און זיינע מיינונגען וועגן ליטעראַטור און קונסט.

ער האָט זיך דערשלאָגן צו אַביסל אָנגעזעענקייט.

אָבער די אָנגעזעענקייט איז אויך געווען עפּעס אַ זייטיקע, אַ ווינקל־דיקע, אַן ענג־קרייזלדיקע.

אין דער ליטעראַטור בכלל האָט מען אים נישט געפילט, ער איז דאָרט נישט געווען קאַנטיק.

ער איז געוואָרן עפּעס אַ ביזארער כאַראַקטער אין דער ליטעראַ־טור, אַ כאַראַקטער פול מיט שגעונות און קאַפּריזן.

און ווי אַ שרייבער איז ער אָן אַ ספק געפאַלן.

א. מ. ווייסענבערג פון „שטעטל", פון „דער טאַטע מיט די בנים" אאַז"ו איז עפּעס אויסגעוועפּט געוואָרן.

דאָס וואָס ער האָט געשריבן ווען ער איז געוואָרן אַ רעבעל און אַ רבי האָט אַ קליינעם ליטעראַרישן ווערט.

ער האָט נאָך „אַ שטעטל", נאָך אַ „טאַטע מיט די בנים" מער נישט אָנגעשריבן.

א. מ. ווייסענבערג, דער האַלב־שטומער, דער זייטיקער, איז געווען אַ גרויסער שריפטשטעלער, ער איז געווען ממש אַ ליטעראַרישער נס, עס איז געווען ציטיקייט, פּערפעקציע אין זיין שרייבן, און ער האָט עס נישט גענומען מיט זיין קולטווירטן געשמאַק און מיט זיין אינטעליגענץ, פּונקט פאַרקערט — ער האָט עס גענומען דווקא מיט זיין פּרימיטיווקייט, דווקא מיט זיין פּרימיטיוון צוגאַנג צו מענטשן און געשעענישן.

דאָ איז געלעגן זיין כוח.

ווי נאָר ער איז געוואָרן אַ שטילער רבי, אַ רעדאַקטאָר און אַ פירער פון אַ קלייניקער רעוואָלוציע אין דער ליטעראַטור, האָט ער פאַרלאָרן זיין פּרימיטיווע אינטויציע, זיין פּרימיטיווע קראַפט און זיין פּרימיטיווע שעפערישקייט.

איב אַליין האָט שטאַרק פאַרשאַדט דאָס ביסעלע אינטעליגענטיש־קייט, וועלכע ער האָט יאָרן און יאָרן געהאַסט; ער איז נישט געוואָרן קיין אינטעליגענט און ער האָט פאַרלאָרן דאָס טייערסטע אין אים.

צווי קרוינען אויף איין קאָפּ קען מען אפּנים נישט טראָגן.

זיין שיטה, זיין ריינע יידישע פּוילישקייט אין דער יידישער ליטע־ראַטור אין פּוילן, האָט קיינער, פאַרשטייט זיך, נישט אָנגענומען.

דער געזונטער חוש אַפילו פון די, וועלכע האָבן אים געשטיצט, האָט זיי אונטערגעזאָגט, אַז אַזאַ אומגעלומפּערטער סעפּאַראַטיזם איז גע־פערלעך פאַר דער יידישער ליטעראַטור, וואָס איז אָן דעם צעברעקלט און צעפּיצלט אויף צענדליקער לענדער.

דער גלות האָט שוין אָפּגעטון זיין גרויסע צעברעקלונגס־אַרבעט, גיין און העלפן דער צעברעקלונג האָט זיך ביי קיינעם נישט אויפגעהויבן די האַנט, אַ חוץ ביי עטלעכע היץ־קעפּ, וואָס ווערן פאַרשיכורט פון עט־לעכע הייסע ווערטער און דעמאָלט זענען קאַפּאַבל אויף יעדער צעשטע־רונגס־אַרבעט.

אַזוי אַרום האָט א. מ. ווייסענבערג קיין גרויסן שאָדן דער ליטעראַ־טור נישט געבראַכט.

גרויס שאָדן האָט ער געבראַכט נעבעך זיך אַליין.

עס האָט זיך אָנגעזאַמלט אין דעם דאָזיקן פאָלקס־מענטש אַ ים מיט צאָרן, ביט בייזקייט און ביטערקייט, און זיי האָבן אַרויסגעפּלאַצט ווי אַ הייסע לאַווע פון אַ ווולקאַן, אַ לאַווע, וואָס איז אַ געמיש פון פייער און בלאָטע.

ער איז באַפאַלן מיט אַן אומהיימלעכער בייזקייט אַלץ און אַלעמען.

ער האָט אַלע יידישע שריפטשטעלער באַשולדיקט אין מאָראַלישע פאַרברעכנס וועלכע זיי זענען קיינמאָל נישט באַגאַנגען.

אָט דער האַלב־שטומער מענטש איז פון דער העלער הויט געוואָרן אַ רעדנער, אָט דער אומוויסנדיקער מענטש איז פון דער העלער הויט געוואָרן אַ רבי, אַ מדריך פון יונגע שרייבער און אַ לייענער פון לעקציעס איבער קונסט.

עס איז בפירוש נישט געווען דער צאָרן און בייזקייט פון אַ נביא, ניין, עס איז געווען דער רויער צאָרן פון אַ רויען רעבעל, וואָס צעשטערט מער ווי ער בויט.

יאָ, ער האָט געליטן, ער האָט געליטן נויט, אָבער קיינער איז אין

דעם נישט געווען שולדיק, שרייבער זיכער נישט, זיי זענען מיינסטנס אַליין געווען אָרעם און אַליין געליטן נויט.

און די, וועלכע האָבן געהאַט פּרנסה האָבן נישט געהאַט אַזוי פּיל, אַז זיי זאָלן קענען אָפּשפּאָרן עפּעס פאַר אַ קאָלעגע.

אָבער אינגאַנצן ריינוואַשן די שרייבער קען מען דאָך נישט, דער שרייבער איז עגאָצענטריש, ער קוקט זיך נישט אום אויף אַ קאָלעגע, וואָס נויטיקט זיך אין פריינטשאַפט, אין אויפמונטערונג און אין אַביסעל היימישקייט.

א. מ. ווייסענבערג האָט זיך גענויטיקט אין דעם אַלעמען, ווייל ער איז געווען אַ זייטיקער און אַ פרעמדלעכער אין דער ליטעראַרישער משפּחה.

האָט מען אים באַדאַרפט צוטוליען, העלפן אין זיין ביטערן קאַמף פאַר זיין אָרעמער עקזיסטענץ.

געווען איינער אַזאַ אין וואַרשע, י. ל. פּרץ. האָט כסדר אין זינען געהאַט דעם אַנדערן שרייבער, ער פלעגט אים צוטוליען, מאַכן אים היימיש און דאָ און דאָרט אים אַרויסהעלפן אפילו מאַטעריעל.

איז פּרץ געשטאָרבןביים סאַמע אָנהויב פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, און די ליטעראַרישע משפּחה איז געבליבן אָן אַ פאַטער...

און א. מ. ווייסענבערג איז געווען אַ קינד, אַ גרויס, דערוואַקסן קינד, אַ פאַרביסן קינד, אָבער אַ ווונדער־קינד, אַן אמתער וווּנדער־קינד.

דאָס פאָלק האָט אָפט געבוירן אַזעלכע קינדער, און מען האָט אונדז גאָר אַמאָל שוין געוואָרנט — הזהרו בבני עניים, זייט זאָרזיכטיק מיט די קינדער פון דער אָרעמשאַפט, וואָרום פון זיי קען אַרויסקומען עפּעס שיינס און גרויס.

איז אַמאָל, די דאָזיקע וואָרענונג געווען אַ מין געבאָט.

און ווען מיר האָבן פאַרלאָזן אַ סך אַנדערע געבאָטן, האָבן מיר אָט דעם דאָזיקן גרויסן געבאָט אויך פאַרגעסן.

ווי אַזוי האָט דער אָרעמער א. מ. ווייסענבערג געקענט אַרויסגעבן זיין זשורנאַל „איינדזער האָפענינג״?

גאָר פּשוט — ער האָט געהייסן יעדן מיטאַרבעטער באַצאָלן פאַר זיין ליד, אָדער דערציילונג, וואָס איז געדרוקט געוואָרן אין זיין זשורנאַל.

ד"ר א. מוקדוני

דער חשבון איז געווען אַ פּשוטער — אַרויסגעבן אַ בוך מוז דאָך דער מחבר אויף זיין אייגענעם חשבון, איז זאָל ער דאָרט דרוקן זיין ליד אָדער זיין דערציילונג אויף זיין אייגענעם חשבון.

דאָס איז קיין נייעס נישט אין אונדזער ליטעראַרישער וועלט.

שוין מיט יאָרן לאַנג צוריק האָט אַ העברעיִשער שרייבער, הנ"ץ, אַרויסגעגעבן אַ צייטשריפט, וואָס זיינע מיטאַרבעטער האָבן געצאָלט פאַרן דרוקן זייערע ווערק.

אין יידיש אָבער איז עס געווען אַ נייס.

א. מ. ווייסענבערג האָט זיך אַפילו פאַרמאָסטן צו שאַפן אַ טעאַטער, פאַרשטייט זיך, אַ גוט טעאַטער, מיט אַזאַ נאַיִוון חשבון — מען דאַרף קריגן געלט, איינלאַדן אַקטיאָרן, צאָלן זיי און הייסן שפּילן דאָס סאַמע גוטע. מען צאָלט דאָך, מוזן זיי דאָך עפּעס טון...

דער יונגער שרייבער דאַרף, הייסט עס, באַצאָלן ווען מען דרוקט זיינס אַ ליד, אָדער זיינע אַ דערציילונג, דעם אַקטיאָר אָבער דאַרף מען צאָלן, כדי ער זאָל שפּילן גוט אין גוטע דראַמען...

פאַרשטייט זיך, אַז א. מ. ווייסענבערג האָט קיין געלט נישט גע־קראָגן פאַר אַזאַ טעאַטער, און די גוטע אידעע איז נישט פאַרווירקלעכט געוואָרן...

וועגן זיין מאַטעריעל לעבן דערציילט משה קנאַפּהייס אין „קיום" פון סעפּטעמבער־אָקטאָבער 1949:

א. מ. ווייסענבערג, דערציילט משה קנאַפּהייס, איז געווען פאַר זיין טויט „אויסגעצערט פון איבערגעשטרענגטער אַרבעט און פון הונגער, יאָ! א. מ. ווייסענבערג האָט געהונגערט. די גוטע פריינט, וואָס האָבן גע־שאַפן אַ פאָנד אויף אַרויסצוגעבן ווייסענבערגס ווערק, האָבן פאַרגעסן אין דעם שרייבער גופא"...

א. מ. ווייסענבערג האָט געליטן הונגער שטיל, ער האָט זיך פאַר קיינעם נישט געקלאָגט.

א. מ. ווייסענבערג איז געשטאָרבן אין יאָר 1938, פאַר אונדזער גרויסער קאַטאַסטראָפע.

דער קרעפּטיקער, אייזערנער א. מ. ווייסענבערג איז געשטאָרבן אין

עלטער פון 57 יאָר, מער האָט ער נישט געקענט לעבן, אָדער ריכטיקער — מער האָט ער נישט געקענט הונגערן...

אַ לוויה האָט ער געהאַט אַ גרויסע.

יידישע שרייבער האָבן גרויסע לוויות.

ער ליגט אין זיין אייביקער רו אין דער שרייבער־אַלייע ביי דער זייט פון זיין בעסטן חבר ה. ד. נאָמבערג.

אָט אַזוי האָט געלעבט און אַזוי איז געשטאָרבן אַן אמתער ליטעראַרישער וווּנדער־קינד פון דעם יידישן פאָלק.

און ווען מען זאָל נעמען משה קנאַפּהייסעס ווערטער נישט ווי אַ מליצה, נישט ווי חשד און נישט ווי אַן איבערטריבן הספד־גוזמא קען מען מאַכן אַ שרעקלעכן אויספיר — דער גרויסער שריפטשטעלער א. מ. ווייסענבערג איז געשטאָרבן נישט אינגאַנצן מיט דער שולד פון מלאך־המות.

הונגער האָט צוגעהאָלפן.

און אפשר מער ווי צוגעהאָלפן.

אַן אימה ממש...

**
*

אָבער ער האָט דערגרייכט זיינס, ער איז געוואָרן אַ בעל־דעה אין דער ליטעראַטור, אַ בייזער און אַ פאַרעקשנטער בעל־דעה.

איך האָב עס געזען אין אָנהויב פון דער צוויטער, גרויסער רוסישער רעוואָלוציע. איך האָב געזען אַ סך שטומע פויערים, וואָס זענען געוואָרן רעדנער, פירער און מוראדיק פאַרביסענע קעמפער.

איך האָב געזען אַזעלכע אין די קליינע יידישע שטעטלעך, אָבער זייער רעוואָלוציאָנערישקייט האָט זיך אויסגעדריקט אין מעכב־הקריאה זיין און אין סתם גוט אויסשרייען זיך.

יאָ, א. מ. ווייסענבערג האָט געקענט זיין נאָך אַ גרעסערער שריפטשטעלער ווען אונדזער ליטעראַטור וואָלט געהאַט גוטע, האַרציקע דערציִער, וואָס קענען זיין פריינט און אמתע חברים.

אָבער דער שרייבער קען זיך נישט מקריב זיין פאַר אַן אַנדערן.

יעדער שרייבער איז זיכער, אַז ער איז דער צענטער פון דער ליטעראַטור, און אַנדערע דאַרפן מאַכן פלאַץ בלויז פאַר אים.

ד"ר א. מוקדוני

א. מ. ווייסענבערג איז געווען אַ גרויסער ליטעראַרישער נס.

אָבער אַ נס אין אַ בייזער, פּראַקטישער און חשבונענדיקער וועלט געפינט זיך קיין אָרט נישט, קיינער קוקט זיך אויף אים נישט אַרום.

צו א. מ. ווייסענבערגן האָט מען געמוזט האָבן געדולד, און שרייבער זענען די אומגעדולדיקסטע מענטשן.

י. ל. פּרץ פלעגט גאָר אָפּט רעדן וועגן ווייסענבערגן מיט פּאָטערלעכער זאָרג, אָבער ער פלעגט אַ מאַך טון מיט דער האַנט:

— מען דאַרף צו אים אַ סך געדולד, גאָר אַ סך, און אַזוי פיל געדולד, פלעגט ער צוגעבן מיט טרויער:

— און אַזויפיל געדולד פאַרמאָג איך נישט.

יאָ, און פונקט אַזוי איז אומגעקומען אונדזער ליטעראַריש וווּנדערקינד יונה ראָזענפעלד, מען האָט צו אים קיין געדולד נישט געהאַט.

קינסטלער זענען גרויסע עגאָיסטן, זיי וואָלטן אפשר קיין קינסטלער נישט געווען ווען זיי וואָלטן נישט געווען קיין עגאָיסטן.

אין דעם קינסטלערישן וועלטעלע זענען דאָ מער קרבנות ווי אין אַלע אַנדערע מענטשלעכע וועלטעלעך.

אין דעם קינסטלערישן וועלטעלע איז דאָ אַ סך ווייניקער רחמים ווי אין אַלע אַנדערע מענטשלעכע וועלטעלעך.

א. מ. ווייסענבערג האָט זיך פאַרגענומען צו ווערן אַליין אַ ליטעראַרישער פירער מיט געוואַלט, און ווי יעדער, וואָס שטרעבט צו פירערייַ, האָט ער געהאַט אויף וועמען צו צילן די פיילן פון זיין שנאה, אויף וועמען אויסצולאָזן זיין אָנגעזאַמלטע ביטערקייט.

און די שונאים זיינע, די אימאַזשינערע שונאים זיינע, זענען געווען מיר — „די וואָס קענען זיך אין די ביכלעך" און מיר די ליטוואַקעס.

עס האָבן זיך קאָנצענטרירט ארום אים אַלע אַנדערע פאַרביטערטע און זיי האָבן די אַטמאָספערע אַרום געמאַכט נאָך שטיקנדיקער.

און ער איז אַוועק פון דער וועלט פול מיט גרימצאָרן.

לאָמיר אים מוחל זיין זיין אומזיסטן צאָרן.

לאָמיר אים פּרובירן פאַרשטיין.

און דאָס האָב איך פּרובירט אין דעם אַרטיקל.

19

יונה ראָזענפעלד

עס איז געווען אַ צייט פון ליטעראַרישע נסים.

פון די סאַמע טיפענישן פון פאָלק, פון אָרעמען, פאַרחושכטן פאָלק, וואָס האָט נישט געלערנט, נישט געזען די גרויסע וועלט, האָבן זיך ממש פון העלער הויט באַוויזן יידישע שריפטשטעלער מיט אָריגינעלע טאַלאַנטן, מיט זייער שאַרף־אינדיווידועלן צוגאַנג צו מענטשן און דער וועלט.

יונה ראָזענפעלד איז געווען אַזאַ טאַלאַנט.

נאָך אַ יונג ייִנגל האָט מען אים אָפּגעגעבן פאַר אַ בעל־מלאכה צו אַ טאָקער, און ביז 23 יאָר האָט ער נישט געוווּסט אַפילו פון דער עקזיס־טענץ פון דער ייִדישער ליטעראַטור און פון סתם ליטעראַטור.

אין דער צייט פון דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע פון 1905, ווען די ייִדישע מאַסן זענען אַריינגעצויגן געוואָרן אין דעם רעוואָלוציאָ־נערן קאַמף קעגן דעם שטאָק־פינצטערן צאַריזם, האָט דער יונגער טאָ־קער יונה ראָזענפעלד אָנגעהויבן לייענען און טאַקע באַלד שרייבן.

ער האָט זיך געדרוקט שוין אין פעטערבורגער „פריינד". איך האָב אין 1910 זיך מיט אים באַקענט אין וואַרשע, ווען ער איז אַריינגעקומען אין רעדאַקציע „אָפּזעצן" אַ דערציילונג.

שטשופּלע, קליין־געוויקסיק, אַ בלאָנדער מיט אַ פּאָר שטרויענע וואָנצעס, מיט קליינע בלוי־העלע אויגן, וואָס קוקן מיט אומצוטרוי אויף אייך און לאָזן אייך וויסן, אַז אים, דעם באַלעבאָס פון די דאָזיקע אויגן,

נאַרט מען נישט. האָט ער אַרום און אַרום אויסגעזעזן ווי אַן אוקראַיניש פויערל.

ער איז געווען שרעקלעך אָרעם, אַזוי אָרעם ווי קיין שרייבער אין יענער צייט, און אין יענער צייט זענען כמעט דריי־פערטל פון די ייִדי־שע שרייבער געווען זייער אָרעם.

אָבער ער, יונה ראָזענפעלד, איז געווען דער אָרעמסטער צווישן די אָרעמע.

אַ שרייבער איז ער געווען אין יענער צייט דורכאויס אַן אָריגינע־לער, ער איז געווען דער ערשטער ייִדישער שרייבער פון דער איצט זייער פּאָפּולערער פּסיכאָלאָגישער נאָוועלע און סקיצע.

ער האָט אַפילו נישט געוווּסט דעמאָלט דעם טייטש פון דעם וואָרט פּסיכאָלאָגיע. אָבער אַלץ, וואָס ער האָט געשריבן, איז געווען געבויט אויף אַ פּסיכאָלאָגישן פּלאָנטער אין מענטשן.

שרעק, אומצוטרוי, חשד, עגאָיזם, בייזקייט, רשעות, סאַדיזם און נאַ־רעריי זענען געווען דער קערן, די טעמעס, פון זיינע דערציילונגען, דראַ־מעס און נאָוועלן.

די ערשטע צייט איז ער נישט געווען פּרוקטבאַר, ווייל אים איז גע־ווען שווער צו גובר זיין די טעכניק פון שרייבן, אָבער וואָס ווייטער האָט ער געשאַפן זיין אייגענע טעכניק, זיין אייגענע מאַניר און אַפילו זיין אייגענעם סטיל.

יונה ראָזענפעלדס אַ סקיצע האָט איר געקענט דערקענען פון די ערשטע פינף שורות. איר האָט באַלד דערשפּירט יונה ראָזענפעלדן.

און ער איז געווען דער געוויסנהאַפטיקסטער שרייבער; ער פלעגט אַרבעטן לאַנג אויף אַ דערציילונג ביז ער האָט זי אַרויסגעלאָזט אין דער וועלט אַריין.

און ער איז געווען אָרעם, מוראדיק אָרעם, און די עטלעכע רובל פאַר אַ דערציילונג זענען געווען פאַר אים ממש פּיקוח־נפש.

ער איז אָבער בעסער איינגעגאַנגען אויף דער שרעקלעכסטער אָרעמקייט איידער אַרויסצולאָזן פון זיין האַנט עפּעס אַזוינס מיט וועלכן ער איז נישט אינגאַנצן צופרידן.

יאָ, זיין שרייבערישע געוויסנהאַפטיקייט האָט אים געמאַכט אָרעמער ווי ער האָט געקענט און באַדאַרפט זיין.

ער האָט מיר אַמאָל דערציילט אַזאַ מעשה:

אין דער צייט פון דער צוויטער רעוואָלוציע איז ער אַריין אין אַ יידישער רעדאַקציע אין קיִעוו. דער רעדאַקטאָר איז געווען משה כ״ץ, דער איצטיקער איליא ערנבורג ביי די יידישע קאָמוניסטן אין אַמעריקע.

האָט משה כ״ץ אים באַטראַכט און האָט אים אַ זאָג געטון:

— פאַרוואָס זענט איר אזא קבצן?

ווען איך בין געקומען קיין אַמעריקע אין 1923, האָב איך יונה ראָזענפעלדן געפונען אַ גליקלעכן און ממש אַ שיינענדיקן.

איך האָב זיך באַקענט מיט זיין קלוגער און חנווודיקער פרוי, באַ־זוכט זיי אָפט אין זייער ריינער, שיין־אויסמעבלירטער וווינונג.

איך האָב ממש מיינע אויגן נישט געגלויבט.

איך האָב דערזען יונה ראָזענפעלדן אַ גליקלעכן; ער לעבט ממש אין ווילטאָג, דאָס וואָס האָט זיך לחלוטין נישט אַסאָציאירט מיט דעם יונה ראָזענפעלד וועלכן איך האָב געקענט אין אייראָפּע.

און דאָס ביסעלע גליק האָט ער באַקומען פון „פאָרווערטס״: אב. קאהאן האָט זיך פאַרליבט אין זיין שרייבן, האָט מען אים אויסמעבלירט אויפן חשבון פון „פאָרווערטס״ דאָס ציכטיקע דירהלע, באַשטימט אַ גוטן געהאַלט און ער לעבט ממש אין רחבות.

עס פלעגט זיין ממש אַ חיות צו באַזוכן זיין ציכטיקע דירהלע, ווו עס פלעגט דיך באַגעגענען זיין שמייכלענדיקע פרוי און אַפילו דער שמייכלענדיקער ראָזענפעלד.

ער איז אַרויס פון זיין אָרעמקייט, וואָס האָט אים געהאַלטן ווי אין קלעם פון זיין געבורט ביז די פערציקער יאָרן פון זיין לעבן.

ער האָט געשריבן מער. מאָריס שוואַרץ האָט אַפילו אויפגעפירט זיינע אַ קאָמעדיע מיטן נאָמען „קאָנקורענטן״.

עס זענען אַרויס זיינע ביכער, זאַמלונגען פון זיינע קורצע דערציי־לונגען און גרעסערע דערציילונגען.

ער האָט געלעבט זיין אייגנאַרטיק לעבן; ער פלעגט פיל אַרבעטן, פיל שפּאַצירן, פיל שווימען, און ער איז געווען זיין אייגענער דאָקטער.

זומער איז ער געווען אין די בערג, אָדערביים ים.
אַ גליקלעכער מענטש.
אָבער מיטאַמאָל האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף אים אַן אומגליק.
ער האָט פאַרלאָרן דעם חן ביים רעדאַקטאָר אב. קאהאן.

און ווער עס פלעגט פאַרלירן דעם חן ביים רעדאַקטאָר פון „פאָר־ווערטס״ איז געווען אחת דתו להמית.

און יונה ראָזענפעלד, אַ מענטש פון פאָלק, האָט נישט געוווסט און נישט פאַרשטאַנען קיין איידלקייטן; ער האָט דעם דיקטאַטאָרישן רע־דאַקטאָר געזאָגט אַ גראָב וואָרט, וואָס קיינער האָט קיינמאָל אים נישט געוואַגט צו זאָגן. זאָגן אַזאַ וואָרט איז געווען בלויז די פּריווילעגיע פון רעדאַקטאָר...

און עס האָט זיך אָנגעהויבן זיין שרייבערישע אַגאָניע.

דער רעדאַקטאָר האָט פאַרלאַנגט פון יונה ראָזענפעלדן, אַז ער זאָל שרייבן אויף געוויינלעכע „יומען־אינטערעסט״־טעמעס.

דער רעדאַקטאָר האָט אַפּנים נישט געוווסט, אָדער נישט געוואָלט וויסן, אַז יונה ראָזענפעלדן קען מען נישט פאָרגעבן קיין טעמעס, אָט אַזוי ווי מען קען נישט צווינגען אַ פויגל צו זינגען לויט נאָטן.

און דער טאַלאַנטפולער יונה ראָזענפעלד האָט אָנגעהויבן חרוב צו ווערן ממש אויף אונדזערע אויגן.

ער פלעגט טון און שרייבן און ברענגען סקיצן אין רעדאַקציע, אָבער מען האָט זיי נישט געדרוקט.

אין אַ געוויסן זין איז אב. קאהאן אפשר געווען גערעכט — יונה ראָזענפעלד איז געוואָרן מיט דער צייט אַביסל מאָנאָטאָן; ער האָט אָנגע־הויבן צו איבערחזרן זיך דאָ און דאָרט, די אָריגינעלישקייט זיינע האָט זיך אַ היפּש ביסל אָפּגעניצט.

אָבער יונה ראָזענפעלד איז געווען ווי אַ פויגל. ער האָט נישט גע־קענט זינגען לויט נאָטן. ער האָט נישט געקענט שרייבן אונטער אַ טייטל, מען האָט ביי אים נישט געקענט באַשטעלן קיין געוויסן מין ליטעראַטור.

אַ ווייכערער רעדאַקטאָר וואָלט אים אַנדערש באַהאַנדלט, וואָלט אפשר געקענט אים בייגן. דערצו איז נויטיק געווען געדולד, ליבע צום

שרייבער, אָבער די דאָזיקע צווי אייגנשאַפטן האָט אַב. קאַהאַן נישט פאַרמאָגט.

אַ צייט האָט מען אים געצאָלט דעם פולן געהאַלט. דערנאָך האָט מען זיין געהאַלט געשניטן אויף אַ העלפט.

ב. וולאַדעק האָט געקעמפט פאַר אים, אפשר נישט גענוג, לויט ראָזענפעלדס מיינונג, אָבער ער האָט געטון, לויט מיין מיינונג, אַלץ וואָס איז געווען אין זיינע כוחות.

יונה ראָזענפעלד האָט געטון זיין אַרבעט ווי פריִער; ער פלעגט אַרבעטן, לאַנג, לאַנג. ער פלעגט שפּאַצירן מיילן און מיילן, און פלעגט זיך ביז שפּעט אין זומער באָדן און שווימען שעהן און שעהן.

אָבער מיר, זיינע פריינט, האָבן געזען, ווי דער מענטש ווערט ממש חרוב אויף אונדזערע אויגן.

ער האָט מיר אַמאָל געזאָגט מיט אַ מאָדנעם קאַלטן שמייכל:

— איך האַלט זיך פאַר אַ בר־מינן, איך בין טויט...

אָבער ער האָט נישט געוואָלט שטאַרבן; ער האָט געזוכט ווידער צו באַווייזן זיך אין דער ליטעראַטור. ער פלעגט זיך דרוקן אין „צוקונפט". א. ליעסין האָט געהאַט גרויס איינזעעניש מיטן אומגליקלעכן שריפטשטעלער.

און איינמאָל האָט ער מיך געבעטן אַז איך זאָל איינלאַדן צו זיך אַ גרופּע שרייבער; ער וויל פאַר אונדז פאַרלייענען אַ נייע קאָמעדיע זיינע.

איך האָב עס, פאַרשטייט זיך, געטון. מיר זענען זיך צונויפגעקומען, אויסגעהערט אויפמערקזאַם זיין קאָמעדיע, אָבער קיינער פון אונדז האָט קיין גוט וואָרט נישט געקענט זאָגן וועגן איר.

פאַר אונדז איז געזעסן אַ שאָטן פון דעם אַמאָליקן יונה ראָזענפעלד.

די קאָמעדיע איז געווען עפּעס אַ מין „ראַגו", אַ געריכט פון שטיקלעך און ברעקלעך, אייגענע שטיקלעך און ברעקלעך, וואָס האָבן זיך נישט געבונדן.

עס איז געווען דער טרויעריקסטער אָוונט וואָס איך און אַלע אַנוועזנדיקע האָבן איבערגעלעבט.

אָבער דער גרעסטער צער איז געווען אויף יונה ראָזענפעלדן אַליין און אויף זיין קלוגער פרוי חיהשע.

ער האָט דערפילט אַז די פליגלען זענען ביי אים אונטערגעהאַקטע.
יאָ, די פליגלען ביי דעם דאָזיקן קערנדיקן און אָריגינעלן טאַלאַנט זענען אונטערגעהאַקט געוואָרן.

אַ צו צאַרטער ליטעראַרישער פלאַנץ איז ער געווען. מען האָט באַדאַרפט האָבן צו אים געדולד און גרויסע, גאָר גרויסע איינזעעניש.
און אַמעריקע איז נישט קיין געדולדיק לאַנד.
און קיין איינזעעניש האָט מען נישט אין אַמעריקע.

ער האָט אָנגעהויבן צו שפּאַצירן מער; ער פלעגט דורכלויפן דעם קאָני איילאַנד באָרדוואָק פון ברייטאָן ביז סי־געיט דריי־פיר מאָל. ער פלעגט זיך באָדן און שווימען שעהן און שעהן, אָבער זיין איינגעבוירענע לעבעדיקייט איז פאַרשוואונדן געוואָרן.
און פלוצלונג איז ער געפערלעך קראַנק געוואָרן.
מען האָט אים אַוועקגעפירט אין שפּיטאָל. מען האָט אים אָפּערירט. מען האָט אויסגעשניטן אַ גרויסן טייל פון זיין מאָגן.
אַ קאַנסער, שוין אַ פאַרשפעטיקטער, אַ נישט־פאַרכאַפּטער אין צייט קאַנסער.
און דער ווערדיקט פון דעם כירורג איז געווען —
ער וועט לאַנג נישט לעבן, אפשר נאָך אַ פּאָר חדשים...

**
*

ער איז נישט געשטאָרבן אין אַ פּאָר חדשים אַרום.
ער האָט געלעבט גאַנצע דריי יאָר.
אַזוי שטאַרק איז געווען זיין ווילן צו לעבן.
ער פלעגט אַליין אויסזוכן מיטלען ווי צו שטילן זיינע איבערמענטשלעכע שמערצן אין מאָגן נאָכן עסן.
ער פלעגט, למשל, שטיין אַ היפּשע צייט נאָכן עסן אויף אַלע פיר, אויף די פיס און די הענט, אַזוי האָט ער מיר דערציילט.
ער האָט אָפּגעשטופּט דעם טויט פון זיך. גאַנצע דריי יאָר האָט ער זיך געראַנגלט מיט אים, ביז ער האָט געמוזט קאַפּיטולירן.
און ער איז געשטאָרבן נאָכן שווערסטן און בראַווסטן געראַנגל מיטן טויט.

איך בין געוועזן אויף זיין לויה.

און איך האָב געטראָפן אין „פיונעראַל פּאַרלאָר" אב. קאהאַן.

איך האָב נישט געוווסט און ווייס עד־היום נישט ווי צו דערקלערן אָט די דאָזיקע טאַט אב. קאהאַנס, צי איז דאָס געוועזן מענטשלעכע בראַווי־קייט, צי געפּיללאָזיקייט, פּשוטע געפּיללאָזיקייט.

איך וויל דאָ נישט און קען דאָ נישט אַריינגיין אין דער פראַגע ווער עס איז שולדיק געוועזן אין דעם פּריצייטיקן טויט פון איינעם פון אונד־זערע אָריגינעלסטע שריפטשטעלער, אָבער עס איז ביי מיר גאָר קיין ספק נישט, אַז דער שאַרפער סכסוך צווישן דעם רעדאַקטאָר און דעם פאַרשטאָרבענעם יונה ראָזענפעלד האָט אָן קיין שום ספק פאַרקירצט די יאָרן פון דעם אומגליקלעכן שריפטשטעלער.

דאָס איז באַטראַכט געוואָרן ווי אַ פאַקט פון דער גאַנצער שרייבע־רישער משפחה.

און דאָ, הייסט עס, איז דער שולדיקער געקומען אויף דער לויה פון זיין קרבן...

אַזוי צי אַזוי אב. קאהאן האָט דאָ אַרויסגעוויזן כאַראַקטער, ער האָט זיך נישט באַהאַלטן, ער איז געקומען צו דער לויה פון יונה ראָזענפעלד.

הלל ראָגאָף האָט מיך באַמערקט אין זאַל און האָט מיך געבעטן זאָגן עטלעכע ווערטער.

און איך האָב געקענט בלויז אויסשרייען:

פאַרוואָס טוען מיר שרייבער און עסן אויף איינע די אַנדערע?!

יאָ, קורץ זענען געווען זיינע גוטע, גליקלעכע יאָרן.

ער האָט נישט געקענט אָנהאַלטן זיין גליק, ער האָט נישט געקענט זיך בייגן, ער האָט נישט געקענט שרייבן אונטער אַ טייטל, נישט אויס פּרינציפּ, ניין, ער האָט פּשוט נישט געקענט אַראָפּ פון זיין שרייבערישן דרך.

ער האָט זיך אויסגעטראָטן זיין סטעזשקעלע אין דער ליטעראַטור, אַ שמאָלינקע סטעזשקעלע, און איז ער אַראָפּ פון דעם דאָזיקן סטעזשקע־לע, האָט ער זיך געפּילט אַ פאַרלוירענער.

ער האָט זיך צו אַלץ דערטראַכט אַליין.

ער האָט פון ביכער גאָרנישט געלערנט.

ער האָט אַלץ באַנומען אויף זיין שטייגער, און האָט איר אים אַראָפּ־געשלאָגן פון זיין שטייגער איז ער געווען דער אומבאַהאָלפנסטער מענטש.

עס פלעגט זיין ביז גאָר טשיקאַווע צו שמועסן מיט דעם דאָזיקן פאָלקס־מענטש:

צו דאָס סאַמע עלעמענטאַרסטע, וואָס קינדער לערנען פון די שול־ביכער, האָט ער זיך אַליין דערטראַכט, און ער איז געווען זיכער, אַז ער איז דער איינציקער וואָס האָט זיך דערטראַכט צו אַזאַ אמת.

עס איז ביי מיר גאָר קיין ספק, אַז ווען יונה ראָזענפעלד וואָלט גע־האָט די מעגלעכקייט צו לערנען, וואָלט ער געווען אַ גאָר גרויסער שריפטשטעלער.

ער האָט געהאַט אַ גוטן קאָפּ, אָבער דער גוטער קאָפּ האָט זיך גע־מוזט דערטראַכטן אַליין צו זאַכן, וואָס אַ קינד לערנט די ערשטע יאָרן אין דער שול.

ער האָט זיך באַדאַרפט דערטראַכטן אַליין צו די רודימענטן פון דער שרייבערישער פּראָפעסיע — צום בוי פון אַ זאַץ, צו אַ פּאַראַגראַף, צו גראַמאַטיק און צו סינטאַקסיס.

און ער האָט זיך דערטראַכט אָן קיין שום הילף פון אויסן.

זיין מוח פלעגט שטענדיק אַרבעטן, ער איז געווען כסדר פאַרנומען מיט פראַגן און פּראָבלעמען, וואָס זענען עלעמענטאַר.

אָבער אַמאָל פלעגט ער אייך איבערראַשן מיט אַ בליציקן און אָרי־גינעלן געדאַנק.

ער אַליין פלעגט עס דווקא נישט באַמערקן, אָבער דער זייטיקער פלעגט קוקן אויף אים ממש אָן איבעררעאַשטער.

ער איז געווען אַ שאַרפער באַאָבאַכטער, אָבער זיין באַאָבאַכטונג איז געגאַנגען אויף באַשטימטע רעלצן —

ער האָט כסדר געזוכט אויפצודעקן אין דעם אַנדערן אַ הינטער־געדאַנק, אַ שמד־שטיק, אַ הינטער־פּיסל און אַ שעלמעריי.

דאָס איז אים געקומען פון זיין פינצטערער און ביטערער יוגנט.

**
*

אין זיינע אויטאָביאָגראַפישע ווערק, און אַלע ווערק זיינע זענען געווען מיינסטנס אויטאָביאָגאַפישע, זעט איר ממש די שפורן פון זיין

שווערער יוגנט, פון דער יוגנט אָן פרייד, פון דער יוגנט, וואָס איז געווען פול מיט ביטערן גרעאַנגל מיטן באַלעבאָס, ביי וועלכן ער האָט געאַרבעט, מיט דער פרוי פון באַלעבאָס, וואָס זי האָט אים געוואָלט באַזונדער עקספּלואַטירן, באַזונדער אויסנוצן פאַר אירע צוועקן.

און ער האָט זיך געמוזט ראַנגלען מיטביידן, און אין דעם כסדר־דיקן גרעאַנגל איז אים געווען נויטיק אויפצודעקן די טריפה כוונות, די באַהאַלטענע רשעות און סאַדיזם פון זיינע שונאים.

און ביי אים האָט זיך פון דער יוגנט אָן אַנטוויקלט אַן אומצוטרוי צו מענטשן.

ער איז געווען פול מיט חשד צו אַלעמען.

אין זיינע דראַמעס האָט איר דעם טשיקאַווסטן דיאַלאָג, איר האָט פאַר זיך כסדר צווויי מענטשן, וואָס ווילן איבערשעלמעווען איינער דעם אַנדערן. דער דיאַלאָג דרייט זיך ממש ווי אַ שלאַנג. דאָ לאָזט ער אַרויס זיין גיפט און דאָ באַהאַלט ער זיין גיפט, ווען ער זעט ווי דער אַנדערער האַלט גרייט זיין גיפט.

עס איז אַ טריפהנער קאַמער־קאַמער שפּיל.

און דאָ האָט ער אַרויסגעוויזן איבערראַשנדיקע שאַרפקייט און בוי־גיקייט.

עס איז אים געבליבן פון דער יוגנט אַפילו אַ שנאה צו מענטשן.

דער ערשטער אימפּולס ביים באַגעגענען אַ נייעם מענטש איז גע־ווען ביי אים שנאה און ממילא אומצוטרוי.

ער האָט פון דער אַנדערער זייט נישט געוווּסט פון לשון־הרע און רכילות, אָט די אייגנשאַפטן זענען געווען אים אינגאַנצן פרעמד.

זיין אומצוטרוי און שנאה זענען געווען די פאַנצערס צו באַשיצן זיך קעגן דער מענטשלעכער פאַלשקייט, גייציקייט און טרייפקייט.

זיינע לאַנגע, לאַנגע שפּאַציר־גאַנגען, זיינע לאַנגע שעהן פון שווי־מען זענען געווען בלויז מיטלען צו בלייבן מיט זיך אַליין, צו באַגעגענען זיך וואָס וויניקער מיט מענטשן.

אָבער איך וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן זיינע עטלעכע גליקלעכע יאָר אין אַמעריקע, ווען פּרנסה איז געווען מיט אַ ווערך און ווען מען

פלעגט וואָד־איין וואָד־אויס דרוקן זיינע סקיצן און אַלץ וואָס ער האָט געשריבן.

דאָס איז געווען דער סאַמע ליכטיקער טייל פון זיין לעבן.

ער האָט באַקומען מער צוטרוי צו מענטשן, ער פלעגט אָפט שמייכלען, ער פלעגט זיך אַפילו וויצלען גוטמוטיק.

און עפּעס זיכערער און פריינטלעכער איז ער געוואָרן.

ער פלעגט שפּאַסן גוטמוטיק, זיין. פריינטלעך צו פריינט און עפּעס אַן אָפּטימיזם האָט שטיל געלויכטן אויף זיין קליין געזיכט.

רייך, ציכטיק און היימיש איז געווען אין זיין דירהלע, די פרוי זיינע אַ קלוגע, אַ גאַסטפריינטלעכע, האָט טאַקטיש אים אַריינגעפירט אין קרייז פון קאָלעגן־שרייבער.

ער האָט זיך ביסלעכווייז צוגעווינט צו שרייבער און צו פריינט, געוואָרן היימיש מיט מענטשן און איז כמעט באַפרייט געוואָרן פון דעם קאָשמאַר, וואָס זיין יוגנט האָט איבערגעלאָזט אין אים.

און מיט אַמאָל האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט אויף אים די ווייטאָגסטע גייסטיקע און פיזישע יסורים.

און דאָס מאָל האָט ער זיך שוין נישט געקענט ראַנגלען.

און ער איז אַוועק פון אונדזער וועלט.

אַוועק מיט די גרעסטע יסורים, סיי גייסטיקע און סיי פיזישע.

דאָס איז די טרויעריקע געשיכטע פון אַ קינד פון סאַמע אָרעמען און פון סאַמע געדריקטן שיכט פון פאָלק, וואָס איז געווען געבענטשט, אָדער פאַרשאָלטן מיט טאַלאַנט.

***

מען קען נישט און מען דאַרף דאָ קיינעם נישט באַשולדיקן.

אַ ציטונג איז נישט קיין באַרימהאַרציקער אַנשטאַלט.

אַ צייטונג איז אַ קאָמערציעלע אונטערנעמונג.

טאָג־טעגלעך ווערן קוילן־גרעבער פאַרשאָטן אין די טיפענישן פון דער ערד און מען געפינט זיי טויט.

אָבער די קוילן־גרעבעריי שטעלט זיך נישט אָפּ אויף אַ רגע, די פאַבריקן מוזן האָבן זייערע גרויסע פּאָרציעס קוילן, די הייזער דאַרפן

באַהייצט ווערן, די גאַסן דאַרפֿן באַלויכטן ווערן, די באַנען מוזן לויפן און אַזוי ווייטער.

אַ ציַיטונג דאַרף דערשיינען טעגלעך, צו דער מינוט, און זי מוז געבן דעם לייענער דעם שטאָף, וואָס ער קען פֿאַרדייען.

און דער מענטש, וואָס האָט די דעה איבערן שטאָף איז דער רע־דאַקטאָר, ער ווייסט אָדער דאַרף וויסן געגוי, וואָס דער לייענער קען פֿאַרדייען און וואָס נישט.

דאָ קען קיין רחמים בדין נישט זיין.

דער וואָס פּאַסט זיך נישט אַריין מוז אַרויספֿאַלן.

און דאָ קענען די יוניאָנס, די שטאַרקע און די שוואַכע גאָרנישט טון.

אָבער עס מוז זיין אַ ביסעלע איינזעעניש מיט געוויסע מענטשן, מיט געוויסע שרייבער, וועלכע מען קען נישט ברעכן און בויגן.

זיי דאַרף מען לאָזן צורו.

און דווקא דאַן בליען זיי און וואַקסן...

עס איז געווען דער גורל פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור צו אַריינ־גענומען ווערן אונטער די פֿליגלען פֿון דער טעגלעכער פּרעסע.

דאָס האָט דער ליטעראַטור קיין גוטס נישט געטון. ראשית האָט זי איבערגענומען די נישט־ליטעראַרישע מאַנירן פֿון דער פּרעסע, און צווייטנס האָט די פּרעסע ממש געטויט דעם טאַלאַנט פֿון אַ סך טאַלאַנט־פֿולע שריפֿטשטעלער. זיי זענען געוואָרן ציַיטונגס־מענטשן, פֿלינקע ציַי־טונגס־מענטשן מיטן כוח פֿון זייער קענען די מלאכה פֿון שרייבן, און זיי זענען געוואָרן אויס שרייבערס און אין תוך אויך שלעכטע ציַיטונגס־מענטשן.

משה נאַדיר איז געווען אַ קרבן פֿון דער פּרעסע, ער האָט געהאַט טאַלאַנט, אין דעם איז גאָר קיין ספֿק נישטאָ, אָבער די פּרעסע האָט ממש אויפֿגעפֿרעסן זיין טאַלאַנט, און אַ גוטער ציַיטונגס־מענטש איז ער אויך נישט געוואָרן.

משה נאַדיר איז נישט דער ערשטער און נישט דער לעצטער קרבן פֿון דער פּרעסע.

עס קומען אויף אַנדערע משה נאַדירס, וואָס מיטן כוח פֿון לשון און פֿון שרייבערישע פֿלינקייט ווערן זיי ציַיטונגס־גראַגערס.

יונה ראָזענפעלד איז אויך אַ קרבן פון דער צייטונג, וואָס האָט צוגעטוליעט צו איר בוזים די ליטעראַטור און אָפּט זי דערשטיקט.

יונה ראָזענפעלד איז געווען אַ קרבן פון דער פרעסע, נישט ווייל ער האָט זיך צופיל צוגעפּאַסט צו איר, נאָר ווייל ער האָט זיך נישט געקענט צופּאַסן צו איר.

ער איז נישט געווען דער פלינקער בעל־מלאכה, וואָס אַט שרייבט ער לידער, דערציילונגען און ווען מען דאַרף שרייבט ער פּובליציסטיק, קריטיק און אַלע אַנדערע צייטונגס־אַרבעטן.

ער האָט געקענט שרייבן בלויז ליטעראַטור, און איין מין ליטעראַ־טור, זיין מין ליטעראַטור.

און ער איז גיך געוואָרן איבעריק, ווען עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז ער קען זיך נישט צופּאַסן צו דער צייטונג.

עס איז פון אָנהייב אָן געווען מקח־טעות.

אָבער מען קען לעבן און עלטערן זיך מיט אַ מקח־טעות.

מיט וויפל מקח־טעותן לעבן מענטשן אָפּ זייער גאַנץ לעבן?...

אים האָט אָבער געפעלט די בויגיקייט, די צופּאַסונגס־פעיִקייט.

אים האָט מען נישט געקענט בייגן, אים האָט מען געקענט בלויז ברעכן.

יונה ראָזענפעלד איז געווען אַ צווייטער א. מ. ווייסענבערג.ביידע זענען פון די וואַרשטאַטן געקומען צום שרייבטיש.

מענטשן, וואָס האָבן געאַרבעט בלויז מיט די הענט האָבן געמוזט אַרבעטן בלויז מיטן קאָפּ און מיט אינטויִציע.

ווי פשוטע אַרבעטער האָבן זיי געוווּסט ווי צו קעמפן, ווי צו ראַנג־לען זיך און ווי נישט צו לאָזן זיך עקספּלואַטירן.

אין דער אַרבעטער־וועלט איז דער קאַמף אַ פשוטער, אַ קלאָרער. די מעטאָדן פון קאַמף איינפאַכע און ביז גאָר פאַרשטענדלעכע.

אָבער אין דער וועלט פון גייסט איז אַלץ אַנדערש.

דאָ זענען פאַראַן אויך יוניאָנס, מען האָט איבערגענומען ביי די אַר־בעטער די מעטאָדן פון קאַמף, אָבער עס איז נישט אַזוי פשוט און נישט אַזוי קלאָר.

קיין אַרבעטער איז נישט אומגעקומען צוליב אַ פּאַרלאָרענעם שטרייק, אָדער צוליב אַ סכסוך מיט אַן אַרבעט־געבער.

אָבער שרייבער קומען אָפּט אום צוליב אַ סכסוך מיט אַן אַרבעט־געבער.

איך האָב געקענט גאָר אַ סך שרייבער, וואָס זענען ממש אומגעקו־מען צוליב סכסוכים מיט אַרבעט־געבער, איך האָב דאָ געקענט געבן אַ גאַנץ היפּשן צעטל פון אַזעלכע קרבנות.

שרייבן איז אַפּנים נישט בלויז אַ מלאכה, אַפילו אַ פּשוטע שריי־בערישע מלאכה איז נישט אינגאַנצן קיין מלאכה.

דאָ קומט אַריין אמביציע, שאַרפע אַמביציע, דאָ קומט אַריין אַ באַ־זונדער שטאָלץ, אָפּט לחלוטין נישט קיין באַרעכטיקטער, דאָ קומט אַריין קראַנקע גדלות, פאַרגלויבטקייט אין זיך, מאַניאַקישע אייטעלקייט און האָפענונגען, וועלכע ווערן קיינמאָל נישט פאַרווירקלעכט.

יאָ, די אַרבעטער אין וואַרשטאַטן, ווען זיי זענען געקומען צו דער ליטעראַטור, האָבן זיי געפונען אַ גאָר אַנדער וועלט.

פון אָנהויב איז זיי די וועלט געווען אינגאַנצן פרעמד, אַזוי פרעמד, אַז זיי האָבן זיך פאַרלוירן אין איר.

און זוכנדיק מיט אַלע מיטלען צו געפינען זיך אין דער נייער וועלט זענען זיי נאָך מער פאַרלוירן געוואָרן.

יונה ראָזענפעלד איז זיין גאַנץ שרייבעריש לעבן געווען אַ פאַרלוי־רענער אין דער שרייבערישער וועלט.

ער האָט דאָ און דאָרט איבערגענומען די שרייבערישע שאַרפע און אָפּט גאָרנישט פריינטלעכע באַציִונג איינער צום אַנדערן.

אָבער דאָס האָט אים געבראַכט גאָר ווייניק גוטס.

ער האָט אָנגעשריבן אַ בוך „ער און זי“, וואָס ער האָט נישט באַ־דאַרפט שרייבן.

אמת, אין דער שרייבערישער וועלט זענען אַזעלכע טעמעס נישט קיין נאָווינע, אָבער זיי זענען בלויז טעמעס פאַר דער קיבעצאַרניע.

ווי דער שרייבער זעצט זיך אַוועק ביים שרייבטיש פאַרגעסט ער זיי, ער רייניקט זיך פון זיי, ווייל דאָס איז בלויז שטויב, שטויב וואָס מען קען און מען בלאָזט אַראָפּ פון זיך ווי מען נעמט די פעדער אין האַנט.

ד״ר א. מוקדוני

יונה ראָזענפעלד האָט עס נישט פאַרשטאַנען.

ער איז אָפט געווען צו נאַטוראַליסטיש, ער האָט אָפט נישט געקענט סימבאָליזירן דיווירקלעכקייט, מאַכן זי מער אַבסטראַקט, מער ליטע־ראַריש.

אָבער ווען אים פלעגט זיך איינגעבן צו פאַרוואַנדלען אַ שטיק ווירק־לעכקייט אין ליטעראַטור, איז אַרויסגעקומען ממש עפּעס מייסטערישעס.

ביי יעדן שרייבער זענען נישט אַלע ווערק פון איין קוואַליטעט, דער גרעסטער שרייבער שרייבט אויך שוואַכע און אָרעמע ווערק.

אָבער ביים רוב שרייבערס זעט איר זייער גרויסקייט אויך אין די שוואַכע ווערק זייערע, עס איז דאָ די דערפאַרונג, די מייסטערשאַפט און דער הויכער קולטור־ניוואָ, דאָס איז דאָ אין די שוואַכסטע ווערק.

ביי שרייבער פון יונה ראָזענפעלדס און א. מ. ווייסענבערגס שניט זענען דאָ אָדער אינגאַנצן שוואַכע ווערק, אָדער גאָר קינסטלערישע ווערק.

זייער טאַלאַנט האָט נישט קיין האַר איבער זיך.

איז אַמאָל צעבונטעוועט ער זיך, אָדער ער ווערט אַראָפּגעשלאָגן פון טראָפּ.

יונה ראָזענפעלד פלעגט זיין אין אַ שמועס אָדער אויסערסט נאַיִוו, אָדער אויסערסט קלוג, ער פלעגט זיין אָדער אויסערסט פּיקאַנט, אָדער אויסערסט לאַנגווייליק.

דאָס טרעפט מיט אַלע מענטשן, אַפילו די קלוגסטע.

אָבער יונה ראָזענפעלד איז געווען אי פּרימיטיוו און אי ראַפינירט.

און ביידע, סיי די פּרימיטיווקייט און סיי די ראַפינירטקייט, זענען געווען שאַרף און בולט.

פלעגט אַמאָל די פּרימיטיווקייט גובר זיין און אַמאָל פלעגט די ראַ־פינירטקייט גובר זיין, פלעגט איר אין איין שמועס האָבן פאַר זיך דאָ אַ פּרימיטיוון מענטשן און דאָ אַ ראַפינירטן מענטשן.

יונה ראָזענפעלד איז געווען אַ שרייבער 24 שעה אין מעת־לעת.

ער איז געווען פאַרקאָכט אין שרייבן, שרייבן איז געוואָרן זיין לעבן, זיין לופט, מיט וועלכער ער האָט געאָטעמט.

און שרייבן האָט געהייסן ביי אים דרוקן, זען דאָס געשריבענע אין געדרוקטער פאָרעם.

שרייבן אַליין האָט פאַר אים קיין זין נישט געהאַט.

איך האָב אים אָנגעטראָפן אויף דעם קאָני איילענדער באָרדוואָק. ער איז שוין געווען רויִנירט אי פיזיש און אי גייסטיק.

האָב איך אים געפרעגט: — שרייבט איר?

— איך שרייב, — זאָגט ער מיט אַ מוראדיקן יאוש, — אָבער וואָס איז די פעולה? מען דרוקט נישט, ליעסין דרוקט, אָבער ער קען דאָך נישט דרוקן יעדן חודש.

און ווען איך האָב אים געזאָגט, אַז ראשית כל דאַרף אַ שרייבער שרייבן און נישט קלערן וועגן דרוקן, דרוקן איז דאָך בלויז אַ מעכאַני־שער פראָצעס, וואָס האָט מיט שרייבן גאָרנישט צו טון, —

האָט ער מיך אָנגעקוקט מיט אומצוטרוי און געפרעגט:

— איר מיינט עס מיט אַן אמת?

און וויפל איך האָב זיך באַמיט צו באַווייזן אים, אַז די אויפגאַבע פון אַ שרייבער איז ראשית כל שרייבן, עס האָט נישט געהאָלפן.

ער האָט מיך אויסגעהערט אויפמערקזאַם, אָבער מיט זיין טיפישן, שאַרפן אומצוטרוי.

און צום סוף האָט ער מיר געזאָגט:

— דאָס ווילט איר מיך טרייסטן. שרייבן סתם אין דער וועלט האָט קיין שום זינען נישט. פון סאַמע אָנהויב פון מיין שרייבן קען איך אַ מאַנוסקריפּט נישט האַלטן ביי זיך, ווי איך האָב אים פאַרטיק מוז איך אים ערגעץ באַשטאַטן, ער ברענט מיר די פינגער, ער מאַזאָליעט מיר די אויגן, ער מאַכט מיר ענג אין צימער, איך מוז פון אים פטור ווערן ווי פון אַן אָנשיקעניש... און איך באַרויִק זיך נאָר דעמאָלט ווען איך זע מיין מאַנוסקריפּט אַ געדרוקטן.

איך האָב דאַן פאַרשטאַנען די גיהנומשע ליידן זיינע ווען ער פלעגט וואָך־איין וואָך־אויס אַוועקטראָגן אַ מאַנוסקריפּט אין „פאָרווערטס" און פלעגט אים נישט זען געדרוקט וואָכן, חדשים און יאָרן...

דאָס איז פאַר אים געווען די שווערסטע פייניקונג.

נאָר זיין אייזערנער גוף האָט געקענט אַזוי לאַנג איבערטראָגן אַזעל־כע יסורים.

אַ קליין קערפּער מיט אַן אייזערנער גבורה האָט ער פאַרמאָגט.

ד"ר א. מוקדוני

אָבער די אייזערנע גבורה איז סוף כל סוף געבראָכן געוואָרן.
ער פלעגט נאָך לויפן אויפן באַרדוואַק.
אָבער אַ מת איז געלאָפן מיט אימפעט אין זיין רו אַריין.
איך האָב אים געזען אַ קורצע צייט פאַר זיין טויט און אַ פחד איז מיר באַפאַלן, ער איז איינגעפאַלן, ממש ווי אַ חורבה.
ער איז געשטאָרבן אין שרעקלעכע ענויים.
געשטאָרבן אַן אמתער טאַלאַנט, און ווער ווייסט צי דער טאַלאַנט זיינער איז נישט געווען זיין מלאך־המות.
טאַלאַנט איז אַ גרויסע ברכה און אויך אַ גרויסע קללה...

20

הומאָר אין דער וואַרשעווער ייִדישער פּרעסע. – יוסף טונקעל

די ייִדישע פּרעסע אין פּוילן איז געווען אַ טומלדיקע, אַ לעבעדיקע און אַ זייער רירעוודיקע, אָבער פון הומאָר האָט זי נישט געוווּסט.

„דער פריינד", ווען ער איז דערשינען אין פּעטערבורג האָט יאָ געהאַט אַ הומאָריסטישע ביילאַגע, אַ באַזונדערע ביילאַגע מיטן נאָמען „דער בעזים".

אָבער „דער בעזים" פלעגט דערשיינען בלויז ערב יום טוב און ביי אַנדערע פייערלעכע געלעגנהייטן.

אין וואַרשע האָט „דער פריינד" פּראָבירט באַנייען די אויסגאַבע פון דעם „בעזים", אָבער עס איז עפּעס נישט געגאַנגען.

אָנשטאָט דעם „בעזים" איז אַ פּאָר יאָר דערשינען אַ וועכנטלעכע ליטעראַרישע ביילאַגע, וואָס האָט זיך געשפּייזט פון די מותרות פון „פריינד", בלויז דאָ און דאָרט פלעגט אַריין אַ באַזונדערע אָפּהאַנדלונג וועגן ליטעראַטור.

אַזוי צי אַזוי — דאָס איז געווען די ערשטע ליטעראַרישע ביילאַגע צו אַ טעגלעכער צייטונג.

אָבער צו אַ הומאָריסטישער ביילאַגע האָט מען זיך עפּעס נישט געקענט דערשלאָגן.

און אין רוסלאַנד (פּוילן איז דאַן געווען רוסלאַנד) האָט דווקא גע־

בליט דער הומאָר, עס האָט געשווירבלט און געגריבלט אין דער רוסישער פּרעסע מיט הומאָריסטן, מיט פעליעטאָניסטן און מיט באַזונדערע הומאָ־ריסטישע אויסגאַבעס.

די צאַרישע צענזור האָט געוואַכט איבער דער פּובליציסטיק ווי אַ בייזער הונט, האָט נישט דורכגעלאָזט קיין רמז פון קריטיק אויף דער צאַרישער פּאָליטיק. האָט מען געשמוגלט קריטיק אונטער דער באַהעל־טעניש, אונטער דעם שלייער פון הומאָר.

דער הומאָר איז געווען אַ בייסנדיקער, אַ גאַליקער, אָבער אַ פאַר־שלייערטער.

די צענזור האָט עס, פאַרשטייט זיך, געזען און געפילט, אַז דאָ ווערט דורכגעשמוגלט די בייזסטע און די פאַרניכטנדיקסטע קריטיק אויף דער צאַרישער רעאַקציאָנערער פּאָליטיק און אויף דעם גאַנצן צאַריזם, אָבער זי האָט גאָרנישט געקענט טון. פון אויבן אויף איז דער הומאָר געווען אומשולדיק ווי אַ קינד אין וויג.

האָט זיך צעבליט אַ הומאָריסטישע ליטעראַטור אין רוסלאַנד. יעדע צייטונג האָט געהאַט עטלעכע שאַרפע פעליעטאָניסטן צוגלייך מיט די ערנסטע און וואַגיקע פּובליציסטן.

אַ גאַנצע פּלעיאַדע פון הומאָריסטן איז אויפגעקומען פאַר דער ערש־טער רעוואָלוציע. אַלע זענען זיי געווען אויסערסט באַגאַבט און ביז גאָר שאַרף.

זיי זענען געווען די פּאָפּולערסטע שרייבער אין רוסלאַנד.

אין דער דאָזיקער פּלעיאַדע פון פּאָפּולערע הומאָריסטן אין רוסלאַנד האָט זיך געפונען אונדזער אָסיפּ דימאָוו.

אָסיפּ דימאָוו האָט זיך אָבער נישט אָפּגעגעבן בלויז מיטן הומאָר, ער איז געווען אויך אַ פּאָפּולערער דראַמאַטורג.

און ווי אַ דראַמאַטורג איז ער דווקא געווען ביז גאָר ערנסט, דער עיקרשט אין זיינע יידישע דראַמעס.

אָט איז דער שניידנדיקסטער ביישפּיל ווי אַזוי אַ הומאָריסט האָט אונטער דער סאַמע נאָז פון דער צענזור און פון דעם צאַרישן הויף אויס־געלאַכט די צאַרישע פאַמיליע און געמאַכט זי אויסצודרייען:

געווען אַמאָל אין רוסלאַנד אַ באַרימטער זשורנאַליסט מיטן נאָמען

אמפּיטעאַטראָוו; איז אין אַ שײנעם פרימאָרגן באַוויזט זיך אין אײנער פון די פּאָפּולערסטע פּעטערבורגער צײטונגען זײנער אַ פעליעטאָן מיטן נאָמען „די משפּחה אָבמאַנאָוו".

לייענט מען און מען זעט, אַז דאָ רעדט זיך כמעט אָפן וועגן דער צאַרישער פאַמיליע ראָמאַנאָוו. דער נאָמען „אָבמאַנאָוו", אָנשטאָט „ראָ־מאַנאָוו" דאָס איז געווען בלויז דער קונץ, אָבער אין פעליעטאָן האָט יעדער געזען, אַז דאָ רעדט זיך וועגן די ראָמאַנאָוו. דער נאָמען „די משפחה אָבמאַנאָוו" האָט נאָך שאַרפער אונטערגעשטראָכן וועמען מען מיינט דאָ: „אָבמאַן" הייסט אין רוסיש שווינדל, אָפּנאַרעריי, „די משפחה אָבמאַנאָוו" הייסט — די משפחה שווינדלער.

אין אַ קורצער צייט נאָכדעם ווי די צייטונג איז אַרויס אין גאַס, האָבן זיך די געטרייע דינער פון צאַר געכאַפּט, אַז דאָ איז דורכגעשמוגלט געוואָרן אַ ביטערע סאַטירע אויף דער צאַרישער פאַמיליע. מען האָט באַלד אַרויסגערופן דעם צענזאָר, אָבער דער צענזאָר האָט זיך נישט גע־כאַפּט, ער האָט עס פאַרזען, און ער איז געשטאַנען אין טויט־שרעק פאַר דער צאַרישער זשאַנדאַרמעריע.

די נומערן פון דער צייטונג זענען, פאַרשטייט זיך, באַלד צעכאַפּט געוואָרן, און בלויז צאָל קליינע אַ קאָנפיסקירט געוואָרן.

גאָר אַ סך עקזעמפּליאַרן זענען צעכאַפּט געוואָרן, און ווער עס האָט נישט געפונען די צייטונג ביי די צייטונגס־פאַרקויפער האָט געקענט זי קריגן ביי אַ פריינט אָדער גוטן באַקאַנטן, וואָס האָט זיך געפעדערט און געקויפט אַ נומער איידער מען האָט אויסגעפונען ווער עס זענען די אָבמאַנאָוו.

דער נומער, אין וועלכן עס האָט זיך געדרוקט אמפּיטעאַטראָווס פע־ליעטאָן, איז געוואָרן אַ יקר־המציאות.

אַמפּיטעאַטראָוו אַליין האָט רויק זיך אַרומגעשפּאַצירט אין רוים און די צאַרישע האַנט האָט אים נישט געקענט דערגרייכן.

דער פאַל מיט אמפּיטעאַטראָווס פעליעטאָן איז נישט דער איינצי־קער, ער איז בלויז דער שאַרפסטער. עס זענען געווען אַ סך, גאָר אַ סך אַזעלכע פאַלן, אָבער זיי זענען נישט געווען אַזוי שטאַרק און דער צענ־זאָר האָט בלויז באַקומען אָנגעדרייט פאַרן אויער.

די צענזור איז נאָכדעם, פאַרשטייט זיך, געוואָרן וואַכזאַמער און שטרענגער.

אָבער עס האָט נישט געהאָלפן — די הומאָריסטן זענען געווען קליגער פאַר דער צענזור.

און אַזוי אַרום איז דער הומאָר געווען דער שירעם אונטער וועלכן עס פלעגן זיך באַהאַלטן די קריטיקער פון דער צאַרישער דעספּאָטיע.

די ייִדישע פּרעסע האָט נישט אַנטוויקלט אָט דעם פּובליציסטישן הומאָר.

איז אַ צייטונג געווען בכוח צו האָבן שלום עליכמען פאַר אַ מיטאַרבעטער איז דער טייל פון הומאָר באַזאָרגט געוואָרן אויף דעם בעסטן אופן.

אויף דעם פאַרלאַנג פון ש. ראָזענפעלד בין איך געוואָרן דער פעליעטאָניסט פון „פריינד״; ער האָט זיך געעוסקט מיט מיינע פעליעטאָנען, ער האָט אַפילו צוגעטראַכט אַ פּסעוודאָנים פאַר זיי. מיין פּסעוודאָנים פאַר די פעליעטאָנען איז געווען „קאַליף״.

די דאָזיקע פעליעטאָנען מיינע זענען געווען גאַנץ פּאָפּולער.

אָבער דעם אמתן הומאָר האָט אַראָפּגעבראַכט קיין וואַרשע יוסף טונקעל, אָדער דער טונקעלער.

אַ וועג פאַר הומאָר האָט פרי׳ער אויסגעטראָטן אלמי (שעפּס), אָבער טונקעל איז געווען, אַזוי צו זאָגן, אַ פּראָפעסיאָנעלער הומאָריסט. ער האָט געקענט די צוויי הויפּט־מלאכות פון הומאָר — הומאָר מיטן וואָרט און הומאָר מיט דער קאַריקאַטור. ער האָט אַליין געצייכנט אויך די קאַריקאַטורן.

און טונקעל אָדער „דער טונקעלער״ איז שוין געקומען מיט אַ נאָמען פון אַ הומאָריסט פון אַמעריקע, ווו ער האָט רעדאַקטירט אַ הומאָריסטישן זשורנאַל מיטן נאָמען „דער קיביצער״, וואָס איז שפּעטער רעדאַקטירט געוואָרן פון ח. גוטמאַן (דער לעבעדיקער).

„דער טונקעלער״ איז געווען זיין גאַנץ לעבן אַ קריפּל, ער איז געבוירן געוואָרן אַ לאָמער און כמעט אַ בלינדער, אָבער אָט דער געבוירענער קריפּל האָט פאַרמאָגט אַ געוואַלדיקע וויטאַליטעט, דווקא ווייל ער

איז געװען אַ לאָמער און דאָס גיין איז אים געפֿאַלן זײער שװער, האָט איר אים געזען אומעטום, און דװקא כסדר גײענדיק.

אין װאַרשע פֿלעגט איר אים כסדר זען װי ער הינקט איבערן שטאָט; איר פֿלעגט אים זען בײטאָג, איר פֿלעגט אים זען אין אָװנט און אַפֿילו בײנאַכט.

אַ האַלב־בלינדער פֿלעגט ער די גאַנצענע נעכט לײענען.

איך האָב נישט געטראָפֿן ביז אַהער נאָך אַ ייִדישן הומאָריסט אין מײַן לעבן, װאָס האָט אַזױ פֿיל געלײענט װעגן הומאָר; די סאַמע ערנסטע פֿילאָזאָפֿישע װערק װעגן הומאָר, אָנהױבנדיק פֿון אַריסטאָטל און ענ־דיקנדיק מיט אַנרי בערגסאָן, האָט ער געקענט װי זײַנע צען פֿינגער ממש.

זײַן הומאָר איז געװען אַ שאַרפֿער און אַ בליציקער.

אָבער ער האָט געהאַט אײן גרױסן חסרון און נעמלעך — ער איז נישט געװען קײן געזעלשאַפֿטלעכער און נישט קײן פּאָליטישער הומאָ־ריסט, ער האָט געלעבט כסדר צװישן שרײַבער, ער האָט קײן אַנדער גע־זעלשאַפֿט נישט געהאַט און אַפֿנים נישט געװאָלט האָבן, ער האָט זיך געפֿילט גוט אין דער געזעלשאַפֿט פֿון שרײַבערס.

איז די טעמע פֿון זײַן הומאָר געװען דער עיקרשט שרײַבערס.

ער איז געװען דער שאַרפֿסטער פּאַראָדיעס־הומאָריסט; ער האָט געקענט גוט אַלע שרײַבער מיט זײערע סטילן, מיט זײערע שרײַבערישע רגילותן, מיט זײערע שרײַבערישע שװאַכקײטן, מיט זײערע שרײַבערישע פּגימות און מאַנעריזמען און ער פֿלעגט שרײַבן װוּנדערלעכע פּאַראָדיעס אױף שרײַבער.

זײַנע פּאַראָדיעס זענען געװען װיציק, אמת װיציק, בײסיק, װײטאָג־דיק־בײסיק, און שאַרף װי אַ חלף.

אין די שפּעטערדיקע יאָרן איז זײַן הומאָר געװאָרן אַביסעלע ערנס־טער, אַביסעלע געזעלשאַפֿטלעכער און פּאָליטישער.

ער האָט אײַנגעפֿירט אין „מאָמענט" די ערשטע הומאָריסטישע זײַט, און זי האָט געהאַט אַ דערפֿאָלג.

שװאַכער זענען געװען זײַנע קאַריקאַטורן, צוליב זײַן האַלבער בלינדקײט האָבן זײ נישט געקענט זײַן שאַרף און שפּיציק, אָבער פֿאַר אַ הומאָריסטישער זײַט איז עס געװען גענוג.

ער איז געווען ווייניק צייכענער, ער האָט אין דער יוגנט דווקא באַזוכט אַ קונסט־שולע, אָבער ער האָט געמוזט אויפגעבן צוליב זיין שלעכטער ראיה.

איז ער געווען אַ נישט־פאַרענדיקטער צייכענער, און דאָס האָט זיך געפילט אין זיינע קאַריקאַטורן.

צבי פּרילוצקי, דער באַלעבאַטישער מענטש, האָט נישט פאַרשטאַנען די גאַנצע מעשה מיטן הומאָר. ער פלעגט טענהן:

— וואָס האָט עס פאַר אַ זינען צו טשעפּען זיך צו מענטשן און חוזקן פון זיי?

אָבער זיין זון נוח פּרילוצקי, וואָס איז שוין געווען אַ מאָדערנער מענטש און מער שרייבער, און צו וועלכן דער פאָטער, צבי פּרילוצקי, האָט זיך צוגעהערט, איז געווען דער באַשיצער פון די הומאָריסטן אין „מאָמענט״.

און מיט דער צייט איז דער טונקעלער געוואָרן אַ מין רשות־היחיד אין „מאָמענט״.

***

אַ לאָמער און אַ האַלב־בלינדער איז אַריין אין דער וואַרשעווער פּרעסע, אַזוי צו זאָגן, מיט דער רעכטער פוס.

ער איז געוואָרן אַן אָנגעזעענער און אַ זייער געווונטשענער מיט־אַרבעטער פון „מאָמענט״, האָט באַקומען אַ גוטן געהאַלט, און פאַר זיינע ספּאָרטאַנישע, אָדער פּשוט — קמצנישע השגות איז דער געהאַלט געווען ממש אַ קיניגלעכער.

ער איז מיט דער צייט געוואָרן דער רייכסטער שרייבער (אויסער י. י. טרונק) אין וואַרשע.

ער האָט זיך אַפילו דערלויבט צו קויפן אַ ווילע און אַפילו חתונה האָבן.

פאַר דעם היטלער־שטורם איז ער געווען אַזוי פעסט און זיכער מאַטעריעל, אַז ער איז אַריבער אויף אַ פּענסיע, ער האָט געשריבן בלויז ווען עס האָט זיך אים פאַרגלוסט צו שרייבן, און האָט געלעבט אין כל־טוב.

אים איז געווען באַשערט צו ראַטעווען זיך מיטן לעבן פון היטלערס

מערדער דורך אַ צופאַל: אַ וואָך פאַרן אויסברוך פון דעם צווייטן גלאָבוס־קריג האָט מען אים אַרויסגערופן אויף אַן אָוונט קיין בעלגיע, און דאָ האָט אים פאַרכאַפּט די צווייטע קאַטאַסטראָפאַלע פאַר אונדז מלחמה.

ער האָט זיך געראַטעוועט קיין פראַנקרייך און פון פראַנקרייך קיין אַמעריקע.

וועגן זיין פרוי, זיין הויז און זיין פאַרמעגן האָט ער נישט געהערט ביז זיין טויט.

ער איז געקומען אַהער אַן אָרעמאַן, ממש בעירום ובחוסר כל.

אָבער ער איז געוואָרן אַ מיטאַרבעטער אין „פאָרווערטס״, דערצו האָט ער אין דער סאַמע געפונען אַ רייכן ברודער און ער איז מאַטעריעל געווען פאַרזאָרגט.

אַגב האָט ער נישט באַדאַרפט פיל צו זיין באַזאָרגט מאַטעריעל.

ער איז געווען דער קלענסטער בעל־הוצאה, וואָס איך האָב באַגעגנט אין לעבן.

ווי וויניק ער זאָל נישט האָבן פאַרדינט האָט ער העלפט אָפּגעשפּאָרט.

מען האָט גערעדט, אַז נאָך זיין טויט זענען געבליבן היפשע עט־לעכע טויזנט דאָלער זיינע אין אַ באַנק.

אין ניו יאָרק האָב איך דערזען דעמזעלביקן טונקעלן, ער האָט זיך כמעט נישט געענדערט, ער איז אַפילו אויסערלעך נישט עלטער געוואָרן.

אָבער ער האָט דערשפּירט אַ דריקנדיקן עלנט אין ניו יאָרק, און ער האָט נישט געקענט זיין עלנט, ער האָט געוואַלדיק ליב געהאַט מענטשן.

פלעגט ער, אַ לאָמער און אַ האַלב־בלינדער, כסדר האַלטן אין איין פאָרן צו פריינט און באַקאַנטע, וואָס האָבן געוווינט אין אַנדערע עקן פון דער שטאָט.

ער איז אַ האַלבן טאָג געווען אין סאָבוויי און אַ האַלבן טאָג צו־גאַסט.

און אָפט, שפּעט אין אָוונט, האָט איר אַמאָל געזען אין אַ סאָבוויי דעם האַלב־בלינדן טונקעלן איינגעגראָבן מיט זיינע בלינדע אויגן אין אַ צייטונג.

עס איז געווען אַ גרויסער צער צו זען אים לייענענדיק; ער האָט געהאַלטן די צייטונג, אָדער דאָס בוך אַזוי נאָענט צו די אויגן, אַזוי נאָ־

ענט, אַז ער האָט ממש געטאַפּט מיט די אויגן די אותיות, און מיט אַמאָל פלעגט ער צונעמען די צייטונג, אָדער דאָס בוך פון די אויגן, און רע־זיגנירט אַראָפּלאָזן זיי אין קעשענע.

ער האָט אַרויסגעלאָזט אַ ביכל מיטן נאָמען „גלות" באַלד נאָך זיין קומען קיין אַמעריקע.

ער האָט באַשריבן דאָס וואָס אַ ייד, אין דעם פאַל — ער, איז אויס־געשטאַנען אין די ערשטע היטלער־יאָרן, אין פראַנקרייך.

עס איז געשריבן הומאָריסטיש. אַנדערש האָט ער נישט געקענט שרייבן, אָבער אין דעם דאָזיקן הומאָריסטישן ביכעלע איז געווען מער צער ווי אין הונדערט ביכער וועגן דעם היטלער־גיהנום.

און דאָ האָט איר געזען ווי הומאָר קען זיין טראַגיש און דראַמאַ־טיש, ווי ווערטער שמייכלען, אָבער דער אינהאַלט רייסט דאָס האַרץ.

דאָס איז געווען זיין לעצט גוט ביכעלע.

ער האָט אַרויסגעלאָזט נאָך אַ ביכעלע, וואָס האָט געהייסן „דער גרויסער גענייץ", אָבער עס איז שוין נישט געווען דער טונקעלער מיט זיין פרישן, בליציקן הומאָר אין ביכל.

יאָ, ער האָט שוין אָנגעהויבן זינקען אי פיזיש און אי גייסטיק.

די לעצטע עטלעכע יאָר האָט ער שוין נישט געקענט שרייבן און נישט לייענען.

אָבער זיצן ערגעץ אין זיין חדרל איינינקער אַליין האָט ער נאָך ווייניקער געקענט, פלעגט ער זיך לאָזן אַ בלינדער, אַ לאָמער מיט געוואַלדיק הויכן בלוט־דרוק, זוכן און אָפּזוכן זיינע פריינט.

ער פלעגט שוין בלאָנדזשען, ער פלעגט נישט געפינען די וווינונג פון זיינע באַקאַנטע און פריינט.

עמעצער פלעגט אין גאַס אים געפינען אַ בלאָנדזשענדיקן און העלפן אים אויפזוכן דאָס הויז, וואָס ער האָט געזוכט.

ער האָט איינמאָל, אין מיאַמי ביטש, צוויי שעה נאָכאַנאַנד זיך אַרומגעדרייט אַרום מיין וווינונג און זי נישט געקענט געפינען, ביז אַ באַקאַנטער האָט אים געפונען שטייענדיק אַ פאַרלוירענעם און האָט אים געבראַכט צו מיר.

מיט זיין גאַנצער פיזישער אומבאַהאָלפנקייט האָט ער מיט דער גרעסטער עקשנות געפירט דעמזעלביקן שטייגער פון לעבן ווי אַמאָל.

אין מיאַמי ביטש האָט אים די פּאָליציי איינמאָל געפונען אַן אויסגעמאַטערטן, זי האָט אים אַרעסטירט, אָבער באַלד האָט מען אָפּגערופן אַ פריינט, אַז ער זאָל קומען אים אָפּנעמען. אַליין, האָט די פּאָליציי געזאָגט, קען מען אים נישט אַרויסלאָזן אין גאַס.

איז געקומען אַ פריינט און אים אַרויסגענומען פון פּאָליציי־צירקל.

זיין היים אין ניו יאָרק און אין מיאַמי ביטש איז געווען די קאַפעטעריע. ער פלעגט עפּעס באַשטעלן און זיצן און וואַרטן אויף אַ פריינט, אָדער אַ באַקאַנטן.

איך פלעג אים אָפט זען זיצנדיק אַליין אין אַ טומלדיקער קאַפעטעריע. ער פלעגט מיט די בלינדע אויגן זוכן אַ פריינט, אָדער אַ באַקאַנטן.

ער פלעגט זיצן אַזוי לאַנג ביז ער האָט זיך דערוואַרט אויף עמעצן.

און אויב נישט, פלעגט ער זיצן און זיצן און אַן אַנטוישטער אַוועקגיין צו אַ באַס, וואָס פלעגט אים פירן אַהיים ערגעץ ווייט, ווייט...

וואָס ווייטער פון צענטער, זענען צימערן געווען ביליקער...

און ווייטקייט האָט דעם כמעט־בלינדן און לאָמען טונקעלן קיינמאָל נישט אָפּגעשראָקן. פאַרקערט — ער האָט געשפּילט עפּעס אַ צו־להכעיס מיט זיין בלינדקייט און לאָמקייט.

אַן אייביקן צו־להכעיס.

אין ניו יאָרק און אין מיאַמי האָט ער געהאַט הייזער, וווּ ער איז געווען אַן אָנגעלייגטער גאַסט.

ד״ר מ. סודאַרסקיס הויז אין ניו יאָרק איז געווען זיין צווייטע היים.

די סודאַרסקיס פלעגן אים אויפנעמען מיט באַזונדערער ליבע און אויפמערקזאַמקייט.

דאָס צווייטע היים זיינע איז געווען דאָס הויז פון דער דיכטערין עליזא גרינבלאַט.

זי וווינט אין סי־געיט, אין סאַמע עק פון ניו יאָרק, און ער האָט געוווינט אַרויף אין מאַנהעטן, אָבער ער פלעגט מאַכן די רייזע אָפט, און

ד״ר א. מוקדוני

עס איז געווען אַ שווערע און אַ קאָמפּליצירטע רייזע פֿאַר אַזאַ איינעם ווי דער טונקעלער.

די דיכטערין פֿלעגט מיט אַ מאַמעשן ברייטן שמייכל און מיט אמתער גאַסטפֿריינטלעכקייט אויפֿנעמען דעם עלנטן הומאָריסט.

ער איז געווען אַ גוטער, וויציקער שמועסער; ער האָט אויך געקענט זיין ערנסט, און עס איז געווען גוט צו פֿאַרברענגען מיט אים אַן אָוונט.

אַזוי אַרום האָט דער הימלאָזסטער יידישער שרייבער אין ניו יאָרק זיך געגעבן אַן עצה נישט צו זיין אינגאַנצן הימלאָז.

ער האָט געקעמפֿט בראַוו און מוטיק קעגן זיין איינזאַמקייט און זיין עלנט.

אָבער די לעצטע יאָרן האָבן אים שוין די כוחות, סיי די פֿיזישע און סיי די גייסטיקע, נישט מער געדינט.

און אַוועקלאָזן זיך צו אַ פֿריינט און פֿון אַ פֿריינט צוריק צו זיך אין זיין נאָרע איז געווען פֿאַר אים שוין אַ צו שווערע און צו ריזיקאַלישע אונטערנעמונג.

ער פֿלעגט אָפֿט, ווי שוין געזאָגט, פֿאַרבלאָנדזשען. שעהן און שעהן האָט ער געבלאָנדזשעט, און ווען ער פֿלעגט אריינפֿאַלן צו אַ פֿריינט, וועלכן ער האָט געזוכט, איז ער געווען אַזוי אויסגעמאַטערט, אַז עס פֿלעגט נעמען צייט ביז ער פֿלעגט קומען צו זיך.

זיין שרייבערישע מערכה אין ניו יאָרק איז נישט געווען קיין גאָר גוטע.

ער האָט געקענט גוט אַמעריקע, ער איז אין אַמעריקע אַפֿילו מיט יאָרן צוריק געווען אַ פּאָפּולערער הומאָריסט, אָבער איינגעלעבט האָט ער זיך מיט וואַרשע. ער איז געוואָרן אַ וואַרשעווער, אָט דער ליטוואַק.

ער איז געווען פֿון וואַרשע אַ מיטאַרבעטער פֿון „פֿאָרווערטס״.

און ער איז געקומען קיין ניו יאָרק ווי אַ מיטאַרבעטער פֿון „פֿאָרווערטס״.

אָבער אים איז געווען שווערלעך צוצופּאַסן זיך צום „פֿאָרווערטס״; דער „פֿאָרווערטס״ איז נישט גורס קיין געזעלשאַפֿטלעכן, קיין פּאָליטישן און קיין ליטעראַרישן הומאָר און סאַטירע:

אויף געזעלשאַפטלעכע און פּאָליטישע פראַגן איז דאָ פּובליציסטיק, מיט די פראַגן פאַרנעמען זיך די אַרטיקל־שרייבערס.

אויף ליטעראַטור איז דאָ ליטעראַטור־קריטיק, זי דאַרף באַזאָרגן די ליטעראַטור, דער הומאָריסט האָט דאָ גאָרנישט צו טון.

עס איז אַ שיטה, אָבער פאַרן הומאָריסט בלייבט בלויז ליצנות, ליצנות אין דער וועלט אַריין.

יאָ, דאָרט, אין דער אַמאָליקער אַלטער היים איז מען געווען ווייכער, נאָכגיביקער, מען האָט סוף כל סוף פאַרשטאַנען, אַז מען קען קיין שרייבער נישט איבערמאַכן, איבערניצעווען אָדער מאַכן אים פאַר אַ ליטעראַרישן שיק־ייִנגל.

אַ שרייבער איז דאָס וואָס ער איז.

דאָ אין אַמעריקע האָט ער נישט געקעמפט, ער האָט זיך אונטערגעגעבן, אָבער אַנדערש שרייבן האָט ער אויך נישט געקענט. ער האָט נישט געקענט שרייבן סתם הומאָר, הומאָר נישט אויסלאַכנדיק קיינעם, נישט קריטיקירנדיק קיינעם און נישט האָבנדיק קיין שום באַציִונג צו זאַכן, צו מענטשן און צו פּראָבלעמען.

יאָ, ער האָט נישט געקעמפט.

ער האָט קיין כוח נישט געהאַט.

ער איז געווען גענוג קלוג צו איינזען, אַז זיין קאַמף וועט קיין געווינטשטע רעזולטאַטן נישט ברענגען.

אַגב, האָט ער געפילט, אַז ער איז שוין נישט דער טונקעלער וואָס אַמאָל.

ער איז נישט בלויז געווען אַ מבין אויף אַנדערע, ער איז געווען אַ מבין אויף זיך אַליין אויך, אויף זיך אפשר מער ווי אויף אַנדערע.

און ער האָט מיר אַמאָל געזאָגט מיט רעזיגנאַציע:

— עס איז שווער צו חוזקן פון אַנדערע, ווען דו אַליין ביסט קאָמיש.

איך האָב עס געהערט עטלעכע מאָל פון אים.

און איך האָב באַמערקט אין זיינע שמועסן אַלץ ווייניקער און ווייניקער קריטיק אויף אַנדערע און ווייניקער חוזק פון אַנדערע.

ער האָט אָנגעהויבן צו האַלטן פון אַנדערע, דערפילנדיק זיין אייגענע אָנמעכטיקייט.

ד״ר א. מוקדוני

די פעדער איז אַרויסגעפאַלן פון זיין האַנט.

און אַ שרייבער, ביי וועלכן די פעדער פאַלט אַרויס פון דער האַנט, איז אַ האַלבער בר־מינן; דער סאַמע וויכטיקער טייל פון זיין לעבן איז טויט...

דער טונקעלער, דער גוטער און שאַרפער שמועסער, פלעגט אָפּט שווייגן; עפּעס ווייטאָגדיק פלעגט ער שווייגן.

דער הומאָריסט אויף דער עלטער איז אַ טראַגישע פיגור.

און דאָס איז געווען דער טונקעלער אין די לעצטע עטלעכע יאָר פאַר זיין טויט.

דער טונקעלער פלעגט אַמאָל כסדר באַגעגענען אַ מענטשן מיט אַ שמייכל, מיט אַ סאַטירישן שמייכל אָדער מיט אַ הומאָריסטישן שמייכל.

ער איז געווען אַן אַריינזאָגער, אַמאָל אַ גוטמוטיקער, אָבער אָפטער אַ בייסיקער.

דער דאָזיקער שמייכל און די אַריינזאָגעריי זענען אַוועק.

און אַלטקייט, ביטערע און יאושדיקע אַלטקייט האָט זיך אויסגע־לייגט אויף זיין פּנים.

ער פלעגט כסדר אַמאָל האָבן אַ פאַרקערטע מיינונג וועגן אַלץ, אַ מיינונג וואָס איז געווען כסדר דער היפּוך פון דער אָנגענומענער מיינונג, אַ טשיקאַווע מיינונג, וואָס איז גאָר קיין מיינונג נישט געווען.

אַמאָל פלעגט זיין מיינונג זיין פּשוט פריקרע, אָבער ער האָט גע־וואָלט האָבן אַ פריקרע מיינונג עפּעס עמעצן אויף צופיקעניש, אָדער סתם, ווייל עס איז קיין קונץ נישט צו האָבן אַן אָנגענומענע מיינונג.

די לעצטע עטלעכע יאָר האָט ער מסכים געווען מיט דער אָנגענו־מענער מיינונג.

איך האָב אים אַמאָל געזאָגט:

— איר ווערט עפּעס אַ בעל־מסכים.

ער האָט שטיל אַ שמייכל געטון און געזאָגט:

— מען דאַרף האָבן כוח נישט צו מסכים זיין מיט אַלעמען, און דאָס האָב איך שוין מער נישט.

יאָ, די טראַגישסטע געשטאַלט איז געווען דער טונקעלער די לעצ־טע יאָרן פאַר זיין טויט.

עס איז אַמאָל געקומען צו רייד וועגן אַ באַקאַנטן, זייער פּאָפּולערן יידישן פּובליציסט, אויף וועלכן ער פּלעגט לייכט, אָבער בייסיק מאַכן פּאַראָדיעס.

האָט ער געזאָגט ערנסט:

— ער שרייבט דאָך קלאָר, דער קאָפּ איז קלאָר און די האַנט איז פעסט, פאַר אַזאַ איינעם דאַרף מען אַראָפּנעמען דאָס היטל. איך קען אַ שורה נישט אָנשרייבן.

און עפּעס ווי צו זיך אַליין האָט ער געזאָגט:

— ווי עס ווערט פאַרפאַלן דאָס, וואָס דו האָסט אַזוי לייכט, אַזוי שפּילעוודיק געטון.

איך האָב אַ שלעכטע ראיה, אָבער איך האָב אין מיין לעבן געלייענט אַ סך. ווייל די ראיה מיינע איז געווען שלעכט, פלעג איך פון לייענען האָבן אַ באַזונדערע הנאה. איך האָב עפּעס גובר געווען, איך האָב זיך פאַרעקשנט און אויסגעפּירט, און דאָס איז דאָך גאָר אַ באַזונדערע הנאה, די הנאה פון זיג.

איצט קען איך נישט לייענען. איך קען עס פיזיש נישט.

און ווען איך שטרענג זיך אָן, ווערט עקלדיק דאָס געדרוקטע; עס זעט מיר אַלץ אויס עפּעס טאַלאַנטלאָז.

— יאָ, — האָט ער זיך עפּעס ווי דערמאָנט — אַמאָל בין איך געווען אַן אָנגעלייגטער גאַסט אומעטום, איצט פיל איך אַז איך פאַל צו לאַסט אַלעמען.

עפּעס באַגעגנט מען מיך נישט אַזוי ווי אַמאָל...

ווער קען זיך דערפרייען מיט אַ האַלבן בר־מינן?

יאָ, ער האָט אָנגעהויבן צו פאַרלירן זיין עקשנות. די קריפּלדיקייט האָט אָנגעהויבן גובר צו זיין.

ער האָט אָנגעהויבן צו אונטערגעבן זיך, און דאָס איז אַפּנים געווען פאַר אים דאָס טראַגישסטע.

דאָס גאַנצע לעבן האָט ער זיך געראַנגלט מיט זיינע שווערע קערפּערלעכע מומים. מיט זיין הינקעדיקייט און מיט זיין בלינדקייט. ער האָט זיך געראַנגלט בראַוו, ער האָט זיך קיינמאָל נישט געקלאָגט, ער

פלעגט זיין צווישן מענטשן, גיין און פאָרן מיילן און מיילן, לייענען מיט דער גרעסטער אָנשטרענגונג, און דער עיקרשט שרייבן.

שרייבן איז געווען זיין חיות, דער זינען פון זיין לעבן, דער סם־חיים זיינער...

ער האָט מיר דערמאָנט שמואל ראָזענפעלדן אין זיינע לעצטע יאָרן.

ש. ראָזענפעלד איז אויך געווען טראַגיש, טיף טראַגיש.

דער טונקעלער האָט זיך אָנגעהויבן אונטערצוגעבן, רעזיגנירן.

*****

דעם לעצטן זומער, דעם זומער פון 1949, האָב איך געלעבט אין סי גייט. קומט צו מיר איינמאָל די אייגנטימערין פון אַ האָטעל, ווו איך פלעג שטיין אָפט צוזאַמען מיט דעם טונקעלן, און זי זאָגט צו מיר מיט צער:

— דער טונקעלער וויל אייך זען, ער האָט געזוכט אייער וווינונג גאַנצע דריי שעה. דער באָס האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן אייער טיר, אָבער ער האָט זיך עפּעס פאַרבלאָנדזשעט און איז אריינגעפאַלן צו מיר אַ האַלב־טויטער.

איך האָב געפונען דעם טונקעלן באמת אַ האַלב־טויטן. ער איז געזעסן אין אַ שטול, אָבער ווי אַ טויטער.

ער האָט זיך דערפרייט מיט מיר.

— געוואָלט אייך זען, געוואָלט רעדן מיט אייך...

יאָ, מוקדוני, איך זע שוין גאָרנישט, אָבער גאָר גאָרנישט. און זיצן אין מיין צימער קען איך נישט.

נישט גוט, נישט גוט. איר ווייסט, מוקדוני, איך וועל מסתמא די טעג שטאַרבן, און זאָגן אייך דעם אמת, עס ווילט זיך נישט שטאַרבן, אַ שרעק ווי עס ווילט זיך נישט שטאַרבן. איך לעב שוין דאָך כמעט נישט, אָבער שטאַרבן ווילט זיך נישט.

ער האָט פּרובירט אויפשטיין, אָבער ער איז צוריקגעפאַלן אין שטול אַריין.

אין אַ פּאָר טעג אַרום האָב איך געהערט, אַז קאָלעגן זוכן פאַר אים אַן אָרט אין אַ מושב זקנים. ער האָט מסכים געווען צו גיין אין אַ מושב זקנים...

אָבער אָנשטאָט צו גיין אין אַ מושב זקנים האָט ער באַדאַרפט גיין אין שפּיטאָל.

און נישט לאַנג איז ער געווען אין שפּיטאָל.

ער איז געשטאָרבן שטיל. ער האָט זיך פּשוט אויסגעלאָשן ווי אַ ליכט...

***

דער טונקעלער איז געווען, ווי אַלע הומאָריסטן, אַן ערנסטער מענטש.

אָבער ערנסטער ווי אַלץ אין דער וועלט האָט ער גענומען זיין הומאָר, ער האָט אים געכאָוועט און געקעכלט.

און ער האָט געוואַכט איבער אים, אַז ער זאָל זיך נישט אויסגליטשן און ווערן ביליק און וווּלגאַר.

קיין שרייבער איז נישט אין אַזאַ שטענדיקער געפאַר צו ווערן ביליק און וווּלגאַר ווי אַ הומאָריסט.

פאַר אַזאַ שווערן נסיון שטייט אויך דער טעאַטער־הומאָריסט — דער קאָמיקער, אָבער דער קאָמיקער גליטשט זיך שנעלער אויס ווי דער הומאָריסט.

דעם טונקעלן איז געווען שווער צוצופּאַסן זיך צו געוויסע רעדאַקטאָרן, וואָס האָבן אַ זייער אָרעמען באַגריף וועגן אמתן הומאָר.

ער האָט געקעמפט און ער האָט זיך קיינמאָל נישט אונטערגעגעבן.

זיינע פּאַראָדיעס זענען געווען שאַרפע און בייסיקע ליטעראַטור־קריטיק.

אָט דער מין הומאָר איז נישט געווען קיין גאַנגבאַרע סחורה אין ניו יאָרק.

פלעגט מען אָפט נישט דרוקן זיינע ליטעראַרישע הומאָרעסקעס, און ער פלעגט אַליין דערציילן וועגן דעם גאַנץ גוטמוטיק.

דער טונקעלער איז קיינמאָל, קיינמאָל נישט געווען ביליק אָדער וווּלגאַר.

אים האָט זיך דאָ און דאָרט נישט איינגעגעבן אַ הומאָרעסקע, אָדער אַ פעליעטאָן, דאָס פּאַסירט מיט אַלע שרייבערס, אָבער שרייבן אונטער אַן אַנדערנס טיטל האָט ער קיינמאָל נישט געקענט.

די לעצטע עטלעכע יאָר פאַר זיין טויט איז ער שוין געווען אַזוי בלינד, אַז ער האָט נישט געקענט לייענען און שרייבן.

האָט ער אויפגעהערט שרייבן אין „פאָרווערטס״, אָבער זיין קליינעם געהאַלט פלעגט ער באַקומען מיט דער גרעסטער פּינקטלעכקייט.

זיין רייכער ברודער, ערגעץ אין דער סאַוט, איז געשטאָרבן, און אַ טייל פון זיין הכנסה איז הלך־לעולמו צוזאַמען מיט זיין ברודער.

אָבער ער האָט זיך קיינמאָל נישט געקלאָגט.

ער איז געווען אַ זייער שפּאָרזאַמער מענטש, אָבער ער האָט קיינ־מאָל נישט גערעדט וועגן זיינע מאַטעריעלע שוועריקייטן; זיינע מאַטע־ריעלע באַדערפענישן זענען געווען די מינימאַלסטע און ער האָט זיך געקענט גוט „ספּראַווען״ מיט זיי.

אָבער אָפּגעלאָזן אין זיין קליידונג איז ער געוואָרן. זייער אָפּגעלאָזן. אָבער דאָס איז נישט געווען דער רעזולטאַט פון זיינע קליינע פאַרדינסטן. ניין, עס איז געווען זיין בלינדקייט, וואָס האָט אים געשטערט אַכטונג צו געבן אויף זיין הלבשה און סתם אויף זיך אַליין.

ער איז געווען אַן אָפּטער איינגייער צו מיר אין מיאַמי און אין ניו יאָרק. מיר פלעגן אָפט זיין צוזאַמען אין איין האָטעל אין סי גייט, און איך האָב געזען ווי דער דאָזיקער וויציקער אָפּטימיסט שטאַרבט עפּעס שטיקערווייז, עפּעס יעדע וואָך שטאַרבט ביי אים אָפּ עפּעס, עס שטאַרבט אָפּ אַביסל פון זיין זייער קליינער ראיה. עס שטאַרבט די קראַפט פון זיין געזונטן פוס אאַז״וו.

ער האָט פון לעבן גאָר ווייניק געפאָדערט, און דאָס לעבן האָט אים ווייניק געגעבן, אָבער ער האָט ליב געהאַט דאָס לעבן.

אַזוי פּשוט און אַזוי קלאָר ליב געהאַט.

און ער האָט זיך געשיידט מיטן לעבן מיט ווייטאָג און צער.

אָט אַזוי האָט געלעבט און אַזוי איז געשטאָרבן דער יידישער הומאָ־ריסט, דער טונקעלער.

דאָס פּוילישע ייִדנטום

ביכער־סעריע פון דעם צענטראַל־פאַרבאַנד פון פּוילישע ייִדן אין אַרגענטינע

רעדאַקטאָר: מאַרק טורקאָוו

ביז איצט דערשינען:

1) מאַרק טורקאָוו — מלכה אָושיאַני דערציילט... **(אויספאַרקויפט)**
2) ה. ד. נאָמבערג — י. ל. פּרץ **(אויספאַרקויפט)**
3) וו. גראָסמאַן־וויערניק — טרעבלינקע **(אויספאַרקויפט)**
4) פּרץ גראַנאַטשטיין — מיין חרוב שטעטל סאָקאָלאָוו **(אויספאַרקויפט)**
5) ישראל טאַבאַקסבלאַט — חורבן לאָדזש **(אויספאַרקויפט)**
6) זרובבל — באַוג חורבן **(אויספאַרקויפט)**
7) אלחנן צייטלין — אין אַ ליטעראַרישער שטוב **(אויספאַרקויפט)**
8) ד״ר ח. שאָשקעס — פּוילן — 1946 **(אויספאַרקויפט)**
9) ז. סעגאַלאָוויטש — טלאָמאַצקע 13 **(אויספאַרקויפט)**
10) מ. נודעלמאַן — געלעכטער דורך טרערן **(אויספאַרקויפט)**
11) ד״ר מאיר באלאַבאַן — די ייִדן־שטאָט לובלין **(אויספאַרקויפט)**
12) ישראל אפרת — היימלאָזע ייִדן **(אויספאַרקויפט)**
13) ד״ר יעקב שאַצקי — אין שאָטן פון עבר **(אויספאַרקויפט)**
14) דוד פלינקער — אַ הויז אויף גזשיבאָוו **(אויספאַרקויפט)**
15) ד״ר הלל זיידמאַן — טאָגבוך פון וואַרשעווער געטאָ **(אויספאַרקויפט)**
16) זאַמלונג פון דאָקומענטן — קינדער־מאַרטיראָלאָגיע **(אויספאַרקויפט)**
17) חיים גראַדע — פּליטים **(אויספאַרקויפט)**
18) ש. קאַטשערגינסקי — פּאַרטיזאַנער גייען!... **(אויספאַרקויפט)**
19) פרידע זרובבל — נע ונד **(אויספאַרקויפט)**
20) מרדכי שטריגלער — מאַידאַנעק
21) יעקב לעשצינסקי — אויפן ראַנד פון אָפּגרונט **(אויספאַרקויפט)**
22) ז. סעגאַלאָוויטש — געברענטע טריט **(אויספאַרקויפט)**
23) אברהם טייטלבוים — וואַרשעווער הויף
24) טאַניאַ פוקס — אַ וואַנדערונג איבער אָקופּירטע געביטן
25) ש. ל. שניידערמאַן — צווישן שרעק און האָפענונג **(אויספאַרקויפט)**
26) לעאָ פינקלשטיין — מגילת פּוילן **(אויספאַרקויפט)**
27) יאָנאַס טורקאָוו — אַזוי איז עס געווען... **(חורבן וואַרשע)**
28) ש. איזבאַן — „אומלעגאַלע״ ייִדן שפּאַלטן ימען
29) יעקב פאַט — הענעך
30) ד״ר י. קערמיש — דער אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ

31) **שמחה פאַליאַקיעוויטש** — אַ טאָג אין טרעבלינקע
32) **מרדכי שטריגלער** — אין די פאַבריקן פון טויט
33) **אברהם נחתומי** — אין שאָטן פון דורות
34) **יחיאל לערער** — מיין היים (אויספאַרקויפט)
35) **יוסף וואָלף** — לייענענדיק פּרצן...
36) **צפורה קאַצענעלסאָן־נאַכומאָוו** — יצחק קאַצענעלסאָן
37) **י. הירשהויט** — פינצטערע נעכט אין פּאַוויאַק
38) **נחום סאָקאָלאָוו** — פערזענלעכקייטן
39) **רחל קאָרן** — היים און היימלאָזיקייט (לידער)
40) **א. אלמי** — מאָמענטן פון אַ לעבן
41) **מנשה אונגער** — פשיסכע און קאָצק (אויספאַרקויפט)
42) **מ. בורשטין** — איבער די חורבות פון פּלוינע
43) **מ. קיפּניס** — הונדערט פאָלקס־לידער (אויספאַרקויפט)
44) **ז. סעגאַלאָוויטש** — מיינע זיבן יאָר אין תל־אביב (אויספאַרקויפט)
45) **ד״ר ה. שאָשקעס** — אַ וועלט וואָס איז פאַרביי... (אויספאַרקויפט)
46) **שלמה וואַגאַ** — חורבן טשענסטאָכאָוו
47) **אברהם זאַק** — יאָרן אין וואַנדער (לידער)
48־49) **ש. איזבאַן** — פאַמיליע קאַרפּ (אויספאַרקויפט)
(פּרעמירט דורכן צבי־קעסעל־ליטעראַטור־פאָנד, מעקסיקע 1950)
50) **ד״ר א. מוקדוני** — מיינע באַגעגעניש (זכרונות)
51) **ר. שושנה־קאַהאַן** — אין פייער און פלאַמען (אויספאַרקויפט)
52) **י. י. טרונק** — די יידישע פּראָזע אין פּוילן
53) **יאָנאַס טורקאָוו** — אין קאַמף פאַרן לעבן (אויספאַרקויפט)
54) **יצחק פּערלאָוו** — די מענטשן פון „עקזאָדוס 1947״ (ראָמאַן)
55) **פּנחס ביזבערג** — שבת־יום־טובדיקע יידן
56־57־58) **שלום אַש** — פּעטערבורג — וואַרשע — מאָסקווע
59) **ד״ר פיליפּ פרידמאַן** — אָשוויענטשים
60) **ב. ראָזען** — טלאָמאַצקע 13
61־62) **דוד פלינקער** — אין שטורעם (ראָמאַן)
63) **יאַנוש קאָרטשאַק** — משהלעך, יאָסעלעך, ישׂראליקלעך
64־65) **מרדכי שטריגלער** — „ווערק צע״
(פּרעמירט דורכן האָפּער־לייב ליטעראַטור־פאָנד ביים
יידישן קולטור־קאָנגרעס, בוענאָס־איירעס, 1951)
66) **חיים גראַדע** — שיין פון פאַרלאָשענע שטערן
67) **רבקה קוויאַטקאָווסקאַ** — פון לאַגער אין לאַגער
68) **יואל מאַסטבוים** — מיינע שטורמישע יאָרן (זכרונות)
69) **אליהו טראַצקי** — גלות דייטשלאַנד
70) **ד״ר י. שאַצקי** — קולטור־געשיכטע פון דער השכלה (אויספאַרקויפט)
71) **נחמן מייזיל** — געווען אַמאָל אַ לעבן... (אויספאַרקויפט)
72) **י. י. טרונק** — סימכע פלאַכטע פון נאַרקאָווע (אויספאַרקויפט)
(פּרעמירט דורכן צבי־קעסעל־ליטעראַטור־פאָנד, מעקסיקע 1951)

73) **יהודה עלבערג** — אונטער קופערנע הימלען **(אויספאַרקויפט)**
(פרעמירט דורכן ליטעראַטור־פאָנד אין סאַן־פאַולאָ, בראַזיל, 1951)

74) **ד״ר א. מוקדוני** — אויסלאַנד

75) **זיגמונט טורקאָוו** — פראַגמענטן פון מיין לעבן

76) **יהושע פערלע** — יידן פון אַ גאַנץ יאָר
(פרעמירט מיט דער פרץ־פרעמיע פון יידישן פען־קלוב אין פוילן און ליטעראַטור־פרעמיע פון „בונד״ אין פוילן, וואַרשע 1937)

77) **יעקב לעשצינסקי** — ערב חורבן

78) **דניאל טשאַרני** — ווילנע

79) **ז. סעגאַלאָוויטש** — דער לעצטער לאָדזשער ראָמאַן

80) **יזכור־בוך** — בעלכאַטאָוו **(אויספאַרקויפט)**

81) **מ. י. שעליובסקי** — אויף אַ פולער יואָך

82—83) **יצחק פערלאָוו** — דער צוריקגעקומענער **(ראָמאַן)**

84) **יוסף אַקרוטני** — דאָס בוך פון די עלנטע

85־86) **מרדכי שטריגלער** — גורלות

87) **ד״ר יוסף טענענבוים** — גאַליציע — מיין אַלטע היים

88) **זלמן שזר** — שטערן פאַרטאָג **(זכרונות)**

89) **משה דוד גיסער** — דאָס געזאַנג פון אַ לעבן **(אויספאַרקויפט)**

90) **ז. י. אנכי** — ר׳ אבא און אַנדערע כתבים

91־92) **עמנואל רינגעלבלום** — קאַפּיטלען געשיכטע

93) **שמעון האָראָנטשיק** — אין גערויש פון מאַשינען **(ראָמאַן)**

94) **גרשם באַדער** — מיינע זכרונות **(קראָקע)**

95—96) **יאָנאַס טורקאָוו** — פאַרלאָשענע שטערן **(זכרונות)**
(פרעמירט דורכן צבי קעסעל ליטעראַטור־פאָנד, מעקסיקע 1954).

97—98) **אַלטער קאַציזנע** — שטאַרקע און שוואַכע **(ראָמאַן)**

99) **פועה ראַקאָווסקי** — זכרונות פון אַ יידישער רעוואָלוציאָנערין

100) **מאַרק טורקאָוו** — די לעצטע פון אַ גרויסן דור

101) **י. הירשהויט** — יידישע נאָפּט־מאַגנאַטן

102) **משה זאַנשיין** — יידיש וואַרשע

103) **פּ. מינץ** (אַלעקסאַנדער) — די געשיכטע פון אַ פאַלשער אילוזיע

104) — **י. י. טרונק** — די וועלט איז פול מיט נסים **(ראָמאַן)**

105־106־107) — **מיכאל באָרוויטש** — אַרישע פּאַפּירן

108־109) **מרדכי שטריגלער** — געאָרעמט מיטן ווינט **(ראָמאַן)**

110־111) **ד״ר א. מוקדוני** — וואַרשע און לאָדזש.

עס דרוקט זיך און דערשיינט בקרוב:

112) **ברוך האַגער** — מלכות חסידות

113) **ב. שעפנער** — נאָוואָליפּיע 7 **(זכרונות)**

עס גרייט זיך צום דרוק:

מאַקס ווײַנרײַך — פון ביידע זייטן פּלויט **(וועגן אורי קאָוונער)**

פּנחס שטיינוואַקס — יידן צום געדענקען

ש. בערלינסקי — ירושה

דאָס פּוילישע ידנטום

★

ד״ר א. מוקדוני שרייבט וועגן די ביכער „פאַרלאָשענע שטערן״ פון יאָנאַס טורקאָוו אין זיין אַרטיקל א. ג.: „דער מאָרד פון ייִדישן טעאַטער אין פוילן״ („קולטור און דערציאונג״, ניו־יאָרק, אָקטאָבער 1954):

די השגחה האָט עס אַפּנים באַוואָרנט; זי האָט געראַטעוועט פון זיכערן מאָרד די ברידער טורקאָוו, כדי זיי זאָלן קע־

נען דערציילן דער וועלט וועגן נאָך אַ גרויליקן מאָרד היטלערס — וועגן דעם מאָרד פון דעם לעבעדיקסטן און פאַר־צווייגסטן יידישן טעאַטער אין פוילן.

אין פוילן איז אויפגעקומען צווישן די צוויי וועלט־מלחמות דער לעבעדיקס־טער יידישער טעאַטער.

נייע, יונגע שפּילערס אויף דער סצע־נע און אַ נייער, יונגער עולם, טעאַטער־באַזוכערס אין זאַל.

צוויי אורזאַכן, איינע אַ פּאָזיטיווע און די אַנדערע אַ נעגאַטיווע, האָבן גורם געווען דעם אויפקום פון דעם לעבע־דיקסטן יידישן טעאַטער אין פוילן.

אורזאַך איינס:

דאָס פּוילישע יידנטום האָט שפּעטער דורכגעמאַכט דעם וועג פון דער רעלי־גיעזע קולטור צו דער יידיש־וועלטלע־כער קולטור.

עס האָט עס דורכגעמאַכט מיט אַ דור, אַדער צוויי שפּעטער פון דעם ליטווישן, אוקראַאינישן און רוסישן יידנטום.

איז דער יידישער טעאַטער, פאַר זיין גרויליקן טויט דורך היטלערס פּראָפּע־סיאָנעלע מערדער, געווען יונג און פול מיט שאַפונג־פרייד.

אורזאַך נומער צוויי:

דער סם־המותדיקער פּוילישער אַנטי־סעמיטיזם, וואָס עסט אויף זיך אַליין צו־זאַמען מיט די פּוילישע יידן, איז ווי אַ

ביזער כלב געשטאַנען ביי די טירן פון פוילישן טעאַטער און נישט צוגעלאָזן קיין יידן אין פוילישן טעאַטער.

די אַסימילירטע און האַלב־אַסימילירטע יידישע יוגנט, וואָס האָט געחלומט וועגן אַ טעאַטער־קאַריערע, האָט קיין אַנדער ברירה, ווי צו גיין אין יידישן טעאַטער נישט געהאַט.

איז אַפילו פאַר מיר, וואָס האַלט אַן אויג אויפן יידישן טעאַטער אין גאָר דער וועלט, געווען אַן איבעראַשונג יאָנאַס טורקאָווס צוויי ביכער, וואָס דערציילן מיט גרויס צער וועגן דעם ממש לעגענדאַרן וווקס פון יידישן טעאַטער אין פוילן צווישן די צוויי וועלט־מלחמות.

די פראָווינץ איז געווען פאַרקאָכט אין טעאַטער, טעאַטער איז פאַר איר געווען ניי, און טעאַטער איז פאַר איר געווען דאָס נייע אָרט, וווּ מען קען זיך ווײַלן און מען קען פאַרגעסן אַ פאָר שעה דעם סם־המותדיקן פוילישן אַנטיסעמיטיזם, וואָס רייסט אַרויס דאָס שטיקל ברויט פון יידישע מײַלער דורך באָיקאָט און וואָס פאַרהאַקט און פאַרריגלט אַלע טירן צו אַלע פראָפעסיעס.

די פראָווינץ פלעגט אויפנעמען די רייזנדיקע טעאַטערס מיט ענטוזיאַזם און מיטן ברען פון נעאָפיטן.

אָבער זי האָט זיך נישט פאַרלאָזן אין גאַנצן אויף די טעאַטער־געסט, וואָס קומען אויף אַ ווייל.

די פראָווינץ האָט געהאַט הונדערטער און הונדערטער דראַמאַטישע קרייזלעך.

יעדע שטאָט און איטלעכס שטעטל האָט געהאַט אַ דראַמאַטישן קרייז.

יונגע מענער און יונגע פרויען, מיט טעאַטער־בילדונג און מיט טאַלאַנט, האָבן זיך געריסן צום יידישן טעאַטער.

דער יידישער טעאַטער האָט באַקומען גאָר אַן אַנדער אויסזען:

ער האָט באַקומען אַ גרויסן צופלוס פון יונג בלוט און פון יונגע, טעאַטראַל־שעפערישע עלעמענטן.

אַפילו די אַלטע שפילערס, וועלכע איך האָב געקענט נאָך פון מיינע יאָרן אין וואַרשע, זענען עפּעס באַנייט און אָפגעפרישט געוואָרן.

אַזוי, למשל, איז א. סאַמבערג, וועלכן איך געדענק נאָך פון מיינע יאָרן אין וואַרשע, געוואָרן אַ מאָדערנער שפילער אין אַ מאָדערנעם רעפערטואַר.

די צוויי ברידער זיגמונד און יאָנאַס טורקאָוו, דער מחבר פון די צוויי ביכער, וועגן וועלכן עס רעדט זיך דאָ, זענען נייע טעאַטער־מענטשן.

זיי קומען גאָר פון אַן אַנדער סאָציאַלן שיכט; זיי האָבן באַקומען אַ גוטע בילדונג בכלל און בפרט אַ טעאַטער־בילדונג.

דעם יידישן טעאַטער האָבן שטענדיק געפעלט יונגע פרויען־שפילערינס.

און צווישן די צוויי וועלט־מלחמות האָבן זיך באַוויזן אָט די דאָזיקע פרויען אין אַ גאָר גרויסער צאָל.

דער פוילישער טעאַטער איז געווען פאַר אַ סך פון זיי, וואָס האָבן זיך געלערנט אין פוילישע דראַמאַטישע שולן, פאַרהאַקט און פאַרריגלט, זענען זיי געקומען צום יידישן טעאַטער און אַריינגעבראַכט אין אים דעם נייטיקסטן מענטשן־עלעמענט.

אין אָרעמקייט, אַרומגערינגלט מיט סם־המותדיקער פוילישער שנאה, האָט דער יידישער טעאַטער, דער פאַרוואַרלאָזסטער יידישער טעאַטער, אויפגעבליט און זיך צעוואָקסן אי קוואַליטאַטיוו און אי קוואַנטיטאַטיוו.

אָבער דאָ איז געקומען דער גרעסטער מערדער אין אונדזער געשיכטע — דער דייטש ימ״ש, און האָט אויסגעמאָרדעט דעם טעאַטער צוזאַמען מיט זיין עולם און מיט זיינע קינסטלערס.

נישטאָ מער קיין פויליש יידנטום.

עס זענען געבליבן דאָרט עטלעכע יידישע רויטע „מאַשקעס״, וואָס גרילצן און טאַנצן אַ שדים־טאַנץ אויף דעם פיל־מיליאָניקן קבר פון פוילישן יידנ־טום.

די הויפּט־שותפים היטלערס צום גרעסטן און גרויליקסטן מאָרד זענען געוועז די פּאָליאַקן.

דאָס איז אַ פּאָלק, וואָס האָט איין טאַלאַנט — שנאה.

און פיינט האָט עס אַלעמען, אָבער שטאַרקער פון אַלעמען האָט עס פיינט זיך אַליין.

עס קען נישט זיין קיין אומאָפּהענגיק פּאָלק.

אַ סך מאָל געפּרוווט, אַ סך מאָל גע־האָט די בעסטע געלעגנהייטן, אָבער אויס שנאה צו זיך אַליין פאַלן כסדר אַרויס די לייצעס פון זיין אייגענער רע־גירונג פון זיינע הענט...

עס איז זיך כסדר עפּעס נוקם אין זיך אַליין...

***

יאָנאַס טורקאָוו דערציילט אונדז וועגן דעם אומגעבראַכטן יידישן טעאַטער אין פוילן דורך אַ סעריע פּאָרטרעטן פון לערך 100 טעאַטער־מענטשן.

ווי אַן אינעווייניקסטער מענטש, אַליין אַ שוישפּילער און דער דירעקטאָר פון אַ טעאַטער צווישן די ביידע וועלט־מלחמות, קען ער גוט די פויליש־יידישע טעאַטער־מענטשן.

זיינע פּאָרטרעטן זענען דאָ און דאָרט אַ ביסעלע סענטימענטאַל, אָבער דאָס איז באַטירלעך פאַר יעדן ווען ער קומט אויף אַ בית־עלמין אויף קבר־אבות.

אָבער דורך דעם דין הייטל פון סענ־טימענטאַליטעט זעט איר קלאָר יעדן אַקטיאָר, זיינע פעיקייטן און זיינע פּגי־מות.

דאָ און דאָרט באַנוצט ער זיך מיט אַ ביסל הומאָר, מיט טיפּישן אַקטיאָרישן הומאָר, ביים כאַראַקטעריזירן דעם אָדער יענעם שפּילער, אָדער שפּילערין, און דער פּאָרטרעט באַקומט לעבן.

ער האָט נישט געמאַכט קיין אָפּקלייב פון דער גרויסער מאַסע; דאָ האָט איר פאַרשידענע טעאַטער־מענטשן, דאָ האָט איר אַפילו מענטשן, וואָס האָבן נישט קיין דירעקטע שייכות צום טעאַטער גופא.

דורך די 100 פּאָרטרעטן זעט איר דעם אויפגעלעבטן יידישן טעאַטער אין פוילן צווישן די צוויי וועלט־מלחמות.

דאָ שטייט פאַר אייך נישט קיין שופט און אַפילו נישט קיין אָפּשאַצער; איר האָט דאָ פאַר זיך אַ גוטן קאָלעגע, וואָס דער טעאַטער איז אים טייער און ממילא זענען אים טייער די טעאַטער־קינסט־לערס.

דאָ האָט איר פאַר זיך אַ חבר, וואָס אַנטשולדיקט זיך פאַר זיינע הונדערטער קאָלעגן, וואָס ער איז געבליבן לעבן.

ער פאַרזיכערט זיי, אַז ער האָט גאָר־נישט געטון, אַז ער האָט נישט געזוכט קיין באַזונדערע וועגן צו אַרויסראַטע־ווען זיך פון די דייטשישע מערדערס.

דער בלינדער שיקזאַל האָט אַזוי גע־וואָלט.

ער איז נישט שולדיק אין דעם וואָס דווקא ער און זיין פרוי, דיאַנאַ בלור־מענפעלד, זענען געבליבן לעבן.

„זייט מיר מוחל וואָס איך לעב״, זאָגט

ער צו אַלע זיינע טויטע קאָלעגן פון דעם יידישן טעאַטער אין פוילן".

„וואָס בין איך שולדיק וואָס די אונטערערדישע באַוועגונג האָט מיך אַרויסגעגנבעט פון לאַגער?" נישט פאַר זיינע שיינע אויגן, נאָר ווייל דאָס איז געווען נייטיק פאַר דער אונטערערדישער באַוועגונג.

און איר פילט אַז דאָס זענען ערלעכע און אויפריכטיקע ווערטער.

איר פילט עס אין יעדער שורה פון דעם צווייבענדיקן בוך זיינעם.

אויף אַזאַ בית־עלמין, ווו עס ליגט (סימבאָליש) די גאַנצע וועלט פון דעם מחבר, רעדט מען ערלעכע און אויפריכטיקע ווערטער.

אגב דאָס גאַנצע בוך אַליין זאָגט עדות: יאָ, עס איז אַן ערלעך בוך.

מיט דער גאַנצער סענטימענטאַליטעט, אַן וועלכער מען קען זיך נישט באַגיין אין אַזאַ פאַל, באַקומען מיר געטרייע בילדער פון די טעאַטער־מענטשן און אַ געטריי בילד פון דעם גאַנצן יידישן טעאַטער אין פוילן צווישן די צוויי וועלט־מלחמות.

מיר האָבן דאָ כמעט אַ לעקסיקאָן פון דעם יידישן טעאַטער אין פוילן.

עס איז נישט סתם אַ יזכור־בוך, אַ בוך פון הספדים. ניין, עס איז אַ האַנטבוך פאַר איטלעכן, וואָס אינטערעסירט זיך מיטן יידישן טעאַטער אין זיין היינט און אין זיין נעכטן.

איר זעט דעם אומגעקומענעם טעאַטער ביי זיין אַרבעט, ביי זיין שאַפן און ביי זיין אומקום.

דער עיקרשט — איר האָט אַ ביאָגראַפישע סקיצע פון יעדן שפּילער און פון זיין צושטייער צו דער יידישער טעאַטער־קונסט.

איר האָט דאָ אַפילו סתם קאַפּיטלען פון יידישן טעאַטער.

אַזוי, למשל, האָב איך זיך באַקענט מיט אַ יידישער טעאַטער־דינאַסטיע אין גאַליציע, מיט די גימפּעלס. איר האָט דאָ גאַנצע אַכט גימפּעלס.

אין די צוויי בענד איז אַריינגעלייגט אַ תהום מיט אַרבעטן. דאָס אַלץ קען מען נישט שרייבן פון זכרון, מען דאַרף נאָכזוכן דאַטעס, ידיעות ביאָגראַפישע און ידיעות וועגן די קינסטלערישע צושטייערס פון דער אומגעבראַכטער טעאַטער־וועלט.

נישט בלויז סענטימענט און טרערן האָט איר אין דעם צוויי־בענדיקן בוך, איר האָט דאָ אויך פאָרשונג אַ היפּש ביסל.

מיר האָבן דאָ צו טון, הייסט עס, מיט אַן ערנסט בוך.

און דאָס גופא איז דער בעסטער באַווייז פון דעם היכן ניוואָ פון דעם יידישן טעאַטער צווישן די צוויי וועלט־מלחמות:

אַ טעאַטער־מענטש אַליין שרייבט אַן ערנסט און וואָגיק בוך וועגן דעם דערמאָרדעטן יידישן טעאַטער אין פוילן.

דאָ האָבן מיר אַ שטיק יידישן חורבן.

און מען קען אַפנים נישט אויסשעפּן ביזן דנאָ דעם חורבן אונדזערן.

דער דייטשישער מאַשין־מענטש, עס איז שווער צו באַשטימען וואָס דער דייטש איז מער — מאַשין צי מענטש, האָט געטון זיין חורבן־אַרבעט מיט אַזאַ אומהיימלעכער גרינטלעכקייט, וואָס די מענטשהייט האָט ביז אַהער נישט געווּסט.

ווי קען זיך טשינגיס־כאַן און אַנדערע היסטאָרישע מאַסן־מערדערס פאַר־

גלייכן מיט היטלערן, הימלערן, דעם דײַטשישן סאָלדאַט און סתם מיטן דייטש.

**
*

יאָנאַס טורקאָוו איז סתם אַ געראָטענער מענטש; ער קען אַפילו גוט שרייבן.

דאָס בוך איז גוט געשריבן, עס איז דאָ פאַרב און מאָס, עס איז דאָ גוטע קאָמפּאָזיציע. דאָ און דאָרט איז דאָ אַפילו גוטע פּאָרטרעטן־מאָלעריי און גוטע פאַכמענישע אָפּשאַצונג פון דעם אָדער יענעם שפּילער אָדער שפּילערין.

עס קומען אַריין אין די צוויי ביכער אַ סך פרויען, יונגע, מיט טייערע, ליכטיקע, סצענישע פּנימער.

פרויען מיט אינטעליגענץ און מיט קינסטלערישן פייער אין די אויגן.

אַן אמתער טעאַטער האָט אַרום זיך מחנות קינסטלערס, ווי מאָלערס, מוזיקערס, טענצערס און סתם צוטשעפּענישן, וואָס לעבן מיט דער טעאַטער־לופט.

אָן זיי פעלט עפּעס אין טעאַטער —

עס פעלט די קינסטלערישע עקסטראַוואַגאַנץ, עס פעלט די זאָרגלאָזע באָהעמישקייט און סתם די אַנדערשקייט.

און דער נייער טעאַטער אין פּוילן האָט זיי געהאַט אַרום זיך.

איך געדענק די פּוסטקייט אַרום דעם יידישן טעאַטער פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה.

דער אַקטיאָר, אַ מענטש פון פאָלק, האָט זיך ממש געשראָקן פאַר שרייבערס און סתם פאַר קינסטלערס.

אָט ווי אַ קינד שרעקט זיך פאַר פרעמדע מענטשן.

פאַרבייגייענדיק האָט איר דאָ אויך דעם רעפּערטואַר פון דעם אומגעבראַכטן טעאַטער.

ער איז אין גאַנצן אַ נייער.

און פירט מען אויף אַן אַלט שטיק פון אברהם גאָלדפאַדען, למשל, איז די אויפפירונג אין גאַנצן אַ מאָדערנע און דורך דער נייער, מאָדערנער אויפפירונג ווערט דאָס שטיק ניי.

דאָס שטרוי, דאָס באַנאַלע און דאָס אָפּגעדראָשענע פאַלט אָפּ עפּעס פון זיך אַליין.

דער טעאַטער האָט באַקומען אַ מחנה יונגע רעזשיסאָרן און אַ מחנה סצענישע מאָלערס.

פאַרן יונגן עולם, פאַר די נעכטיקע בית־המדרשניקעס, איז אַלץ ניי, פּיקאַנט און פאַרכאַפּנדיק.

און זיי פאַלן צו צום טעאַטער מיט יענעם ריינעם, יונגן ענטוזיאַזם, וואָס איז אַ סם־מרפּא פאַרן טעאַטער.

נישטאָ קיין בעסערער עולם פאַר אַ טעאַטער ווי אַ יונגער, ענטוזיאַסטישער עולם, וואָס שלינגט, זיצנדיק אין זאַל, איטלעכס וואָרט פון די שפּילערס און יעדן פאַרבן־פלעק פון די דעקאָראַציעס.

אַלץ איז ניי פאַר אַזאַ עולם, אַלץ איז פאַרכאַפּנדיק פאַר אים.

ער פאַרגעסט אין גאַנצן די טרויעריקעווירקלעכקייט אין גאַס און אין דער היים.

און נייע שוישפּילערס און אַ נייער, יונגער טעאַטער־עולם דאַרפן האָבן אַ נייעם רעפּערטואַר.

אָט האָט איר דעם רעפּערטואַר, וואָס דער מחבר יאָנאַס טורקאָוו, האָט געשפּילט אין דעם ערשטן געזעלשאַפטלעכן טעאַטער, וואָס איז אָרגאַניזירט געוואָרן אין קראָקע.

„דוכוס" — אַלטער קאַציזנע, „פּריזיוו" — מענדעלע מוכר־ספרים, „היינקעמאַן" — ערנסט טאָלער, „טוביה דער מילכיקער" — שלום עליכם, „ליכט און

שאָטן" — בנימין רעסלער, „מאַשקעלע חזיר" — י. ד. בערקאָוויטש, „ריכטער" — וויספּיאַנסקי, „דניאל" — פון דעם זעלביקן וויספּיאַנסקי (פּוילישער דראַמאַטורג), „פון פּרימאָרגן ביז חצות" — געאָרג קייזער, „מאַטקע גנב" — שלום אַש, „אוצר" — דוד פּינסקי און „וואָלפּאָנע" — בען דזשאָנסאָן.

מען האָט אַפילו אויסגעפּועלט ביים שטאָטראַט, אַז ער זאָל געבן אַ סובסידיע דעם יידישן געזעלשאַפטלעכן טעאַטער.

און דאָס האָט פּאַסירט אין דעם סםהמותדיקן אַנטיסעמיטישן פּוילן אין דער שטאָט קראָקע.

דער אויפטוער איז געווען אַ טייערער ייד, וואָס האָט געהייסן אברהם זיינפעלד. נישט קיין טעאַטער־מענטש, נאָר אַ נייער יידיש־פּוילישער וועלטלעכער ייד.

אין חושך פון דעם ביטערסטן אַנטיסעמיטיזם, פון דעם באַיקאָט־אַנטיסעמיטיזם, פון דעם אַנטיסעמיטיזם, וואָס האָט פּאַראָרעמט און אויסגעהונגערט די יידישע מאַסן, האָט עס פּאַסירט.

וואָס שטאַרקער דער באַיקאָט איז געוואָרן, אַלץ מער האָבן יידן זיך געשטאַרקט קולטורעל, גייסטיק.

ביז עס איז געקומען דער וואַלדגזלן, דער דייטש, און האָט מיט דער הילף פון די פּאַליאַקן געמאַכט אַ סוף פון דעם לעבעדיקסטן יידישן ישוב אין פּוילן.

עס איז געווען אַ ישוב וואָס האָט אַלץ געטון מיט ברען — איז ער געווען רעליגיעז, האָט געברענט ממש מיט רעליגיעזן עקסטאַז.

און ווען ער איז געוואָרן וועלטלעך האָט ער דעם זעלביקן ברען זיינעם **אַריבערגעטראָגן אין דער וועלטלעכער קולטור.**

ער איז אויף אַ רגע נישט געווען אַפּאַטיש.

איין מאָל אַ חסיד איז ער אַלע מאָל און אומעטום געווען אַ חסיד.

דאָ האָט איר אויך געזעלשאַפטלעכע טוערס, וואָס האָבן געהאַט אַ גאָר באַזונדערן אינטערעס פאַרן יידישן טעאַטער.

היות ווי דער נייער שפּילער אין טעאַטער קומט פון אַ גוטער היים, האָט איר דאָ אָפּט מחיהדיקע בילדער און אינפאָרמאַציע וועגן אַ סך יידישע היימען, פון וועלכע די שפּילערס זענען געקומען.

אגב אורחא דערוויסן מיר זיך וועגן דער היים פון בעלאַ בעלערינאַ.

בעלאַ בעלערינאַ קומט פון אַ היים מיט אַ שיינעם און קלוגן פאָטער.

קונסט און קינסטלערס זענען נישט געווען פרעמד אין איר היים, איר ברודער איז געווען אַ באַקאַנטער סקולפּטאָר אין וואַרשע.

בעלאַ בעלערינאַ איז איינס פון די 12 קינדער אין איר אַמאָליקער היים.

און קינדער אַלע געראָטענע, די מיידלעך ווי די יינגלעך. יעדער האָט געלערנט, שטודירט און געטון עפּעס וואָגיקס.

יאַנאָס טורקאָוו גיט אונדז דעם גאַנצן צעטל פון בעלאַ בעלערינאַס ברידער און שוועסטער און זייערע ספּעציאַליטעטן.

איינע איז געווען אַ דאָקטער פון כעמיע און ביאָלאָגיע, איינע אַ חלוצה, וואָס איז אַוועק קיין ישראל, איינע האָט שטודירט פילאָלאָגיע.

זי איז אַוועק צו אירן אַ קוזין, אַ דאָקטער אין קאַירא (עגיפּטן), האָט זיך

גרינדלעך אויסגעלערנט אַראַביש און זי האָט צוזאַמענגעשטעלט אַן אַראַביש־פּויליש ווערטערבוך.

דאָ האָט איר אַ בילד פון אַ חסידישער פאַמיליע, וואָס האָט קינסטלערס, פילאָלאָגן, ביאָלאָגן און סתם פאַרליבטע אין קונסט און אין לערנען.

און דער פאָטער מיט דער שיינער באָרד קיניגט אין הויז.

עס איז געווען קולטור אַרום דעם טעאַטער און קולטור אין טעאַטער.

דער דייטשישער מערדער האָט אָבער דווקא געצילעוועט אין דער יידישער קולטור און אירע שאַפערס.

מען האָט אים געלערנט, אַז אַ פאָלק אָן קולטור איז אַ גייסטיקער בעל־מום.

כאָטש ער אַליין האָט דווקא אַ מעכאַנישע קולטור, אַ קולטור אָן אַ גאָט אין האַרצן, און די דאָזיקע קולטור האָט פון אים געמאַכט אַ מערדער, אַ גנב, אַ רויבער און פרויען־שענדער.

נאָר זוכט נישט סתם ביי פאַרברעכערס קיין לאָגיק, זוכט נישט ביי אויסוורפן מענטשלעך דענקען.

זייער קולטור האָט זיי פאַרגולמט, און וואָס מען באַפעלט זיי טוען זיי ווי אויטאָמאַטן.

זיי דאַרפן נאָר האָבן אַ באַפעלער, אָן אים טוען זיי גאָרנישט.

**
*

יעדע ביאָגראַפיע פון יעדן יידן אין פוילן ענדיקט זיך טראַגיש — מיטן בעסטיאַלישן טויט דורך די דייטשישע בעסטיעס.

אָבער עס זענען דאָ מענטשן, וואָס זייער טויט איז עפּעס טראַגישער, ווייל אַ חוץ דעם נישט ־ פאַרדינטן טויט, אָדער בעסטיאַלישן מאָרד, גיט צו די פערזענלעכקייט פון דעם דערמאָרדעטן אַ גאָר באַזונדערן טראַגיזם.

יאָנאַס טורקאָוו האָט אַ גאַנצע ריי פון פאָרטרעטן פון מענטשן, וואָס זייער טויט איז גאָר באַזונדער טראַגיש.

געווען אַ מאָלער אין גאַליציע, פריץ קליינמאַן, האָט ער געהייסן, ער האָט געמאָלט דעם לעמבערגער פייזאַזש; ער האָט ליב געהאַט לעמבערג און ער האָט געזען בעסער ווי אַנדערע די שיינקייט פון לעמבערגער פייזאַזש.

ער איז אויך געווען אַ שאַרפער קאַריקאַטוריסט און אַן אָריגינעלער ביז גאָר טעאַטער־מאָלער.

אין יאָנאַס טורקאָווס בוך זענען דאָ עטלעכע טעאַטער־מאָלערייען פון פריץ קליינמאַן, עטלעכע דעקאָראַציעס. זענען זיי אין גאַנצן ניי, אָריגינעל און דער עיקרשט טיף־יידיש. דאָס זענען דעקאָראַציעס צו אַ נייער אויפפירונג פון „שולמית”, „בר־כוכבא” און צו „בראָדער זינגערס”.

יאָ, ער איז געווען אַ גרויסער קינסטלער.

אויף אים האָט געזאָגט זיינער אַ חבר, אויך אַ באַרימטער מאָלער, זיגמונט מענקעס, אַז מיט זיין טויט איז אויך געשטאָרבן דער לעמבערגער פייזאַזש.

אָבער וואָס ווייסט אַ בעסטיע פון אַזעלכע זאַכן, אַ דייטשישע בעסטיע איז אפשר געווען שטאָלץ, — ער האָט דערמאָרדעט אַ גרויסן יידן.

איין מאָל האָט אַ פרוי פון אַ געשטאַפּאָ ־ מאַן זיך פאַרקוקט אויף אים, בשעת אַ „סעלעקציע”, איז זי צוגעגאַנגען צו אים און האָט געפרעגט וועגן זיין באַרוף. דערוויסנדיק זיך, אַז ער איז אַ מאָלער, האָט זי אים געפרעגט — צי ער מאָלט אויך פּאָרטרעטן?

— יאָ, ער מאָלט פּאָרטרעטן.

האָט זי אים אַרויסגענומען פון דער ריי, גענומען אים צו זיך אַהיים; דריי טעג האָט ער געמאָלן פּאָרטרעטן פון איר, דערנאָך האָט זי אים אַרויסגעלאָזן פריי.

דער טויט, אָדער מאָרד, איז סיי־ווי געקומען מיט אַ קורצער צייט שפּעטער.

ביי דער געשטאַפּאָ־דאַמע הענגען נאָך, מסתמא, עד־היום די פּאָרטרעטן פון דעם יידישן מאָלער.

זי האָט געהאַנדלט אַ מציאה...

נאָך טראַגישער איז דער מאָרד פון ד״ר לייב לאַנדוי.

יאַנאַס טורקאָוו דערציילט וועגן דעם מענטשן און זיין טויט מיט טיפן צער און ווייטיק.

ד״ר לייב לאַנדוי איז געווען איינער פון די באַרימטסטע יידישע אַדוואָקאַטן אין פוילן.

אַ גרויסער רעדנער און אַ גרויסער יוריסט האָט ער אַרויסגעראַטעוועט פון אַ זיכערן טויט־אורטייל דעם סטודענט סטאַניסלאַוו שטייגער, אויף וועלכן די פּאָליאַקן האָבן אויסגעטראַכט אַ בילבול, אַז ער האָט געמאַכט אַן אַטענטאַט אויף דעם פּוילישן מלוכה־פּרעזידענט סט. וואָיטשעכאָווסקי.

דאָס אַנטיסעמיטישע פּוילישע פּאָלק מיט זיינע פירערס האָבן דערוואַרט אַ טויט־אורטייל, זיי האָבן דעם ייד שטייגער שוין לאַנג פאַראורטיילט צום טויט.

איז געקומען ד״ר לייב לאַנדוי און האָט אים ממש אַרויסגעראטעוועט פון די נעגל פון דער פּוילישער גערעכטיקייט.

ער האָט באַוויזן, אַז די גאַנצע מעשה איז אַ בילבול, אַז עס איז לא היה ולא נברא.

נאָך באַרימטער איז ער געוואָרן אין פּוילן ביי אַ צווייטן יידישן פּראָצעס, דעם באַוווסטן פּשיטיקער פּראָצעס.

ער האָט פאַרטיידיקט פיל אוקראַינער, ווען די פּאָליאַקן האָבן געזוכט זיך צו נוקם זיין אין זיי דערפאַר, וואָס זיי לעבן אויף „זייער" פּוילישער ערד...

ווען די דייטשישע מערדערס האָבן זיך גענומען צו די יידן אין גאַליציע האָט זיך ד״ר לאַנדוי באַהאַלטן ביי אַן אוקראַינישן פּויער.

און דער פּויער האָט באַלוינט דעם גרויסן אַדוואָקאַט פאַר זיין פאַרטיידיקונג פון די אוקראַינער —

ער האָט אים איבערגעגעבן צו די דייטשישע מערדערס...

די דייטשישע בעסטיעס האָבן לכבוד אים געמאַכט אַ פּאַראַדנעם מאָרד; זיי האָבן אים איינגעוויקלט אין אַ רויטער פאָן (ער איז געווען אַ בונדיסט), אים אַרויסגעפירט אויפן מאַרק פון דער געטאָ און אונטער דער מוזיק פון דער יידישער פּאָליציי און מערדערישע קלעפּ האָבן די דייטשישע בעסטיעס אים געצוווּנגען צו טאַנצן.

דאָס איז, אגב, איינע פון די ווערסיעס וועגן דעם טויט פון דעם וווּנדערלעכן ייד, ד״ר לייב לאַנדוי.

ווי קענען אַזעלכע מערדערס לעבן אונטער גאָטס הימלען? אָבער זיי לעבן און מען חברט זיך שוין מיט זיי.

און אַ צאַבּרע פון ישראל אַפילו דערציילט פאַר דער גאַנצער וועלט, אַז אים איז אויסגעקומען צו אַרבעטן אין איטאַליע צוזאַמען מיט אַ געוועזענעם דייטשישן סאָלדאַט. האָט אים דער דאָזיקער סאָלדאַט דערציילט וועגן גרויליקע מאָרדן פון יידן, וועלכע ער האָט צוגעזען און אַליין אַנטייל גענומען אין זיי.

און מערקווירדיק, שרייבט דער בראַ־וער צאַברע, איך האָב צו אים קיין שום שנאה נישט געפילט...

ביי מיר איז גאָר קיין ספק נישט, אַז דער דאָזיקער צאַברע איז אַ גייסטיקער בעל־מום, נעבעך...

ער קאָן זיך אַפילו נישט שעמען, ער שטעלט אַרויס זיין מום „נאַ פּאַקאַז"...

אַלע פיזישע מומים קען מען באַהאַל־טן, אויסער די גייסטיקע מומים...

אַ פיזישן מום קען מען פאַרדעקן מיט שכל, מיט פאַרשטאַנד, דער גייסטיקער בעל־מום פאַרלירט ראשית־כל זיין שכל, זיין פאַרשטאַנד.

און אָן פאַרשטאַנד טוט ער זיך אויס נאַקעט בפני כל עם ועדה...

**
*

יאַנאַס טורקאָוו האָט אָוועקגעשטעלט אַ ווירדיקע מצבה דעם יידישן טעאַטער אין פוילן.

דער דאָזיקער נייער טעאַטער פאַר־דינט אַזאַ מצבה.

אויסער אַ מצבה האָט דער יידישער טעאַטער אין פוילן אין די פערזאָנען פון די טורקאָווס גאָר גוטע קדישים.

דער נייער יידישער טעאַטער אין פוילן איז געווען זייער וועלט.

זייער וועלט איז אויסגעמאָרדעט גע־וואָרן, זייער וועלט איז טויט.

זאָגן זיי פרום און מיט גרויסער כוונה קדיש...

**
*

דאָס בוך ענדיקט זיך מיט אַ שמועס פון מחבר, יאָנאַס טורקאָוו, מיט זיינע אומגעבראַכטע שוועסטערלעך, רחלע און שרהלע.

יאָנאַס טורקאָוו הייבט אָן זיין בוך מיט אַ שולד־געפיל, וואָס ער דווקא איז געבליבן לעבן, און ענדיקט מיטן שולד־געפיל זיין בוך, שמועסנדיק דערהויפט מיט זיין שוועסטער רחלע.

ער פאַרזיכערט זיינע צוויי אומגעקו־מענע שוועסטערלעך, אַז ער איז לעבן געבליבן, כדי צו דערציילן און דערציילן דער וועלט, צי זי וויל הערן צי נישט, וועגן דעם גרויסן פאַרברעכן וואָס איז באַגאַנגען געוואָרן קעגן יידישן פאָלק.

איז עס סענטימענטאַל, וואָס איז, ווי עס זעט אויס, צו זיין אַ כאַראַקטער־שטריך פון מחבר, און עס איז אויך נאַ־איוו.

די וועלט, די שיינע וועלט, איז גע־רירט פון זינען, זי שטייט שוין פאַר אַ נייער מלחמה, וואָס די ביזאַהעריקע מלח־מות וועלן אויסזען ווי אַ קינדער־שפּיל אין פאַרגלייך מיט דער נייער מלחמה, וואָס גרייט זיך.

אָבער אונטער יאָנאַס טורקאָווס סענ־טימענטאַליטעט און נאַאיוויטעט איז באַ־האַלטן אַ שטאַרקער משפחה־געפיל און אַ געזונטע התחייבות צו דער וועלט, אין וועלכער ער האָט געלעבט און גע־שאַפן.

מ. קויפמאַן שרייבט וועגן דעם בוך „די געשיכטע פון אַ פאַלשער אילו־זיע“ פון פּ. מינץ אין אַן אָפּהאַנדלונג א״נ „אַ נייער אַקאָרד אין דער טרויער־סימפאָניע נאָכן פּוילישן ייִדנטום“ („אונדזער געדאַנק“, בוענאָס־איירעס, 30סטער דעצעמבער 1954):

— א —

פּ. מינצס „די געשיכטע פון אַ פאַלשער אילוזיע“ — דער הונדערט דריטער פון דער ביכער־סעריע „דאָס פּוילישע ייִדנטום“, איז אייגנטלעך אַ פאַרוואָרלאָזטער אַקאָרד אין דער גרויסער טרויער־סימפאָניע, וואָס איז אַזוי רייך און אַלזייטיק אין איר עשירות פון קלאַנגען, נאָכקלאַנגען און ניואַנסן, איבער דער גלאָריע פון ייִדנטום אין מדינת פּוילן.

פּ. מינץ (אַלעקסאַנדער), דער מח־בר פון דאָזיקן בוך האָט עס, ווי ער זאָגט אין זיין פאָרוואָרט, אָנגעשריבן צוליב צוויי סיבות: „אַ טיפע אינער־לעכע באַדערפעניש צו דערמאָנען די אַלע אַמאָליקע פירער און טוער פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין פּוילן, וואָס האָבן זייער גאַנץ לעבן, זייערע בעסטע כוחות און פעיִקייטן דריסט און מוטיק געשטעלט צום דינסט פון אַן אידעאַל, צו וועלכן זיי זענען געווען צוגעבונדן פון דער פריסטער יוגנט אָן און שפּעטער גע־פאַלן קרבנות פון זייערע אייגענע פאַלשע אילוזיעס און אָפּגענאַרטע האָפענונגען“.

און די צווייטע סיבה: — „מיט מיינע זכרונות וויל איך בייטראָגן, זאָל זיין אַפילו אין אַ גאָר באַשיי־דענער מאָס, צו דער דערקענטע־ניש פון דעם פענאָמען פון אונדזער צייט, וואָס הייסט וועלט־קאָמוניזם און וואָס האָט נאָך ווייט נישט פאַר־ענדיקט זיין פאַטאַלע ראָל פאַר דעם גורל פון דער גאַנצער מענטשהייט“.

די דאָזיקע צוויי סיבות, וואָס זע־נען אייגנטלעך איין און די זעלבע דערהויבענע היסטאָרישע סיבה, און זענען זיך כולל קעגנזייטיק, האָבן באַאומרויִקט דעם רעוואָלוציאָנערן געוויסן פון מחבר, וועלכער איז פּאַקטיש איינער פון די, וואָס האָבן זיך מקריב געווען פאַר דער דאָזי־קער פאַלשער אילוזיע און „ווייל — זאָגט דער מחבר — אין די דרייסי־קער יאָרן האָב איך זיך צופעליק נישט געפונען אויף דער טעריטאָריע פון ראַטנפאַרבאַנד... ווען זיי וואָלטן זיך געפונען אין די זעלביקע פרייע באַדינגונגען וואָס איך, וואָלטן זיי

אַליין זיך געקאָנט פּאַרטיידיקן פון די שרעקלעכע באַשולדיקונגען, וואָס זענען אויף זיי געוואָרפן געוואָרן".

די דאָזיקע דעליקאַטע מיסיע, וואָס פ. מינץ האָט גענומען אויף זיך, נישט שרייבנדיק קיין טרוקענע געשיכטע און אויך נישט קיין סוביעקטיווע זכרונות, האָבן אים פון אָנהויב אָן אַוועקגעשטעלט פאַר אַ שווערן פּראָבלעם פון פאָרם און סטיל: — קודם־כל, נישט־פּאַרליטעראַטעווען דעם אַזוי טראַגישערנסטן מאַטעריאַל; און אויך נישט אַריינפאַלן אין קיין סוביעקטיוון, פּאָלעמישן, היפּער־פּובליציסטישן, אָדער גאָר אַפּאָלאָגעטישן טאָן. און מען מוז זאָגן, אַז דעם מחבר איז געלונגען איבערצווינדן די אַלע שוועריקייטן, וואָס שטעלן זיך אין אַזעלכע פאַלן פאַר אים. מען פילט ערטערווייז אַן איינגעהאַלטענעם טאָן פון דאָזיקן מערקווירדיקן בוך, ווי אַ שטיל העשען פון אַ צעווייטיקטן האַרץ, וואָס דערציילט אַרויס מיט אַן איינגערויִקטן געוויסן אַ גרויסן און אומענדלעכן ווייטיק מיטן קאָפּ אָנגעשפּאַרט אויף אַ ברודערלעכן אַקסל.

איבער די 356 זייטן טעקסט וויקלען זיך פאַר אונדז אויס פּאַנאָראַמעס און געשעענישן פון עפּישן קאַמף אין פּוילן, צווישן די ביידע וועלט־מלחמות. עס איז די געשיכטע פון אַ גרויסן און טראַגישן געראַנגל פון פּוילישן פּראָלעטאַריאַט און פון די אונטערדריקטע פעלקערשאַפטן אין דעם דאָזיקן קליינעם אָסטראָג פון פעלקער, וואָס עס האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט דאָס דאָזיקע ממשלת זדון פון אַזוי־גערופענעם מלכות־פּוילן.

פ. מינץ האָט זיין בוך געשריבן ווי אַן ערלעכער און געוויסנהאַפטער סאָציאַליסט; אַ קאַליידאָסקאָפּ פון באַקאַנטע פּערזענלעכקייטן; אַ קאָמפּליצירטע קייט געשעענישן, וואָס וויקלען זיך אויס אין מאָסקווע, וואַרשע, לאָדזש, דאַנציג, בערלין, און ער אַליין, דער מחבר: אַ קליין פּינטעלע אין דער דאָזיקער וועלט פון גרויסער העראָיִק און נישטיקער קליינלעכקייט.

— ב —

נאָך די מערהייט דערמאָנטע אין דאָזיקן בוך קומט נאָך ווי אַ טרויעריקע עפּיטאַפיע: אומגעקומען אין די באַקאַנטע רייניקונגען, אָדער זיך מער נישט אומגעקערט נאָך דער באַרימטער יעזשאָוו־אַקציע, נאָך די מאָסקווער מכשפה־פּראָצעסן. בלויז אין געציילטע פאַלן זענען די העלדן לעבן־געבליבן און פאַרנעמען נאָך אַפילו אַ געוויסן פּלאַץ אין היינטיקן פּוילן. דאָס זענען די וואָס האָבן חרטה געהאַט, זיך מודה געווען, גע־

האָלפן אומברענגען זייערע חברים, אָדער אויסגעביטן זייער רעוואָלוציאָנערן געוויסן אויף קליינגעלט פון אַ חיי־שעה, האַלטנדיק, ווי דער מחבר באַמערקט איראָניש, אַז אַ לעבעדיקער הונט איז וויכטיקער, ווי אַ טויטער לייב.

דאָס דאָזיקע מערקווירדיקע בוך איז אַן אוניקום אין דער הינזיכט, וואָס מען קאָן עס נישט אַוועקשטעלן אין איין ריי מיט די אַנטיסאָוועטישע ביכער, וואָס זענען מרעיש־עולם מיט זייערע רעוועלאַציעס און טראָגן אַ פּאָלעמישן כאַראַקטער. פּ. מינץ דערציילט פאַקטן און גיט איבער פּערזענלעכע זכרונות און דערפאַרונגען פון אַ גרויסער, אוניווערסאַלער באַפרייונגס־באַוועגונג, וואָס איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פינצטערער טיראַניע און פון אַ גרויסער אידייע וואָס האָט אַראָפּגענידערט צו דער שטופע פון טעמפּער אכזריות און פּרינציפּלאָזער גייסטיקער שקלאַפעריי. נאָכפאָלגנדיק די פאַקטן, זעען מיר אויך די סיבות פון דער גייסטיקער דעקאַדענץ אין די רייען פון פּוילישן קאָמוניזם און עס אַנטפּלעקן זיך אויך די סיבות און די דירעקטע שולדיקע, וואָס האָבן אין דעם אַפּאָגיי פון דער סטאַלינישער עפּאָכע פאַרמיסטיקט אַזאַ הערלעכן באַפרייאונגס־מאָמענט, ווי די רוסישע אָקטאָבער־רעוואָלוציע.

— ג —

אין דער ביכער־סעריע „דאָס פּוילישע ייִדנטום" האָט בפירוש ניט געטאָרט פעלן דער דאָזיקער ניואַנס פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, וואָס האָט פאַרנומען אַזאַ גרויסן פּלאַץ אינעם טראַגישן לעבן פון די פּוילישע ייִדן.

פאַראָרעמט, פּאַופּעריזירט, פּאָליטיש און נאַציאָנאַל פאַרפאָלגט פון דער שליאַכטיש - אַנטיסעמיטישער רעגירונגס־קליקע, האָבן ייִדישע מאַסן און די ייִדישע אינטעליגענץ געקוקט מיט בענקשאַפט צו די מזרח־גרענעצן און מאָסקווע איז געווען אַ מין רויטער ירושלים פאַר די, וואָס האָבן געחלומט דעם מאָדערנעם גאולה־חלום פון נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער אויסלייזונג. היינט, ווען דער ייִדישער אלף־בית איז פאַרבאָטן אין דאָזיקן אויסגעחלומטן לאַנד און די סאָוועטישע ענציקלאָפּעדיע באַנוצט זיך מיט פאַבעדאָנאָסצעווס לשון, געפינען זיך נאָך אַלץ עבודה זרהניקעס אין אונדזער קרייז, וואָס זינגען לויב־געזאַנגען די פאַרלענדער פון פעלקער און פאָדערן פון די ייִדישע מאַסן אַז זיי זאָלן פאַרהערלעכן זייערע בלוטיקסטע שונאים, אין נאָמען פון אַן אידייע, וואָס איז אַזוי געשענדעט און צעטראָטן געוואָרן דורך אירע אייגענע טרעגער.

עס שווימט אין זכרון לייוויקס אַ שורה פון דער גאולה־קאָמעדיע:

„דער אויסלייזער ליגט אין זיין ארון,
אַנגעטאָן אין פּאַראַדנע קליידער".

דער ציל פון אַזעלכע ביכער ווי פּ. מינצס איז נישט מרעיש עולם זיין מיט אַנטי סאָוויעטישע רעוועלאַציעס, ווייל עס איז שוין גאָרנישט פאַראַן דער פאַרבערגט, וואָס זאָל אונדז דערשיטערן, נאָך די אַלע שאַנד־טאַטן פון די יעזשאָווס און בעריאַס, — נאָר אַראָפּצורייסן די פּאַראַדנע־רעוואָלוציאָנערע קליידער פון דאָזיקן גייסטיקן בר־מינן, וואָס פּרעטענדירט נאָך אויף דער ראָל פון אויסלייזער און די וועלט זאָל דערזען די קעלבערנע אשמדאי־פּיסלעך פון גייסטיקן פּגר, וואָס ליגט אין פּאַראַדנעם ארון.

עס איז גאַנץ באַזונדערס אַ געוויסנס־פראַגע אין אונדזער יידישער וועלט, ווייל קיינעם האָט דער מולך פון די מכשפה־פּראָצעסן אַזוי נישט וויי־געטון, ווי אונדז יידן. און זעלטן ווען ענדיקט זיך אַ גרויסער נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער חלום מיט אַזאַ שוידערלעכער „קאָמעדיאַ פּיטאַ" ווי דער ראָמאַנס פון אָרעמע יידישע מאַסן מיטן רויטן קרעמל.

אַזאַ בוך ווי פּ. מינץ האָט מוסיף געווען אין דער סעריע „דאָס פּוילישע יידנטום", דעמאַסקירט די שבתי־צביניקעס, וואָס פראַווען נאָך מיטן יידישן אלף־בית שדים־טענץ צו דער סאָוויעטישער עבודה־זרה.

וועגן אַלע ענינים, וואָס האָבן אַ שייכות מיט דער ביכער־סעריע „דאָס פּוילישע יידנטום" זיך ווענדן:

UNION ISRAELITA POLACA

Pueyrredón 667 **Buenos Aires**

COLECCION
"EL JUDAISMO POLACO"
DIRECTOR:
MARC TURKOW
DIRECCION ADMINISTRATIVA:
ABRAHAM MITELBERG
Volumen 110

IMPRESO EN LA ARGENTINA — PRINTED IN ARGENTINA
Hecho el Depósito que marca la Ley

COPYRIGHT BY
Dr. A. MUKDONI, New York

ESTE LIBRO SE TERMINO DE IMPRIMIR EL DIA 25 DE MARZO DE 1955 EN LOS TALLERES GRAFICOS "ZLOTOPIORO HERMANOS", CALLE GASCON Nº 1231, BUENOS AIRES, REPUBLICA ARGENTINA.

Dr. A. MUKDONI

EN VARSOVIA Y EN LODZ

TOMO I

★

Editado por
UNION CENTRAL ISRAELITA POLACA EN LA ARGENTINA

BUENOS AIRES — 1955